STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02075

YUGNT-PSIKHOLOGYE UN SOTSYALISTISHE DERTSYUNG

Moses Kligsberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה קליגסבערג

יוגנט-פּסיכאָלאָגיע און סאָציאַליסטישע דערציִונג

מיט אַ פאָרוואָרט פון
ש. מענדעלסאָן

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland

M. Kligsberg
Jugnt-psychologie un
socjalistysze dercyjung

Spółdz. Wyd. „Kultur-Liga",
Warszawa — 1938

Druk. Brzezińskiego, Warszawa

פאָרוואָרט

צו וועלכן וויסנשאַפט-געביט געהערט דער פּראָבלעם „סאָציאַליסטישע דערציִונג״? —

צו דער פּעדאַגאָגיק. אַוודאי, עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דערציִען. און דאָ האָט קודם-כּל דאָס וואָרט דער צווייַג פון דער וויסנשאַפט, וואָס פאָרשט די אייגנשאַפטן, די אַנטוויקלונג, אויפנאַם-פעיִקייט פון קינד און פּאַסט צו די געהעריקע מעטאָדן, ווי אַזוי צו באַווירקן דעם תּלמיד.

אָבער ס'וואָלט אַ טעות געווען צו מיינען, אַז די פראַגן פון סאָצ' דערציִונג לאָזן זיך אייַנצוימען אין דעם געביט פון פּעדאַגאָגיק. ס'גייט דאָך אין דעם, אַז מען זאָל די אידעען פון סאָציאַליזם אייַנפלאַנצן אין האַרצן און מוח פון קינד אָדער יוגנטלעכן. און דאָס קאָן נישט דערגרייכט ווערן בלויז דורך פּראָפּאַגאַנדע, דורך אָרייַנרעדן, דורך ווערבאַליזם. קיין שום דערציִונג-אויפגאַבע לאָזט זיך נישט רעאַליזירן דורך ווערטער, — אַפּשיטא שוין, אַ וועלט-אָנשויונג קאָן מען אַוודאי און אַוודאי נישט אָנהענגען נאָר מיטן וואָרט. מען מוז אָנקניפּן אין גאַנצן אַרום, אויפקלערן און דורכלייַכטן אונדזער פאַרפלאָנטערטע און שרעקלעכעווירקלעכקייט, אָנהאַלטן שטענדיק דעם קאָנטאַקט מיטן ווירקלעכן ברויזנדיקן לעבן.

שלאָגט דאָס אָן אין די טענער פון סאָציאָלאָגיע און פּאָליטיק.

בייַ אונדז — אין יִידישן לעבן — איז די פראַגע סאָצ' דערציִונג באַזונדערס קאָמפּליצירט. זי פאָדערט ספּעציעלע באַטראַכטונג.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין 1921 האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון סאָצ׳ דערציִונג אַלס לײַכטטורעם, אַלס ענדציל פון אונדזער שול.

די יוגנט-אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", דער „סקיף" האָבן זיך ספּעציעל געווידמעט דער דאָזיקער אויפגאַבע. צענדליקער טויזנ-טער יוגנטלעכע אַרבעטער האָבן אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, זייער אײנציקן סאָציאַליסטישן אוניווערסיטעט.

און הגם ס׳ווערט אַ סך געטון אויף דעם געביט, איז אָבער זייער ווייניק געשריבן געוואָרן און נאָך ווייניקער גע-פּאָרשט געוואָרן. די פּראַקטיק פּרעסט ממש אויף די גאַנצע ענערגיע. ס׳פעלט אויס צײַט זיך אָפּצושטעלן, צו מאַכן אַ סך-הכל, פאַרטיפן די דערפאַרונג.

ח׳ משה קליגסבערג האָט באַוויזן דאָס צו טון. מיר האָבן פאַר זיך אַן ערנסט, וואָגיק בוך פון אַ יונגן טוער, וועלכער האָט דורכגעטראַכט דעם פּראָבלעם.

דער ערשטער טייל איז אַ טעאָרעטישער. דאָ האָבן מיר אַן אַלזײַטיקע באַהאַנדלונג פון דער ווירקונג פון שטוב אויף דער פּסיכיק פון קינד. דערבײַ שוועבט נישט דער מחבר אין די הימלען פון אַבסטראַקציעס, נאָר זעט פאַר זיך די פאַרשידענע שטובן (בורזשואַזע, קליינבירגערלעכע, פּראָלעטאַרישע), אַ פּרוכטבאַרער אַנאַליז, עס שווימען אויף פראַגן פון טאָג-טעגלעכן לעבן, באַלויכטן וויסנשאַפטלעך.

אָבער ח׳ קליגסבערג איז אַ לאַנגיאָריקער פּראַקטי-שער, אַקטיווער טוער אין דער „צוקונפט"-באַוועגונג, האָט ער זיך נישט געקאָנט באַגנוגענען מיט אַלגעמיינע, טעאָרעטישע באַ-טראַכטונגען. און דעריבער זענען די ווײַטערדיקע טיילן געוויד-מעט דער דערפאַרונג פון דער אַרבעט. ער מאַכט אַ רײ ווערט-פולע אידעיִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אויספירונגען. אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס ווערק פאַרוואַנדלט אין אַ האַנטבוך פאַר יעדן פאַראַנטוואָרטלעכן לערער און יוגנט-טוער.

ווי זעלטן האָבן חברים פון פּראַקטישער אַרבעט אַ מעג-לעכקייט מיט רויִקייט, באַזאַכטקייט און געדולד זיך צו באַוואָ-פענען און אָנצושרײַבן אַ גרויסן בוך פון 300 זײַטן.

ה׳ משה קליגסבערג האָט דאָס באַוויזן. און דאָס איז זײַן זיג, זײַן מאָראַלישער נצחון.

דאָס ערשטע בוך פון אַ יונגן מחבר, הגם נישט די ערשטע אַרבעט. ה׳ משה האָט געשריבן שוין אַ רײַ אינטערע־סאַנטע רעצענזיעס וועגן ביכער. ה׳ קליגסבערגס בוך איז אַ פּאַרמעסט, מיט וועלכן מיר גראַטולירן דעם אויטאָר.

אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ בעל־שמחה, ה׳ קליגסבערג איז דערצויגן געוואָרן אין „בונד״, דאָס איז זײַן הויכשול, דאָרט האָט ער זיך געלערנט זען און פאַרשטײן די וועלט. איז טאַקע דאָס בוך אַן עדות, וויפל שעפערישקייט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג קאָן פון זיך אַרויסברענגען.

ש. מענדעלסאָן

פאָרוואָרט פונעם מחבר

די דאָזיקע אַרבעט איז אַ רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקער אַקטיווער קולטור- און דערציִערישער טעטיקייט אין די רייען פון יוגנט-בונד „צוקונפט" אין פוילן; זי איז געבויט אויף די דערפאַרונגען, וועלכע די פּראַקטישע קולטור-אַרבעט האָט מיר געגעבן, און זי איז אַ באַגרינדונג פון די טעאָרעטישע אויס-פירן, צו וועלכע איך בין אויפן סמך פון דער דאָזיקער דער-פאַרונג דערגאַנגען. דערגרייכנדיק אַ געוויסע אינערלעך קאָנסעק-ווענטע איינהייטלעכקייט אינעם אויפפאַסן דעם וועזן און די צילן פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג, האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק צו קומען מיט די דאָזיקע אָנשויונגען צו דער סאָציאַליסטישער עפנטלעכקייט, אין גוטן גלויבן, אַז איך קען דערמיט ברענגען נוצן די אַלע, וועלכע דינען מיט ליבע און איבערגעבנקייט דער זאַך פון הייבן דעם גײַסט פון דער ייִדי-שער אַרבעטער-יוגנט — די אַלע, פאַר וועלכע דאָס אויסשמידן אַ נײַעם, שטאָלצן, פרײַען דור פון דער ייִדישער אַרבעטער-יוגנט איז נישט בלויז אַ נוצלעכע אַרבעט, נאָר אַ לעבנסצוועק.

די סאָציאַליסטישע דערציִונג-טעאָריע איז די לעצטע יאָרן אַרויף אויף אַ גוטן וועג, וועלנדיק אויסנוצן די דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, מיטן צוועק צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן דעם וויכטיקן געביט פון פּראָלעטאַרישן באַפרײַונגס-קאַמף. די דאָזיקע נײַע זוכענישן האָבן שוין אונטער זיך אַ געוויסע געשיכטע. ווען די פּסיכאָאַנאַליזע האָט זיך דערוואָרבן פּאָפּולאַריטעט, האָבן פיל סאָציאַליסטישע טוער אויפן געביט פון דערציִונג (בעיקר אין דײַטשלאַנד און אין עסטרײַך)

זיך געוואָרפן אויף דער דאָזיקער נײַער לערע, גלייבנדיק אין איר צו געפינען דעם קוואַל, פון וועלכן מען קען שעפּן נײַע כּוחות צו פאַרטיפן די סאָציאַליסטישע דערציִונג. זיי האָבן געפּרוווט מעכאַניש פאַרבינדן דעם פרוידיזם מיטן מאַרקסיזם, נישט פאַרשטייענדיק, אַז דערמיט ווערט פאַרלייקנט דאָס וויכטיקסטע פון מאַרקסיזם: די טעזע וועגן דער פּריאָריטעט (ערשטקייט) פון דאָס סאָציאַלע אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן, — בעת דער פרוידיזם זעט אינעם געשלעכטאינסטינקט, — אַלזאָ, אין אַ פּרימיטיוו-נאַטירלעכער, אויסשליסלעך אינדיווידועל זיך אויסווירקנדער קראַפט — דעם הויפּטפאַקטאָר פון פערזענלעכן און סאָציאַלן לעבן. פונדעסטוועגן, האָט דאָס באַקענען זיך מיט דער פּסיכאָאַנאַליזע געברענגט געוויסע נוצן דער סאָציאַליסטישער דערציִונג; מען האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, ווי שעדלעך ס'איז דאָס אונטערשעצן די סעקסועלע פּראָבלעמען, אַלס וויכטיקע פאַקטאָרן פון דער פּערזענלעכער אַנטוויקלונג. דאָך קען די פּסיכאָאַנאַליזע נישט זײַן דער פונדאַמענט, אויף וועלכן ס'זאָל זיך אויפבויען דער סיסטעם פון סאָציאַליסטישער דערציִונג, אַלס סאָציאַלע דערציִונג.

פיל נענטער צום אמת און פּרוכטבאַרער פאַר דער סאָציאַליסטישער דערציִונג איז די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע, באַגרינדעט דורך ד"ר אַלפרעד אַדלער. די ווירקונג פון מינדערווערטיקייט-געפיל און קאָמפּענסאַציע-שטרעבונג באַגרינדעט אַדלער מיט דער סאָציאַלער לאַגע פון קינד. אַזוי-אַרום אָנערקענט אַדלער דאָס סאָציאַלע לעבן אַלס פונדאַמענט, אויף וועלכן ס'וואַקסט אויס די אייגנאַרטיקע, אינדיווידועלע פּסיכיק. ס'האָבן זיך דעריבער געפונען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט פיל הייסע אָנהענגער, וועלכע האָבן געפּרוווט, ווידעראַמאָל אָן שום באַוואָרענישן, די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגישע טעאָריע אַרײַנפירן אַלס טייל פון דער מאַרקסיסטישער לערע.

אָבער אויך די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע לײַדט פון זעלבן גרונטפעלער, וואָס די פּסיכאָאַנאַליזע: דאָס איז דער באַגרעניצטער מעדיצינישער, אַלזאָ אינדיווידואַליסטישער שטאַנדפּונקט. ווי לאַנג די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגן באַוועגן זיך אין די געביטן פון מעדיצין, פּסיכאָלאָגיע און פּסיכישער

היילונג — איז זייער שטאַנדפּונקט און מעטאָדע נישט דאָ וואָס פאַרצוואַרפן. אָבער מיטן מאָמענט, ווען זיי פּרוּוון אויסברייטערן די דערגרייכטע רעזולטאַטן מעכאַניש, דירעקט, אויף די פּראָבלעמען פון געשיכטע און סאָציאָלאָגיע, — פּלאָנטערן זיי זיך אַריַין אין אַ נעץ פון פאַלשע פאָרשטעלונגען און באַגריפן, וועלכע ברענגען זיי צו פאַלשע סאָציאָלאָגישע אויספירן. מיט קיין קליניש מעטאָדן קען מען קיין סאָציאַלע געזעצן נישט אויסגעפינען און אַוודאי — קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען נישט לייזן.

אַלפרעד אַדלער האָט זיך געשטעלט אויף אַ ריכטיקן וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, נעמלעך: אַז דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר פון דער אינדיווידועלער פּסיכישער אַנטוויקלונג דאַרף מען זוכן אינעם סאָציאַלן לעבן. ער האָט אָבער אָנגעווענדעט אַ פאַלשע מעטאָדע בייַם אויסגעפינען די געזעצן און ווירקונג פון דאָזיקן סאָציאַלן לעבן. ער אָנערקענט טאַקע די פּריאָריטעט פון דאָס סאָציאַלע, אָבער דאָס סאָציאַלע איז בייַ אים נישט דאָס קאָנקרעטע געזעלשאַפטלעכע לעבן מיט די אין אים ווירקנדע רעאַלע כּוחות און טענדענצן, נאָר אַן אַבסטראַקטער באַגריף וועגן סאָציאַלן אין אַלגעמיין, אומאָפּהענגיק פון צייַט, געשיכטלעכע באַדינגונגען אא״וו. דאָס סאָציאַלע שפּילט אין זייַן טעאָריע די ראָל פון אַן אַבסטראַקטן באַגריף, פּונקט ווי אַ סימבאָל אין אַ אַלגעבראַישער גלייַכונג. דעריבער איז אים פרעמד געבליבן דער רעאַלסטער אמת פון געזעלשאַפטלעכן לעבן — זייַן קלאַסן-צעטיילונג. און דאָס איז די סיבה, פאַר וואָס ער האָט נישט געקענט געפונען קיין באַפרידיקנדע לייזונג, טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ ריכטיקער טעאָרעטישער פּאָר-הנחה. אַלזאָ: אויך די אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע לאָזט זיך אָן ענדערונגען נישט אַריַינפּאַסן אינעם מאַרקסיסטישן סיסטעם.

אַ פּרוּוו צו באַגרינדן אַ סאָציאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע האָט געמאַכט הענריק דע-מאַן. אָבער אויך זייַן פּרוּוו האָט נישט געגעבן קיין געהעריקע רעזולטאַטן. ער האָט געפּרוּווט דערגרייכן זייַן ציל דורך פאַרוואַרפן געוויסע גרונט-יסודות פון מאַרקסיזם. זייַן אויסגאַנגפּונקט איז: פּסיכאָלאָגיע — קעגן מאַרקסיזם. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געגעבן, איז אומפּאַר-

גלײַכלעך װײניקער פֿון דעם, װאָס ער האָט געפּרוּװט אומ־װאַרפֿן. דע־מאַן האָט אײַנגעפֿירט אַזעלכע באַגריפֿן, װי װעלט־געפֿיל, געלטונג־דראַנג אד״גל, אַלס באַשטימענדע פֿאַקטאָרן פֿון פּראָלעטאַרישן באַװוּסטזײַן. אָבער די דאָזיקע באַגריפֿן זאָגן גאָרנישט. אמת, ס׳זענען פֿאַראַן נאָך פֿיל נישט אױפֿגעקלערטע דורכן מאַרקסיזם פּראָבלעמען (באַזונדער אין געביט פֿון פּסיכישער אַנטװיקלונג), אָבער ס׳איז װײניק דאָס דאָזיקע אומבאַקאַנטע אָדער נישט אױפֿגעקלערטע צו געבן אַ נאָמען, כּדי צו האַלטן דאָס פּראָבלעם פֿאַר געלײזט, אָדער די אומקלאָרקײט — פֿאַר אױפֿגעקלערט. פֿונדעסטװעגן מוז מען מודה זײַן, אַז אין פֿיל פּרטים האָט דע־מאַנס קריטיק געגעבן פּאָזיטיװע לײסטונגען.

אַלזאָ: די אַלע פּרוּװן צו פֿאַרבינדן דעם מאַרקסיזם מעכאַניש מיט פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס, װעלכע זענען אױפֿגעװאַקסן אױף אַן אַנדער באָדן, — האָבן נישט געגעבן קײן צופֿרידנשטעלנדן רעזולטאַט. איך האָב זיך דעריבער געפּרוּװט, מיט מײַנע באַשײדענע כּוחות, אָנצוצײכענען די גרונטליניעס פֿון אַ מאַרקסיסטישער פּסיכאָלאָגיע, פֿון אײן זײַט — דורך אױסברײטערן די אָנװענדונג פֿון מאַרקסיסטישן מעטאָד און אױסנוצנדיק — פֿון דער צװײטער זײַט — די דערגרײכונגען פֿון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, פֿאַר װעלכער ס׳האָבן אַזעלכע קאָלאָסאַלע פֿאַרדינסטן פֿרויד און אַדלער.

האָט זיך מיר דאָס אײַנגעגעבן? — אַמװײניקסטן בין איך באַרופֿן װעגן דעם צו משפּטן. אָבער אױב אפֿילו מיר האָט זיך נאָר אײַנגעגעבן ריכטיק אַװעקצושטעלן דעם פּראָבלעם, אָדער לכל־הפּחות מיט דער דאָזיקער אַרבעט גורם צו זײַן אַ פֿאַרשטאַרקטן אינטערעס אַרום די דאָזיקע פֿראַגן, — דאַן, גלײב איך, האָט די דאָזיקע אַרבעט אױך אַ פּאָזיטיװע באַדײַטונג, און ס׳האָט געלוינט די מי און אַרבעט פֿון שרײַבער און אַרױסגעבער.

אָבער נישט בלױז דער טעאָרעטישער אינטערעס איז געװען דער ציל פֿון דער אַרבעט. אַ פֿיל שטאַרקערע שטױסקראַפֿט צו מאַכן אַ פּרוּװ צו לײזן די דאָזיקע פּראָבלעמען זענען געװען די פּראַקטישע באַדערפֿענישן פֿון

דער סאָציאַליסטישער דערציִונג־אַרבעט, אַזוי ווי איך האָב זיי דערקענט אין דער אַקטיווער קולטור־ און דערציִונג־טעטיקייט פון יוגנט־בונד „צוקונפט”. אין דער דאָזיקער פּראַקטישער אַרבעט, כאָטש זי האָט די לעצטע יאָרן געמאַכט גרויסע פאָרשריטן, פילט זיך נאָך אַ מאַנגל אין אַן איינהייטלעכער, פּרינציפּיעלער גרונטליניע, וועלכע זאָל זײַן טעאָרעטיש באַגרינדעט און זאָל זיך האַרמאָניש אַרײַנפּאַסן אינעם סיסטעם פון מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג. די פאַראייניהייטלעכונג און טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג וואָלט גורם געווען אַ פאַרשטאַרקונג און פאַרטיפונג פון דער דאָזיקער אַרבעט. אָט די פּראַקטישע צילן און באַדערפעענישן האָב איך געהאַט אויפן אויג, שרײַבנדיק די דאָזיקע אַרבעט; זיי האָבן אויך דעצידירט וועגן אויסוואַל פון מאַטעריאַל און פּראָבלעמען.

איין פראַגע שײַנט מיר צו שטיין אין מיטלפונקט — דאָס איז די פראַגע וועגן דער פערזענלעכקייט, דאָס אָרט פון יחיד אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די סאָצ׳ באַוועגונג איז אַ מאַסן־באַוועגונג, און די מאַסן־אינטערעסן זענען דער קעגנשטאַנד פון איר קאַמף; אָבער אַלץ ווערט דאָך געטון דורך מענטשן, זיי זענען די אויספירער, — און דער רעזולטאַט פון יעדער אָנשטרענגונג איז אָפּהענגיק נישט בלויז פון פּלאַן, פון דער אידעע, פון פּראָגראַם, — נאָר אויך פון די מענטשן, פון די אויספירער. דעריבער מוזן מיר זאָרגן אויך וועגן דער קוואַליטעט פונעם מענטשן אַלס יחיד. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף געדענקען: דער וואַלד באַשטייט פון איינצלנעביימער. ווילסטו האָבן אַ גרויסן און שיינעם וואַלד, מוזסטו אויסהאָדעווען געזונטע און שטאַרקע ביימער! — ווי עס זאָל נישט אויסקוקן די צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועט מען אָבער קיינמאָל נישט טאָרן פאַרגעסן, אַז מען קען נישט ברענגען קיין רעטונג פאַר דער מענטשהייט דורך דערשטיקן דעם מענטש!

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם בינדט זיך אויך מיט דער פראַגע וועגן וועזן און ווירקונג פון פאַשיזם. איך האָב אָבער די

דאָזיקע פראַגע נישט באַרירט, ווײַל זי פאָדערט אַ באַזונדערע ברייטערע אָפּהאַנדלונג, און כ׳האָב נישט געוואָלט נאָך מער פאַרגרעסערן דאָס דאָזיקע ביכל.

האָבנדיק אויפן אויג אין דער ערשטער רייע די פּראַק־טישע פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, האָב איך קודם־כּל געזאָרגט וועגן דעם, אַז דאָס ביכל זאָל זײַן פאַרשטענדלעך פאַרן ברייטן קרײַז קולטור־טוער פון אונדזער באַוועגונג. איך האָב זיך דעריבער באַמיט אויסצוקומען מיט וואָס ווייניקער פרעמדווערטער און טערמינען פון לאַטײַנישער אָפּשטאַמונג. אפשר האָט דערפון געליטן דער סטיל און די פײַנקייט פון דער שפּראַך; כ׳האָב אָפּטמאָל געמוזט איין שיינ־קלינגעוודיק פרעמדוואָרט פון לאַטײַנישן אַרסענאַל פאַרטרעטן מיט אַ גאַנצן אָדער עטלעכע זאַצן. איך האָב אָבער אויסגעקליבן די פאַרשטענדלעכקייט, איידער די שיינקלינגעוודיקייט פון דער שפּראַך.

אויב איך האָב דאָס פאַרגעניגן צו קומען צו דער סאָציאַ־ליסטישער עפנטלעכקייט מיט דער דאָזיקער אַרבעט, האָב איך עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען פיל פרײַנד און חברים. דעם ח׳ ש. מענדעלסאָן האָב איך פיל מער צו פאַרדאַנקען, ווי די וואַרעמע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט פאַרזען מײַן אַרבעט. דעם ח׳ ח. ש. קאַזדאַן דאַנק איך פאַר רעדאַגירן, און דעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע״ — פאַר אַרויסגעבן דאָס דאָ־זיקע ביכל.

מ. ק.

װאַרשע, דעצעמבער 1937.

טייל I

די גייסטיקע אַנטוויקלונג
פון פּראָלעטאַרישן קינד

קאַפּיטל 1
די סביבה

די סביבה האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער גײַס־טיקער אַנטוויקלונג פון מענטשן – דאָס איז אַן אַלט באַקאַנ־טער כּלל. אָבער איר ווירקונג איז פאַרשידן בײַ פאַרשידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט. אַנדערש איז די ווירקונג פון דער סביבה אויף דער אַנטוויקלונג פון בירגערלעכן קינד, און אַנ־דערש — פון פּראָלעטאַרישן. דעם דאָזיקן קלאַסן־שטאַנדפונקט נעמען מיר אָן ווי אַן אַקסיאָמע. נישט דערפאַר, ווײַל זײַן ריכטיקייט איז אונדז שווער צו באַווײַזן, נאָר דערפאַר, ווײַל אין דער הײַנטיקער צײַט איז די ריכטיקייט פון קלאַסן־שטאַנדפונקט אַזוי באַשײַנפערלעך, אַז ס׳איז שויז איבעריק דאָס צו באַווײַזן.

סײַ דאָס בירגערלעכע, סײַ דאָס פּראָלעטאַרישע קינד לעבן אין אַ געוויסער סביבה, אָבער ווי פאַרשידן זענען זיי! די סביבה פון בירגערלעכן קינד איז: אַ וואַרימע היים, אַ זאָרגפעלטיקע השגחה פון די עלטערן און פון דער דינערשאַפט (אָפטמאָל — אַן אייגן צימער, אַ באַזונדערע באַדינעריין פאַרן קינד). דאָס קינד איז קיין מאָל נישט איבערגעלאָזן זיך אַליין, אַפילו נישט דעם אייגענעם פאַרשטאַנד, ווײַל ווי נאָר ס׳שווימט אויף אין זײַן קעפל אַ פראַגע און ווי נאָר ער ברענגט זי פאַר די ליפּן, אַזוי זענען דאָ די עלטערן אָדער דערציִער מיט אַן ענטפער.

ביים פּראָלעטאַרישן קינד איז דער היפּוך: זיין סביבה איז דער הויף און די גאַס. די שטובמענטשן (עלטערן, עלטערע שוועסטער און ברידער) זענען אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט שווערער אַרבעט און האָבן וויניק צייט זיך צו פאַרנעמען און אינטערעסירן מיט די קינדער. דאָס פּראָלעטאַרישע קינד איז איבערגעלאָזן זיך אַליין, אָן אויפזיכט, נישט בלויז גייסטיקער, נאָר אַפילו פיזישער.

אויב עמעצער האָט דווקא ליב פאַרגלייכן — דאַן קען מען דאָס בירגערלעכע קינד פאַרגלייכן צו אַ בלום אין שטאָטגאָרטן, וועלכע וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אונטער דער זאָרגפעליקער אויפזיכט פון גערטנער; דאַקעגן, דאָס פּראָלעטאַרישע קינד איז געגליכן צום זאַנג אין פעלד, וואָס איז אויסגעשטעלט אויפן פרייען כוחות-שפּיל פון דער נאַטור, אויף זונענשיין, ווינטן, שטורעמס און געוויטערס. (אַגב אורחא: ווער פון זיי — די בלום צו די זאַנג — איז ניצלעכער, דאָס איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, אָבער אויך אין הינזיכט פון שיינקייט און דערהויבנקייט שטייט די זאַנג העכער פון דער בלום. ס׳איז דאָך איבעראַל באַוואוסט, אַז גרויסע דיכטער האָבן וויניק באַזונגען די קינסטלעכע בלומענבייטן אין די שטאָטגערטנער, אָבער דאָס פעלד און וואַלד פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין זייער דיכטונג.)

די סביבה פון בירגערלעכן קינד איז זייער אַ באַגרענעצטע און — אַזוי צו זאָגן — אַ קינסטלעכע. אַזאַ קינד איז אָפּגעשלאָסן אין דער אייגענער היים; עס קומט כמעט אין גאַנצן נישט אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן אַרום; אַליין אַראָפּגיין אויפן הויף אָדער אין גאַס איז אים שטרענג פאַרבאָטן, דאָרט גייט ער נאָר אין דער באַגלייטונג פון עלטערע. די דאָזיקע קינדער האָבן דעריבער אַ קנאַפּע מעגלעכקייט צו אייגענער דערפאַרונג און באַאָבאַכטונגען, צו שאַפן זיך באַגריפן, מעג זיין קינדישע, אָבער אייגענע, וועגן דער אַרומיקער וועלט. וועגן אַלץ ווערט זיי דערציילט דורך די עלטערע אויף אַ „צוגעפּאַסטן“ פאַר די קינדער שטייגער. אַנדערש געזאָגט: זיי באַקומען פון די דערוואַקסענע קינסטלעכע, פאַנטאַסטישע, אילוזאָרישע באַגריפן וועגן דער אַרומיקער וועלט. וועגן גע-

זעלשאפטלעכע און עקאנאמישע פארהעלטענישן האבן זיי נאר א מטושטשן באגריף; וועגן דעם ארבעט-ווארשטאט פון די על-טערן אדער נאנטע האבן זיי נישט דעם מינדעסטן באגריף, אדער באקומען לעכערלעך-פאנטאסטישע ידיעות וועגן דעם, וואס מען טוט דארטן אין „געשעפט"; אמת, מען פירט זיי דארט טיילמאל צו גאסט („צום טאטן אין געשעפט"), אבער מען פירט זיי דארטן, ווי אין עפעס א טעמפל, א געהיימנישפול-הייליק ארט, און אזא מאמענט איז ביי א קינד א גרויסער יום-טוב, מען באקומט דארט אויף נאשווארג און אנדערע מתנות. פון די ענטפערס, וואס די קינדער באקומען אויף זייערע פראגן, שאפט זיך ביי זיי א פאלש, פאנטאסטיש בילד וועגן דער ארומיקער וועלט און אחוץ דעם, הערן זיי אפט-מאל דעם ענטפער: „דאס קענסטו נאך נישט פארשטיין; דאס איז נישט פאר דיר; וועגן דעם וועסטו זיך דערוויסן, ווען דו וועסט ווערן עלטער", אאז"וו. מיט אייןווארט: די סביבה פון בירגערלעכן קינד איז א באגרענעצטע; זי שפילט פאר אים די ראלע פון א פאראוואן, א וואנט צווישן אים און דער אויסערלעכער וועלט. הינטער דעם דאזיקן באקוועמען אבער ענגן פאראוואן שטעלט ער זיך פאר די אויסערלעכע וועלט ווי עפעס געהיימנישפולס און פאנטאסטישס, ער האט לגבי איר א געפיל פון א געוויסן אומצוטרוי און מורא. אדאנק דעם פילט ער זיך אונטער די פליגלען פון דעם היים-פאראוואן נאך באקוועמער און זיכערער.

פון דער צווייטער זייט זארגט מען אין דער בירגערלע-כער וועלט זייער שטארק פאר דער אינטעלעקטועלער אנטוויק-לונג פון קינד. ער באקומט פארהעלטענישמעסיק פרי אילוסטרירטע ביכלעך וועגן חיות און נאטור, קינדער-מעשהלעך וועגן פאנ-טאסטישע מענטשן און זייערע נאך מער פאנטאסטישע טאטן. אזוי ארום גיט מען דעם קינד צו דערקענען א „וועלט" א פאנטאסטישע, א פילטרירטע, א נישט-ווירקלעכע.

די דאזיקע באגרענעצטקייט פון דער סביבה, געהיימניש-פולקייט פון דער דרויסנדיקער וועלט (וועלכע ווערט נאך מער געהיימנישפול אדאנק דער פאנטאסטישער לעקטור פון קינד,

אָדער מעשהלעך, וועלכע מען דערציילט אים), די פיקטיווקייט פון די באַגריפן, וועלכע ער באַקומט וועגן דער דאָזיקער וועלט, שאַפן בײַם בירגערלעכן קינד אַן אײַנשטעלונג לגבי דער דרויסנדיקער וועלט — פון צוריקגעהאַלטנקייט, אומצוטרוי, פאַרווונדערונג און נײַגיר. די דאָזיקע אײַנשטעלונג שטערט פון איין זײַט דער אַנטוויקלונג פון זעלבשטענדיקייט און אַקטיווקייט, און פון דער צווייטער זײַט — איז עס אַ שטויס-קראַפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אינטעלעקט (נאָכטראַכטן, נאָכ-פרעגן, ווילן צו פאַרשטיין די סודות פון דער וועלט, דער באַקאַנטער קינדערשער „פאַרוואָס?”).

אַנדערש אין גאַנצן איז די אויסווירקונג פון דער סביבה פון פראָלעטאַרישן קינד. זײַן היים איז אַן ענגע, אומהיימלעכע קאַלטע שטוב; זײַנע עלטערן און עלטערע שטובמענטשן זענען אַ גאַנצן טאָג פאַרהאָרעוועט, גיבן אים נישט קיין פלעגע און שענקען אים כמעט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. און אויב די מוטער איז יאָ דאָ אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, קאָן זי אים אויך נישט ווידמען קיין אויפמערקזאַמקייט, ווײַל זי איז איבערגע-לאָדן און פאַרהאָרעוועט מיט שטובאַרבעט. די היים האָט נישט פאַר אים קיין שום אינטערעסאַנטס, וואַרעמס, אָנצי?ענדעס, וואָס זאָל אים פאַרהאַלטן און צושמידן. ציט אים דעריבער צום הויף און צו דער גאַס. אויפן הויף און אין גאַס קומט דאָס פראָלעטאַרישע קינד אין אוממיטלבאַרער באַרירונג מיטן רעאַלן לעבן; ער דערקענט דאָס לעבן נישט דורך די מעשה-ביכלעך און אילוסטרירטע קינדער-אויסגאַבעס, — נאָר טאַקע דאָס האַרטע, ברוטאַלע, רעאַלע לעבן פון דער הײַנטי-קער אָרעמער פראָלעטאַרישער גאַס. ער דערקענט אויך דאָס רעאַלע געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע לעבן, וועגן וועלכן דאָס בירגערלעכע קינד האָט נישט דעם מינדעסטן רעאַלן באַגריף. דאָס פראָלעטאַרישע קינד זעט דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין זײַן נאַקעטסטער, האַרטסטער ווירקלעכקייט. די אַרבעט-וואַרשטאַטן, פון וועלכע זײַן פאַמיליע שעפּט די חיונה, איז נישט ערגעץ חײַט (ווי בײַם בירגערלעכן קינד), נאָר טאַקע דאָ אין שטוב אָדער אין די שכנותדיקע וווינונגען; ער דערקענט רעאַל און גרינטלעך די אַרבעט אין איר ווירקלעכער געשטאַלט. פאַר אים

איז דאָס „מאַכן געלט״ נישט קיין פּישוף, נישט קיין געהיימ־נישפולע זאַך, עס איז נישט פאַר אים קיין „דערהויבענע״ זאַך, וואָס ברענגט יום־טוב, נאַשוואַרג, שפּילצײַג. ווי אַזוי ס׳ווערט פאַקטיש געשאַפן געלט — דאָס זעט ער מיט די אייגענע אויגן: דורך שווערער, לאַנגער, אויסמאַטערנדער און לאַנגווײַליקער אַרבעט. און די באַשטימונג פון פאַרדינטן געלט איז אויך בײַ אים נישט קיין יום־טובדיקע, נאָר אַ גאַנץ גראָע: אויף ברויט און זופּ.

דאָס פּראָלעטאַרישע קינד דערקענט גאַנץ פרי דעם עגאָ׳זם, וועלכער מוז דאָך נעסטן אין די שטובן, וווּ ס׳איז קיין מאָל נישטאָ צו פיל, נאָר צו ווייניק. אויב אַ מאַמע גיט עפּעס עסן איר קינד און דערבײַ געפינט זיך אַ צווייט קינד, וועלכן ס׳ווילט זיך אויך עסן, און ער איז נאָך אַזוי נאַ׳וו און זאָגט אַרויס הויך דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, הערט עס געוויינלעך אַן ענטפער: „גיי צו דײַן מאַמען, וועט זי דיר געבן עסן״; „כ׳האָב קוים פאַר מײַן אייגן קינד״ אאַז״וו. ער דערקענט גאַנץ פרי פון דער פּראַקטיק דעם עגאָ׳סטישן כּלל: „יעדער — פאַר זיך״.

ער דערקענט אויך אין זײַן פריסטער קינדהייט די קאָנ־קורענץ אין איר האַרטסטער געשטאַלט — די קאָנקו־רענץ צווישן אָרעמעלײַט. דאָס בירגערלעכע קינד האָט זייער אַ מטושטשן באַגריף וועגן די מיטלען, מיט וועלכע זײַן פאָטער ציט זײַנע פאַרדינסטן, ספּעציעל האָט ער נישט קיין באַגריף וועגן קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די אונטערנעמונגען, ווײַל דאָס איז אַ הינטערקוליסן־קאַמף, אַ נישט־באַמערקבאַרער פאַרן קינדישן אויג. אין דער פּראָלעטאַרישער סביבה אָבער, אין די קוואַרטאַלן, ווו ס׳זענען קאָנצענטרירט אַרבעטער, אָרעמע באַלמעלאָכעס און קרעמער, קומט פאַר דער קאָנקורענץ־קאַמף אויבנאויף און מיט זײַן גאַנצער ברוטאַלקייט שטעלט ער זיך פאַר די אויגן פון פּראָלעטאַרישן קינד. ער זעט ווי די קרע־מער און קרעמערקעס שלאָגן זיך און זידלען זיך צוליב קונים; ער הערט און זעט דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די אָרעמע באַלמעלאָכעס — שוסטער, שנײַדער, לאַטוטניקעס — צוליב אויסכאַפּן קונדן, צוליב אַ שטיקל אַרבעט, צוליב אַרבעטן בילי־

קער אד״גל. ער הערט אויך אָפּט אין די אַרבעטער-שטובן רעדן וועגן אויסכאַפּן אַרבעט, אַ פּאָסטן, „אונטערשטעלן אַ פּיסל״ בײַם מײַסטער אד״גל. מיט איין וואָרט: פּאַר די אויגן פון פּראָלעטאַרישן קינד קומט פּאַר אַ גרויזאַמער קאָנקורענץ-קאַמף פאַרן שטיקל ברויט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פּראָלעטאַרישע קינד קוקט זיך צו דעם צו נישט ווי אַן אָביעקטיווער אָבסערוואַטאָר, נאָר עס איז דאָ אויך געפילמעסיק שטאַרק אַנגאַזשירט, ווײַל מערסטנטייל איז זײַן אייגענע פאַמיליע (טאַטע, עלטערע שוועסטער-ברידער, נאָענטער קרוב) אַליין אַרײַנגעצויגן אין אַזאַ קאָנקורענץ-קאַמף. דאָס, וואָס ער זעט, מוז אים דעריבער אָנפילן מיט אומצוטרוי און פאַרביטערונג צו דער אַרומיקער וועלט. די דאָזיקע דערפאַרונג באַשטעטיקט פאַר אים אַן אמת, וועלכן ס׳דריקט אויס אַזוי בולט אַ אַלט לאַטײַניש שפּריכוואָרט: „איין מענטש פאַרן צווייטן — איז אַ וואָלף״.

די סביבה ווײַזט דעם פּראָלעטאַרישן קינד אַ וועלט פון עגאָיזם און ברוטאַלן קאָנקורענץ-קאַמף, און דאָס רופט בײַ אים אַרויס דאָס געפיל פון באַעוולהטקייט, אומצוטרוי און פאַרביטערונג.

בײַם בירגערלעכן קינד שאַפט די סביבה אַן אָביעקטיוון באָדן פאַר קאָנסערוואַטיזם. דאָס, וואָס רינגלט אים אַרום, איז שיין, באַקוועם, אָנצוּעַנד און אימפּאָזאַנט, די דערוואַקסענע, וואָס רינגלען אים אַרום, אימפּאָנירן אים מיט זייער רײַכקייט, מאַכט, אָנזען אאַז״וו. אויף דעם באָדן שאַפט זיך בײַ אים אַ קאָנסערוואַטיווער אידעאַל: דערגרייכן דאָס — וואָס ער זעט אַרום זיך פאַרטיק; ווערן דאָס, וואָס ס׳איז דער טאַטע, צי אַן עלטערער ברודער, צי אַ רײַכער פעטער אד״גל. בײַם פּראָלעטאַרישן קינד, דאַקעגן, שאַפט די סביבה אַ באָדן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן געמיט. די נישט-אָנצוּעַנדע און ווײַט נישט-באַפרידיקנדע סביבה שאַפט בײַ אים אַ שטרעבן אַרויסצורײַסן זיך פון איר, דער אָרעמער טאַטע אָדער אַרבעטלאָזער ברודער קען פאַר אים נישט זײַן קיין אידעאַל צום קאָפּירן אין לעבן; ער וויל דעריבער די סביבה צעשטערן, באַפרײַען זיך פון איר, ווערן עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס רינגלט אים אַרום.

מען דאַרף דאָס אָבער שלעכט נישט פאַרשטיין: דאָס באַדײַט נישט, אַז פון בירגערלעכן קינד מוז אויסוואַקסן אַ

קאָנסערוואַטיסט און פון פּראָלעטאַרישן — אַ רעוואָלוציאָנער.
אין ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע קינדער
קומען צום אויסדרוק נײַע, גאַנץ קאָמפּליצירטע פאַקטאָרן, וועלכע
קענען אַװעקפירן די אינדיווידועלע אַנטוויקלונג פון יעדן
קינד אויף אַנדערע, אָפטמאָל קעגנזעצלעכע וועגן. די סביבה
שאַפט נאָר אַ געוויסן אָביעקטיוון באָדן, אויף וועלכן
איין טענדענץ קען זיך לײַכטער אויסווירקן, ווי אַ צווייטע,
אָבער די סביבה אַליין פאַראורזאַכט נאָך נישט דעם פּאַרטיקן
כאַראַקטער פון מענטשן.

קאַפּיטל 2

דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל

דעם באַגריף וועגן „געפיל פון מינדערווערטיקייט" האָט אַרײַנגעפירט אין דער פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיע (לערע וועגן דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד) פּראָפ' אַלפרעד אַדלער (ווין), איינער פון די גײַסטרײַכסטע נאָכפאָלגער פון פּראָפ' פרויד. אַדלער האָט אָבער פאַרלאָזט די רייען פון די פרוידיסטן און האָט באַגרינדעט זײַן אייגענע לערע, וועלכע ער האָט באַצייכנט מיטן נאָמען „אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע".

בײַ יעדן קינד — לערנט אונדז אַדלער — מוז אַנטשטיין אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל. עטלעכע גרונט-סיבות קאָנען גורם זײַן דאָס שאַפן זיך פונעם דאָזיקן געפיל בײַ קינדער:

1. אָרגאַנישע מינדערווערטיקייט. ווען אַ קינד ווערט געבוירן מיט אַן אָרגאַנישן פעלער, אַן אויסערלעכן (אַ קאַליקע) אָדער אינערלעכן (פעלערהאַפטע פונקציאָנירונג פון איינעם פון די אינערלעכע אָרגאַנען, ווי למשל: האַרץ, לונגען, נירן, מאָגן אד"גל.), פילט ער זיך ספּעציעל שוואַך, אומבאַהאָלפן, איז נישט בכוח אויסצופירן די אַרבעטן אַפילו פון זײַנסגלײַכן, — און דאָס רופט אַרויס בײַם קינד אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט.

2. געזעלשאַפטלעכע מינדערווערטיקייט. יעדעס קינד (אַפילו אַ פולשטענדיק געזונטס) באַמערקט לײַכט, אַז זײַנע מעגלעכקייטן און לײַסטונגען זענען אַ סך באַגרענעצטערע, ווי פון די אַרומיקע „גרויסע": ער קען נישט טון אַלץ, וואָס זיי טוען; ער האָט נישט אַזאַ באַוועגונג-פרײַהייט, ווי די

דערוואַקסענע; ער מוז כּסדר אָנקומען צו זייער הילף, ווען ער וויל עפּעס אַליין טון; זיי צו אים — נישט. אויך דאָס רופט אַרויס בײַם קינד דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט.

3. רעכטלעכע מינדערווערטיקייט. אַ ווײַטערדיקע סיבה פאַרן אַנטשטיין פון מינדערווערטיקייט-געפיל בײַם קינד איז די פּערזענלעכע באַציִונג פון די עלטערע צו אים. כּסדר הערט דאָס קינד פון די דערוואַקסענע וועגן זײַנע באַגרענעצטע רעכט אַלס קינד, וועגן זײַן מינדערווערטיקייט: טאָרסט נישט טון דאָס און דאָס — „ווײַל דו ביסט נאָך אַ קינד"; טאָרסט נישט גיין אַליין, טאָרסט נישט נעמען אַליין, טאָרסט אפילו נישט וועלן אַליין אַזױ, אַלץ — „ווײַל דו ביסט אַ קינד"; דאָס דאַרפסטו נישט וויסן, עפּעס אַנדערש קענסטו נישט פאַרשטיין, ווידער אַ מאָל — „ווײַל דו ביסט נאָך אַ קינד" אַזױ. מיט איין וואָרט: כּסדר דערמאָנען די דערוואַקסענע דעם קינד וועגן זײַנע קלענערע רעכט און שטרענגערע פליכטן, ווי עפּעס אַ צווייטראַנגיקער מענטש, ווי אַ נישט-פולער מענטש. די דאָזיקע באַציִונג שטאַרקט, פאַרשטייט זיך, נאָך מער דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל.

4. דערציִונג-מינדערווערטיקייט. דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל קאָן נאָך מער פאַרשטאַרקט ווערן אַדאַנק ספּעציעל פאַלשער דערציִונג פון קינד. דאָס דריקט זיך אויס אָדער אין ברוטאַלער באַהאַנדלונג (שלאָגן, פּײַניקן), אָדער אין איבערגעטריבן צערטלעכער באַהאַנדלונג, ווי למשל: נישט לאָזן דאָס קינד אַ ריר טון זיך אַליין, אויס מורא ס'זאָל אים נישט געשען עפּעס שלעכטס; איבערגעטריבענע ציטערדיקייט איבערן קינד אד"גל. אַזאַ באַהאַנדלונג רופט אַרויס בײַם קינד דעם אײַנדרוק, אַז ער איז כּסדר אַרומגערינגלט מיט אויסערגעוויינלעכע געפאַרן און דאָס שטאַרקט נאָך מער בײַ אים דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט בײַ אַלע קינדער איז דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל אַנטוויקלט אין דער זעלבער מאָס. ס'איז אָפּהענגיק דערפון, צי איינע אָדער מערער פון די דערמאָנטע סיבות ווירקן בײַם געגעבענעם קינד, און אין וואָס פאַר אַ מאָס ס'ווירקט יעדע סיבה באַזונדער. פאַראַן קינדער, בײַ

וועלכע דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל איז אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט, אַז עס קאָן גורם זײַן זייער ערנסטע נערוועזע שלאָפקייטן. און פאַראַן אַנדערע קינדער, בײַ וועלכע דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל טרעט אויף אין אַ גאַנץ לײַכטער פאָרם און שטערט נישט אין אַ באַמערקבאַרער מאָס דער נאָרמאַלער גײַסטיקער און געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון קינד. אָבער קיין שום קינד קאָן פון דאָזיקן געפיל נישט זײַן אַבסאָלוט פרײַ.

אין רעזולטאַט פון מינדערווערטיקייט־געפיל און אָפּהענגיק פון דער שטאַרקייט פון זײַן אויסווירקונג, אַנטוויקלט זיך בײַ יעדן קינד אַ מער אָדער ווייניקער שטאַרקע שטרעבונג צו באַזײַטיקן, צו פאַרגיטיקן (קאָמפּענסירן) דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל. דאָס קאָן געשען דורך דעראָבערן פאַר זיך אַ געוויסע מ א כ ט, אַ געוויסן אָנזען בײַ די אַרומיקע. צוויי גרונט וועגן קאָנען דינען דעם קינד צו רעאַליזירן די דאָזיקע קאָמפּענסירנדע מ א כ ט ־ ש ט ר ע ב ו נ ג: 1. ווידערשטאַנד, ווידערשפּעניקייט, קאַמף מיט די עלטערע — אַלס מיטלען צו דעראָבערן זעלבשטענדיקייט און פּערזענלעכע פרײַהייט און דערמיט באַזײַטיקן דאָס אומאָנגענעמע און נאַגנדע מינדערווערטיקייט־געפיל. 2. פאַרקערט, ספּעציעלע געהאָרכזאַמקייט, באַמערקנסווערטע נאָכגיביקייט, גוט לערנען זיך, מוסטערהאַפט דערפילן פליכטן אד״גל — כּדי צו דערגרייכן אָנערקענונג בײַ די עלטערע, באַקומען אָנזען און דערמיט — אַ געוויסע (מאָראַלישע) מאַכט איבער זיי. די דאָזיקע צוויי וועגן, כאָטש זייער געזעלשאַפטלעכער ווערט איז אַ קעגנזעצלעכער (איינער שעדלעך, דער צווייטער — ניצלעך), האָבן אָבער דעם זעלבן פּסיכאָלאָגישן ווערט און באַדײַטונג — און די זעלבע טרײַבקראַפט — נעמלעך: ש ט ר ע ב ו נ ג צ ו אָ נ ז ע ן, צ ו מ אַ כ ט.

פונקט ווי פרויד, אַזוי אויך אַדלער, איז אַ ביסל איבערטרײַבעריש און עקסטרעם אין זײַן אָנווענדן זײַן טעאָריע, זעענדיק די א יי נ צ י ק ע טרײַבקראַפט פון דער מענטשלעכער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און פון מענטשלעכער האַנדלונג אויסשליסלעך אינעם מינדערווערטיקייט־געפיל און מאַכט־שטרעבונג, אָבער אָן שום ספק איז די אַנטדעקונג פון מינדערווערטיקייט־

געפיל ביי קינדער און זיין אויסווירקונג אויף זייער גייסטי־קער אַנטוויקלונג – אַ ריכטיקע. דער דאָזיקער באַגריף, אַריינגעפירט אין דער וויסנשאַפט דורך פּראָפ׳ אַדלער, איז זייער אַ ווערטפולער און פרוכטבאַרער אין דער פּסיכאָלאָגיע און פּעדאָגאָגיע.

אָבער ס׳איז ווייניק פעסטצושטעלן די עקזיסטענץ פונעם מינדערווערטיקייט־געפיל בכלל. מען מוז אויך אויספאָרשן זיין קאָנקרעטע געשטאַלטונג און ווירקונג אין פאַרשידענע אומשטענדן און ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. אַ נעגעטרע אונטערזוכונג ווייזט אונדז טאַקע, אַז דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל שפּילט אַ פאַרשידענע ראָלע און נעמט אָן פאַרשידענע פאָרמען ביי בירגערלעכע און ביי פּראָלעטאַרישע קינדער.

ווי מיר האָבן געזען, איז איינע פון די סיבות ביים אַנטשטיין פון מינדערווערטיקייט־געפיל די באַגרענעצטע רעכט פון די קינדער און דאָס אונטערשעצן זייערע פאַרלאַנגען און באַדערפעניש דורך די עלטערע. אָבער אין דער בירגערלעכער סביבה ווערט דאָס דאָזיקע געפיל נאָך מער געשטאַרקט דורך דער דיספּראָפּאָרץ פון די גענוס־מעגלעכקייטן פון די קינדער לגבי די דערוואַקסענע. די עלטערע דערנערן זיך גוט, קליידן זיך עלעגאַנט, לעבן אין קאָמפאָרט. דאָס קינד אָבער אין דער בירגערלעכער שטוב געניסט ווייניקער פון די דאָזיקע גוטסקייטן: פאַרשידענע געשמאַקע און פּיקאַנטע שפּייזן, וועלכע עס זעט ביי די עלטערע, באַקומט דאָס קינד נישט; פון באַרוישנדע געטראַנקען (בראָנפן, וויין) טאָר עס נישט געניסן – „ווייל ס׳איז נישט פאַר קיין קינדער״; אין סעודות, בעלער, וועלכע קומען פאָר אין שטוב, טאָר ער נישט אָנטיילנעמען, און ווען אַלע זעצן זיך צום רייך באַדעקטן טיש, (בעת אַ יום־טוב אָדער הוליאַנקע), מוז ער אָפּעסן דאָס קינדישע מאַלצייט און לייגן זיך שלאָפן. די עלטערע קליידן זיך עלעגאַנט לויט אַלץ נייע, וואָס מער רוישיקע מאָדעס, אָבער דאָס קינד קליידט מען פאַרהעלטענישמעסיק איינפאַך אאז״וו. מיט איין וואָרט: דער לעבנס־ניוואָ פון בירגערלעכן קינד, טראָץ דעם, וואָס עס לעבט זיך זייער באַקוועם, איז אַ סך

ניִדעריקער, ווי פון זײַנע עלטערע משפּחה־לײַט, ער גענישט נישט פון אַ סך זאַכן, וואָס די עלטערע געברויכן, און דאָס שטאַרקט בײַ אים דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל, און עס באַקומט בײַ אים צוליב דעם אַ שאַרפערע, מער עגאָיִסטישע פאָרם, עס שטעלט דאָס קינד אין אַ פײַנטלעכער פּאָזיציע קעגן אַלע. דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל בײַם בירגערלעכן קינד באַדײַט: איך — קעגן אַלע אַרום מיר! קודם־כּל — קעגן די אייגענע משפּחה־מיטגלידער, וואָס בילדן דאָך דעם רוב פון זײַן גאַנצער סביבה.

די לאַגע פון פּראָלעטאַרישן קינד אינערהאַלב זײַן פאַמיליע שוואַכט, דאַקעגן, אָפּ דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל. דאָס פּראָלעטאַרישע קינד איז אין זײַן פאַמיליע מאַטעריעל פּריווילעגירט. אפילו ווען אין שטוב איז נישטאָ וואָס צו עסן (אָדער ס׳איז דאָ זייער קנאַפּ) — איז ס׳ערשטע פאַרזאָרגט מען דאָס קינד. ווען אין שטוב פּײַפט דער הונגער, און אפילו ברויט איז נישטאָ צו דער זעט — איז פאַרן קינד ווערט מען נאָך אַ מאָל קויפן אַ ביסל מילך און פּוטער. דאָס, וואָס די עלטערע פאַרגינען זיך נישט אָדער האָבן נישט — באַמיט מען זיך פונדעסטוועגן צו פאַרזאָרגן פאַרן קינד. אויך מיט קליידונג פאַרזאָרגט מען צום ערשטן דאָס קינד, ס׳זאָל אים זײַן וואַרעם, ער זאָל נישט טראָגן קיין צעריסענע שיכלעך אד״גל. אין דער פּראָלעטאַרישער אָדער סתּם אָרעמער משפּחה, ווו דער לעבנס־ניוואָ איז נידעריקער ווי נאָרמאַל, זאָרגט מען קודם־כּל דערפאַר, אַז ס׳קינד זאָל זײַן ווי עס איז באַפרידיקט. דער מאַטעריעלער לעבנס־ניוואָ פון פּראָלעטאַרישן קינד איז בכן העכער, ווי דער לעבנס־ניוואָ פון זײַן אייגענער משפּחה. דאָס פּראָלעטאַרישע קינד פילט דאָס און זעט דאָס; ער זעט, אַז ער איז פּריווילעגירט — און דאָס דערוועקט בײַ אים אַ געפיל פון וויכטיקייט, פון אָנזען. די דאָזיקע לאַגע איז גורם אַ מילדערונג פונעם מינדערווערטיקייט־געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן קינד.

דאָס פּראָלעטאַרישע קינד איז פאַרהעלטענישמעסיק (אין באַצוג צו די עלטערע פון דער אייגענער משפּחה) מאַטעריעל צופרידנגעשטעלט. עס נאָגט אים נישט די קנאה לגבי די על־

טערע, ער פילט נישט לגבי זיי (אין מאַטעריעלער הינזיכט) קיין אייפערזוכט. נישט זייענדיק פון דער זייט אָבסאָרבירט, ווערט זיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן דורך אַן אַנדער וויכטיקער דערשיינונג: דאָס איז — די געזעלשאַפטלעכע מינדערווערטיקייט פון זיין משפחה — פון זיינע עלטערן, עלטערע ברידער-שוועסטער א״אַנד. ער הערט כסדר אין שטוב, ער זעט און ער פילט, אַז זיי ווערן כסדר באַעוולט, מען צאָלט זיי קליינע לוינען, די אַרבעט-געבער באַעוולהן זיי — און דערפאַר האָט ער, דאָס קינד, ווייניק צו עסן, האָט צעריסענע שיך אאַז״וו. אָפט ווערן זיינע דערוואַקסענע אין גאַנצן אַרבעטלאָז, מען וואַרפט זיי אַרויס פון פאַבריק — און דאַן ווערט גאָר ביטער אין שטוב; דער בייזער ווירט קומט אין שטוב, מאַכט געוואַלדן, דראָט אַרויסצוּוואַרפן פון דער דירה, אָדער טוט עס גאָר טאַקע; אין שטוב הערשט פאַרצווייפלונג, הונגער, טרויער. אויף זיינע אומצייליקע „פאַרוואָסן״: פאַר וואָס האָט מען דעם טאַטן אַרויסגעוואָרפן פון פאַבריק, פאַר וואָס האָט דער טאַטע נישט קיין אַנדער אַרבעט, אָדער גאָר — אַן אייגענע פאַבריק, פאַר וואָס מוז מען דעם ווירט געבן געלט, פאַר וואָס האָט ער רעכט אַרויסצוּוואַרפן פון דער דירה אאַז״וו, אד״גל — באַקומט ער איין ענטפער: מיר זענען אָפּהענגיק פון שלעכטע מענטשן, מיר זענען הילפלאָז און קענען גאָרנישט טון, יענע זענען שטאַרקער און רייכער, און מיר זענען שוואַך און אָרעם. מיט איין וואָרט: דאָס פּראָלעטאַרישע קינד דערקענט און דערפילט, ווי שרעקלעך זיין משפחה ווערט באַעוולט דורך דער אַרומיקער וועלט, ווי הילפלאָז זיי זענען קעגן דעם שלעכטס, וואָס רינגלט זיי אַרום. דאָס קינד פילט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, סאָלידאַר מיט זיין משפחה, ווייל ער זעט באַשיינפערלעך, אַז זייער עוולה איז זיין עוולה, זיין גורל איז אָפּהענגיק פון זייער גורל (דער טאַטע האָט נעכטן נישט געאַרבעט — האָט ער נישט געהאַט קיין פרישטיק). זיין אויפמערקזאַמקייט ווערט אָפּגעווענדעט פון די מינדערווערטיקייט-מאָמענטן (אין אַדלערישן זין) אַלס קינד, און זי ווערט אין גאַנצן אָבסאָרבירט דורך דער מינדערווערטיקייט פון זיין פאַמיליע: אין זיין באַ-

וווסטזיין ווערן אפגערוקט אין הינטערגרונט די מאמענטן פון קינדערשער קעגנערשאפט צו די עלטערע (פערזענלעך מינד׳-געפיל), און אין אויבנאן פון זיין באוווסטזיין רוקט זיך ארויס די סאלידאריטעט מיט זיין משפחה — אין קעגנזאץ צו דער אויסערלעכער וועלט, וועלכע באעוולט זיי אזוי שטארק. דאס ארט פון פערזענלעכן, אזוי צו זאגן עגאָיסטישן, מינדערווערטיקייט-געפיל פארנעמט דאס קאלעקטיווע מינדערווערטיקייט־געפיל: ער מיט זיין משפחה זענען מינדערווערטיק, שרעקלעך באעוולט דורך דער ארומיקער וועלט. דאס פראלעטארישע קינד שטעלט נישט אנטקעגן זיך אליין (ווי ס׳איז ביים בירגערלעכן קינד) — דער גאנצער ארומיקער סביבה, נאר ער שטעלט אנטקעגן: זיך צוזאמען מיט זיין משפחה — אנטקעגן דער ארומיקער וועלט. אין קאמף מיטן ארום גייט ער נישט אליין, נאר צוזאמען מיט זיין משפחה, אלס איר טיילכל, אלס סאלידארער באשטאנדטייל פון א קאלעקטיוו (א קאלעקטיוו — א באגרענעצטן, ווייל ער נעמט ארום אויסשליסלעך זיין אייגענע משפחה און זיינע נאנטסטע).

פארשטייט זיך, אז דאס אלץ איז ביים פראלעטארישן קינד נישט קיין גלייכגילטיקע, אביעקטיווע אבסערוואציע, נאר דאס איז א געפילמעסיק שטארק באפארבטער גייסטיקער פראצעס. אויפן יסוד פון דעם קאלעקטיוון מינדערווערטיקייט-געפיל און פון דער פאמיליע-סאלידאריטעט שאפט זיך ביים פראלעטארישן קינד א שטארקער פאמיליע-קאמפלעקס*), דערמיט ענדערט זיך וועזנטלעך דער כאראקטער און די ראלע פונעם מינדערווערטיקייט-געפיל אין דער גאנצער אנטוויקלונג פון פראלעטארישן קינד. דאס מינדערווערטיקייט-געפיל אין דער אויפפאסונג פון פראפ׳ אדלער איז שטענדיק און אין אלע באדינגונגען איינהייטלעך און אין זיין אינהאלט — שטענדיק

---

*) א געפיל-קאמפלעקס רופט מען אין דער מאדערנער פסיכאלאגיע אן ענג צוזישן זיך פארבונדענע גרופע געפילן, וועלכע ווירקן שטענדיק צוזאמען, זענען איינהייטלעך באפארבט און לענקען די אויפמערקזאמקייט, די האנדלונגען און טאמער אפילו דאס דענקען אין איין באשטימטער ריכטונג,

עגאָיִסטיש, אַזוי צו זאָגן וועלט-קעגנעריש; ער שטעלט אַנטקעגן זיך אַליין — דער גאַנצער אַרומיקער וועלט. אָבער אין די קלאַסן-באַדינגונגען פונעם לעבן פון פּראָלעטאַרישן קינד פאַרוואַנדלט זיך דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל אין אַ קאָלעקטיוו מינדערווערטיקייט-געפיל, עס נעמט שוין אַרום נישט אים אַליין, נאָר די גאַנצע אייגענע משפּחה. צוליב דעם קומט פאָר אַ פּרינציפּיעלער דורכבראָך אינעם וועזן און כאַראַקטער פונעם מינדערווערטיקייט-געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן קינד בכלל. פון אַן אויסשליסלעך עגאָיִסטיש געפיל פאַרוואַנדלט זיך עס בײַם פּראָל' קינד אין אַ געפיל, וואָס האָט אין זיך אַ סאָציאַלן עלעמענט, ווײַל עס איז שוין נישט נוגע אים אַליין, נאָר נעמט אַרום מיט אַ סאָלידאַריטעט-געפיל אַ געוויסן קאָלעקטיוו, כאָטש אַ באַגרענעצטן (קוים די אייגענע פאַמיליע).

דאָס דאָזיקע קאָלעקטיווע מינד'-געפיל, דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט דער אייגענער משפּחה — אַנטקעגן דער אויסערלעכער וועלט, שטויסט זייער פרי דאָס פּראָלעטאַרישע קינד צו אַנטשפּרעכנדע האַנדלונגען, צו אַקטיוויטעט, צו טאַטפולער הילף דער פאַמיליע אין איר קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. פּראָלעטאַרישע קינדער (און קינדער פון די אָרעמע שיכטן בכלל) גייען זייער גערן אין די פּריסטע יאָרן אַרבעטן, און זיי קלאָגן זיך אַבסאָלוט נישט דערויף. פאַרקערט: דאָס פילט זיי אָן מיט אַ געוויסן שטאָלץ, און זיי גרייסן זיך דערמיט, וואָס זיי קומען שוין צו נוץ דער פאַמיליע און זיי זענען שוין „פאַרדינער" צו גלײַך מיט די עלטערע.

דאָס אויבן געזאָגטע איז נישט בלויז אַ לאָגישער אויספיר פון טעאָרעטישע הנחות, נאָר אַ פאַקט פון דערווירקלעכקייט: אין די יוגנט-סעקציעס בײַ די פּראָפ' פאַראיינען קאָן מען זייער אָפט זען, ווי די יונגיטשקע מיטגלידער, כמעט נאָך קינדער, זענען פאַרצווייפלט, אויב זיי באַקומען נישט אַזוי געשווינד קיין פּאָסטן, ס'פאַלט זיי גאָר נישט אײַן צו פרייען זיך אין הארצן, אַז זיי קאָנען נאָך זײַן „פרײַע פייגל", אויב זיי באַקומען נישט קיין פּאָסטן. (פאַרקערט איז בײַ בירגערלעכע קינדער: זיי פילן זיך פּשוט פאַרצווייפלט און מאַכן אַוואַנטורעס אין שטוב, אויב מען נעמט זיי אָפּ צו פרי פון שולע און מען

שיקט זיי צו אַן אַרבעט). ווער קען נישט די 8—10־יעריקע הענדלערלעך מיט בייגל, ציטרינען, צוקערלעך, צײַטונגען אד"גל, מיט וועלכע ס'זענען פֿול די גאַסן פֿון די אָרעמע קוואַרטאַלן אין די גרויסע שטעט? די דאָזיקע בראַווע „פֿאַרדינער" שטייען אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף די גאַסן, אין פֿרעסט און אין רעגנס, און זיי וועלן זייערע „פֿאַראַנטוואָרטלעכע" פּאָסטנס נישט פֿאַרלאָזן, ביז זיי וועלן נישט אַלץ אָפּלייזן. אויסגעהונגערטע, פֿאַרשלאָפֿענע, אויסגעמאַטערטע פֿון קעלט, מיד — וועלן זיי אָפּילו אין די שפּעטע נאַכט־שעהן נישט פֿאַרלאָזן די גאַס, אויב ס'וועט נאָר זײַן די מינדעסטע האָפֿענונג אָפּצולייזן דאָס „רעשטל". די דאָזיקע זעלנער פֿון נויט וועלן נישט דעזערטירן, ביז זיי וועלן בשלימות זייער פֿליכט נישט דערפֿילן. *אויסדויער און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפֿיל* זענען פֿרי דערוואָרבענע כאַראַקטער־שטריכן פֿון די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע קינדער, וואָס קומען אין רעזולטאַט פֿון דעם פֿאַמיליע־קאָמפּלעקס, פֿון סאָלידאַריטעט־געפֿיל מיט דער אייגענער משפּחה. דער דאָזיקער אויסדויער איז אין דער קלענסטער מאָס אַ רעזולטאַט פֿון מורא פֿאַרן טאַטן אָדער מאַמען, וועלכע וועלן שרײַען אויפֿן „שלימזל", וואָס קאָן נישט אָפּלייזן אַ קויש בייגל; אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איז עס אַ רעזולטאַט פֿון אויפֿריכטיקן סאָלידאַריטעט־געפֿיל און פֿון שטאַרקן ווילן צוזאַמען מיט די „גרויסע" צו קעמפֿן מיט דער נויט, צו העלפֿן דער אייגענער פֿאַמיליע אין איר שווער לעבן *).

---

*) פֿאָלגנדן אויטענטישן פֿאַקט, וועלכן כ'האָב מיטגעמאַכט, איז דאָ חערט — אַלס אילוסטראַציע צום אויבן געזאָגטן — צו דערציילן. אַ גרופּע איז געגאַנגען שפּאַצירן אין דער סילוועסטער־נאַכט, אַרום 1 בײַ נאַכט. אַזאַ יונג „סוחרל", פֿון אַ יאָר 10—11, האָט אונדז פֿאַרגעלײגט צו קויפֿן בײַ אים בייגל. מיר האָבן אים אָפּגעזאָגט, דאַקעגן האָבן מיר אים מכבד געווען מיט אַ פּאָמעראַנץ. אין אָנהייב האָט ער עס אָנגענומען אַלס געשמאַקלאָזן חיוק און אונדז געענטפֿערט מער־ווייניקער אַזוי: „וואָס מאַכט איר פֿון מיר חוזק? איך האָב נישט צו אײַך קיין צײַט, איך דאַרף לייזן". אָבער איבערצײַגנדיק זיך, אַז מיר שענקען אים אויף אַן אמת אַ פּאָמעראַנץ, האָט ער אים צוגענומען און אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. מיר האָבן אים פֿאַרגעלייגט, אַז ער זאָל דעם פּאָמעראַנץ אויפֿן אָרט אויפֿעסן. דערויף האָט ער געענטפֿערט, אַז ער וועט עס אַהיימטראָגן און „די שוועסטערלעך וועלן אויך עסן". ווער ס'האָט אים

ס׳וואָלט געווען אַ פעלער צו זען אין דעם פאַמיליע-
מינדערווערטיקייט-געפיל אַ וועלכן ס׳איז אויסדרוק פון קלאַסן-
געפיל. דער לעצטער טיילט איין די וועלט אין 2 קלאַסן:
אָרעמע און רייכע. אָדער באַוואַלטע און נישט-באַוואַלטע. דאָס
פאַמיליע-מינד׳-געפיל פירט אָבער דורך אַ גאַנץ אַנדערע פונאַנ-
דערטיילונג פון דער געזעלשאַפט: איך און מיין פאַמיליע —
קעגן דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט. און צו דער דאָזיקער
אויסערלעכער וועלט רעכנט דאָס פּראָלעטאַרישע קינד אַריין
אַלעמען, רייכע און אָרעמע, דעם בייזן הויזווירט, ווי דעם
אָרעמען שניידער אָדער שוסטער, וואָס קאָנקורירט מיט זיין
טאַטן.

ביי אַ טייל קינדער קאָן דער פאַמיליע-קאָמפּלעקס —
ביי ספּעציעלע באַדינגונגען — זיין אַזוי שטאַרק פאַראַנקערט
אין דער נשמה, אַז ער בלייבט דויערהאַפט, ווירקזאַם און דע-
צידירנד אויפן גאַנצן לעבן און פאַרשטעלט אָדער מאַכט
אוממעגלעך די אַנטוויקלונג פון ברייטערע אַלגעמיינערע גע-
פילן (אין געזעלשאַפטלעכן זין). דאָס פאַמיליע-מינדערווערטי-
קייט-געפיל און דער אויף אים באַגרינדעטער פאַמיליע-קאָמ-
פּלעקס בלייבן שוין ביי אַזעלכן דאָס גאַנצע לעבן דער לייט-
מאָטיוו פון האַנדלען און דענקען. אַזעלכער וואַקסט געוויינלעך
אויס אַלס גוטער, פלייסיקער און געוויסנהאַפטער אַרבעטער,
אַ גוטער פאַכמאַן; זיין האָריזאָנט גייט נישט אַרויס אויסערן
וואַרשטאַט און שטוב, און זיין לעבנסציל איז — וואָס מער
פאַרדינען. ער איז כּסדר דורכגענומען מיט דער נישט זיכער-
קייט פון זיין אייגענעם מאָרגן, און דער קאַמף צוליבן שטיקל
ברויט פאַר ווייב און קינדער — שעפּט אויס זיין גאַנצע אויפ-
מערקזאַמקייט. אַזאַ אַרבעטער אָדער באַלמעלאָכע קאָן אַפילו
זיין אַ גוטער פאַראיינס-מיטגליד, אָדער אַפילו בעת אַ שטרייק
אָדער אַנדערן לוינקאַמף אַרויסווייזן קאַמפּסלוסטיקייט: ער קאָן
אונטערשטיצן די ראַדיקאַלסטע פאָדערונגען בנוגע לוין אָדער
אַרבעטס-באַדינגונגען — אָבער דאָס איינציקע, וואָס באַוועגט

געהערט רעדן, ביי דעם איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז דאָס איז גישט
קיין שום זשעסט צום געפעלן, נאָר אויפריכטיק געזאָגט.

אים צום דאָזיקן קאַמף און אַפילו צו דרייסטע אַרויסטרעטונגען — דאָס זענען נאָר זײַנע אייגענע דירעקטע מאַטעריעלע אינטערעסן און באַדערפעניש, די זאָרג וועגן חיונה פאַר ווײַב און קינדער — מער נישט.

* * *

ס'קאָן לײַכט אַנטשטיין די מיינונג, אַז דאָס קאָלעקטיווע מינדערווערטיקייט-געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן קינד, וואָס נעמט לכתחילה אַרום מיטן סאָלידאַריטעט-געפיל נאָר די אייגענע פאַמיליע, קאָן זיך נאַטורמעסיק, אויטאָמאַטיש אויסברייטערן, שטופנווײַז איבערגיין אויפן גאַנצן קלאַס און זיך פאַרוואַנדלען אין קלאַסן-אינסטינקט. לאַגיש זעט אויס די זאַך צו זײַן גאַנץ פשוט: מיט דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פונעם אַרבעטער-קינד און מיטן וווּקס פון זײַן פאַרשטאַנד, דערזעט ער אַלץ אַ גרעסערן קרײַז מענטשן, וועלכער לעבט אין די זעלבע באַדינגונגען, וואָס זײַן פאַמיליע; פריִער באַמערקט ער עס בײַ די שכנים אויפן הויף, נאָכהער — בײַ דער באַפעלקערונג פון אַרבעטער-קוואַרטאַל, אין וועלכן ער וווינט, שפּעטער — דערוויסט ער זיך, אַז דאָס גאַנצע אַרבעטנדיקע פאָלק פון לאַנד לעבט אַזוי ווי ער, — און אַזוי ביסלעכווײַז און שטופנווײַז פאַרוואַנדלט זיך בײַ אים דאָס פאַמיליע-מינדערווערטיקייט-געפיל אין אַ געפיל, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן קלאַס, ד"ה אין קלאַסן-אינסטינקט אָדער גאָר קלאַסן-באַוווסטזײַן. אַזוי אַרום — קאָנען אַ טייל מיינען — מוז בײַם פּראָלעטאַרישן קינד אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויסוואַקסן דאָס קלאַסן-באַוווסטזײַן. נו, און נאָכהער באַקומען מיר לײַכט פאַרטיקע סאָציאַליסטן, וועלכע וואַקסן אויס אויפן קאַפּיטאַליסטישן באָדן, ווי זאַנגען אויפן פעלד.

לאַגיש זעט טאַקע דער דאָזיקער אויספיר אויס צו זײַן זייער איבערצײַגנד, און אַזאַ גלויבן איז טאַקע געווען און איז נאָך ביז הײַנט זייער פאַרשפּרייט אין די סאָציאַליסטישע קרײַזן. פונדעסטוועגן אַנטשפּרעכט ער אַבסאָלוט נישט דערווירקלעכקייט. דער פאַמיליע-קאָמפּלעקס בײַם פּראָלעטאַרישן קינד איז נישט קיין רעזולטאַט פון קיין שום געדאַנקען-גאַנג,

נאָר איז אַ ריינער געפיל-קאָמפּלעקס. אָבער געפילן
פאַלן אַבסאָלוט נישט אַרונטער קיין שום לאָגישער געזעצמאָ-
סיקייט, און זייער אַנטוויקלונגס-גאַנג, ווי אויך זייערע קאָנ-
סעקווענצן, קאָן מען אַבסאָלוט נישט פאָרויסזען מיט דער
הילף פון פאָרמעל-לאָגישער אַנאַליז. געפילן האָבן בכלל
נישט קיין שום אייגענע, אינערלעכע, שטענדיק גילטיקע, פאָר-
מעלע אַנטוויקלונג-געזעצן. די זעלבע געפילן אָדער געפיל-
קאָמפּלעקסן קאָנען זיך, ביי פאַרשידענע אומשטענדן, אַנטוויק-
לען אַפילו אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. ביי געוויסע באַדינ-
גונגען קאָן זיך דאָס פאַמיליע-מינד'-געפיל אַנטוויקלען אין דער
ריכטונג פון קלאַס און זיך פאַרוואַנדלען אין קלאַסן-אינ-
סטינקט, אָבער פונקט אַזוי קאָן ער זיך אַנטוויקלען — ביי
אַנדערע באַדינגונגען — אין דער ריכטונג פון פאָלק, נאַציע —
און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נאַציאָנאַליסטישן און אַפילו שאָ-
וויניסטישן קאָמפּלעקס *). אין וועלכער ריכטונג דער פאַמיליע-
קאָמפּלעקס זאָל זיך אַנטוויקלען — וועגן דעם דעצידירט נישט
קיין שום פאָרמעלע געזעצמאָסיקייט פון די געפילן זעלבסט,
נאָר אויסערלעכע פאַקטאָרן, קאָנקרעטע איבערלעבונגען פון
דער געגעבענער פּערזאָן (און דאָס אויך איבערלעבונגען גיכער
פון געביט פון געפיל-ספערע, ווי פון געדאַנקען-ספערע). פיל
סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער האָבן דעם דאָזיקן מאָמענט פאַר-
זען, און דעריבער האָבן זיי צופיל געשטעלט אויף דער אוי-
טאָמאַטישקייט פונעם אַנטשטיין פון קלאַסן-אינסטינקט און
קלאַסן-באַוווסטזיין. זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז דער קלאַסן-
אינסטינקט איז אַ געפיל-קאָמפּלעקס, און אַפילו דער קלאַסן-
באַוווסטזיין האָט אָפטמאָל (אויף זיינע נידעריקערע שטופן)
מער אין זיך געפיל-עלעמענטן, ווי געדאַנקען-עלעמענטן. דאָס
רעכענען אויף אויטאָמאַטישקייט („די עקאָנאָמישע באַדינגונגען
וועלן שוין מאַכן זייערס") איז געווען אַ גרויסער פעלער.
אויב געפילן האָבן יאָ אַ וועלכע עס איז אינערלעכע

---

*) אַז דאָס איז נישט בלויז אַן אַבסטראַקטער אויספיר, נאָר טרויע-
ריקעווירקלעכקייט — באַווייזט אונדז די פּאָליטישע געשיכטע פון פיל אייראָ-
פּעישע לענדער פאַר די לעצטע יאָרן.

געזעצמעסיקייט, איז עס קודם-כל די טענדענץ צו בלייבן נישט געענדערט, אזוי צו זאגן — א ק א נ ס ע ר װ א ט י װ ע טענדענץ. דארט, װו מעכטיקע היסטארישע געשעענישן (רעװאלוציעס, סאציאלע קאמפן, אידעישע באװעגונגען אד"גל) האבן נישט באװירקט פון דרויסן דעם אנטװיקלונג-גאנג פון געפיל-קאמפלעקס ביי די פראלעטארישע מאסן, דארט האט זיך טאקע ביי זיי דער פאמיליע-קאמפלעקס — איבערגעלאזט זיינע א י ג ע נ ע כוחות — נישט װייט אנטװיקלט. א באשטעטיקונג דערויף גיט אונדז דער ביישפיל פון ענגלישן און אמעריקאנישן פראלעטאריאט. זיי זענען נאך ביז היינט נישט ארויס איבער די ראמען פון זייערע קלאסן-אינטערעסן אין די ענג נאציאנאלע ראמען; דאס דענקען מיט אינטערנאציאנאלע קאטעגאריעס איז פאר זיי נאך ביז היינטיקן טאג גאנץ פרעמד; זיי זענען אלזא נאך נישט װייט אװעק פון פאמיליע-קאמפלעקס און די דערמיט פארבונדענע, דירעקטע, מאטעריעלע אינטערעסן.

אבער אויב דער פאמיליע-קאמפלעקס, דער פרימיטיװסטער אויסדרוק פון ק א ל ע ק ט י װ י ס ט י ש ע ר ס א ל י ד א ר י ט ע ט, מוז נישט פירן אויטאמאטיש צום אנטשטיין פון פארטיקן קלאסן-באװוסטזיין, שאפט ער אבער א ב י ע ק ט י װ דעם ג י נ ס ט י ק ס ט ן ב א ד ן און די גינסטיקסטע באדינגונגען צום דערציען דעם דאזיקן באװוסטזיין. פון דעם דרינגט ארויס, אז די סאציאליסטישע אידעע האט פריװילעגירטע שאנסן, אבער קיין שום פאקטאר ארבעט נישט פאר איר אויטאמאטיש.

דאס קאלעקטיװע מינדערװערטיקייט-געפיל און דער אויפזיין באדן אנטשטאנענער פאמיליע-קאמפלעקס שטעלן גלייכצייטיק פאר די בוישטיינער פון א קלאסן-מאראל. דאס מינדערװערטיקייט-געפיל ביי דעם בירגערלעכן קינד טראגט אריינעגאיסטישן כאראקטער (איך אליין — קעגן דער גאנצער איבעריקער װעלט), און דעריבער בויט זיך אויף אים אויס אמלייכטסטן אן אינדיװידועל-עגאיסטישע מאראל, — א מאראל, װאס באצייכנט אין קאנקורענץ-קאמף אלע מיט-

לען*), און שאַפט אַ מאָראַלישע פאַרענטפערונג פאַר דער צו־קונפטיקער געזעלשאַפטלעכער פונקציע פונעם עקספּלואַטאַטאָר, פון אַן אונטערנעמער, וואָס רעכנט זיך אויסשליסלעך מיט זײַנע פּראָפיטן און פּריוואַטע אינטערעסן. אָבער דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן קינד געשטאַלטעט זיך אויס אַנדערש: אַלס קאָלעקטיוו מינד׳־געפיל, אַלס סאָלידאַריטעט־געפיל מיט דער אייגענער פאַמיליע, שאַפט עס די בוישטיינער פון אַ סאָלידאַריסטישער מאָראַל, אַ מאָראַל – געבויט אויף קעגנזײַטיקער הילף און סאָלידאַרער צוזאַמענאַרבעט. די דאָזיקע סאָלידאַריסטישע מאָראַל ווערט פאַרווירקלעכט שוין אין די פריסטע לעבנסיאָרן פון פּראָלעטאַרישן קינד, ווען עס גייט גערן אַרויס אַרבעטן אין גאַס אָדער אין וואַרשטאַט, כדי סאָלידאַר צו העלפן זײַן פאַמיליע אין איר שווערן קאַמף פאַרן שטיקל ברויט. די דאָזיקע מאָראַל, וועלכע ווערט אַ פאַקט שוין אין די פריסטע לעבנסיאָרן פון פּראָל׳ קינד, בלײַבט אַ דויערהאַפטער באַשטאַנדטייל פון זײַן נשמה און אַנטוויקלט זיך ווײַטער, אַפילו ווען די דאָזיקע מאָראַלישע אַנטוויקלונג ווערט נישט באַגלייט אין דער זעלבער מאָס דורך דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. דאָס געשעט קודם־כל דערפאַר, ווייל די דאָזיקע מאָראַל איז אויך אייגנטלעך אַ געפיל־קאָמפּלעקס, און דעריבער שטייט זי אין דירעקטער פאַרבינדונג מיטן קאָלעקטיוון מינדערווערטיקייט־געפיל. אין איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג מוז די דאָזיקע קלאַסן־מאָראַל נישט דווקא זיך אויסדריקן אין העלדנטאַטן פון געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם, זי קאָן אויך געפינען איר אויסדרוק אין קלייניקייטן, אין האַנדלונגען פון טאָג־טעגלעכן גראָען לעבן, אין באַציִונג צו אַרבעטער אין וואַרשטאַט, צו שכנים און באַקאַנטע, צו פערזענלעך נאָענטע אאַז״וו. אָבער די דאָזיקע קלאַסן־מאָראַל, געבויט אויפן סאָלידאַריטעט־געפיל, עקזיסטירט און זי געפינט איר קאָנקרעטן

*) גייענדיק אַמאָל אין גאַס האָב איך געהערט, ווי באַלעבאַטים רעדן צווישן זיך, און איינער זאָגט: „איך מוז קומען צו געלט, און דאָס — פאַר יעדן פּרייז" (ווערטלעך!).

אויסדרוק, אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, סײַ אין קלייניקייטן, סײַ אין גרויסע טאַטן (וווּנדערבאַרער העלדנמוט פון שפּאַנישן פּראָלעטאַריאַט, פון עסטרײַכישן שוצבונד אד"גל).

די עקזיסטענץ פון פאַרשידענע קלאַסן-מאָראַלן איז אַ רעאַלער פאַקט. זייערע ערשטע בוישטיינער בילדעט דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל: אויף דעם דורכויס-עגאָיִסטיש באַפאַרבטן מינדערווערטיקייט-געפיל בײַם בירגערלעכן קינד באַזירט זיך די עקספּלואַטאַטאָרישע, עגאָיִסטישע מאָראַל פונעם אונטערנעמער; אויפן קאָלעקטיוון מינדערווערטיקייט-געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן קינד בויט זיך אַ סאָלידאַריסטישע, מענטשן-פרײַנדלעכע, פּראָלעטאַרישע קלאַסן-מאָראַל.

דאָס קאָלעקטיווע מינדערווערטיקייט-געפיל שטעלט מיט זיך פאָר אַ (פּאַסיוון) באָדן פאַרן אַנטשטיין פון (אַקטיווע) סאָציאַלע געפילן.

קאַפּיטל 3

די סאָציאַלע געפילן

בײַ יעדן דערוואַקסענעם מענטשן און בײַ יעדן קינד ווירקן אָן שום ספק, אין אַ קלענערער אָדער אין אַ גרעסערער מאָס, סאָציאַלע געפילן, ד״ה אַזעלכע געפילן, וואָס זענען גורם אַ געוויסע סאָלידאַריטעט מיט מענטשן בכלל אָדער מיט אַ באַשטימטער סביבה (אין ענגערן אָדער ברייטערן פאַרנעם).

ווי אַזוי שאַפן זיך די דאָזיקע סאָציאַלע געפילן? — פיל דענקער, צווישן זיי אויך אַלפרעד אַדלער, האַלטן די סאָציאַלע געפילן אַלס דירעקטן פועל־יוצא פון דעם יחידס אָביעקטיווער אָפּהענגיקייט פון דער געזעלשאַפט. קיין שום מענטש — אַפשיטא שוין אַ קינד — וואָלט בשום אופן נישט געקענט אפילו אין אַ קורצער צײַט דערהאַלטן זײַן אייגענע עקזיסטענץ אויסערהאַלב דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און בלויז מיט אייגענע כוחות. קיין ראָבינזאָן קרוזאָס זענען אין דער ווירקלעכקייט נישט פאַראַן. ס׳איז זיך נישט פאָרצושטעלן די עקזיסטענץ פונעם יחיד אָן דער געזעלשאַפטלעכער סביבה און מיטהילף. דער דאָזיקער אָביעקטיווער פאַקט — האַלטן זיי — קומט דירעקט צום באַוווּסטזײַן פון מענטשן און אין אַ געוויסער מאָס — שוין צום באַוווּסטזײַן פון קינד. דער באַוווּסטזײַן באַקומט זײַן רעאַלן גײַסטיקן אויסדרוק אין די סאָציאַלע געפילן אָדער סאָציאַלע אינסטינקטן (ווי עמעצער וויל זיי אָנרופן).

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט טײַטשט אַלזאָ אויס דאָס אַנטשטיין פון די סאָציאַלע געפילן אויף אַ ראַציאָנאַליס־

טישן אופן. לויט אים קומט אויס, אַז די סאָציאַלע געפילן אַנטשטייען דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַרשטאַנד; דער מענטש (אָדער קינד) פאַסט אויף, אַז ער איז מיט זײַן לעבן אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפט, ער פאַרשטייט די גרויסע נוצן, וואָס די געזעלשאַפט ברענגט אים, און דערפאַר רופט די דאָזיקע זאַכלאַגע אַרויס ביי אים אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט און סימפּאַטיע פאַר דער געזעלשאַפט — און דאָס איז דער קוואַל פון די סאָציאַלע געפילן.

דאָס איז אָבער אַ פאַלשע טעאָריע.

געפילן אַנטשטייען אינעם יחיד בעת אויסערלעכע ענדערונגען, אינעם אַרום אָדער אין צושטאַנד פון זײַן אייגענער אינערלעכער פּסיכישער שפּאַנונג. די אינערלעכע שפּאַנונגען ווידער זענען אַ רעזולטאַט פון קעגנזאַצן צווישן סוביעקטיווע פאַרלאַנגען (אָדער באַדערפעניש) און אָביעקטיווע באַדינגונגען (אָדער מעגלעכקייטן). דויערהאַפטע, זיך נישט ענדערנדע, נאַטורמעסיקע צושטאַנדן זענען נישט מסוגל אַרויסצורופן קיין געפילן, פאַרקערט — זיי ווירקן אָפּשוואַכנד און אָפּטעמפּנד אויף די שוין עקזיסטירנדע געפילן. מען קאָן מאַכן אַזאַ פאַרגלײַך: אָן לופט קאָנען מענטשן נישט לעבן, אָבער אַזוי ווי די לופט בילדעט די נאַטירלעכע, שטענדיקע, אומפאַרענדערלעכע אומגעבונג פונעם מענטשן, — פילט ער דאָס אַבסאָלוט נישט. אַן אַנגענעם געפיל וועט ביי אים די עקזיסטענץ פון דער אַטמאָספער אַרויסרופן ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט אַרויס אויף דער פרישער לופט פון אַן ענג, דושנע צימער, ווו די לופט איז געווען פאַרדאָרבן, אָדער בעת אַ שטאַרקן ווינט, ווען די לופט באַוועגט זיך, ענדערט זיך כּסדר.

אַ קינד וואָלט אָן דער זאָרג, פלעגע און כּסדרדיקער הילף פון די עלטערן טאַקע נישט געקאָנט לעבן, אָבער אַזוי ווי עס איז אין דער דאָזיקער אומגעבונג געבוירן געוואָרן און האָט נישט די מינדסטע פּראַקטישע אַנונג פון אַ נישט-סאָציאַלער סיטואַציע, קומט די דאָזיקע סאָציאַלע אָפּהענגיקייט און נוצלעכקייט אַבסאָלוט נישט צום אויסדרוק אינעם באַוווסטזײַן

און אין געפיל פון קינד. זיין סאָציאַלע אומגעבונג פּאַסט ער
אויף ווי אַ נאַטירלעכע.

סאָציאַלע געפילן עקזיסטירן ביי יעדן מענטש – זיכער, –
אָבער זיי אַנטשטייען ערשט אין רעזולטאַט פון געוויסע סאָ-
ציאַלע שפּאַנונגען, קעגנזאַצן, באַדערפעניש און פאָדערונגען.
סאָציאַלע געפילן זענען טאַקע פאַראַן, אָבער זיי טראָגן אַ
קלאַסן-כאַראַקטער. דאָס קאָן זיך עמעצן אויסדאַכטן
אוממעגלעך: ווי אַזוי קאָנען סאָציאַלע, אַלזאָ אַלמענטש-
לעכע געפילן טראָגן אַ קלאַסן-כאַראַקטער? – אָבער אַזוי
איז עס. סאָציאַלע געפילן זענען זיכער פאַראַן ביים פּראָלע-
טאַריאַט, זיי זענען אויך דאָ ביי די באַזיצנדע קלאַסן, ווייל
כאָטש די טעטיקייט פון קאַפּיטאַליסט באַשטייט אין קאָנקו-
רענץ, אינעם פערזענלעכן קאַמף קעגן אַנדערע, פונדעסטוועגן
קאָן ער נישט אויסקומען אין גאַנצן אָן מיטהילף פון זיין קלאַס,
ס'איז אַ פּאַסיווע קלאַסן-סאָלידאַריטעט, אַ סאָלידאַריטעט
אויף אָפּצוהיטן די עקזיסטענץ פון דער אָרדענונג פון קאָנקו-
רענץ, קאַמף און אומסאָלידאַריטעט. אַזוי צי אַזוי – די סאָציאַ-
לע געפילן טראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער און האָבן אַן אַנדער
אינהאַלט ביי יעדן געזעלשאַפטלעכן קלאַס באַזונדער, און זיי
אַנטשטייען נישט אין רעזולטאַט פון די גרונט-יסודות, אויף
וועלכע ס'עקזיסטירט די גאַנצע מענטשלעכע געזעלשאַפט, –
נאָר אין רעזולטאַט פון קאָנקרעטע סאָציאַלע שפּאַנונגען, וועלכע
וואַקסן אויס אויפן באָדן פון דער קלאַסן-אָנגעהעריקייט אי-
נערהאַלב דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויך ביי קינדער אַנטשטייען סאָציאַלע געפילן, נאָר זיי
וואַקסן אויס נישט אין רעזולטאַט פונעם פאַרשטיין די נוצלעכ-
קייט, וואָס עס ברענגט זיי די סתם-געזעלשאַפט (אין איר קאָנ-
קרעטן אויסדרוק פאַרן קינד — די סביבה, די פאַמיליע), —
זייער מקור ליגט אין די אייגענע, אוממיטלבאַרע אינ-
טערעסן און שטרעבונגען, וועלכע אַנטשטייען ביי די קינדער
אַלס געז' שפּאַנונגען אין רעזולטאַט פון זייער קלאַסן-לאַגע,
און וועלכע אייגע אַליין זענען מסוגל אַרויסצורופן ביי
זיי באַשטימטע געפילן און אַנטשפּרעכנדע האַנדלונגען.

פון דעם אויבן געזאָגטן איז קלאָר, אַז דער כאַראַקטער

פון די דאָזיקע געפילן איז אָפּהענגיק פון דער סביבה, באַדינ־גונגען און לאַגע, אין וועלכע דאָס קינד לעבט, ווײַל פון זיי זענען דאָך אָפּהענגיק די שטרעבונגען און באַדערפענישן פון די קינדער. אַנדערש געזאָגט: די סאָציאַלע געפילן זענען באַ־שטימט דורך דער קלאַסן־לאַגע, אָדער: די סאָציאַלע גע־פילן טראָגן אַ קלאַסן־כאַראַקטער.

• •
•

לאָמיר איצט זען, ווי אַזוי אַנטשטייען און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער טראָגן די סאָציאַלע געפילן בײַם פּראָלעטאַרישן קינד.

דאָס זענען נישט קיין געפילן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות אָדער וואַקסן אַרויס פון די קלאַסן־אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט. ווי מיר האָבן געזען אין פאָריקן קאַפּיטל, איז דעם פּראָלעטאַרישן קינד נאָך פרעמד דער באַוווּסטזײַן וועגן דער קלאַסן־צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט (זײַן געזעלשאַפט־לעכע צעטיילונג איז: איך און מײַן פאַמיליע — קעגן דער רעשט וועלט). ער האָט אויך נישט קיין שום געפיל־אינטערעס פאַר אַלגעמיין עקאָנאָמישע אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט. די סאָציאַלע געפילן פון פּראָלעטאַרישן קינד וואַקסן אויס אויפן באָדן פון זײַן ספּעציפיש־קינדישן לעבן, פון זײַנע אינטערעסן און באַדערפענישן, וועלכע זענען — פון זייער זײַט — אַ רע־זולטאַט פון דער אַלגעמיינער קלאַסן־לאַגע פון פּראָלעטאַרישן קינד. די סאָציאַלע געפילן פון פּראָלעטאַרישן קינד זענען נישט קיין רע־זולטאַט פון אויפפאַסן די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. זייער קלאַסן־כאַראַקטער באַשטייט נאָר דערין, וואָס זיי זענען דער אויסדרוק פון די באַדערפענישן און שטרעבונגען פון די פּראָלעטאַרישע קינדער אַלס קלאַס, פאַרשטייט זיך, נישט אין געזעלשאַפטלעכן, נאָר אין פּסיכאָ־לאָגישן זין.

לאָמיר זיך דעריבער טאַקע צו דער זאַך צוקוקן נענטער:

די פּראָלעטאַרישע פאַמיליעס וווינען געדיכט איינע נעבן דער אַנדערער. אין איין וווינונג לעבן אָפט עטלעכע פאַמיליעס

צוזאַמען; די וווינונגען זעלבסט זענען ענג צונויפגעפּראַפּט אין איין קאָרידאָר; מערסטנטייל איינצימערדיקע וווינונגען, קאַזאַרמע-אַרטיק געבויט, מיט פיל געמיינזאַמע אײַנריכטונגען אין קאָרידאָר פאַר אַלע וווינונגען אאַז"וו, די שכנים לעבן ווי איין גרויסע פאַמיליע; די טירן זענען אָפן, איינער ווייסט וואָס בײַם צווייטן טוט זיך, איינער העלפט דעם צווייטן (ווען איין באַלעבאָסטע גייט אַוועק, היט איר די צווייטע די דירה אָדער גאָר — ס'טעפּל).

אין אַלע וווינונגען זענען דאָ קינדער, מער-ווייניקער אין דעם זעלבן עלטער. אין אַזאַ פּראָלעטאַרישן הויף איז דאָ אַ מענגע קינדער. זיי לעבן אַלע כמעט אין די זעלבע באַדינגונגען. די קינדער באַמערקן דאָס זייער שנעל. יעדעס קינד זעט, אַז דאָס צווייטע קינד עסט דאָס זעלבע וואָס ער. איינער גייט נישט געקליידעט שענער און בעסער פון צווייטן. זייער לעבנס-ניוואָ איז אַבסאָלוט דער זעלבער. זעלטן ווען אַזאַ פּראָלעטאַריש קינד קאָן זאָגן צו דער מאַמען: „זע נאָר, יענץ קינד האָט דאָס און דאָס — און איך נישט", פאַרקערט: אויב אַ אַ קינד קלאָגט זיך אַ מאָל, הערט ער פון דער מאַמען אַן ענטפער: „די שכנותדיקע קינדער האָבן אויך נישט בעסער, דאַנק גאָט דערפאַר". עס שאַפט זיך דעריבער נישט אין דער דאָזיקער סביבה נישט קיין שום סיבה פאַר קנאה און שנאה, פאַר וועלכער ס'איז קעגנערשאַפט צווישן די קינדער. פאַרקערט: ס'אַנטשטייט בײַ זיי אַ נאַטירלעכער דראַנג צו געמיינזאַמער זעלבסטהילף. די מוטערס האָבן דאָך ווייניק צײַט מיט זיי זיך אָפּצוגעבן, די קינדער אָבער האָבן אייגענע וויכטיקע און ברענענדע „אינטערעסן", און נישט געפינענדיק קיין הילף און קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר די דאָזיקע „אינטערעסן" בײַ די דערוואַקסענע („כ'האָב נישט קיין קאָפּ צו דײַנע נאַרישקייטן" — דער באַקאַנטער ענטפער, וואָס אַ פּראָלעטאַריש קינד באַקומט פון זײַן אפילו הייס ליבנדער מוטער), דערנענטערן זיי זיך צווישן זיך אַליין, כדי דורך קעגנזײַטיקער הילף און מיט געמיינזאַמע מיטלען און כוחות דעראָבערן און דערגרייכן דאָס, וואָס מען קאָן נישט דערוואַרטן און באַקומען פון די עלטערע פאַרזאָרגער.

אַזוי אַרום אַנטשטייען צווישן די פּראָלעטאַרישע קינדער (פון איין הויף אָדער הויז, טיילמאָל עטלעכע שכנותדיקע הײַזער) זעלבשטענדיקע קינדער־קאָלעקטיוון. די ווײַטערדיקע גײַסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַרישן קינד קומט פאַר אינערהאַלב דעם דאָזיקן זעלבשטענדיק אַנטשטאַנענעם קינדער־קאָלעקטיוו. די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פון די קינדער־קאָלעקטיוון פאַר דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און כאַראַקטער־פאָרמירונג פון פּראָלעטאַרישן קינד איז נאָך ביז אַהער, דאַכט זיך, נישט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן.

די דאָזיקע קינדער־קאָלעקטיוון, אין וועלכע ס'שמידן זיך אויס די ערשטע געזעלשאַפטלעכע באַגריפן פון פּראָלעטאַרישן קינד, זענען נישט קיין פּאַסיוו־צוזאַמענגעשאַרטע גרופּן, נאָר זענען פעסט צונויפגעבונדן דורך אַ געמיינזאַמער אַקטיוויטעט, געמיינזאַמע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, און אין רעזולטאַט דערפון — געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען זיי צו פאַרווירקלעכן. רעדנדיק מיטן לשון פון דערוואַקסענע: דער קאָלעקטיוו ווערט אינערלעך צעמענטירט דורך געמיינזאַמע צילן און געמיינזאַמען פּראָגראַם.

וועלכע זענען דאָס די געמיינזאַמע שטרעבונגען און צילן, וואָס ברענגען צונויף די פּראָלעטאַרישע קינדער אין אַ פאַרבאַנד פון קעגנזײַטיקער הילף און סאָלידאַרער אַקטיוויטעט? — דאָס זענען הויפּטזעכלעך: נאַשוואַרג און שפּילצײַג.

די קינדער אין דער פּראָלעטאַרישער היים ווערן טאַקע פאַרזאָרגט מיט דעם, וואָס די היים איז זיי בכוח צו געבן: אָרעם עסן און אָרעמע קליידונג. אָבער אויף נאַשוואַרג און שפּילצײַג סטײַעט שוין נישט. און אויב אַזאַ אָרעם קינד וועט טיילמאָל אַזאַ פאָדערונג אַרויסרוקן צו זײַנע עלטערן, באַקומט ער אַן ענטפער וועגן זײַן „געשמדטן האַלדז" אין אַזאַ טאָן, אַז ער וועט עס שוין קיין מאָל נישט איבערחזרן. די קינדער ווייסן: אין דעם פּרט האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו דערוואַרטן פון דער היים. און ווײַל זיי קאָנען דאָס לייכט נישט האָבן, ווערט נאָך גרעסער בײַ זיי דאָס לעכצן נאָך נאַשוואַרג און שפּילצײַג, וואָס מאַכט אין דער קינדישער באַנעמונג אַזוי זיס און אָנציִענד דאָס לעבן. מוז מען זיך דעריבער אַליין

העלפן, מיט אײגענע כּוחות דעראָבערן דאָס אויסגעטרוימטע. אָבער די אײגענע אינדיווידועלע כּוחות און מיטלען סטײַען אַבסאָלוט נישט דערצו. מיט די אָרעמע גראָשנס, וואָס אַ פּראָלעטאַריש קינד קאָן אַ מאָל שוין יאָ ארויסבאַקומען, קאָן ער גאָרנישט אויפטון. כּדי צו קאָנען עפּעס אויפטון, מוז זיך דאָס פּראָלעטאַרישע קינד צו דעם צוועק באַהעפטן מיט אַ סך אַנדערע קינדער פון זײַנס גלײַכן, און אויף דעם אופן שאַפן אַ געמײנזאַמען גרויסן כּוח, וועלכער זאָל שוין קאָנען די פאַרלאַנגען און באַדערפענישן דערפילן. אָט אין דעם מאָמענט, אין דער לאַגע, הײבט ערשט אָן דאָס פּראָלעטאַרישע קינד אויסצופילן דעם ווערט פון אַ סאָציאַלער סביבה, וועלכע ס׳בילדעט איצט פאַר אים קאָנקרעט דער נײַ אַנטשטאַנענער קינדער-קאָלעקטיוו. דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט תּופס זײַן דורך אָבסערווירן די עלטערע געזעלשאַפט, הײבט אָן בײַ אים אַקטיוו צו ווירקן אויפן באָדן פון רעאַלן לעבן פון דער פּראָלעטאַרישער קינדער-וועלט – ס׳אַנטשטײען די אַקטיווע סאָציאַלע געפילן.

דער דאָזיקער קינדער-קאָלעקטיוו ווערט נאָך מער געשטאַרקט און זײַן ווירקונג אויפן קינד גרײכט נאָך טיפער אַדאַנק דעם, וואָס אים צעמענטירט אויך אַ געמײנזאַמער אידעאַל.

ווײַל, — וואָס איז דאָס אַזוינס אַן אידעאַל? — דאָס איז אַ געמײנזאַמער ציל (פון אַ גרופּע מענטשן אָדער פון אַ גאַנצן קלאַס), וועלכער האָט אַזאַ גרויסע מאָראַלישע און געפיל-ווירקונג, אַז זײַנע אײנצלנע אָנהענגער זענען גרייט צו ברענגען פאַר אים אַ קרבן אַלע זײערע אינדיווידועלע אינטערעסן, כּוחות און מיטלען. אַנדערש געזאָגט: יעדער אָנהענגער שטעלט דעם ציל העכער, ווי זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן. בײַ די דאָזיקע באַדינגונגען פאַרוואַנדלט זיך אַן אידעע אָדער שטרעבונג אין אַ אידעאַל. אָבער צי הערשט נישט די זעלבע באַציִונג אינעם פּראָלעטאַרישן קינדער-קאָלעקטיוו בנוגע זײערע שטרעבונגען און צילן? די קינדער—אָנטײלנעמער פון אַזאַ קאָלעקטיוו וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קײן שום שוועריקײט, אַבי צו רעאַליזירן זײערע צילן. וואָס טוען זײ

אַלץ נישט: זיי פאַרקויפן אָפטמאָל דאָס פרישטיק, וואָס זיי באַקומען מיט אין שול אָדער אין חדר אַרײַן; זיי כאַפּן עפּעס אַרויס פון שטוב צו פאַרקויפן (טראָץ זייער אַלגעמיינער געטרײַשאַפט צו דער שטוב), טייל גייען אַזוי ווײַט, אַז זיי וועלן עפּעס צוכאַפּן פון אַ געוועלב (זיי ווילן דערבײַ נישט געדענקען, אַז דאָס רופט מען גנבה), פאַר קיין זאַך וועלן זיי זיך נישט אָפּשטעלן, כּדי צונויפצוזאַמלען די נייטיקע מיטלען פאַרן ציל, און כּדי יעדער באַזונדער זאָל סאָלידאַר דערפילן זיין חלק אין דער אַלגעמיינער אויפגאַבע, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט זיך געשטעלט (קויפן נאַשוואַרג אויף אַ קאָלעקטיווער „סעודה“, אָדער שפּילצײַג אדג"ל). אַלזאָ: מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן אמתן אידעאַל, און כאָטש ער איז אַ גאַנץ באַגרענעצטער און קינדישער, פונדעסטוועגן איז זײַן דערציִערישע ראָלע אַ קאָלאָסאַלע. דאָ לערנען זיך אויס די פּראָלעטאַרישע קינדער פון אייגענער דערפאַרונג און פון אייגענער איניציאַטיוו צו האַנדלען סאָלידאַר און מקריב צו זײַן, ווען מען דאַרף, דאָס פערזענלעכע פאַר די באַדערפענישן פון כּלל. אָ, דאָס וועט אַמאָל אין דער צוקונפט קאָנען צונוץ קומען!

דער קינדער־קאָלעקטיוו האָט די גרונט־אייגנשאַפטן פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין די ראַמען פון דער דאָזיקער „געזעלשאַפט“ לעבט זיך אויס דאָס פּראָלעטאַרישע קינד: דאָ שמידן זיך אויס זײַנע באַגריפן, דאָ קריסטאַליזירט זיך אויס זײַן מאָראַל און זײַן באַציִונג צו מענטשן, דאָ פאָרמען זיך אויס זײַנע באַדערפענישן. דאָס אַלץ וואַקסט אויס אונטער דער ווירקונג פון סאָלידאַריטעט־געפיל, ווייל אויף סאָלידאַריטעט און קעגנזײַטיקער הילף איז געבויט דער קינדער־קאָלעקטיוו. מיר זעען אַלזאָ, אַז דאָס לעבן און אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַרישן קינד טראָגט אַ קלאַסן־כאַראַקטער. אָבער דער דאָזיקער קלאַסן־כאַראַקטער איז נישט קיין רעזולטאַט פון תּופֿס זײַן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער הײַנטיקער געזעלשאַפט בכלל, נאָר ער אַנטשטייט אויפן באָדן פון ספּעציפישן לעבן און אינטערעס פון די פּראָלעטאַרישע קינדער; די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון קלאַסן־עקזיסטענץ פון פּראָלעטאַריאַט שאַפן ספּעציעלע באַדינגונגען פון לעבן און שטרעבן

פון די פראָלעטאַרישע קינדער. אויף דעם באָדן אַנטשטייען א י י ג נ אַ ר ט י ק ע קלאַסן-באַדערפעניש און קלאַסן-אינטערעסן פון די דאָזיקע קינדער, און אין רעזולטאַט דערפון — אַן אייגנאַרטיקע פראָלעטאַריש-קינדערשע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע — דער קינדער-קאָלעקטיוו, אין וועלכן ס'פאָרמט זיך אויס דער גײַסטיקער וועזן און כאַראַקטער פון צוקונפטיקן מיטגליד פון פראָלעטאַרישן קלאַס.

* *
*

אַנדערש אין גאַנצן, איז די לאַגע בײַ די בירגערלעכע קינדער.

ווי מיר האָבן געזען, איז דער לעבנס-ניוואָ פון פראָלעטאַרישע קינדער אין דורכשניט דער זעלבער. דער אונטערשיד צווישן בעסער סיטואירטע פראָלעטאַרישע קינדער און ערגער סיטואירטע — איז אַ נישט-באַדײַטנדיקער. דאַקעגן, דער אונטערשיד-מאַסשטאַב אין לעבנס-ניוואָ פון בירגערלעכע קינדער איז אַ קאָלאָסאַלער, פשוט — אַן אומענדלעכער. אין די בירגערלעכע ספערן טרעפן מיר — אין פרט פון די לעבנס-באַדינגונגען פון זייערע קינדער — פון אַ באַקוועם און זאַט, אָבער באַשיידן לעבן ביז לעגענדאַר-פאַרשווענדערישן לוקסוס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אָפּהענגיק פון פאַרמעגן און פאַרדינסט פון די עלטערן, אָבער אויך אין אַ גרויסער מאָס פון אַנדערע אומשטענדן, ווי למשל: בילדונג, קולטור-ניוואָ, לעבנס-שטייגער און אידעאַלן פון די עלטערן. בײַ פאַרשידענע עלטערן פון מער-ווייניקער דעם זעלבן פאַרמעגנס-צושטאַנד טרעפט מען אויך אָן אויף גרויסע אונטערשידן אין די לעבנס-באַדינגונגען פון זייערע קינדער. ביי איינע — קאָנען די קינדער באַקומען אַ באַשיידענע בילדונג (העכסטנס עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע), ווערן מאַטעריעל דורכשניטלעך באַזאָרגט, גאַנץ פרי געשיקט צו אַ באַשעפטיקונג אאַז"וו — און בײַ אַנדערע (ווי געזאָגט בײַ דעם זעלבן מאַטעריעלן צושטאַנד) — ווערט אַלץ אוועקגעגעבן און געאָפּפערט פאַר די קינדער: מען גיט זיי העכערע בילדונג, מען גיט זיי פון „פויגלמילך" אין דער היים, זיי האָבן אַ באַזונדער צימער און קיין שום זאַך איז פאַר זיי

נישט צו טײַער. אַלנפאַלס זענען די אונטערשידן אין לעבנס-ניוואָ פון די בירגערלעכע קינדער – קאָלאָסאַלע. כמעט יעדעס קינד פון דער בירגערלעכער סביבה האָט עפּעס, וואָס אַן אַנדער קינד האָט נישט.

דער לעבנס-ניוואָ פון בירגערלעכע קינדער איז אויך זייער אַ פאַרשידנאַרטיקער: איין קינד איז מיט זײַן אַרט לעבן און לעבנס-ניוואָ נישט ענלעך צום צווייטן. דאָס מאַכט אָביעקטיוו אוממעגלעך, עס זאָל זיך שאַפן אַ קינדער-געמיינשאַפט בײַ די בירגערלעכע קינדער. זיי האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמע אינטערעסן און קיין שום געזעלשאַפטלעכע טרעפפונקטן. פאַרקערט: זייער לאַגע שאַפט אַ באָדן פאַר קנאה-שנאה. יעדעס קינד, ווי .וט און באַקוועם ס'זאָל זיך נישט פילן, וועט שטענדיק באַמערקן בײַ זײַנס גלײַכן, בײַ אַ צווייט קינד פון דער זעלבער סביבה, עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט נישט. דאָס רופט בײַ אים באַלד אַרויס אַ נישט-פאַרגינען, אַן אַנטיפּאַטיע צום „גליקלעכערן" קינד און אויך פאַרווורפן און בייזקייט אויף די עלטערן, וואָס באַגייען לגבי אים די „עוולה". אין רעזולטאַט פון דער גאַנצער סיטואַציע הערשט צווישן די בירגערלעכע קינדער קנאה-שנאה, נישט-פאַרגינען און אַנטיפּאַטיע, ווי אויך – רײַבונגען צווישן די קינדער און עלטערן אויף דעם באָדן.

צו דער דאָזיקער אומסאָלידאַריטעט צווישן די בירגערלעכע קינדער ברענגען נאָך אויך אַנדערע מאָמענטן: בירגערלעכע קינדער זענען פון זיך פאַרהעלטענישמעסיק אָפּגעשלאָסן, זיי זענען פאַרמאַכט אין די באַקוועמע וווינונגען. כדי אַרײַנצוגיין אין אַזאַ בירגערלעכער וווינונג, דאַרף מען אָפט דורכגיין אַ גאַנצע פּראָצעדור: קלינגען, אָנמעלדן זיך, וואַרטן, אַרײַנגעבעטן ווערן אד"גל. אָמשטרענגסטן איז אין אַזאַ וווינונג אָפּגעשלאָסן דאָס קינד, כסדר אונטער דער אויפזיכט פון דער מוטער אָדער „דערציִערין". וועגן אַראָפּגיין אויפן הויף אָדער סתם טרעפן זיך דירעקט מיט אַנדערע קינדער – איז אָפּגערעדט. בירגערלעכע קינדער לעבן און וואַקסן אין אָפּגעזונדערטקייט. אויב עס דאַרף זיך שוין אַ מאָל יאָ טרעפן מיט אַ צווייט קינד (שטרענג צוגעקליבן!) איז דאָס ווידער פאַר-

בונדן מיט א גאַנצער פּראָצעדור: פריִער מעלדעט מען אָן דעם וויזיט, מען קומט צו גאַסט אין באַגלייטונג פון עלטערע, נאָכהער קומט די צערעמאָניע פון פאָרשטעלן זיך, קניקסן, באַגריסונגען אד״גל, און דאַן ערשט — זענען די קינדער נאָך אַלץ נישט פריי, נאָר כּסדר אונטער דער אויפזיכט פון עלטערע און אונטער זייער אַרײַנמישן זיך. נו, און נאָכן וויזיט, בלײַבט אָמאָפטסטן ביי יעדן פון די קינדער אַן אומצופרידנקייט און א בײַגעשמאַק, ווײַל ער האָט באַמערקט בײַם צווייטן עפּעס, וואָס ער אַליין באַזיצט נישט. אַזוי אַרום שאַפט זיך נישט דער מינדעסטער באָדן פאַר קאָלעקטיוויסטיש-סאָלידאַרע געפילן צווישן די בירגערלעכע קינדער. פאַרקערט: זייער לעבן-שטייגער שטאַרקט נאָך ביי זיי דעם עגאָיִזם, די אָפּגעזונדערטקייט, די קעגנזײַטיקע אַנטיפּאַטיע און קאָנקורענץ.

די דאָזיקע לאַגע פאַרבעסערט זיך נישט, ווען די בירגערלעכע קינדער הייבן אָן צו גיין אין שול. פאַרקערט: זי פאַרערגערט זיך נאָך. דער שולקלאַס, ווו די קינדער טרעפן זיך שוין דירעקט, און וועלכער דאַרף אייגנטלעך ווערן א באָדן פאַרן אַנטשטיין פון א קינדער-קאָלעקטיוו, — איז פאַרן בירגערלעכן קינד אַן אָרט, ווו ס׳ווערט נאָך מער געשטאַרקט און פאַרפעסטיקט זײַן עגאָיִזם און קאָנקורענץ-אײַנשטעלונג צו זײַנס גלײַכן.

די וויסנשאַפט פאַר זיך איז פאַרן בירגערטום נישט קיין קולטורווערט. זי האָט פאַר אים א ווערט און באַדײַט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי איז אַן אומבאַדינגט נויטווענדיק מיטל צו א „בעסערער” קאַריערע. דאָס בירגערטום שיקט די קינדער אין די מיטלשולן (און אוניווערסיטעטן) נישט צוליב הייבן און ווײַטער אַנטוויקלען די וויסנשאַפט און קולטור, — נאָר כּדי זי צו דערווערבן אַלס הילפמיטל פאַר פערזענלעכע צוועקן, — פאַר דער מאַטעריעלער קאַריערע. א ריזיקער טייל קינדער פון די בירגערלעכע ספערן ווערט באַשטימט דורך זייערע עלטערן צו פרײַע פּראָפעסיעס (דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן, טעכניקער, עקאָנאָמיסטן, באַאַמטע אד״גל), און א באַשטימטער בילדונגצענז איז דאָ אומבאַדינגט נייטיק. אויך צו ערנסטערע ווירטשאַפטלעכע

קאַריערע (סוחרים, אינדוסטריעלער, אונטערנעמונג-דירעקטאָרן, געשעפט-פירער אד"גל) איז בייטיק אַן אַלגעמיינע און עקאָנאָמישע אויסבילדונג. מיט איין וואָרט: די בירגערלעכע יוגנט דאַרף האָבן די וויסנשאַפט צוליב קאַריערע *), כּדי זי אויסצונוצן פאַר פּערזענלעכע, מאַטעריעלע צוועקן, די וויסנשאַפט אַליין גייט זיי קנאַפּ וואָס אָן.

ס'איז אָבער פאַראַן נאָך איין מיטל, וועלכן די דאָזיקע צוקונפטיקע אונטערנעמער, דירעקטאָרן און מענטשן פון פרייער פּראָפעסיע דאַרפן האָבן — אַ מיטל, וואָס זיכערט די קאַריערע נאָך בעסער ווי די וויסנשאַפט, — דאָס איז די ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ - פ ע ה י ק ײ ט. נאָך מער ווי צו דערווערבן וויסנשאַפט, — בילדעט מען דאָס קינד, כּדי ער זאָל דערווערבן די דאָזיקע וויכטיקע קענטעניש אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. מען שיקט אים אין שול נישט מיטן אָנזאָג: לערן זיך! נאָר — לערן זיך בעסער פון אַנדערע! מען שיקט אים אין שול אַרײַן נישט אַזוי ווײַט, כּדי צו זײַן אַ שילער, נאָר צו זײַן אַ „פּרימוס" — דער ערשטער שילער. מען שיקט אים אויך זיך לערנען, אָבער קודם-כּל — קאָנקורירן. מיטן דאָזיקן קאָנקורענץ-גײַסט, מיטן צוועק איבערצויאָגן אַלע אַנדערע שילער, — קומט דאָס בירגערלעכע קינד אין שול; עס קומט באַלד פון פאַרויס מיט אַ פײַנטלעכער אײַנשטעלונג, מיט קאָנקורענץ-צוועקן לגבי זײַנס גלײַכן, לגבי זײַנע שול-„חברים". דאָס בעסער לערנען זיך אין שול איז דאָך אַ גאַראַנטיע פון בעסער קאָנקורירן אין דער צוקונפט אַלס אונטערנעמער צי אַלס דאָקטאָר. דער דאָזיקער גײַסט שאַפט אַן עקלהאַפטע אַטמאָספער צווישן די (בירגערלעכע) שילער אין שולקלאַס (געוויינלעך — אין מיטלשול): אונטערהנפענען זיך די לערער; מסרן אויף די קאָלעגן-שילער; שאַדנפרייד, ווען אַנדערע פאַלן דורך; אָפּשפּעטן אד"גל. דער דאָזיקער שעדלעכער קאָנקורענץ-גײַסט ווערט נאָך אונטערגע-

*) פאַראַן י ח י ד י ם, וועלכע ווידמען זיך דער וויסנשאַפט זעלבסט, טײַלמאָל אויך צוליב וויסנשאַפטלעכער קאַריערע, אָבער דאָס ענדערט נישט דאָס אַלגעמיינע בילד.

האַלטן דורך דער היים: די עלטערן זעען דאָך אין איבער-יאָגן די שול-חברים אַ גאַראַנטיע, אַז זייער קינד וועט א י ן ל ע ב ן אוודאי און אוודאי קאָנען איבעריאָגן זײַנע קאָנקורענטן. זיי פלעגן בײַ אים דעם דאָזיקן גײַסט, רימען אים שטאַרק, ווען ער קומט אַהיים און דערציילט, ווי ער האָט ב ע ס ע ר געענטפערט פון אַלע אַנדערע, בעסער געלייזט די אויפגאַבע אאַז"וו, און גיבן אים צו חשק: זון מײַנער, איבעריאָגן, איבער-שטײַגן אַלעמען, זײַן דער ערשטער! אַלזאָ: די בירגערלעכע שול-אַטמאָספער האָט אַ מאָראַליש-פאַרדאַרבנדע ווירקונג; די שול פאַרן בירגערלעכן קינד איז נישט קיין אָרט, וואָס אַנט-וויקלט בײַ אים קאָלעקטיוויסטישע נייגונגען און סאָציאַלע גע-פילן, נאָר פאַרקערט – אַן אָרט, ווו די עגאָיסטישע געפילן און קאָנקורענץ-גײַסט שטאַרקן און פאַרפעסטיקן זיך און ווערן דוירעהאַפטע, דעצידירנדע עלעמענטן פון זײַן גײַסט און הויפּט-פאַקטאָרן פון זײַן פערזענלעכער אַנטוויקלונג.

ס'טרעפט גאַנץ אָפט, אַז אין די מיטלשולן אַנטשטייען פאַרשידענע שילערישע קאָלעקטיוון, אָבער זיי זענען מערסטנ-טייל נישט קיין רעזולטאַט פון קאָלעקטיוויסטישע געפילן, נאָר זענען אָנגערעגט פון מאָראַליש-נידעריקערע מאָטיוון (הוליאַנ-קעס, פלירט, געשלעכטלעך אויסלעבן זיך און אַפילו סעקסועלע אויסגעלאַסנקייט); זיי זענען נישט געבויט אויף סאָלידאַריש-קייט און אויפריכטיקער פרײַנדשאַפט, נאָר אויך דאָ הערשט קאָנקורענץ, א י נ ט ר י ג ע, סעקסועלע ריוואַליטעט אד"גל. דער אימפולס צו שאַפן די דאָזיקע שילער-קאָלעקטיוון איז אייגנט-לעך אויך דער זעלבער קאָנקורענץ-גײַסט: די שילער ווילן אויסברייטערן די קאָנקורענץ-געביטן פון שוללעבן אויך אי-בערן פריוואַטן און פאַרגעניגן-לעבן און אויך דאָ אַרויסווײַזן איינער איבערן צווייטן זײַן העכערקייט (אין פריוואַטער באַ-נעמונג, אין „עלעגאַנץ", אין „אַמוזירן" מיידלעך עוו' „אימפּאָ-נירן" ייִנגלעך אאַז"וו). די דאָזיקע קאָלעקטיוון זענען נישט קיין שול פון סאָלידאַריטעט, נאָר אַ קוזשניע פון צביעות.

וואָס שייך פּראָלעטאַרישע קינדער, איז בײַ זיי די באַ-ציונג צו לערע און צו דער שול אַ גאַנץ אַנדערע, נעמלעך — אַ גאַנץ גלײַכגילטיקע. אין אַלגעמיין ווײַזן זיי נישט אַרויס

קײן ספּעציעלן אינטערעס צום לערנען זיך: דאָס איז אַבסאָ-
לוט נישט קײן װוּנדער. זײערע מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונ-
גען שאַפן גאַנץ קנאַפּע אָביעקטיװע מעגלעכקײטן פאַרן אַנט-
שטײן פון דאָזיקן אינטערעס. די מאַטעריעלע באַדינגונגען אין
דער הײם, די צוגעשפּיצטע אױפמערקזאַמקײט צו די מאַטער-
יעלע זאָרגן פון דער פאַמיליע (פאַמיליע-קאָמפּלעקס), דער
שטאַרקער אינטערעס און אַבסאָרבירטקײט אינעם קינדער-קאָ-
לעקטיװ, אַרום װעלכן ס'קאָנצענטרירן זיך זײַנע „ברענענדיקע"
לעבנס-אינטערעסן, — דאָס אַלץ באַגינסטיקט נישט דאָס אַנט-
שטײן פון װיסן-אינטערעס בײַם פּראָלעטאַרישן קינד. אױב
אָבער ס'טרעפט שױן יאָ בײַ פּראָלעטאַרישע קינדער — בײַ גע-
װיסע ספּעציעלע באַדינגונגען — אַ לעבעדיקער אינטערעס פאַר
װיסן, פאַר לערע, פאַר דער שול, — איז עס דאַן אַן אױפ-
ריכטיקער אינטערעס, אַ דירעקטע דורשט צום װ י ס ן
ז ע ל ב ס ט, אָן שום פּראַקטישן קאַריערע-אינטערעס. ס'איז
דאָך גוט באַקאַנט דער טיפּ אָרעמע פעיִקע און װיסן-דורשטיקע
קינדער אין די פאָלקשולן; זײער אינטערעס צו דער לערע
איז אַן אידעאַליסטישער, זײ לעבן אין גאַנצן מיט זײערע באַ-
ליבטע קעגנשטאַנדן; דאָס זענען באמת אידעאַליסטישע טרױ-
מער פון װיסן, פון גײַסטיקער דערהײבונג.

אין אַלגעמײן אָבער גײט אַדורך די שולע אין לעבן
פון פּראָלעטאַרישן קינד אָן אַ גרעסערער װירקונג און באַדײַ-
טונג פאַר זײַן צוקונפט. זי ליגט, אַזױ צו זאָגן, אין אַ זײַט
פון זײַן לעבנסװעג. דאָס קנאַפּע ביסל װיסן פון דער עלע-
מענטאַר-שול האָט נישט קײן דירעקטע באַדײַטונג פאַר זײַן
װײַטערדיקן גורל; דער קלאַס-קאָלעקטיװ אַלס לערן-קאָלעקטיװ
אַבסאָרבירט אים װײניקער, אָפטמאָל אַנטשטײט אױפן באָדן פון
קלאַס אַ קינדער-קאָלעקטיװ (אין אונזער באַצײכענונג), אָבער
אַמאָפטסטן — װען ער קומט אין שול, איז ער ס'רוב שױן
פון פריער פאַרבונדן „אױף לעבן און טױט" מיט אַן אַנדער
קינדער-קאָלעקטיװ פון זײַן הױף אָדער גאַס. אַזױ אַרום איז
די ה ײַ נ ט י ק ע „אַלגעמײנע" שול נישט קײַן באַדײַטנדיקער
פאַקטאָר אינעם לעבן און גײַסטיקער אַנטװיקלונג פון די פּראָ-
לעטאַרישע קינדער.

דער קאָלעקטיוו פון די פּראָלעטאַרישע קינדער שאַפט אַ נײַע אָביעקטיווע סביבה, אין וועלכער דאָס פּראָלעטאַרישע קינד באַקומט אַ געזעלשאַפטלעכע דערציִונג. בעסער געזאָגט: עס אַנטשטייען בײַ אים געזעלשאַפטלעכע באַגריפן און אַ געזעלשאַפטלעכע מאָראַל. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו באַגרינדעט זיך אויף דער סאָלידאַריטעט פון די אינטערעסן (מעג זײַן קינדישע אינטערעסן!), אויף דער געמיינזאַמקייט פון ציל און אויף דער „אָפּפּערווילִיקייט" פון יחיד פאַר די אינטערעסן פון כלל. אַלזאָ, בלויז די עקזיסטענץ פון אַזאַ קאָלעקטיוו האָט שוין אַ גרויסע באַדײַטונג פאַרן אַנטשטיין און אײַנבירגערן זיך פון סאָציאַלע געפילן בײַם פּראָלעטאַרישן קינד.

אָבער דאָס א י נ ע ר ל ע כ ע לעבן פון אַזאַ קאָלעקטיוו פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט די ראָל און ווירקונג פון די סאָציאַלע געפילן פאַר דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און כאַראַקטער-געשטאַלטונג פון פּראָלעטאַרישן קינד.

איינע פון די געוויינלעכע אויפגאַבן פון אַזאַ קאָלעקטיוו — דאָס זענען די געמיינזאַמע סעודות, וועלכע באַשטייען אין קאָנסומציע פון צונויפגעבראַכטע און אײַנגעקויפטע נאַשוואַרג און „גוטע זאַכן". איין קינד וועט זעלטן ווען באַוויַזן צו האָבן גענוג געלט אויף צו קויפן אַליין נאַשוואַרג. לייגן די קינדער צוזאַמען זייערע אָפּשפּאָרונגען און „פּאַרדינסטן", ברענגען טיילמאָל וואָס עס לאָזט זיך פון דער היים, און אַזוי אָרדנט מען זיך אײַן אַ יום-טוב, אַ סעודה, אַ פרייִדיקע איבערלעבונג אינעם אומעטיקן לעבנלויף פון פּראָלעטאַרישן קינד. די עקזיסטענץ פון קאָלעקטיוו ברענגט אַרויס די באַדערפעניש פון ג ע מ י י נ ז א מ ע ן פרײַען זיך, פון געמיינזאַמער הנאה. אינעם ק אָ ל ע ק ט י ו ו ג ע נ ו ס געפינט דאָס פּראָלעטאַרישע קינד דעם אייגנטלעכן פאַרגעניגן — דאָס איז אַ ווײַטערדיקע ווירקונג פון קינדער-קאָלעקטיוו אויף אײַנוואָרצלען סאָציאַלע געפילן בײַם פּראָלעטאַרישן קינד;

נאָך טיפער אין אינהאַלט און ברייטער אין פאָרנעם ווירקן אויף דער אַנטשטייונג פון סאָציאַלע געפילן און אויף דער אַלגעמיינער כאַראַקטער-אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַרישן קינד — דער אייגנטלעכער קערן פון לעבן פון קינדער-קאָ-

לעקטיוו — דאָס אײַנשאַפן זיך שפּילצײַג און די שפּילערײַען. קודם-כּל מוזן די שפּילן אַליין זײַן קאָלעקטיווע. אַנדערש קאָן עס נישט זײַן. דאָס בירגערלעכע קינד, למשל, באַזיצט אַליין גענוג שפּילצײַג צום אייגענעם, פּערזענלעכן געברויך; אויך אַנדערע זײַנע לעבנס-באַדינגונגען — ווי מיר האָבן דאָס געזען אויבן — מאַכן אוממעגלעך זײַן אויסלעבן זיך אין אַ קאָלעקטיוו. דעריבער פאַרנעמט זיך דאָס בירגערלעכע קינד נאָר מיט אינדיווידועלע שפּילן: ער אַליין, אַ מאָל מיט אַ צווייט קינד, שפּילט זיך מיטן אייגענעם שפּילצײַג. אָבער אפילו ווען ער שפּילט זיך מיט נאָך עמעצן, טראָגט די שפּיל אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער, ווײַל יעדער שפּילער (פון 2 אָדער 3) האָט אַן אינדיווידועלע ראָל, אַ קעגנזעצלעכע לגבי די מיטשפּילער, און דער רעזולטאַט פון שפּיל דאַרף זײַן אַן אינדיווידועלער געווין, אַ זיג איבערן מיטשפּילער. די שפּילן פון די בירגערלעכע קינדער זענען אַלזאָ אינדיווידואַליסטישע, זיי באַזירן זיך אויף קאָנקורענץ. זיי פירן דעריבער צו אַ ווײַטערדיקער פאַרשטאַרקונג פון אינדיווידואַליזם, עגאָיִזם און קאָנקורענץ-גײַסט בײַם בירגערלעכן קינד.

אין גאַנצן אַנדערש זעט אויס די לאַגע בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער. קיינער פון זיי (אַחוץ אויסנאַמען, באמת ווײַסע קראָען) באַזיצט נישט קיין אייגן שפּילצײַג. און די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון קינדער-קאָלעקטיוו איז טאַקע — מיט געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען אײַנשאַפן זיך שפּילצײַג. אָבער איידער זיי באַווײַזן זיך אײַנצושאַפן שפּילצײַג, מוזן זיי אויך שוין שפּילן קאָלעקטיוו, אפילו אָן שפּילצײַג, אָדער מיט פּרימיטיוון ערזאַץ-שפּילצײַג (דרענגער, העלצער אַלס „ביקסן און שווערדן", „שמאַטעווקע" אַנשטאָט פוטבאָל-פּילקע אד"גל). אַליין אָן שפּילצײַג — קאָן מען זיך נישט שפּילן; אָקעגן, אַ קאָלעקטיוו קאָן יאָ שפּילן אָן שפּילצײַג (אין מיליטער, מלחמה, פּאָליציי כאַפּט גנבים, יאָגערלעך אד"גל). אַ ווייטערדיק וויכטיק ערזאַץ-שפּילצײַג איז די באַרימטע „שמאַטעווקע" (אַ בינטל שמאַטעס, צונויפגענייט ווי אַ פּילקע, און דאָס פאַרטרעט אַ פוטבאָל-פּילקע). אָבער דער אידעאַל פון אַזאַ קינדער-קאָלעקטיוו

איז געוויינלעך — האָבן אַן אייגענעם, „אמתן פוטבאָל". די פּאָפּולאַריטעט פון דער פוטבאָל־פּילקע בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער איז אַ כשר פאַרדינטע. דאָס איז אַן אידעאַלער שפּיל־מכשיר, וועלכער טויג פאַר אַן אומצייליקער צאָל קאָלעקטיווע שפּילן, מיט דער אייגנטלעכער פוטבאָלשפּיל אין דער שפּיץ. ווער קען נישט דאָס בילד פון די שבתדיקע נאָכמיטאָגן, ווי כּאָפּטעס אָרעמע קינדער — צווישן זיי איין שײַנענדער מיטן „פוטבאָל" אין האַנט — לויפן הינטער דער שטאָט, כּדי צו שפּילן אַ „מעטש"? ווער איז דאַן גליקלעכער פון זיי?

דאָ לאָזט זיך אָנווענדן איינע פון די הויפּטטעזן פון דער מאַרקסיסטישער לערע, נעמלעך: אַז דער לעבן־שטייגער, מאָראַל און אידעאָלאָגיע וואַקסן אויס אויפן באָדן פון די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן און פּראָדוציר־באַדינגונגען. דאָס ווײַזט זיך אַרויס גילטיק אויך אין דער קינדערוועלט: בײַ די בירגערלעכע קינדער, וועלכע דערווערבן („פּראָדוצירן") זייער שפּילצײַג אינדיווידועל, זעלבשטענדיק, — זענען פאַרשפּרייט אינדיווידועלע שפּילערײַען, און די דאָזיקע אינדיווידועלע שפּילן זענען אַ קוואַל פון אינדיווידואַליסטישע באַגריפן, מאָראַל און כּאַראַקטער. אַקעגן, בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער, וועלכע זענען בכּוח צו דערווערבן („פּראָדוצירן") זייער שפּיל־צײַג נאָר אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, דורך סאָלידאַרע אָנשטרענ־גונגען, מוזן זײַן פאַרשפּרייט קאָלעקטיווע שפּילערײַען, און אויפן באָדן פון די דאָזיקע שפּילערײַען וואַקסן אויס קאָלעק־טיוויסטישע באַגריפן, אַ קאָלעקטיוויסטישע מאָראַל און סאָציאַלע געפילן.

די קאָלעקטיווע שפּילן קאָנען נישט דערוועקן בײַ די מיטשפּילער, די פּראָלעטאַרישע קינדער, קיין עגאָיִסטישע לײַדנ־שאַפטן, ד"ה — די שטרעבונג א י נ ע ר א ל י י ן צו באַזיגן דעם צווייטן (אין דער שפּיל). אויב ער שטרעבט צו זיגן, איז — אַלס אַ סאָלידאַר־טיילכל פון אַ קאָלעקטיוו („זיין" מאַנ־שאַפט); דעם זיג האָט דער איינצלנער אַלעמאָל צו פאַרדאַנ־קען דער סאָלידאַרער צוזאַמענאַרבעט מיט זײַנע מיטשפּילער, דעם אונטערוואַרפן זיך די א ל ג ע מ יי נ ע, אַלעמען פאַר־פליכטנדע, כּללים פון שפּיל. די אוממיטלבאַרע ראָל פונעם

יחיד אין דער קאָלעקטיווער שפּיל איז: סאָלידאַרע האַנדלונג און קעגנזײַטיקע הילף. אַזוי אַרום זענען די קאָלעקטיווע שפּילן פאַר די פּראָלעטאַרישע קינדער אַ גרויסע שול פון סאָציאַלן, סאָלידאַרן פילן, האַנדלען און דענקען. אין דער דאָזיקער שול אַנקערט זיך אײַן אין זײַן נשמה אַ סאָלידאַריטעט-מאָראַל, די אויטאָריטעט פון געזעל-שאַפטלעכער דיסציפּלין, דאָס אונטערוואַרפן די פּערזענלעכע פאַרלאַנגען — דעם אינטערעס פון כּלל.

די דאָזיקע קינדער-קאָלעקטיוון, די „נאַטירלעכע" שול פון געזעלשאַפטלעכער מאָראַל און סאָלידאַריטעט, איז אויך דער באָדן, אויף וועלכן ס'אַנטוויקלט זיך די גײַסטיקע שעפע-רישקייט פון די פּראָלעטאַרישע קינדער. די דאָזיקע שעפעריש-קייט איז אויך אַ קאָלעקטיוויסטישע; דאָס איז נישט קיין אינ-טעלעקטועלע, נאָר אַ עטיש-סאָציאַלע שעפערישקייט. די קינ-דער-קאָלעקטיוון שפּילן געוויינלעך נישט בלויז אַלגעמיין באַ-קאַנטע, „קלאַסישע" קאָלעקטיווע שפּילערײַען, נאָר זיי קלערן אויס אייגענע שפּילערײַען. בײַ די קינדער-קאָלעקטיוון קאָן מען אָנטרעפן אַ שפע פון אַליין דערפונדענע קאָלעקטיווע שפּילערײַען; גאַנץ אָפט שפּילן זיי אויך קלאַסישע שפּילן לויט אייגענע ניואַנסן און לויט אייגענע „געזעצן". די דאָזיקע שע-פערישקייט האָט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעך-דערציִערישע באַדײַ-טונג. איר גײַסטיקער ווערט באַשטייט דערין, וואָס די קינדער שאַפן אַליין כּללים, געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען (אין דער שפּיל-סיטואַציע), מנהגים אד"גל. זיי שאַפן זיך זייער אייגענע עטיק און אייגענע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. און אַזוי ווי די דאָזיקע אייגענע עטיק און געז' באַציִונגען באַגרינדן זיך אויף סאָלידאַריטעט און גערעכטיקייט, דעריבער ווערט יאָך מער פאַרטיפט אַדאַנק דעם זייער יושר-געפיל און סאָלידאַרי-טעט-מאָראַל אַלס גרונט-שטריכן פון כאַראַקטער פון די פּראָ-לעטאַרישע קינדער.

בײַ די בירגערלעכע קינדער, אַקעגן, רעגט נישט אָן דאָס שפּילן צו קיין שעפערישקייט. בירגערלעכע קינדער, ווי געזאָגט, האָבן פאַרטיקע שפּילצײַג, און זייערע שפּילן טראָגן אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער. די שפע פון באַזיצטע אייגענע

שפּילצײַג מאַכט איבעריק, אַז דאָס בירגערלעכע קינד זאָל זײַן שעפעריש, דערפינדעריש אויפן שפּיל-געביט. ער באַזיצט קאָמפּליצירטע שפּילצײַג און יעדעס שפּילצײַג באַשטימט דאָך פון פאָרויס די כּללים און „געזעצן" פון שפּיל, צו וועלכע ער מוז זיך צופּאַסן. דאָס בירגערלעכע קינד מוז זיך דעריבער בײַם שפּילן אַלע מאָל שטרענג האַלטן אין פאָרויס באַשטימטע ראַמען און כּללים. פּראָלעטאַרישע קינדער אָבער, וועלכע באַזיצן זייער קנאַפּ שפּילצײַג, און פילן זיך שוין גליקלעך, ווען זיי באַזיצן כאָטש איין „אמתן פוטבאָל", מוזן אַרויסווײַזן שעפערישקייט און דערפינדערישקייט, זיי מוזן אַליין צוקלערן פאַרשידענע שפּילן, כּדי דערמיט צו פאַרטרעטן דעם מאַנגל אין שפּילצײַג.

אַ פּאָר ווערטער דאַרף נאָך געזאָגט ווערן וועגן אַ געוויסן טיפּ קינדער-קאָלעקטיוון, וועלכע טרעפן זיך וואָס אַן אמת גאַנץ זעלטן, אָבער טראָגן אַן אַ ג ר ע ס י װ ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר. דאָס זענען אַזעלכע קאָלעקטיוון, וואָס זייער אינערלעכן לעבן באַגרינדעט זיך הויפּטזעכלעך נישט אויף געמיינזאַמע שפּילן און געמיינזאַמער פאַרזאָרגונג מיט שפּילגעצײַג, נאָר מערסטנטיילס אָדער אַפילו אויסשליסלעך אויף ש ע ד י ק ע ר י ש ע ר אַרבעט. דאָס זענען: כאַפּערס*) פון נאַשוואַרג, פרוכטן, שפּײַזן אין די געוועלבלעך אָדער מאַרק-סטראַגאַנעס; לאָבוסעס, וואָס פאַרטשעפּען אויף דער גאַס, כאַפּן אַרויס פון די קיישלעך; אָפּשפּעטער, וואָס מאַכן „גראַנדעס", שטעלן אונטער פיסלעך, פאַרקרימען זיך פאַר עלטערע אויף די גאַסן אד"גל, אאז"וו, — מיט איין וואָרט: קינדער-קאָלעקטיוון, וואָס זייער לעבן באַשטייט אין שעדיקערײַ.

ס'איז אַבסאָלוט פאַלש די מיינונג, אַז דאָס זענען קינדער מיט פאַרברעכערישע נייגונגען אין קרימינעלן זין פון וואָרט, און אַז דאָ האָב מיר צו טון מיט קאַנדידאַטן אויף צוקונפטיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער. דער גרעסטער טייל קינדער פון אַזעלכע שעדיקער-קאָלעקטיוון וואַקסן אויס פאַר

*) איך באַנוץ דאָס וואָרט „כאַפּערס" און נישט גנבימלעך, ווײַל עס אַנטשפּרעכט מער דער פּאַקטישער לאַגע.

נוצלעכע מענטשן און גוטע אַרבעטער, און נאָר אַ קלײנער טייל — בײַ ספּעציעל אומגינסטיקע באַדינגונגען — פֿאַלט אַרײַן אויף שטענדיק אין נעץ פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַרברעכן. די דאָזיקע קאָלעקטיוון אַנטשטייען נישט אין רעזולטאַט פֿון פֿאַרברעכערישע נייגונגען; זיי זענען אַן אויסדרוק פֿון פּרימיטיוון, רויען ס אָ צ י אַ ל ן פּ ר אָ ט ע ס ט. אַזעלכע קאָלעקטיוון באַשטייען געוויינלעך פֿון קינדער, וועלכע לעבן בײַ אויסערסט שווערע באַדינגונגען, זענען דורכן לעבן און גורל ספּעציעל גרויזאַם באַעוולט; זייער לאַגע ווערט טיילמאָל נאָך מער פֿאַרפּינצטערט דורך אַ שטרענגער אָדער אַפֿילו אכזריותדיקער באַהאַנדלונג אין דער היים. די גאָר גרויסע באַעוולטקייט, די אוממעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן זיך זעלבסטהילף (זייער אָרעמקייט איז געוויינלעך אַזוי גרויס, אַז זיי קאָנען נישט טרוימען וועגן קויפֿן זיך אַליין נאַשוואַרג, שפּילצײַג) שטויסט זיי אויפֿן וועג פֿון דער איינציקער אין זייער לאַגע פּסיכיש-באַגרינדעטער סאַטיספֿאַקציע — שעדיקערײַ. די אויסערסט שווערע לעבנסבאַדינגונגען פֿון די דאָזיקע קינדער מאַכט אוממעגלעך דאָס אַנטשטיין פֿון סאָציאַלע געפֿילן, ס'דאָמינירט בײַ זיי אַ פּראָטעסט-געפֿיל, וואָס דריקט זיך אויס אין נעגירן אַלץ, וואָס רינגלט זיי אַרום. מען טאָר אַלזאָ דערין נישט זען קיין שום מאָראַליש-געזעלשאַפֿטלעכע ענטאַרטונג, די דאָזיקע קינדער-שעדיקערײַ איז נישט מער, ווי אַ רויער סאָציאַלער פּראָטעסט, כאָטש — אַ געזעלשאַפֿטלעך שעדלעכער. דעריבער דאַרף מען קיין מאָל נישט רעזיגנירן פֿון פּרוּוון באַאײַנפֿלוסן אַזעלכע קינדער, כאָטש אין אָנהייב קאָן דאָס געבן גאַנץ קנאַפּע רעזולטאַטן. בײַ אַ געהעריקער ווירקונג קאָן מען איינצלנע אַזעלכע קינדער, אָדער גאַנצע גרופּן, באַנדעס, אומקערן פֿון שעדלעכן וועג און זיי אַרויספֿירן אויפֿן וועג פֿון שעפֿערישער און געזעלשאַפֿטלעך נוצלעכער אַנטוויקלונג.

אָבער אַזעלכע שעדיקער-קאָלעקטיוון זענען צווישן די פּראָלעטאַרישע קינדער אַן אויסנאַם. די איבערוויגנדע מערהייט זענען אַזעלכע קאָלעקטיוון, וואָס זייער אינערלעך לעבן באַשטייט פֿון געמיינזאַמען געניס, געמיינזאַמע שפּילן און געמיינזאַמען שאַפֿן די מיטלען צו באַפֿרידיקן די דאָזיקע באַדערפֿענישן,

אַלזאָ: פּראָדוקטיווע שעפערישע קאָלעקטיוון. זיי זענען אַ גרויסע, וויכטיקע שול, אין וועלכער דאָס פּראָלעטאַרישע קינד לערנט זיך געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין, קעגנזײַטיקע הילף, סאָלידאַרע צוזאַמענאַרבעט, אויטאָריטעט פון כלל, אאז״וו, מיט איין וואָרט: דאָס איז אַ וואַרשטאַט פון אַ קלאַסן-מאָראַל געבויט אויף סאָלידאַריטעט, וועלכע שאַפט די אָביעקטיווע באַדינגונגען און גינסטיקסטע שאַנסן אויפצובויען אויף דעם באָדן אַ באַוווסטזיניק ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע מאָראַל און אידעאָלאָגיע.

כאָטש דער קינדער-קאָלעקטיוו איז די פאַרשפּרייטסטע פאָרם, אין וועלכער ס'לעבן זיך אויס די פּראָלעטאַרישע קינדער (יעדער קאָן עס לײַכט אָבסערווירן אין די גאַסן און קוואַרטאַלן, געדיכט באַוווינטע דורך אַ פּראָלעטאַרישן עלעמענט), לעבן זיך אָבער נישט אַ ל ע פּראָלעטאַרישע קינדער אויס אין די דאָזיקע אָרגאַניזירטע קאָלעקטיוון. אָבער אויך אַזעלכע קינדער לעבן אונטערן אײַ נ פ ל ו ס פון די קאָלעקטיוון, שפּילן מיט זיי מיט, נעמען אָנטייל אין די קאָלעקטיווע שפּילערײַען — און דאָס איז אויך דעצידירנד פאַר דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע קינדער. די גײַסטיקע אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע לויז שטייענדיקע קינדער גייט אין דער זעלבער ריכטונג, ווי פון די קינדער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין די קאָלעקטיוון, און בײַ זיי אַנטשטייען די זעלבע עלעמענטן פון סאָציאַלער מאָראַל, כאָטש — ווי ס'איז צו פאַרשטיין — נישט אין אַזאַ מאָס און פאָרם, ווי בײַ יענע קינדער, וואָס געהערן צו די קאָלעקטיוון, און וועלכע דאָמינירן צווישן די פּראָלעטאַרישע קינדער.

די קינדער-קאָלעקטיוון האָבן אויך אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון די פּראָלעטאַרישע קינדער. אַ פאַרגלײַך מיט דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון די בירגערלעכע קינדער וועט אונדז די זאַך נאָך בולטער מאַכן.

די לעבנס-באַדינגונגען פון די בירגערלעכע קינדער באַגינסטיקן בײַ זיי די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג. דאָס בירגערלעכע קינד וואַקסט אויס אַליין, נישט אין ענגער פאַרבינדונג מיט אַנדערע קינדער; ער לעבט זיך אויס אין די ענגע ווענט פון דער אייגענער היים, אין אַ סביבה, וועלכע באַשטייט הויפּטזאַכלעך פון דערוואַקסענע; די געשעפטן און ענינים פון די דערוואַקסענע זענען די הערשנדיקע טעמעס אין דער

היים; דעם קינד ווערט געשטעלט די אויפגאַבע זיך צו לער־
נען און זיך נישט מישן אין די געשעפטן פון די עלטערע.
דאָס אַלץ מאַכט דאָס קינד נאָך מער אָפּגעשלאָסן אין זיך. ער
איז אין באַצוג צו דער אַרומיקער וועלט אַ פּ אַ ס י וו ע ר צו־
שויער, אַ ב אַ אָ ב אַ כ ט ע ר. דאָס אַלץ צוזאַמען באַגינסטיקט
און פאַרשנעלערט בײַם בירגערלעכן קינד די אינטעלעקטועלע
אַנטוויקלונג און די פּאַראינטערעסירונג מיט אַבסטראַקטע פראַגן.
בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער זעט די זאַך אויס אין
גאַנצן אַנדערש: שוין אין די פרי̆ע קינדעריאָרן טרעט ער אַרײַן
אין אַ קינדער־קאָלעקטיוו, וועלכער פירט אַ זייער אינטענסיוו
און אַקטיוו אינערלעך לעבן, אָבער איז באַגרענעצט מיט די
אייגענע קאָלעקטיווע, אַזוי צו זאָגן מ אַ ט ע ר י ע ל ע, אינטע־
רעסן, האָט אָבער קנאַפּע אַלגעמיינע, אַבסטראַקטע פּאַראינטע־
רעסירונגען. פון מאָמענט אָן פון אַרײַנטרעטן אין קאָלעקטיוו
פאַלט ער אַרונטער כמעט אין גאַנצן אונטער זײַן ווירקונג און
ווערט אַבסאָרבירט מיטן אַקטיוון לעבן פון קאָלעקטיוו — און
פאַרלירט זײַן אינדיווידועלע גײַסטיקע זעלבשטענדיקייט, די ווײַ־
טערדיקע גײַסטיקע אַנטוויקלונג פון אַזאַ קינד ווערט געריכטעט,
און ממילא אין גאַנצן אָפּהענגיק פונעם לעבן פון קאָלעקטיוו.
די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו — זענען זײַנע אינטערעסן, די
צילן פון קאָלעקטיוו — זיינע צילן, די באַצי̆ונג פון קאָלעק־
טיוו צו דער אַרומיקער וועלט — זײַן באַצי̆ונג אאז״וו. זײַן
סוביעקטיוו־גײַסטיקע אײַנשטעלונג און אַנטוויקלונג־וועג ווערט
באַשטימט דורך זײַן אָביעקטיוו־געזעלשאַפטלעכער לאַגע. ער זעט
די וועלט — מיט די אויגן פון קאָלעקטיוו, ער פאַרשטייט די
וועלט — לויט די אינטערעסן פון קאָלעקטיוו. אָבער — ווי
געזאָגט — דער אינטערעסן־קרײַז פון קינדער־קאָלעקטיוו איז
זייער אַ באַגרענעצטער און אַ קאָנקרעטיזירטער (נאַשוואַרג,
שפּילצײַג, מיטלען דאָס צו דערגרייכן אד״גל), און זיין גײַס־
טיקער האָריזאָנט ווערט באַגרענעצט דורכן דאָזיקן ענגן קינ־
דישן א י נ ט ע ר ע ס ן־ק ר ײַ ז. מען קאָן זיך אויסדריקן
(כאָטש דער אויסדרוק איז אפשר אַ ביסל צו שאַרף), אַז זיין
אויג קאָן קוקן אַזוי ווײַט — ווי ווײַט די האַנט גרייכט, ד״ה
זײַן גײַסטיקער האָריזאָנט איז באַגרענעצט מיטן געביט פון זײַן
אַקטיווקייט, — אַן אַקטיווקייט, וואָס אירע ראַמען און כאַראַקטער

באַשטימען פון איין זײַט — די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונ־גען פון זײַן פאַמיליע און פון דער צווייטער זײַט — דער קאָלעקטיוו.

אַ צווייטער גרונטשטריך פון דער אינטעלעקטועלער אַנט־וויקלונג פון פּראָלעטאַרישן קינד — איז די דעצידירנדע ראָלע פון אַקטיוויטעט. פּונקט ווי דער קאָלעקטיוו, צו וועלכן ער גע־הערט, שטייט ער אויך אין אַן אַקטיווער באַציִונג צו זײַן גאַנצן אַרום. די גרונטפּראָבלעמען פון זײַן קאָלעקטיוו זענען: וואָס צו טון, ווי אַזוי צו האַנדלען, כדי צו דערגרייכן זײַן ציל. אויך דאָס פּראָלעטאַרישע קינד, וואָס זײַן אַנטוויק־לונג־ריכטונג ווערט באַשטימט דורכן לעבן פון קאָלעקטיוו (און אין אײַנקלאַנג דערמיט ווירקט אויך דאָס מאַטעריעלע לעבן און די סיטואַציע אין זײַן פאַמיליע), באַנעמט דערשײַנונגען נישט פון שטאַנדפּונקט: ווי דאַרף איך עס פאַרשטיין? — נאָר פון שטאַנדפּונקט: ווי אַזוי דאַרף איך לגבי דעם רעאַגירן? אין קאָפּ פון פּראָלעטאַרישן קינד אַנטשטייען ווייניק פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות צו זײַן לעבן. ער באַמערקט אַרום זיך מערסטנטיילס נאָר דאָס, וואָס פאַרקייטלט זיך אין זײַנע דירעקטע לעבנס־אינטערעסן, אין זײַן געפיל־לעבן. און אויב עס אַנטשטייען יאָ בײַ אים וועלכע עס איז „זײַטיקע" פראַגן, איז ער נישט גענייגט און נישט געוווינט אַליין צו זוכן אויף זיי אַן ענטפער אָדער אַ לייזונג. זײַן גאַנצע גײַסטיקע אַנטוויקלונג שטייט דאָך אונ־טער דער ווירקונג פון אַ געזעלשאַפטלעכן אויטאָריטעט — דאָס איז דער קאָלעקטיוו; ער קומט דעריבער מיט די אַלע פראַגן צום קאָלעקטיוו און צוזאַמען מיט אים זוכט ער אַן ענטפער און לייזונג אויף די פראַגן, וועלכע רעגן אָן זײַן אינטעלעקט. אָבער ווי געזאָגט — זענען דאָס מערסטנטייל גי־כער אינטערעסן־פראַגן, איידער אַבסטראַקטע פראַגן, און דעריבער באַהאַנדלט זיי אַלעמאָל דער קאָלעקטיוו פון אַק־טיוויטעט־שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט: וואָס טון, ווי אַזוי צו האַנדלען. דער קאָלעקטיוו לייזט יעדע פראַגע מיט אַ דעציזיע, מיט אַ באַשלוס וועגן אַ טאַט, האַנדלונג. יעדער אַזאַ קאָלעק־טיווער אויספיר, וועלכער באַוועגט צו אַ נײַעם טאַט, איז

ממילא געפילמעסיק באַגרינדעט און באַפאַרבט, ווייל יעדער טאַט ווערט באַוויגן דורך אַ געפיל, עמאָציע. אמת, אויך אַ געדאַנק קאָן באַוועגן צו אַ טאַט, אָבער נישט דירעקט, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ געפיל-קאָמפּלעקס, וועלכן דער געדאַנק רופט אַרויס. אַ געדאַנק, וועלכער פאַרבלייבט אין דער אינטעלעקטועלער ספערע, איז נישט בכוח צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אימפּולס צום טאַט. אָבער דאָס פּראָלעטאַרישע קינד — לעבנדיק אינעם אַקטיוויסטיש איינגעשטעלטן קאָלעקטיוו אָדער אין דער פאַמיליע, וועלכע ווירקט אויף אים אין דער זעלבער ריכטונג — פאַסט אויף יעדע נייע דערשיינונג, יעדעס נייע פּראָבלעם — פון באַציִונג-שטאַנדפּונקט, ד"ה פון שטאַנדפּונקט: וואָס צו טון, ווי אַזוי רעאַגירן, ווי אַזוי ענטפערן. דעריבער איז ביים פּראָלעטאַרישן קינד דער גאַנצער דענקונג-פּראָצעס געפילמעסיק באַפאַרבט און אָנגעפירט פון געפיל-קאָמפּלעקסן (פאַמיליע-קאָמפּלעקס, סאָציאַלע געפיל-קאָמפּלעקסן, אַנטשטאַנענע אינעם קאָלעקטיוו). אַזוי אַרום אַנטוויקלט זיך דאָס פּראָלעטאַרישע קינד אין אַן אַקטיוויסטיש-געפילמעסיקן מענטשנטיפּ, אין אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער נייגונג צום געפילמעסיקן באַנעמען פּראָבלעמען און דערשיינונגען און מיט אַ נייגונג צו באַלדיקער רעאַקציע, צו באַלדיקן טאַט. אין דער דאָזיקער ריכטונג אַנטוויקלען זיך די גייסטיקע קרעפטן פון פּראָלעטאַרישן קינד — און זיי בלייבן די הויפּטשטריכן פון זיין פּסיכיק אויך אַלס דערוואַקסענעם מענטש *).

די הויפּט-סימנים פון דער פּראָלעטאַרישער פּסיכיק זענען אַלזאָ: באַגרענעצטער האָריזאָנט פון אינטעלעקטועלע פאַראינטערעסירונגען (וועלכע קאָנצענטרירן זיך געוויינלעך אַרום קאָנקרעטע, פּערזענלעכע פּראָבלעמען און אינטערעסן) און דאָס דאָמינירן פון די געפיל-קאָמפּלעקסן (פאַמיליע-קאָמפּלעקס, געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט, סאָציאַלע געפילן אד"גל) איבערן

---

*) גלענצנד מאַטעריאַל, וועלכעס באַשטעטיקט אונדזערע אויספירן, געפינט זיך אין דער אַרבעט: Dr. R. Tchudi: „Das proletarische Kind, wie es denkt und fühlt", Zürich 1918

דענקען, פאַרשטיין און אויפפאַסן דערשיינונגען. געפילמעסיקער אופן פון טראַכטן און האַנדלען — דאָס כאַראַקטעריזירט דעם פראָלעטאַריער אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן *). אָבער געפילן, — וועלכע — ווי געזאָגט — זענען די טרייבקראַפט פון דער פראָלעטאַרישער פסיכיק, — ווערן אַרויסגערופן און זענען פאַרבונדן מיט קאָנקרעטע דערשיינונגען און געשעענישן, וועלכע רעגן אָן די פסיכיק דורך דער פאַרמיטלונג פון די חושים. נאָר זייער זעלטן קאָנען געפילן אַנטשטיין אין רעזולטאַט און אין פאַרבינדונג מיט אַלגעמיינע דערשיינונגען אָדער פראָבלעמען, וועלכע קומען צום באַוווסטזיין נאָר אין רעזולטאַט פון דענקפּראָצעס און לאָגישער אַנאַליז. דעריבער איז די מענטאַליטעט **) פון פראָלעטאַריער איינגעשטעלט אויף דעם קאָנקרעטן, וואָס רינגלט אים אַרום, און נישט אויף אַלגעמיינע זאַכן. דערביי איז ווערט אונטערצושטרייכן פאָלגנדן ווידערשפּרוך. פון איין זייט זענען די אָביעקטיווע סיבות גורם דאָס אַנטשטיין פון קאָלעקטיוון מינדערווערטיקייט־געפיל, פון פאַמיליע־קאָמפּלעקס, פון סאָציאַלע געפילן, ווי סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקע הילף, יושר־געפיל, אויטאָריטעט פון כלל אד״גל. אָבער פון דער צווייטער זייט זענען די זעלבע סביבה־ און לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע רייסן אַרויס דאָס פראָלעטאַרישע קינד פון די נעגל פון עגאָיזם און קאָנקורענץ, גורם דאָס באַגרענעצן פון גייסטיקן האָריזאָנט און אינטעלעקטועלע פאַראינטערעסירונגען צו דעם קאָנקרעטן, וואָס רינגלט אים אַרום, צו די דערשיינונגען און פראַגן, וועל־

---

*) אונטער דער ווירקונג פון אַ שטאַרק געפיל, למשל: ווען אַ שכן אָדער קאָלעגע אין אַ פאַבריק געשעט אַן אומגליק, אָדער אַ גרויסע עולה, — קאָן אַפטמאָל אַ פראָלעטאַריער, אַן אָרעמאַן, ברענגען דעם גרעסטן קרבן, אַבי יענעם צו העלפן, און גלייכצייטיק קאָן דער זעלבער גאַנץ אָפט בלייבן טעמפּ און גלייכגילטיק לגבי אַלגעמיינע פראַגן און דערשיינונגען, וועלכע באַזירן אויף די זעלבע פּרינציפּן פון יושר, גערעכטיקייט און קעגנזייטיקער הילף, — אויב זיי זענען אַבסטראַקט און רעגן נישט אָן זיינע געפילן דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, צב״ש: פּאָליטישע לאָזונגען, אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע אַקציעס אד״גל.

**) מענטאַליטעט: אייגנאַרטיקער אופן פון אויפפאַסן, פאַרשטיין און רעאַגירן אויף דערשיינונגען פון אַרומיקן לעבן.

כע קאָנטאַקטירן דירעקט מיט זײַן פּערזענלעך לעבן און אינ־טערעסן. דאָס באַשווערט שטאַרק בײַם פּראָלעטאַריער די אַנט־וויקלונג פון אינטערעס צו אַלגעמיינע, מער אַבסטראַקטע, געזעלשאַפטלעכע פראַגן. בקיצור: די סאָציאַלע געפילן, וועלכע פאַרברייטערן די געפיל־באַציִונג איבער די פּערזענלעכע גרע־נעצן, זענען גלײַכצײַטיק גורם דאָס באַגרענעצן די אינטעלעק־טועלע פאַראינטערעסירונגען צו די ענגע ראַמען פון דעם טייל פון אַרומיקן לעבן, וואָס קאָנטאַקטירט דירעקט מיט זײַן פּער־זענלעך לעבן.

לאָמיר רעזומירן: דאָס פּראָלעטאַרישע קינד גייט אַדורך אין זײַנע קינדעריאָרן אַ גרויסע סאָציאַלע שול. די דאָזיקע שול איז דער קינדער־קאָלעקטיוו, וועלכער אַנטשטייט אין רע־זולטאַט פון די אָביעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען פונעם פּראָלע־טאַרישן קינד. דער קאָלעקטיוו איז געבויט אויף סאָלידאַריטעט און קעגנזײַטיקער הילף, ער טראָגט די גרונט־סימנים פון אַ פּראָלעטאַרישער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, כאָטש ער איז זייער ווײַט צו זײַן דאָס באַוווּסטזיניק. אויך די פּראָלעטאַרישע קינדער, וועלכע שליסן זיך נישט אײַן אין אַזאַ קאָלעקטיוו, שטייען אויך אונטער זײַן ווירקונג, ווײַל זיי לעבן מיט מיטן קאָלעקטיוו. אין די ראַמען און אונטער דער ווירקונג פון דער דאָזיקער זעלבּ־שטענדיק אַנטשטייענדיקער אָרגאַניזאַציע בילדן זיך אויס עלע־מענטן פון קלאַסנגײַסט און קלאַסן־מאָראַל און עס אַנטשטייט אויך דער כאַראַקטעריסטישער פאַרן פּראָלעטאַריער אופן פון טראַכטן, דענקען און באַנעמען דערשײַנונגען און פּראָבלעמען— דאָס איז די אַקטיוויסטיש־געפילמעסיקע מענ־טאַליטעט, וועלכע מאַכט אים טאַטפעיִק צו זעלבשטענדיקע האַנדלונגען אין די ראַמען פון זײַן קאָנקרעטן אַרום. די זעלבע מענטאַליטעט מאַכט אים אויך אויפנאַמפעיִק פאַר אַלגעמיינע אידעען, וועלכע אַנטשפּרעכן זײַנע נאַטירלעך אַנטשטאַנענע סאָציאַלע געפיל־קאָמפּלעקסן, ד״ה אויפנאַמפעיִק פאַר סאָציאַלע אידעען. אָבער אויטאָמאַטיש, פון אייגענער אינערלעכער אַנט־וויקלונג, קאָנען די דאָזיקע אַלגעמיינע אידעען נישט אַרויס־וואַקסן פון יענע געפילן, (עס שטערט דערצו די כאַראַקטעריס־טישע אייגנשאַפט פון דער פּראָלעטאַרישער מענטאַליטעט: באַ־

גרענעצטקייט צום קאָנקרעטן אַרום). אַזוי אַנטשטייען די בוי-שטיינער פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע, זיי זענען אָבער נישט בכוח בײַם יחיד זעלבשטענדיק זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ סינטעז, אין אַ פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, אינעם קלאַסן-באַוווּסטזײַן. כדי דאָס זאָל געשען, איז נייטיק אַ ציל-באַוווּסטע אײַנווירקונג פון דרויסן.

קאַפּיטל 4
דאָס פֿערזענלעכקייט־געפֿיל

מיטן אויספֿאָרמען זיך פֿון סאָציאַלע געפֿילן און אַ סאָציאַלער מאָראַל, פֿאַרענדיקט זיך נאָך נישט דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג־וועג פֿון קינד. עס גייט אַדורך נאָך איין וויכטיקן אַנטוויקלונג־פּעריאָד, וועלכער האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף זײַן גײַסטיקער געשטאַלטונג — דאָס איז דער איבערגאַנג־פּעריאָד פֿון קינדישקייט צו יוגנטלעכקייט, וועלכער הייבט זיך אָן בײַ אַן ערך 11—12 יאָר. אין דעם פּעריאָד הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פֿון געשלעכטלעכן רייף ווערן, און גלײַכצײַטיק הייבט זיך אָן בײַם קינד דער פּעריאָד פֿון זייער ראַשער און אינטענסיווער אַלגעמיינער — קערפּערלעכער און גײַסטיקער — אַנטוויקלונג, דאָס איז דער פּעריאָד פֿון אויפֿוואַקסן. אמת, פֿון געבוירן אָן וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אַ קינד כסדר, אָבער די אינטענסיווקייט פֿון דער אַנטוויקלונג איז אין פֿאַרשידענע צײַטן — פֿאַרשידנאַרטיק, אין געוויסע צײַטן גייט זי פּאַמעלעך און איז כמעט אומבאַמערקבאַר, — אין אַנדערע צײַטן גייט זי מיט אַ געשווינדערן טעמפּאָ. דעם **געשווינדסטן** טעמפּאָ ווײַזט אַרויס די אַנטוויקלונג פֿון קינד (אויסער די ערשטע אָנדערטהאַלבן יאָר) טאַקע אינעם פּעריאָד פֿון רייף ווערן*). אויך

*) אַט זענען עטלעכע ציפֿערן (לויט פּראָפֿ. האַלבאַן), וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם פֿאַרהעלטענישמעסיק הויכן אַנטוויקלונג־טעמפּאָ אין רייפֿקייט־פּעריאָד, וועלכן מיר רופֿן „פּעריאָד פֿון אויפֿוואַקסן“: דער דורכשניטלעכער צוּוווּקס אין דער הייך בײַ אַ קינד צווישן 7 און 11 יאָר איז 2—3 צענטימעטער אויף אַ יאָר; דער צוּוווּקס צווישן 11 און 15 יאָר — איז פֿון 8

אויף דעם געביט קומט צום אויסדרוק דאָס געזעץ, אַז קוואַנ-טיטעט גייט איבער אין קוואַליטעט — דער באַדײַטנדיקער צאָל-מעסיקער וווּקס אינעם אַנטוויקלונגס-טעמפּאָ אין לעצטן קינדהייט-פּעריאָד רופט אַרויס גאַנץ קוואַליטאַטיווע ענדערונגען און נײַע פּאַקטאָרן אין דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד.

די אינטענסיווע קערפּערלעכע און גײַסטיקע אַנטוויקלונג פון קינדער אין דאָזיקן איבערגאַנג-פּעריאָד איז אַן איבעראַל באַקאַנטע זאַך. אַ פאָלקסווערטל זאָגט: „קינדער וואַקסן ווי אויף הייוון". און פאַקטיש: פאַר די אויגן, מיט יעדן טאָג — ווערן זיי גרעסער, פולער; דער אויסערלעכער אויסזען ענדערט זיך שטאַרק, זיי הייבן אָן אַרויסצוווײַזן באַשטימטע געזיכט-שטריכן; ס'וואַקסן אויס באַדײַטנדיק די פיזישע כוחות. אויב דאָס קינד האָט געקרענקט אויף אַ געוויסער קינדישער שלאַפ-קייט (בײַ פּראָלעטאַרישע קינדער: „ענגלישע" קרענק, נישט-גענוגנדע פיזישע אַנטוויקלונג אד"גל), פאַרשווינדט זי גאַנץ אָפט אין דאָזיקן פּעריאָד. די ראַשע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג קומט-בײַ פאַרשידענע שלאַפקייטן. גלײַכצײַטיק קומט אויף פאַר אַ מער אָדער ווייניקער אינטענסיווע גײַסטיקע אַנטוויקלונג: די קינדער הייבן זיך אָן צו דערווערבן געוויסע קאָמפּליצירטע באַגריפן; זיי הייבן אָן צו פאַרשטיין די רעאַלע לעבנס-פאַרהעלטענישן; ס'ווערן בײַ זיי רײַף אַלע עלעמענטן פון נאָרמאַלן פאַרשטאַנד און לאָגישן דענקען; ס'באַרײַכערט זיך ממשותדיק (אַדאַנק דער

ביז 10 צענטימעטער אַ יאָר. דער דורכשניטלעכער צוּוווּקס אין וואָג צווישן 7 און 11 יאָר איז פון 1 ביז 2 קילאָ אַ יאָר; דאַקעגן צווישן 11 און 15 יאָר — מאַכט אויס דער וואָג-צוּוווּקס — פון 5 ביז 6 קילאָ אַ יאָר. נאָך 15 יאָר פאַלט צוריק דער טעמפּאָ פון דער קערפּערלעכער אַנטוויקלונג און מאַכט אויס 2—3 צענטימעטער אין דער הייך און 1—2 קילאָ אין דער וואָג אויף אַ יאָר. פון די ציפערן איז צו זען, אַז די קערפּערלעכע אַנטוויק-לונג אין פּעריאָד פון אויפוואַקסן איז אַ קאָלאָסאַלע און ס'איז זעלבסטפאַר-שטענדלעך, אַז די דאָזיקע גרויסע און אינטענסיווע קערפּערלעכע אַנטוויק-לונג איז נאָר אַן אויסערלעכער סימן פון פונקט אַזאַ אינטענסיווער גײַסטי-קער און אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. רײַכער מאַטעריאַל אין דער פראַגע בײַ: Dr. J. Bogdanowicz: „Cechy biologiczne wieku dojrzewania" (1931 ?). אויך בײַ פּראָפ' באַלעי, פּראָפ' שאַרלאָטע ביהלער, וו. שטערן א"אַנד.

שול, לעבנס־פּראַקטיק אָדער ביידע צוזאַמען) דאָס וויסן, דער גײַסטיקער האָריזאָנט פון קינד אאַז״וו.

דער דאָזיקער אינטענסיווער אַנטוויקלונג־פּראָצעס רופט אַרויס און מאַכט ווירקזאַם בײַם קינד *אַ נײַ געפיל* — *דאָס געפיל פון אויפוואַקסן*. דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס קומט פאָר אַזוי ראַש, דער אונטערשיד צווישן פריערדיקן און איצטיקן אַנטוויקלונג־טעמפּאָ איז אַזאַ גרויסער, אַז דאָס קינד פילט אים ממש אַרויס, זעט אים מיט די אייגענע אויגן, פילט אים מיטן אינערלעכן חוש; ער פילט דאָס אָנוואַקסן פון קראַפט אין זײַנע גלידער און מוסקולן; זאַכן, וואָס זענען אים ביז איצט געווען שווער און אומדערגרייכבאַר, ווײַזן זיך אויס לײַכט און פשוט; פיל ביזאיצטיקע שוועריקייטן אין לעבן לייזט ער איצט לײַכט און זעלבשטענדיק; ער ווערט מיט יעדן טאָג רײַכער אין באַגריפן, זײַן גײַסט נעמט אַרום כסדר אַלץ אַ גרעסערן האָריזאָנט, ער פאַרשטייט וואָס אַ מאָל מער, ער אַנטדעקט כסדר אַלץ „נײַע אַמעריקעס“. דאָס אַלץ רופט אַרויס בײַ אים אַ געפיל, ווי פון דער אַרומיקער וועלט וואָלט אַראָפּגעפאַלן עפּעס אַ שלייער, די וועלט ווערט פאַר אים ליכטיקער, פרײַער, קלאָרער, ברייטער. פון דער צווייטער זײַט קאָן ער זיך אין איר שוין אַן עצה געבן, ער פילט, ווי ער וואָלט די וועלט אַלץ מער אײַנגענומען, אַלץ מער באַהערשט. דער דאָזיקער גאַנצער פּראָצעס איז פאַרבונדן מיט אַ דויערהאַפט־פריידיק געפיל, *אַ מעכטיקייט־געפיל*, אַ געפיל, וועלכן ס׳איז אַמאַנטשפּרעכנדסטן אָנצורופן — *דאָס געפיל פון אויפוואַקסן*.

די ווירקונג פונעם דאָזיקן נײַ אַנטשטאַנענעם געפיל אויף דעם קינדס גײַסטיקער אַנטוויקלונג — איז אַ קאָלאָסאַלע, אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקע. דער דאָזיקער אַנטוויקלונג־פּראָצעס קומט טאַקע פאָר בײַ יעדן מער־ווייניקער נאָרמאַלן קינד; ס׳איז אַ גאַנץ נאַטירלעכער פּראָצעס און אָביעקטיוו גענומען — קומט דאָ נישט פאָר קיין שום אויסערגעוויינלעכס און קיין שום ווונדער. פאַרן אָביעקטיוון צושויער איז דאָ אַלץ *נאָרמאַל* און דורכשניטלעך. אָבער גאַנץ אַנדערש פּאַסט עס אויף דער, מיט וועלכן דער פּראָצעס קומט פאָר, גאַנץ אַנדערש שפּיגלט

ויך אָפּ דער דאָזיקער פּראָצעס אין דער נשמה פון אונטערוואַקסנדיקן קינד. דער דאָזיקער *אָביעקטיוו-נאָרמאַלער* פּראָצעס שפּיגלט זיך אָפּ *סוביעקטיוו* — אין דער נשמה פון אונטערוואַקסנדיקן קינד — אַלס עפּעס *אויסעראָרדנטלעכס*, ווי עפּעס אַ וווּנדער, וואָס *נאָר מיט אים אַליין* געשעט עס. ער האָט דאָס געפיל, ווי פון עפּעס אַ ווונדערלעכן קוואַל וואָלט זיך אומאויפהערלעך אַרײַנגעגאָסן אין זײַנע גלידער און אָדערן אַ כישוף-פליסיקייט, וועלכע פילט אים אָן מיט קראַפט און מאַכט אים העלזעריש. דאָס קינד איז דאַן פּסיכאָלאָגיש נישט פעיִק צו באַנעמען און פאַרשטיין די נאָרמאַלקייט און דורכשניטלעכקייט פון דאָזיקן פּראָצעס. ווי דורך אַ שלייער, זײַטיק, באַמערקט ער יאָ, אַז עפּעס ענלעכס קומט פאָר מיט אַנדערע קינדער אויך. אָבער זײַענדיק אין גאַנצן אַבסאָרבירט דורך דעם גרויסן, וואָס קומט פאָר *אין אים*, האָט ער די איבערצײַגונג, אַז פאָרט קומט מיט אים פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס אַן אַנדערער ווייסט נישט דערפון; יעדעס קינד גלייבט פונדעסטוועגן וועגן זיך, *אַז ער איז אַן אויסנאַם*, אַז ער באַזיצט עפּעס ספּעציעלס, וואָס גיט אים אַן אויסערגעוויינלעכן ווערט. יעדער האָט די איבערצײַגונג וועגן זיך, אַז ער רעפּרעזענטירט עפּעס *איינציקס*, (דעם קעגנזאַץ פון דורשניטלעכן), און אויף דעם יסוד באַקומט ער *אַ באַזונדערן אינדיווידועלן ווערט* פאַרן כלל, פאַר דער געזעלשאַפט. אויפן באָדן פונעם דאָזיקן סוביעקטיוון פּראָצעס וואַקסט אויס אַ געפיל-קאָמפּלעקס, וועלכן מיר קאָנען אַמבעסטן באַצייכענען אַלס *פּערזענלעכקייט-געפיל*, ד"ה דער באַוווּסטזײַן בײַם יחיד, אַז אַדאַנק זײַנע ספּעציעלע פּערזענלעכע ווערטן און לייסטונג-פעיִקייטן האָט ער אַן אויסעראָרדנטלעכן ווערט פאַרן כלל, און דאָס טיילט אים אויס און שטעלט אים העכער פונעם אַרום און באַרעכטיקט אים צו זײַן פּריווילעגירט.

פּראָפ׳ אַלפרעד *אַדלער* האָט פאַרזען דעם דאָזיקן וויכטיקן פּראָצעס אין דעם מענטשנס גײַסטיקער אַנטוויקלונג. ער האַלט, אַז דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל, וואָס אַנטשטייט

אין די פריסטע קינדעריאָרן, ענדערט זיך נישט אין זײַן גרונט־אינהאַלט און בלײַבט דויערהאַפט אַלס דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג און האַנדלונגען פון מענטשן אויפן גאַנצן לעבן. פּראָפ׳ אַדלערס פעלער באַשטייט דערין, וואָס ער האָט נישט באַמערקט דאָס אַנטשטיין פון פערזענלעכקייט־געפיל אינעם פּעריאָד פון רייף ווערן און איבערגאַנג פון קינדהייט צו יוגנטלעכקייט, וועלכעס שיידט זיך אונטער וועזנטלעך פון מינדערווערטיקייט־געפיל. ער האָט דאָס אפשר נישט באַמערקט דערפאַר, ווײַל אין דער פּראַקטיק*) איז אים שווער געווען אונטערצושיידן איינעם פון צווייטן. פונדעסטוועגן איז פאַראַן צווישן זיי אַן אָביעקטיווער, פּרינציפּיעלער אונטערשיד.

דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל איז קודם־כל *עגאָיסטיש*. עס פאַראורזאַכט, אַז דאָס קינד געדענקט נאָר וועגן זיך; אַלץ און אַלעמען אַרום זיך – וויל עס באַהערשן, עס דולדעט נישט עפּעס העכערס, עס וויל הערשן ריקזיכטלאָז. עס שטרעבט צו מאַכט, צו אייגענער דערהייבונג דורך *דערנידעריקן* אַלעמען אַרום זיך, דורך שטעלן פאַר זיך די גאַנצע וועלט אויף דער קני. דאָס פערזענלעכקייט־געפיל, אַקעגן, איז נישט עגאָיסטיש, פאַרקערט — טײלמאָל איז עס בפירוש מענטשנפרײַנדלעך. אמת, אויך דאָס פערזענלעכקייט־געפיל פאָדערט פאַר זיך אָנזען, דערהייבונג, אָבער נישט דורך דערנידעריקן די מיטמענטשן, נאָר פאַרקערט דורך זייער *פרײַער אָנערקענונג* אין רעזולטאַט פון דיווירקלעכע פאַרדינסטן און לייסטונג־פעיקייטן פון געגעבענעם יחיד. באַנוצנדיק זיך מיט דער פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע, קאָן מען זאָגן, אַז דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל איז *דיקטאַטאָריש*, דאָס פערזענלעכקייט־געפיל — *דעמאָקראַטיש*; אויך דעמאָקראַטיע פאָדערט מאַכט, אָבער נישט אָנגעוואָרפענע, נאָר דורך פרײַען אויסוואַל אָנערקענטע.

דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל איז *ווילקירלעך*. דאָס קינד, וואָס שטרעבט צו גרענעצלאָזער מאַכט, האָט נישט דער־

---

*) ער האָט כסדר געהאַט צו טון מיט קרענקלעכע קינדער פון בירגערלעכער אָפּשטאַמונג.

צו קיין שום אינערלעכע באַרעכטיקונג. דאָס פּראָבלעם פֿון באַרעכטיקן די דאָזיקע שטרעבונג שטייט בכלל נישט פֿאַר אים. א י ן ז י ך — איז דאָס קינד אין גאַנצן פּוסט און אינהאַלטלאָז, עס באַזיצט נישט קיין שום אייגענע ווערטן פֿון אָביעקטיווער, געזעלשאַפטלעכער באַדייַטונג, דאָס אַרייַנקוקן אין זיך וואָלט אים נאָר פֿאַרשאַפֿט אומאָנגענעמקייט, טאַקע — מינדערווערטיקייט-געפֿיל, דעריבער איז דאָס קינד געריכטעט מיט זייַן גאַנצער אויפֿמערקזאַמקייט, מיט זייַן גאַנצן וועזן — צ ו ם ד ר ו י ס ן. זייַענדיק אינערלעך ווערטלאָז, וויל ער דעם דאָזיקן דעפֿיציט באַזייַטיקן דורך דעראָבערן, צוואייגנען און באַהערשן אַלץ, וואָס ער טרעפֿט אַרום זיך. באַקומען אַ ווערט דורך א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר פֿאַרכאַפּונג — דאָס איז דער וועג פֿון מינדערווערטיקייט-געפֿיל. אַקעגן, דאָס פּערזענלעכקייט-געפֿיל איז אַדורכגעדרונגען מיט אויפֿריכטיקן דראַנג צו שעפֿערישקייט און געפֿיל פֿון י ו ש ר ד י ק י י ט. אין נאָמען פֿון דאָזיקן געפֿיל פֿאָדערט טאַקע דאָס אונטערוואַקסנדיקע קינד פֿאַר זיך אָנזען, אָנערקענונג, מאַכט, — אָבער נישט אין נאָמען פֿון ווילקיר, נאָר אין נאָמען פֿון זייַנע ר ע כ ט, אין נאָמען פֿון זייַנע (לויט זייַן אויפֿריכטיקן גלויבן) אויסערגעוויינלעכע לייסטונג-פֿעיִקייטן, אין נאָמען פֿון זייַן נוצלעכקייט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. אמת, די דאָזיקע קינדישע איבערצייַגונג איז אַבסאָלוט אַ סוביעקטיווע און זעלטן ווען אַנטשפּרעכט זי דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט (אין גאַנצן גרונטלאָז איז זי אָבער אויך נישט, ווייַל זייער פֿיל אונטערוואַקסנדיקע קינדער צייכענען זיך אַלע מאָל מיט ע פּ ע ס אויס), אָבער סוביעקטיוו גלייבט אין זיי דאָס אונטערוואַקסנדיקע קינד אויפֿריכטיק. דאָס פּערזענלעכקייט-געפֿיל פֿאָדערט דעריבער דעם אָנזען נאָר אַלס ב אַ ל ו י נ ו נ ג (פֿאַרדינטע!) פֿאַר די רעאַלע נוצן, וואָס דאָס אונטערוואַקסנדע קינד גלויבט, אַז ער ברענגט אָדער קאָן ברענגען דער געזעלשאַפֿט.

דאָס מינדערווערטיקייט-געפֿיל לייקנט די רעכט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, און אין רעזולטאַט דערפֿון איז פֿאַר אים די געזעלשאַפֿט (ד"ה די סביבה) נאָר אַ מ י ט ל, קיין מאָל נישט קיין ציל. דאָס פּערזענלעכקייט-געפֿיל שטרעבט אָבער צום אָנזען א י ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט, זייַן רעאַליזירונג שטעלט

אַלס פאָרבאַדינג די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט און עס אָנערקענט איר העכערקייט און פאָדערט מאַכט און אָנזען אין נאָמען פון דער נוצלעכקייט פונעם געגעבענעם יחיד פאַר דער געזעלשאַפט.

ווער עס האָט ליב שאַבלאָנען, קאָן מען אים אויפמערקזאַם מאַכן אויפן דיאַלעקטישן כאַראַקטער פון דאָזיקן גאַנצן גייַסטיקן אַנטוויקלונג-פּראָצעס בייַם קינד: דאָס מינדערווערטי-קייט-געפיל — איז די טעזע, די סאָציאַלע געפילן — די אַנטי-טעזע, דאָס פערזענלעכקייט-געפיל — די סינטעזע, וויַיל פון איין זייַט פאָדערט דאָס פערזענלעכקייט-געפיל אָנזען און מאַכט פאַרן יחיד (אַלזאָ: עלעמענטן פון מינד'-געפיל), אָבער פון דער צווייטער זייַט אָנערקענט עס די געזעלשאַפט און איר אויטאָריטעט; עס פאָדערט די מאַכט אין נאָמען פון דינען איר דורך ספּעציעלע לייסטונגען (עלעמענטן פון סאָציאַלע געפילן).

דער אונטערשיד צווישן מינדערווערטיקייט-געפיל און פערזענלעכקייט-געפיל לאָזט זיך אויך באַמערקן אין דער פּראַקטיק, אין דער אויסערלעכער שטעלונג פון מענטשן. דאָס קינד, וואָס זייַנע האַנדלונגען ווערן געקירעוועט דורכן מינדערווערטיקייט-געפיל, זוכט זייַן מאַכט צו דערגרייכן דורך פּשוטע ווילנסאַקטן („אַזוי וויל איך", „דאָס מוזט איר מיר טון", „אַז נישט — וויין איך", „אַז נישט — ווער איך קראַנק" אאז"וו). דער דערוואַק-סענער מענטש און אַפילו שוין דער יוגנטלעכער, וואָס מיט זייערע האַנדלונגען קירעוועט דאָס פערזענלעכקייט-געפיל, שטרייַכן אונטער שוין אין דער אויסערלעכער שטעלונג די ווערטן זיי-ערע, לויט וועלכע ס'דינט זיי דאָס רעכט צום אויסטיילן זיך. ספּעציעל איז דאָס לייַכט צו באַמערקן ביַי מענטשן, וואָס זיי-ער פערזענלעכקייט-געפיל האָט זייַן קוואַל אין קערפּערלעכן און פיזישן אויסצייכענען זיך. זייער „וויכטיקייט" דריקן זיי אויס אין דער קערפּערלעכער שטעלונג, אין דער מינע, אין אופן פון קליידן זיך, אין פאַרשידענע מאַניערן, אין אונטער-שטרייַכן זייער שיינקייט און גראַציעזקייט, אין אופן פון רעדן אאז"וו. ווי נעגאַטיוו מיר זאָלן נישט אָפּשאַצן דאָס דאָזיקע פּאָ זירן און „שטעלן זיך", דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז פּסי-

כאָלאָגיש דאַרף דאָס אַלץ דינען אַלס געזעלשאַפטלעכע באַ־רעכטיקונג פאַר דער פאָדערונג פון סוביעקט אויף אָנזען און מאַכט; אין דעם דריקט זיך אויס די אָנערקענונג פון געזעלשאַפטלעכן אויטאָריטעט, דערמיט שטעלט זיך דער יחיד פאַרן משפט פון כלל, שטעלט אַרויס „דאָס שענסטע און בעסטע״, וואָס ער פאַרמאָגט, און מיט זײַן גאַנץ וועזן, מיט אַלע האַנדלונגען און קערונגען רופט ער: „זעט, וואָס איך פאַרמאָג — און אָנערקענט מיר מײַנע ספּעציעלע רעכט״. אויך אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן דערגרייכן זייער אָנזען נישט דורך אויסערלעכן אימפּאָנירן, נאָר מיט אַנדערע ווערטן, האָבן די זעלבע אײַנשטעלונג פון מאַניפעסטירן זייערע ווערטן און טאַלענטן, און מען קען דאָס לײַכט בײַ יעדן איינעם אָבסערווירן. אַלזאָ: דאָס פערזענלעכקייט־געפיל, אַפילו ווען עס באַקומט זײַן אויסדרוק אין נעגאַטיווע כאַראַקטער־שטריכן, שיידט זיך וועזנטלעך אונטער פונעם מינדערווערטיקייט־געפיל.

אין לעבן, אין דער פּראַקטיק נעמט אָן דאָס פערזענלעכקייט־געפיל די פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען, און זייער „מאַסשטאַב״ איז זייער אַ גרויסער.

די פּראַקטישע פאָרם און אינהאַלט פון פערזענלעכקייט־געפיל בײַ באַזונדערע מענטשן איז אָפּהענגיק פון די באַזונדערע לעבנס־באַדינגונגען און אינדיווידועלע איבערלעבונגען, פון דער ביאָגראַפיע; אָבער די דעצידירנדיקע מאָמענטן — זענען די אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, די סאָציאַלע לאַגע. ס׳איז אַזוי ווי מיט קונסט־געבײַדעס: איינע איז נישט גלײַך צו דער צווייטער, יעדע טראָגט דעם אינדיווידועלן שטעמפּל פון איר שעפער, פונדעסטוועגן וועט איר באַלד אין יעדער איינער דערקענען דעם סטיל, און טראָץ די אינדיווידועלע אונטערשידן — וועט איר זיי לײַכט קאָנען אײַנטיילן אין אַלגעמיינע סטילגרופּן: באַראָק־סטיל, ראָקאָקאָ־, רענעסאַנס־, גאָטישער סטיל אאַז״וו. אַזוי איז אויך מיטן כאַראַקטער פון מענטשן: טראָץ די אינדיווידועלע אונטערשידן, וועט איר לײַכט בײַ יעדן דערקענען זײַן קלאַסן־צוגעהעריקייט. קורץ — די קלאַסן־לאַגע איז אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר פאַר דער געשטאַלטונג פון פערזענלעכקייט־געפיל.

דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל, וואָס הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען בײַם בירגערלעכן קינד, — איז קודם-כּל עגאָיסטיש. דאָס בירגערלעכע קינד איז באַשטימט צו פירן אַ זעלבשטענדיק ווירטשאַפטלעך לעבן, געשטיצט אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו און קאָנקורענץ; ער דאַרף זיך איינער אַליין דורכשטופּן זײַן וועג — קעגן אַלע זײַנע ריוואַלן און קאָנקורענטן, ער שטייט דאָ ווידעראַמאָל: איינער אַליין אין קאַמף קעגן דער גאַנצער וועלט. דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל בײַם בירגערלעכן מענטש איז ענג געבונדן מיט זײַן פּערזענלעכער (ווירטשאַפטלעכער) קאַריערע — און די דאָזיקע קאַריערע קאָן זײַן אַ דערפאָלגרײַכע נאָר אין רעזולטאַט פון דערפאָלגרײַכן קאַמף קעגן דער אַרומיקער וועלט; זײַן אויפהייבן זיך קאָן קומען פאַרן פּרײַז פון אַראָפּשטויסן אַנדערע. אַלזאָ: דער ערשטער גרונטשטריך פון בירגערלעכן פּערזענלעכקייט-געפיל — איז עגאָיזם, מענטשנפײַנטלעכקייט, קאָנקורענץ.*)

אַ ווײַטערדיקער גרונטשטריך פון בירגערלעכן פּערזענלעכקייט-געפיל — איז די עקזיסטענץ פון אַ קאָנקרעטן אינדיווידועלן ציל און זײַן פּריאָריטעט (העכער שטיין) איבער די סאָציאַלע געפילן און פליכטן; דאָס איז דער קערן, אַרום וועלכן ס'קאָנצענטרירט זיך ס'גאַנצע פּערזענלעכע לעבן און צו וועלכן אַלץ (אינערלעך) ווערט צוגעפּאַסט. אין פּאָפּולערן זין פון וואָרט הייסט דאָס — קאַריעריזם. דאָס בירגערלעכע קינד איז באַשטימט צו ווערן אַן אונטערנעמער אָדער צו פרײַער פּראָפעסיע. אויף די דאָזיקע געביטן איז נישטאָ קיין גרענעץ און קיין פאָרויסגעזעענע אָביעקטיווע שטערונג פאַר אַרויפאַרבעטן זיך. דער אונטערנעמער, אַפילו אָנהייבנדיק אַלס קליינער סוחר אָדער פאַבריקאַנט, קאָן בײַ געוויסע אומשטענדן אומאויפהערלעך וואַקסן און ווערן אַ מיליאָנער. דער מענטש פון פרײַער פּראָפעסיע (דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, אינזשיניער) קאָן ווערן אַ וועלט-באַרימטקייט. דאָס איז

*) מען דאַרף דאָס אָבער נישט האַלטן פאַר אידענטיש מיטן מינדער-געפיל. דער ציל איז דאָ טאַקע עגאָיסטיש (אייגענער ריווח), די מיטלען מוזן אָבער זײַן געזעלשאַפטלעך-נוצלעכע (געבן בעסערע לייסטונגען — סחורות אד"גל — ווי דער צווייטער).

ניט בלויז אַ פֿאָרמעלע מעגלעכקייט; פֿון לעבן זענען באַקאַנט פֿיל אַזעלכע פֿאַקטן, וועלכע דינען אין יעדער בירגערלעכער פֿאַמיליע אַלס לײַכטטורעם פֿאַרן פּערזענלעכן ציל. ס'איז די טעמע פֿון כּסדרדיקע געשפּרעכן, ס'איז דער מוסטער, וואָס מען שטעלט פֿאַר יעדן קינד, ס'איז דער שפּיץ, וועלכן מען ווײַזט דעם קינד און מען זאָגט אים כּסדר: אָט דאָרט אַהין דאַרפֿסטו דערגרייכן! אין דער בירגערלעכער פֿאָרשטעלונג און גלויבן איז דער וועג צום דאָזיקן העכסטן גליק און מאַכט אָפּהענגיק נאָר פֿון זיך אַליין, פֿון אייגענע פֿעיִקייטן און אַרבעטזאַמקייט. שוין אין די יוגנטיאָרן ווערט בײַם בירגערלעכן קינד באַשטימט זײַן באַשעפֿטיקונג, און באַלד שווימט אַרויס און הייבט אָן דאָמינירן אין גאַנצן לעבן דער אינדיווידועלער ציל פֿון געגעבענעם קינד: דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל פֿון רײַכטום און מאַכט אויפֿן דאָזיקן געביט. דער פּערזענלעכער ציל ווערט דער הויפּטאינהאַלט פֿון פּערזענלעכקייט-געפֿיל, דער קערן פֿון גאַנצן גײַסטיקן לעבן. די באַגרענעצטקייט צום פּערזענלעכן — איז דער צווייטער הויפּטשטריך פֿון בירגערלעכן פּערזענלעכקייט-געפֿיל.

דער טעטיקייט-געביט פֿון פּערזענלעכן ציל פֿון בירגערלעכן מענטש, דער געביט, אויף וועלכן ער קאָן אַמלײַכטסטן און אַמזיכערסטן דעם ציל דערגרייכן — דאָס איז דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן. דאָס איז דאָך דער געביט, ווו זײַן קלאַס איז דער הערשנדער, נאָך מער — דיקטאַטאָרישער פֿאַקטאָר. דעריבער איז דער פֿאַרנעם פֿון די אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט-צילן בײַם בירגערלעכן קינד באַגרענעצט צום געביט פֿון עקאָנאָמישן לעבן (אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט, אַרײַנרעכענענדיק דאָ אַ גרויסע צאָל פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, מעלוכע-אַדמיניסטראַציע אד"גל). דאָס גאַנצע לעבן, זײַן גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט, זײַן גאַנצע שעפֿערישקייט גיט ער אָפּ זײַנע ווירטשאַפֿטלעכע פֿונקציעס. דעריבער גייט די דאָזיקע עקאָנאָמישע אַקטיווקייט געפּאָרט מיט פּאַסיווקייט צום קולטור-גײַסטיקן לעבן. דאָס הייסט ניט, אַז דער בירגערלעכער מענטש האָט ניט קיין שום קולטורעלע באַדערפֿענישן. די דאָזיקע באַדערפֿענישן קאָנען אפֿילו טיילמאָל זײַן גאַנץ הויכע, אָבער דאָס קולטור-

לעבן רירט נישט אָן זײַנע פּערזענלעכע אַמביציעס, זי געהערט נישט צום געביט פון זײַן פּערזענלעכקייט־געפיל, אין דער ריכ־טונג לענקט ער נישט זײַן שעפערישקייט, אָבער ער אָנערקענט די קולטור־באַדערפעניש און די נויטווענדיקייט פון קולטור־שע־פערישקייט. ער טיילט עס דעריבער אויס אין אַ באַזונדער שאַ־פונגס־געביט, מאַכט דערפון אַ באַזונדער פאַך. כּדי אָבער צו זײַן אין אָרדענונג מיט זײַן (זייער שוואַכן) סאָציאַלן געוויסן, וועלכער רוקט אים אונטער פון צײַט צו צײַט די אומבאַקוועמע פראַגע: פאַר וואָס האָסטו זיך אויסגעקליבן אַלס ציל רײַך צו ווערן און נישט קיין גײַסטיקע שעפערישקייט, — שאַפט ער די באַקוועמע טעאָריע, אַז דערצו מוז מען האָבן אַ געבוירע־נעם טאַלענט, קונסט און גײַסטיקע שעפערישקייט איז לויט אים אַ געביט פאַר אויסגעוויילטע, פאַר „גאָט־געבענטשטע" יחידים. ער גענישט גערן פון זייער שאַפונג, ער איז זיי אַפילו גרייט צו שטיצן, — און מיט דער דאָזיקער פּאַסיווער ראָל ענ־דיקט זיך די קולטור־מיסיע פון בירגערטום. דער בירגערלעכער מענטש איזווירטשאַפטלעך אַקטיוו, קולטור־גײַסטיק — פּאַסיוו. די בירגערלעכע עפּאָכע אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָט טאַקע קאָלאָסאַל באַרײַכערט די מענטשלעכע קולטור, אָבער דאָס איז דאָס ווערק פון יחידים, פון „גרויסע מענטשן". אין קיין שום פּעריאָד פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז דער הערשנדער קלאַס אַלס קלאַס נישט געווען אַזוי ווייניק קול־טור־גײַסטיק אַקטיוו, ווי דאָס בירגערטום (אויסער דעם פּעריאָד פון זײַן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט, איידער ער איז דערגאַנגען צו דער הערשאַפט). און אַזוי ווי מען מאַכט זייער אָפּט „פון דער נויט — אַ טוגנט", האָבן דעריבער אויך די בירגערלעכע אידעאָלאָגן געשאַפן די טעאָריע, אַז מענטש־לעכע קולטור בכלל, אַפילו די געשיכטע בכלל איז פון שטענ־דיק אָן דאָס ווערק פון „גרויסע מענטשן". זיי האָבן אָבער נישט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז נישט קיין שיק־זאַלזאַך פון גאַנצן מענטשלעכן מין, נאָר אַ טיפּישע דערשײַנונג פון קאַפּיטאַליסטישן פּעריאָד, אַ רעזולטאַט פון די אייגנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וועלכע דאָס בירגערטום האָט אַליין אַרויסגערופן צום לעבן.

בקיצור: דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל בײַ די בירגערלעכע מענטשן, טראָץ דעם וואָס עס אונטערליגט אומצײַליקע אינדיווידועלע ניואַנסן (אַ סך מער ווי בײַ פּראָלעטאַריער, — און מיר וועלן נאָך זען — פאַר וואָס), — טראָגט עס אָבער בײַ יעדן באַזונדער אין זײַנע גרונטשטריכן אַ קלאַסן-כאַראַקטער. זײַן לייטמאָטיוו איז דער *פּערזענלעכער ציל*, וועלכער טיילט אויס דעם בירגערלעכן מענטש און שטעלט אים קעגן גאַנצן אַרום, ווײַל אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען פון דערגרייכן דעם בירגערלעכן פּערזענלעכקייט-ציל איז דער איינציקער וועג דערצו: קאַמף מיטן אַרום, קאָנקורענץ. די באַגלייטנדע כאַראַקטער-שטריכן פון בירגערלעכן פּערזענלעכקייט-געפיל זענען: עגאָיזם, באַגרענעצטקייט צום קאָנקרעטן פּערזענלעכן ציל, ווירטשאַפטלעכע אַקטיווקייט, קולטור-גײַסטיקע און אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכע פּאַסיווקייט*).

גאַנץ אַנדערע כאַראַקטער-שטריכן און אַנטוויקלונג-טענדענצן ווײַזט אַרויס דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל בײַ פּראָלעטאַריער. דער פּראָלעטאַריער האָט נישט קיין שום *אָביעקטיווע* אויסזיכטן צו מאַכן אַ פּערזענלעכע קאַריערע, צו שטײַגן גרענעצלאָז אויפן לייטער פון ווירטשאַפטלעכן דערפאָלג (די מעשיות וועגן ראָקפעלער, פאָרד אד"גל גלייבט ער אפשר, אָבער ער נעמט זיי אָן אַלס *וואונדער*, — און יעדער איינער קאָן דאָך נישט רעכענען אויף קיין וואונדער, דעריבער האָבן די דאָזיקע מעשיות נישט קיין ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון זײַנע פּערזענלעכע צילן). עס זענען דערפאַר נישט פאַראַן קיין פּסיכישע און אָביעקטיווע פאַקטאָרן, וועלכע זאָלן שטויסן זײַן פּערזענלעכע אַנטוויקלונג אויפן וועג פון קאָנקרעטע, פּערזענלעכע צילן. זײַן טרוים אין הינזיכט פון ווירטשאַפטלעכער צוקונפט קאָן נישט זײַן עפּעס אויסעראָרדנטלעכס; ער קאָן אויף דעם געביט דערגרייכן נאָר דאָס *דורכשניטלעכע*; ער שטרעבט נישט צו ווערן איבער אַלע (ווי דער בירגער),

---

*) איז דעריבער אַ וואונדער, פאַר וואָס די בורזשואַזיע קאָן אַזוי לײַכט זיך אָפּזאָגן פון דעמאָקראַטישע אידעען און בכלל אידעען צוליב ווירטשאַפטלעכע נוצן, ווי דאָס האָט באַוויזן דער בײַשפּיל פון היטלער-דײַטשלאַנד?

נאָר צוגלײַך מיט אַלע (פּראָלעטאַריער). און פּאַקטיש, װעגן װאָס טרוימט (אין הינזיכט פון פּערזענלעכער קאַריערע) אַ פּראָלעטאַריש קינד? — צו װערן אַן אַרבעטער, װערן דאָס, װאָס עס זענען אַלע זײַנס גלײַכן אַרום: זײַנע עלטערן, שכנים, באַקאַנטע, משפּחה. און אױב ער קען שױן יאָ טרוימען װעגן עפּעס ספּעציעלס, העכערס — איז עס אַ װוּנטש צו װערן אַ הױך קװאַליפיצירטער אַרבעטער, אָדער גאָר — אַ פאַבריק-מײַסטער. אָבער דער לעבנס-ניװאָ און די געזעלשאַפטלעכע שטעלונג פון אַ גוט פאַרדינענדן הױך קװאַליפיצירטן אַרבעטער אָדער מײַסטער איז גאָרנישט עפּעס אױסעראָרדנטלעכס, עפּעס, װאָס זאָל אים שטעלן באַדײַטנדיק העכער פון אַרום. דער אונטערשיד אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען און לעבנס-ניװאָ פון אַ פאַבריק-מײַסטער ביז אַ דורכשניטלעכן אַרבעטער איז נישט אַזאַ גרױסער. מיט אײן װאָרט: דאָס פּערזענלעכקײט-געפיל פון פּראָלעטאַריער קען נישט געפינען זײַן אױסדרוק אין דער שטרעבונג זיך אױסצוטײלן, העכער שטעלן אױפן װירטשאַפטלעכן געביט דורך אַ װירטשאַפטלעכער קאַריערע. דאָ קאָן ער דערװאַרטן – אין בעסטן פאַל – עפּעס דורכשניטלעכס, אַלזאָ – עפּעס אַזעלכעס, װאָס קאָן נישט זעטיקן דאָס פּערזענלעכקײט-געפיל, דאָס געפיל פון אױסטײלן זיך, דאָס געפיל פון העכערקײט, פון ספּעציעלן פּערזענלעכן װערט. דאָס זעלבע איז נוגע אַלע אַנדערע געביטן, װוּ דער בירגערלעכער קאָן זיך אַרױפאַרבעטן (פרײַע פּראָפעסיעס, העכערע מלוכה-אַדמיניסטראַציע אד״גל) — דער פּראָלעטאַריער האָט נישט קײן שום באַדינגונגען און מעגלעכקײטן דערצו. דעריבער קאָנען מיר דרײסט פעסטשטעלן, אַז דאָס װירטשאַפטלעכע לעבן און דער מאַטעריעלער דערפאָלג איז נישט דאָס געביט, װוּ עס קאָן זיך אױסלעבן און אַנטװיקלען דאָס פּערזענלעכקײט-געפיל — און ממילא דער פּערזענלעכער ציל פון פּראָלעטאַריער.

דעריבער לענקט זיך דאָס פּערזענלעכקײט-געפיל פון פּראָלעטאַרישן קינד צום קולטור-גײַסטיקן און אַלגעמײן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס קאָן קלינגען בײַ פיל װי אַ פּאַראַדאָקס: קאָן מען דען גלײבן, אַז די בורזשואַזע קינדער, װעלכע באַ-

קומען מערסטנטיילס מיטעלע און הויכע בילדונג, וועלכע באַזיצן אַלע רײַכטימער און די מעגלעכקייט צו שעפּן מיט פולע הענט פון קולטור און וויסן, — אַז די דאָזיקע געבילדעטע מענטשן זאָל זײַן פרעמד די קולטור-שעפערישקייט? אַקעגן, פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן אין בעסטן פאַל אַ באַגרענעצטע עלעמענטאַרע בילדונג, וועלכע שטייען אַ סך ווײַטער פון דער מאָדערנער קולטור, — אַז גראָד זייער פּערזענלעך לעבן און פּערזענלעכע פּאַראינטערעסירונגען זאָלן זײַן געריכטעט צום גײַסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן? — אָבער אַזוי איז עס פּאָרט! און אויב דאָס איז נישט פאַרשטענדלעך, איז עס נאָר איינער פון די אויסדריקן פון די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אין וועלכן ס'שפּיגלט זיך אָפּ דער גרונט-ווידערשפּרוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט בכלל: דער פּאַראַזיטיזם פון די באַזיצנדע קלאַסן און די שעפערישקייט פון די באַזיצלאָזע קלאַסן. אַזוי איז עס נישט בלויז אין עקאָנאָמישן לעבן, נאָר אויך אויף די געביטן פון געזעלשאַפטלעך-גײַסטיקן לעבן.

מען קאָן אונדז דאָ פאָרוואַרפן אַ געוויסן ווידערשפּרוך. אין קאַפּיטל 2 זאָגט זיך, אַז דאָס קאָלעקטיווע מינדערווערטיקייט-געפיל בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער, אויף וועלכן ס'וואַקסט אויס דער פאַמיליע-געפיל-קאָמפּלעקס, האָט נישט קיין טענדענץ צו פאָרמעל-לאָגישער ווײַטער-אַנטוויקלונג. דעריבער בלײַבט ער אָפּטמאָל שטיין און סטאַביליזירט זיך אין זײַן קינדישן פאַרנעם (זאָרג וועגן פאַמיליע און נאָנטסטע). אַזעלכע אַרבעטער האָבן אַ זייער וואַרעמע צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע, אַרבעטן שווער, כּדי צו דערנערן די פאַמיליע, און אין נאָמען פון זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן זענען זיי גרייט אַלץ צו טון, וואָס זיי זענען נאָר בכּוח. אויב אַזוי — קאָן מען אונדז פאָרוואַרפן — איז דאָך נישט ריכטיק די טעזע, אַז נאָר בײַ קאַפּיטאַליסטן איז דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל געריכטעט צום ריין אינדיווידועלן ציל. אָט זעט מען דאָך, אַז אויך פיל אַרבעטער זענען פאַרנומען נאָר מיט זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן און זענען אויף אַלץ גרייט, כּדי די דאָזיקע אינטערעסן אָפּצוהיטן. דאָס לעצטע איז טאַקע גאַנץ ריכטיק, אָבער נישט

ריכטיק איז, אַז דערין דריקט זיך אויס דער פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר צ י ל, דער אינהאַלט פון פּערזענלעכקייט-געפיל פון פּראָלעטאַריער. אויב דער פּראָלעטאַריער ווידמעט זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זײַן גאַנצן אינטערעס — די מאַטעריעלע באַדערפעניש, איז עס נישט פון פרײַען ווילן, ער זעט נישט דערין קיין שום פאַרגעניגן, קיין שום פּערזענלעכע סאַטיספאַקציע, — ער טוט עס נאָר צוליב נ ו י ט. יעדן אַזעלכן אַרבעטער וועט איר אָפטמאָל הערן קלאָגן זיך אויף זײַן ביטער מזל, וואָס ער מוז דאָס גאַנצע לעבן האָרעווען און זײַן פאַריאָגט צוליבן שטיקל ברויט. דער אַרבעטער האָט נישט דערפון קיין שום פאַרגעניגן, קיין שום באַפרידיקונג, פאַרקערט — ער זעט אין דער דאָזיקער לאַגע זײַן עוולה, אַ לעבנסלאַסט. די זאָרג פון פּראָלעטאַריער פאַר זײַנע מאַטעריעלע אינטערעסן איז נישט דער אויסדרוק פון פּערזענלעכקייט-געפיל, נאָר פון זעלבסטדערהאַלטונג-אינסטינקט. אַנדערש אָבער איז ביים קאַפּיטאַליסט. ער איז פרײַוויליק מיט זײַן גאַנצער אויפמערקזאַמקייט, מיט זײַן גאַנצער נשמה אָפּגעגעבן זײַנע אינטערעסן, זײַן באַשעפטיקונג, ער געפינט דערין זײַן פאַרגעניגן, זײַן סאַטיספאַקציע, זײַן פּערזענלעכן ציל אין לעבן.

לאָמיר זיך איצט נענטער צוקוקן צום לעבן-שטייגער פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן און מיר וועלן זען, אַז אונזער באַהויפּטונג איז גאָרנישט אַזוי פּאַראַדאָקסאַל. די קאָלאָסאַלע גײַסטיקע און קינסטלערישע שעפערישקייט פון פאָלק איז אַן איבעראַל באַקאַנטע זאַך. קיין שום ערנסטע קונסט- אָדער ליטעראַטור-געשיכטע קאָן נישט פאַרשווײַגן דעם הויכן ווערט און טיפן אינהאַלט פון פאָלקסשאַפונגען. זייער פיל פ אָ ל ק ס-לידער, פ אָ ל ק ס-מעלאָדיעס, פ אָ ל ק ס-מעשיות אאַז"וו — געהערן צו די שענסטע אוצרות פון קינסטלערישער שאַפונג. אַלס באַווײַז און סימבאָל דערפון, קאָנען דינען די אָפטע פאַקטן, וואָס גרויסע געניאַלע קינסטלער נעמען פאָלקסמאָטיוון אַלס טעמעס פאַר זייערע שאַפונגען. אַזוי, למשל, האָט בעטהאָווען אויסגענוצט אַ פאָלקסמאָטיוו צו זײַן „ליבנגעזאַנג צו דער פרייד" אין דער אומשטערבלעכער 9טער סימפאָניע; געטהע האָט גענומען די פאָלקס-לעגענדע וועגן דאָקטאָר פאַוסט

אַלס טעמע פאַר זײַן מײַסטערווערק „פאַוסט". און וויפל טיפע אמתן זענען פאַראַן אין די פאָלקסווערטלעך און שפּריכווערטער? אויך זייער פיל וויסנשאַפטלעכע געזעצן און פעסטשטעלונגען, וועלכע זענען דערבאַוועוסט געוואָרן דורך מיפולער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און פאָרשונגען, זענען אייגנטלעך שוין פון לאַנג פאָרמולירט געוואָרן אויף אַ לײַכטן און פאָלקסטימלעכן אופן אין פאָלקסווערטלעך און שפּריכווערטער. אַזוי, למשל, זאָגט פּראָפ' פ ר ו י ד אַליין, אַז דער פאָלקסגלויבן וועגן חלומות איז אין אײַנקלאַנג מיט זײַן לערע וועגן חלומות — דעם רוקנביין פון זײַן גאַנצער פּסיכאָאַנאַליטישער טעאָריע (נעמלעך: אַז חלומות זענען נישט אומזיניק, נאָר האָבן אַ באַ-ד ײַ ט ו נ ג און אַז זיי לאָזן זיך באַשיידן). אויך די פילאָזאָפיע איז נישט בלויז דאָס ווערק פון גרויסע דענקער. פיל גרויסע געדאַנקען זענען דאָך ווערק פון פאָלקסגײַסט; אויך די רעליגיע — טראָץ דעם, וואָס זי ווערט אויסגענוצט דורכן קלער אַלס ווערקצײַג פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג — איז דאָך אייגנטלעך אַ פאָלקסשאַפונג, איינע פון די עלעמענטן פון דער פאָלקס-פילאָזאָפיע, אין וועלכער דאָס פאָלק זוכט אַ לייזונג פון די גײַסטיקע פּראָבלעמען בנוגע וועלט און מענטש. מיט איין וואָרט: די גײַסטיקע שעפערישקייט פון די ברייטע פאָלקסמאַסן איז קאָלאָסאַל, זי שטייט אויף דער הייך פון דער געניאַלסטער אינדיווידועלער שעפערישקייט. נאָר אין די נײַסטע צײַטן, אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם, האָט מען אָנגעהויבן קוקן מיט ביטול אויף דער פאָלקסשאַפונג; ווען די בורזשואַזיע אַלס קלאַס האָט פון זיך אויסגעהויכט יעדע גײַסטיקע שעפערישקייט, האָט זי פאַרשפּרייט די פאַלשע באַהויפּטונג, אַז גײַסטיק שעפעריש קאָנען נאָר זײַן יחידים, „געטלעכע טאַלאַנטן". עמעס, די פאָלקסמאַסן געבן אפשר אַרויס ווייניקער געניאַלע יחידים, אָבער דאָס ווערט אויסגעגליכן דורך דער ריזיקער קאָלעקטיווער שעפערישקייט פון די ברייטע פאָלקסמאַסן.

נישט בלויז אויפן געביט פון גײַסטיקער שעפערישקייט ווײַזן אַרויס די פאָלקסמאַסן אַ גרויסע אַקטיווקייט, נאָר אויך אויפן געביט פון גײַסטיקער ק אָ נ ס ו מ צ י ע, פון גײַסטיקן

ג ע נ ו ס. אייגנטלעך איז דאָס צווייטע אַ פּועל-יוצא פון
ערשטן. נאָר די בורזשואַזיע האָט איַינגעפירט די שעדלעכע
פאַרטיילונג פון גיַיסטיקער פּראָדוקציע און גיַיסטיקער קאָנ-
סומציע. אויב אָבער די גיַיסטיקע שפּעפערישקייט פון פאָלק
איז אַ מאַסנהאַפטע, אַ קאָלעקטיווע — איז שוין נישטאָ קיין
אָרט פאַר דער דאָזיקער פונאַנדערטיילונג. דאָס פאָלק ש אַ פ ט-
פ אַ ר א יי ג ע נ ע ם ג ע נ ו ס און כדי צו געניסן — מוז עס
שאַפן. קיינער קאָן נישט צווייפלען אין דער גיַיסטיקער פאַר-
אינטערעסירונג, אין דער לעבהאַפטער שטרעבונג פון די ברייט-
סטע פאָלקסמאַסן צום גיַיסטיקן גענוס — דאָס איז אַ באַשיַינ-
פערלעכער פאַקט. אמת, דער ניוואָ פון די גיַיסטיקע און
קונסט-שאַפונגען, וועלכע באַפרידיקן די פאָלקסמאַסן, קאָן זיַין—
לויט אונדזערע באַגריפן — אַ נידעריקער; זייער טעאַטער רופן
מיר אָפט אָן — „שונד-טעאַטער", זייער לעקטור — „שונד-
ליטעראַטור", זייער מוזיק — „פּלאַכע מוזיק" אאַז"וו. אָבער
נישט וועגן דעם גייט עס איצט. מעג דער ניוואָ פון דער
דאָזיקער קונסט זיַין אַ נידעריקער, אָבער דערמיט הערט עס
נישט אויף צו געהערן צו ק ו נ ס ט און צום געביט פון
גיַיסטיקן לעבן בכלל, די דאָזיקע שאַפונגען הערן נישט אויף
דערמיט צו זיַין גיַיסטיקע שאַפונגען, און דאָס וויכטיקסטע —
דער גענוס, וועלכן די פאָלקסמאַסן זוכן אין דער דאָזיקער
קונסט, הערט נישט אויף צו זיַין אַ ש ט ר ע ב ו נ ג, אַ ג אַ-
ר ו נ ג נ אָ ך ג יַי ס ט י ק ן ג ע נ ו ס. דעריבער האָבן מיר דאָס
רעכט פעסטצושטעלן, אַז איינער פון די הויפּטשטריכן פון
פּראָלעטאַרישן פערזענלעכקייט-געפיל — איז די לעבהאַפטע
שטרעבונג צו גיַיסטיקן, קינסטלערישן גענוס.

די דאָזיקע איַינשטעלונג פון פּראָלעטאַרישן פערזענלעכ-
קייט-געפיל אויפן געביט פון גיַיסטיקער ק אָ נ ס ו מ צ י ע איז
נישט בלויז צאָלמעסיק, נאָר אויך פאַרהעלטענישמעסיק גרעסער
ווי ביַי דער בורזשואַזיע (אַראָפּרעכענענדיק יענע עלעמענטן,
ביַי וועלכע דאָס גיַיסטיקע לעבן איז אַ פּראָפעסיע, ווי קינסט-
לער, מוזיקער, אַרטיסטן, זשורנאַליסטן אד"גל). די טעאַטערלעך,
קינאָס, פאַרוויַילונג-ערטער לונאַפּאַרקן, טאַנצזאַלן אד"גל, וועלכע
באַדינען די פּראָלעטאַרישע און פאָלקס-מאַסן, ווערן גלענצנד באַזוכט

און זיי האָבן זיך נישט וואָס צו קלאָגן אויפן קריזיס, ווי דאָס קינסטלערישע טעאַטער, וועלכעס באַדינט די „העכערע" קלאַסן. נאָך אַ וויכטיקער באַווײַז דערפֿאַר איז דער אופן פון פֿאַרברענגען די פרײַע צײַט און יום-טוב-צײַט. בײַם בירגערטום איז דאָ אַ נייגונג צו פֿאַרברענגען די יום-טוב-צײַט אין אָפּרו, אין קרײַז פון דער פֿאַמיליע; אַקעגן, בײַ די פּראָלעטאַרישע מאַסן איז דאָ אַ נייגונג צו פֿאַרברענגען יום-טוב אויף פֿאַרווײַלונגען, אין גײַסטיקן געניוס. און ווידער אַ מאָל דאַרף מען דאָ אונטערשטרײַכן, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אָביעקטיוון קינסטלערישן ניוואָ פון דער קונסט, פון וועלכער עס געניסן די פּראָלעטאַרישע און פֿאָלקס-מאַסן; מעג דער ניוואָ זײַן אַ נידעריקער, אָבער דערמיט הערט עס נישט אויף צו געהערן צום געביט פון גײַסטיקער שאַפונג, און דער דראַנג צום געניוס פון דער דאָזיקער שאַפונג הערט נישט אויף צו זײַן אַ *גײַסטיקע* באַדערפֿעניש.

אָבער מיט טעאַטער, קינאָ, צירק—שעפּן זיך ווײַט נישט אויס די געביטן, ווו ס'זוכט זײַן גײַסטיקן געניוס דער פּראָלעטאַריאַט. אַ זייער גרויס אָרט פֿאַרנעמען בײַ זיי די *פֿאָלקספֿאַרווײַלונגען*. דאָס איז שוין — פון סוביעקטיוון שטאַנדפּונקט — אַ העכערע מדרגה פון גײַסטיקער אויסלעבונג, ווײַל אויף די פֿאַרווײַלונגען קומט צום אויסדרוק נישט בלויז פּאַסיווער גײַסטיקער געניוס, נאָר ס'קומט שוין אויך אַ געוויסע גײַסטיקע *אַקטיוויקייט פון פּובליקום* גופא. דאָס פּובליקום אָרגאַנזשירט אַליין פֿאַר זיך פֿאַרשידענע פֿאַרווײַלונגען, שפּיל, טאַנץ אד"גל — מיט איין וואָרט: עס שאַפֿט אַליין פֿאַר זיך דעם גײַסטיקן געניוס.

אַן איבעראַל באַקאַנטע דערשײַנונג, אין וועלכער ס'קומט טאַקע בולט צום אויסדרוק דאָס פּראָלעטאַרישע פּערזענלעכקייטגעפֿיל — איז דאָס *זינגען בײַ דער אַרבעט*. דאָס דאָזיקע זינגען הערט אויף נאָר דאָרט, ווו עס ווערט אוממעגלעך צוליב אויסערלעכן דרוק און ראַציאָנאַליזירטע אַרבעט-באַדינגונגען (הויכע טעכניק, ווײַטגייענדע אַרבעט-פֿאַרטיילונג, איבערמענטשלעכער אַרבעטס-טעמפּאָ אד"גל), ווען די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט און נערוועזע קראַפֿט ווערט אויסגעזויגן דורכן

אַרבעט-סיסטעם און די מינדסטע אָפּווײַכונג דראָט מיט לעבנס-געפאַר. אָבער דאָרט, ווו די טעכנישע אַרבעט-באַדינגונגען מאַכן דאָס נישט אוממעגלעך, — טרעפט מען איבעראַל די דערשײַנונג פון זינגען בײַ דער אַרבעט.

און אָט איז אַן אונטערנעמער בײַ דער אַרבעט, אַ סוחר אָדער פאַבריקאַנט זיצט אין זײַן קאַבינעט, מאַכט קאַלקולאַציעס, אויסרעכענונגען, פּלענער אאַז״וו, — קאָנט איר אים זיך פאָרשטעלן בײַ דער אַרבעט זינגענדיק? — אויסגעשלאָסן! פאַר וואָס איז דאָס אַזוי?

בעת דער אונטערנעמער דערפילט זײַן אַרבעט, איז ער דערפון גײַסטיק באַפרידיקט, איז ער דאַן אַ גאַנצער מענטש; זײַן אַרבעט — איז זײַן פּערזענלעכער ציל; מיט דער דאָזיקער אַרבעט איז זײַן פּערזענלעכקייט-געפיל באַפרידיקט. אַרום דער דאָזיקער פונקציע קאָנצענטרירן זיך אַלע זײַנע מענטשלעכע און גײַסטיקע כּוחות, אין איר רעאַליזירט זיך זײַן פּערזענלעכע העכערקייט. אַלזאָ, בײַ דער אַרבעט קומט צום אויסדרוק זײַן גאַנצער איך און ער דאַרף גאָרנישט צוגעבן, גאָרנישט דערגאַנצן, כּדי זיך צו פילן אַלס פולווערטיקער מענטש. אַנדערש איז מיטן אַרבעטער: ער איז בײַ דער אַרבעט אַ געצײַג אין די הענט פון באַלעבאָס, אַ זאַך, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דער מאַשין און דער אַרבעט-אָרדענונג; אַ געצײַג, וואָס איז געהאָרכזאַם און אונטערטעניק; זײַן פּערזענלעכער ווערט און זײַן פּערזענלעכקייט-געפיל איז אַראָפּגענידעריקט. אינעם אַרבעט-פּראָצעס זענען דאָ דרײַ זאַכן: רוישטאָף, מאַשינען און ער — דער אַרבעטער; זיי האָבן אַלע דרײַ אַ גלײַכן ווערט אין קאַפּיטאַליסטישן אַרבעט-פּראָצעס; ער — דער מענטש איז אַראָפּגענידעריקט צום גלײַכן ווערט מיט טויטע זאַכן. אין אַזאַ לאַגע קאָן, פאַרשטייט זיך, נישט זײַן קיין רייד וועגן באַפרידיקונג פונעם אַרבעטערס פּערזענלעכקייט-געפיל בעתן אַרבעט-פּראָצעס. דער אַרבעטער פילט זיך נישט בעתן אַרבעט-פּראָצעס אַלס פולשטענדיקער מענטש, דעריבער פילט ער אַ טיפע אינערלעכע באַדערפעניש אָפּצוגעפינען זײַן איך, צו הייבן זײַן פּערזענלעכקייט-געפיל דורך גײַסטיקער טעטיקייט און איבערלעבונגען בעת דער

אַרבעט. דאָס דאַרף סוביעקטיוו באַדײַטן: „ניין, איך האָב נישט דעם ווערט פון אַ טויטער זאַך, איך בין אַ מענטש און האָב מײַנע העכערע מענטשלעכע עמאָציעס, לײַדן און פריידן!" די ראָל פון דעם דערהייבנדן פאַקטאָר, וועלכער דעמאָנסטרירט די מענטשלעכקייט פון אַרבעטער — אין קעגנזאַץ צו דער אַנטמענטשונג פון אַרבעטער אין קאַפּיטאַליסטישן אַרבעט-פּראָצעס, — די דאָזיקע ראָל שפּילט דאָס ליד בײַ דער אַרבעט. פאַר וואָס דווקא דאָס ליד? — פּשוט, ווײַל פיזיש און טעכניש איז קיין שום אַנדערע גײַסטיקע טעטיקייט בעת דער אַרבעט נישט מעגלעך; יעדע אַנדערע גײַסטיקע טעטיקייט קאָן שטערן דעם אַרבעט-פּראָצעס (אָדער צוליבן אָפּציִען די אויפמערקזאַמקייט — גורם זײַן אַ שאָדן). דאָס ליד שטערט נישט דעם אַרבעט-פּראָצעס (אַלנפאַלס אָנזעעוודיק), און פון דער צווייטער זײַט — סוביעקטיוו — גיט עס דעם גרעסטן עמאָציאָנעלן עפעקט. אי ס'גיט סוביעקטיווע איבערלעבונג, אי ס'ווײַזט גלײַכצײַטיק אַרויס פּערזענלעכע פעיִקייטן (שיין זינגען) — און דעריבער איז דאָס ליד בעתן אַרבעט-פּראָצעס דער אויסדרוק פון פּערזענלעכקייט-געפיל פון פּראָלעטאַריער. דאָס איז אַ בולטער באַווײַז פאַר דער ריכטיקייט פון אונדזער באַהויפּטונג, אַז דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל פון פּראָלעטאַריער זוכט זיך אויסצולעבן אין גײַסטיקער טעטיקייט, גײַסטיקן גענוס — אין אַ קאָלעקטיווער אַטמאָספער*).

*) מען קאָן דאָ מאַכן דעם פאָרוואָרף, אַז זעלבשטענדיקע באַלמעלאָכעס, וואָס פילן זיך נישט בעת דער אַרבעט ווי אַ געצייג אין יענעמס הענט, נאָר זענען זעלבשטענדיק, — האָבן אויך ליב צו זינגען בײַ דער אַרבעט. דער דאָזיקער פאַקט רעדט אָבער נישט קעגן אונדז. אמת, ווי קיין געצייג אין פרעמדע הענט פילט זיך נישט דער זעלבשטענדיקער באַלמעלאָכע אָדער כאַלופּניק בעת דער אַרבעט, אָבער ער פילט זיך אויך אַלס געצייג אין די הענט פון די אַלגעמיינע לעבנס-באַדינגונגען, פון דער אָרדענונג. אויך בײַ אים דריקט זיך נישט אויס דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל אין דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, ווײַל אויך דער באַלמעלאָכע — שוסטער, שנײַדער, בלעכער אד"גל — שטעלט זיך נישט פאַר צו מאַכן אַ קאַריערע דורך דער מלאכה, אויך ער נעמט אויף די אַרבעט ווי אַ לאַסט פון דאגות פּרנסה.

די פאָלקסמאַסן ווײַזן אויך אַרויס אַ גרויסע נייגונג און ליבע צו מוזיק, ווײַל דאָס איז די אַממערסטן אוממיטלבאַרע פון אַלע קונסטן און זי פאָדערט ווייניקער צוגרייטונג און ערודיציע, ווי אַלע אַנדערע קונסטן. שפּילן אויף מאַנדאָלינע, גיטאַרע, האַרמאָניע, מויל-האַרמאָניקע אד״גל — איז שטאַרק באַליבט און פאַרשפּרייט בײַ די פאָלקסמאַסן; ס'איז זעלטן צו טרעפן אַן אינטימע אָדער עפּנטלעכע פאַרווײַלונג פון פאָלקס-מענטשן אָדער פּראָלעטאַריער אָן דעם אָנטייל פון היימישער מוזיק, פון אייגענע, היימישע אַמאַטאָרישע מאַנדאָלין- אָדער האַרמאָניע-שפּילער אד״גל. בײַ פאָלקסמענטשן איז אויך שטאַרק באַליבט דאָס שפּילן אַמאַטאָרן-טעאַטער, דאָס פאָר-שטעלן אַליין און אַרויסרופן בײַ די צושויער טיפערע אײַ-בערלעבונגען אַדאַנק פאַרשידענע אינטערעסאַנטע און עמאָציאָ-נירנדע סיטואַציעס און פאַסירונגען. דאָס איז ווידער אַ מאָל נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער ווילן צו אַקטיווער גײַסטיקער שעפערישקייט. די דאָזיקע נייגונגען באַווײַזן, אַז די שטרעבונג צו סוביעקטיווע, גײַסטיקע עמאָציעס טראָגן אַ בולט קאָלעק-טיוויסטישן, געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער; אַמבעסטן האָט דער פאָלקסמענטש און פּראָלעטאַריער ליב זיך צו פאַרווײַלן אין צוזאַמענטרעף מיט אַנדערע — צום גײַסטיקן געניוס אין אַ קאָלעקטיוו.

דער אויספיר פון דעם אַלעם איז קלאָר: דאָס פּערזענ-לעכקייט-געפיל בײַם בירגערלעכן מענטשן איז אײַנגעשטעלט אויף די פּערזענלעכע, עגאָיִסטישע מאַטעריעלע צילן; אָקעגן בײַ פּראָלעטאַריער איז דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל אײַנ-געשטעלט אויפן קאָלעקטיוון גײַסטיקן לעבן. דאָס פּערזענלעכע אויסלעבן זיך דורך אינדיווידועל-ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונ-גען איז פאַר זיי פאַרמאַכט, און דערפאַר מוזן זיי זוכן דאָס פּערזענלעכע אויסלעבן זיך אין גײַסטיקן געניוס און גײַסטיקער שעפערישקייט. דערפון ווערט שוין קלאָר דער אין פלוג מערק-

דעריבער איז אויך בײַם דורכשניטלעכן קליינעם באַלמעלאָכע, פּונקט ווי בײַם אַרבעטער, דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל געריכטעט צום גײַסטיקן און קאָלעק-טיוון לעבן (אין דער „חברה", למשל).

ווירדיקער פאַקט, וואָס פּראָלעטאַריער, ביי אַ געהעריקער ציל-באַוווּסטער קולטור-אַרבעט, איז זייער לייכט אויפצוהייבן צו אַ הויכן קולטור- און באַוווּסטזיין-ניווא. דאָס קומט אָן פאַרהעל-טענישמאָסיק לייכט דערפאַר, ווייל שוין פון לכתּחילה איז דער פּערזענלעכער אינטערעס פון פּראָלעטאַריער איינגעשטעלט אויף גייסטיקן געניוס, אויפן קולטור-לעבן.

דאָס בירגערלעכע פּערזענלעכקייט-געפיל רעאַליזירט זיך אין אָנפירן מיט אונטערנעמונגען, אין דורכפירן געוויסע פּ ל ע-נ ע ר, וועלכע דאַרפן אין דער צוקונפט פאַרווירקלעכט ווערן — אין רעזולטאַט פון דורכאַפטער און פאַרויס באַרעכנטער טעטיקייט. דערצו מוז מען האָבן פון פאָרויס אַ פּ ל אַ ן, אַ פאָרויסגעזעענעם וועג. דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט ל אָ ג י-ש ע ר, מיט א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ר אַרבעט און צוגריי-טונג.

דאָס פּראָלעטאַרישע פּערזענלעכקייט-געפיל רעאַליזירט זיך, אַקעגן, אין סוביעקטיווע א י ב ע ר ל ע ב ו נ ג ע ן, ד"ה אין מאָמענטאַלע, באַלדיקע האַנדלונגען און דערשיינונגען, וועלכע הייבן זיין זעלבסטגעפיל און סוביעקטיווע איך-אָפּשאַ-צונג. דאָס דאָזיקע פּערזענלעכקייט-געפיל פאַרווירקלעכט זיך אַלזאָ אין ג ע פ י ל ן. דער גייסטיקער אָרגאַן פון פּראָלעטאַ-רישן פּערזענלעכקייט-געפיל איז דאָס ע מ אָ צ י אָ נ ע ל ע לעבן.

דער אויספיר: די אַלגע׳ לעבנס-באַדינגונגען בילדן אויס דעם בירגערלעכן מענטש — אין אַן אינטעלעקטועלן טיפּ, דעם פּראָלעטאַריער — אין אַן עמאָציאָנעלן טיפּ.

אויפן דאָזיקן געביט פון מענטשלעכן לעבן געפינט זיין אָפּשפּיגלונג אַן אַלגעמיין-סאָציאָלאָגישער אמת: די בורזשואַזיע איז מאַטעריאַליזירט, איר לעבן איז איינגעשטעלט אויף פּרי-וואַטע, עגאָיסטישע, מאַטעריעלע אינטערעסן, ווייל זי איז דער אונטערגייענדער קלאַס און זי רעפּרעזענטירט שוין נישט מער דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס און פאָרשריט. דאָס פּערזענלעכע לעבן פון פּראָלעטאַריער איז איינגעשטעלט אויף גייסטיקער און קולטור-שעפערישקייט, ווייל דער פּראָלע-טאַריאַט איז דער אויפגייענדיקער קלאַס און ער רעפּרעזענ-

טירט די אינערלעכע געזעלשאַפטלעכע כוחות פאַר ווײַטערדיקן מענטשלעכן פאָרשריט און קולטורוווקס. דאָס איז איינער פון די ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג: דער פּראָלעטאַריאַט איז דורשטיק נאָך דעם, וואָס ער באַזיצט נאָך נישט; דאָס בירגערטום וווּלגאַריזירט און דערנידעריקט דאָס, וואָס זי האָט פאַר זיך מאָנאָפּאָליזירט, צום שאָדן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

* * *

מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז טראָץ דער אינדיווידועלער באַזונדערקייט און פאַרשידנאַרטיקייט, טראָגט דאָס פערזענלעכקייט-געפיל אַ בולטן קלאַסן-כאַראַקטער, ד"ה עס פאַרמאָגט — טראָץ די אינדיווידועלע ניואַנסן — געוויסע דעצידירנדע אַלגעמיינע שטריכן, אַנטשפּרעכנד צו דער קלאַסן-אָנגעהעריקייט. בײַם בירגערטום איז דאָס פערזענלעכקייט-געפיל אײַנגעשטעלט אויף עגאָיסטישע צילן און איז באַגרענעצט מיטן האָריזאָנט פון אייגענעם מאַטעריעלן לעבן און פון דראַנג צום פערזענלעכן אַרויפאַרבעטן זיך, באַקומען אָנזען אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. בײַם פּראָלעטאַריאַט איז דאָס פערזענלעכקייט-געפיל געריכטעט צום קאָלעקטיוון גײַסטיק-עמאָציאָנעלן לעבן און זוכט זײַן דערהייבונג, זײַן רעאַליזאַציע אין עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און גײַסטיקן געניוס.

אָבער דאָס זענען נאָר גרונטשטריכן פון כאַראַקטער — דער באָדן, אויף וועלכן ס'וואַקסט אויס די געבײַדע, דער קאָנקרעטער און בײַ יעדן יחיד זעלבשטענדיקער און אייגנאַרטיקער כאַראַקטער. מיט די גרונטשטריכן שעפּט זיך נאָך נישט אויס דער פולער אינהאַלט פון כאַראַקטער. פאַראַן נאָך פיל אייגנשאַפטן פון פערזענלעכקייט-געפיל, וועלכע גיבן צו דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער זײַן ספּעציעלן קאָלאָריט. און דאָס וויכטיקסטע: די אַלע גרונטשטריכן פון כאַראַקטער אַנטשטייען נישט מיט אַמאָל, נאָר בילדן אַן אַנטוויקלונג-פּראָצעס, זיי קומען אויף שטופנווײַז, אין משך פון יאָרן, — אָנהייבנדיק אַן ערך פון 12–14 יאָר (און טיילמאָל אַפילו פריער), ווען ס'הייבן זיך אָן באַווײַזן די ערשטע שפּראָצונגען פון פער-

זענלעכקייט-געפיל, ביז עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ווען דער כאַראַקטער פאָרמירט זיך שוין אויס ענדגילטיק.

לאָמיר זיך דעריבער אומקערן צום יוגנטלעכן, צום פעריאָד פון רײַף ווערן, צום ערשטן פעריאָד, ווען סהייבט זיך אָן אויספאָרמירן די פערזענלעכקייט בײַם פראָלעטאַרישן, בײַם פאָלקסקינד.

דאָס ביסלעכווײַז אויפשטײַגנדע פערזענלעכקייט-געפיל שלאָגט זיך אָפ אין באַוווסטזײַן פון קינד מיט דער אינערלעכער שטים: איך בין שוין עפעס, איך טראָג שוין אין זיך ווערטן און קרעפטן, וועלכע האָבן אַ באַדײַטונג פאַרן גאַנצן אַרום, פאַרן כלל, ס'איז דעריבער מײַן רעכט, מען זאָל דאָס באַמערקן און ווי געהעריק אָפשאַצן. דאָס פערזענלעכקייט-געפיל בײַם פראָלעטאַרישן קינד איז אַזוי אַרום ווייניקער אײַנגעשטעלט אויף דער צוקונפט (ווי בײַם בירגערלעכן קינד) און אַ סך מער אויף דער קעגנוואַרט. עס הייסט נישט: זעט, ווי איך לערן זיך גוט און וועל אין דער צוקונפט אויסוואַקסן אַ טיכטיקער מענטש, נאָר: זעט, וואָסערע ווערטן איך טראָג שוין אין זיך, וועלכע איך באַזיץ שוין און פאַר וועלכע איך פאַרדין שוין אָנערקענונג און אָנזען. די דאָזיקע אײַנשטעלונג פון פערזענלעכקייט-געפיל בײַם פראָלעטאַרישן קינד איז אַ רעזולטאַט פון די געגעבענע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע ער וואַקסט אויס. דאָס פראָלעטאַרישע קינד קאָן דאָך נישט שטאָלצירן דערמיט, וואָס ער וועט זײַן אין דער צוקונפט, ווײַל עס שטייט אים אַבסאָלוט נישט פאָר אין פערזענלעכן זין קיין שום אויפשטײַגנדע צוקונפט. דאָס, וואָס ער דאַרף זײַן, איז ער כמעט שוין אין די קינדעריאָרן: אַן אַרבעטער. דאָס לערנען זיך און אויסקוואַליפיצירן זיך אין פאַך קאָן אויך נישט שפילן פסיכאָלאָגיש די ראָל פון אַ פערזענלעכן צוקונפט-אידעאַל. מיר האָבן אגב אויבן באַוויזן, אַז די פאַכאַרבעט בילדעט נישט דעם אינהאַלט און טרײַבקראַפט פון פערזענלעכקייט-געפיל בײַם אַרבעטער. צוליב דעם איז די אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייט-געפיל בײַם פראָלעטאַרישן יוגנטלעכן כסדר פאַרבונדן מיט זײַן קעגנוואַרט, מיט דעם וואָס ער שטעלט שוין פאָר אַלס אײַנ-

דיווידוום, מיט דעם, וואָס ער קאָן שוין ווײַזן דער וועלט און דערמיט שטאָלצירן.

וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס, וואָס דער פּראָלעטאַרישער יוגנטלעכער פאַרמאָגט ספּעציעלס אינעם פּעריאָד פון זײַן אויפוואַקסן און מיט וואָס ער וואָלט געקאָנט שטאָלצירן און „זיך ווײַזן פאַר דער וועלט"?—צוויי זאַכן זענען דאָס. ערשטנס, די סאָציאַלע געפילן און דאָס טיף אײַנגעוואָרצלטע געפיל פון יושר און גערעכטיקייט, וועלכע זענען בײַ אים אויסגעוואַקסן אין זײַן נאָענטער קינדישער פאַרגאַנגענהייט און וועלכע שטייען אין שאַרפן קעגנזאַץ צום אַרומיקן לעבן, אין וועלכן ער גייט שוין ביסלעכווײַז אַרײַן אַלס גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד. דער דאָזיקער קעגנזאַץ צווישן זײַנע געפילן און די באַציִונגען, וועלכע ער טרעפט אָן אין לעבן, רופן בײַ אים אַרויס אַ באַגער און אַ זוכעניש נאָך גערעכטיקייט. אָט דער שטריך פון זיך אַנטוויקלענדן פּערזענלעכקייט-געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן יוגנטלעכן ווײַזט אָבער זעלבשטענדיק נישט אַרויס קיין אויס-ברייטערונג- און פאַרטיפונג-טענדענץ. ווײַל גערעכטיקייט-באַגער באַזירט זיך אויף געפילן, און געפילן האָבן נישט קיין באַ-שטימטע, אָביעקטיוו גילטנדע אַנטוויקלונג-געזעצן. דעריבער ברייטערט זיך דער גערעכטיקייט-באַגער נישט אויס זעלבשטענ-דיק אין אַ געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, נאָר ער בלײַבט טעטיק בלויז אין די ראַמען פון פּערזענלעכן לעבן און ווירקט נאָר אין דער באַציִונג צום אומניטלבאַרן אַרום, דעריבער פאַר-וואַנדלט זיך דער גערעכטיקייט-באַגער בײַם יוגנטלעכן זעלבשטענדיק גאַנץ זעלטן אין קערן פון פּערזענלעכ-קייט-געפיל, ד"ה אין אַ פּערזענלעכן ציל און אידעאַל.

דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט שוין אַ סך אַ גרע-סערע זעלבשטענדיקע אויסברייטערונג-טענדענץ און פירנדע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג און פאָרמירונג פון פּערזענלעכקייט-געפיל בײַם פּראָלעטאַרישן יוגנטלעכן — דאָס זענען די פיזישע כּוחות, וועלכע וואַקסן בײַ אים כּסדר אין די יוגנטיאָרן אין אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ, און וועלכע ער פאַרמאָגט שוין טאַקע רעאַל, וועלכע וואַקסן און מערן זיך בײַ אים אויף אַן אמת און זענען דער ערשטער קוואַל

פון אַנטשטיין פון פּערזענלעכקייט־געפיל בכלל. די דאָזיקע כּסדר וואַקסנדיקע פיזישע און אָרגאַנישע כּוחות שאַפן אַ ברייט פעלד פון פאַרשידנאַרטיקער אַקטיוויטעט, מעגלעכקייט פון אָנזעבאַרע לייסטונגען און אין רעזולטאַט דערפון — פון אויסערלעכן, עפנטלעכן אָנזען. פיזישע קראַפט, פלינקייט, אויסערלעכע אימפּאָזאַנטקייט בילדן דעם וויכטיקסטן געצייג, מיט וועלכן פּראָלעטאַרישע קינדער הייבן זעלבשטענדיק אָן צו שטאָלצירן און אַרויסווייזן דעם פּערזענלעכן ווערט און וויכטיקייט.

די ערשטע און אָפטסטע מיטלען צו אויסערן דעם פּערזענלעכן ווערט און צו דעמאָנסטרירן די פיזישע כּוחות זענען אין ערשטן פּעריאָד פון אויפוואַקסן: געשלעגן, פּרוּוון פון שטאַרקייט, „וואַלקעס" אאַז"וו. געשלעגן, כּוחות־פאַרמעסטן זענען אַן אויסערסט פאַרשפּרייטע דערשיינונג צווישן אונטערוואַקסנדיקע קינדער און יוגנטלעכע. דאָס זענען געוויינלעך געשלעגן נישט צוליב שנאה אָדער קעגנערשאַפט; זיי קומען פאָר אַמאָפטסטן אין אַ גאַנץ גוטמוטיקער שטימונג, צווישן די בעסטע חברים אין שול אָדער אויפן הויף; אָפט רעדן זיך די ייִנגלעך אָפּ אין בעסטער גוטפרייַנדשאַפט וועגן צייַט און אָרט פון די „וואַלקעס", מען פאַרבעט „סעקונדאַנטן" און סתם צוקוקערס, און נאָך די קאַמפן איז מען צוריק גוטע פרייַנד. די דאָזיקע געשלעגן און „וואַלקעס" צווישן ייִנגלעך קומען פאָר אויסשליסלעך, כּדי אַרויסצווייַזן די אייגענע גבורה, איבערצולעבן די פרייד פון פילן די אייגענע קרעפטיקייט און אַרויסצורופן באַוווּנדערונג און דרך־ארץ בייַם אַרום. צו דער זעלבער קאַטעגאָריע געהערן אויך די באַליבטע בייַ פּראָלעטאַרישע קינדער „ספּאָרטן", ווי נאָכהענגען זיך נאָך אויטאָס, טראַמווייַען און דראָזשקעס; אַרויפכאַפּן זיך און אַראָפּשפּרינגען אין מיטן לויף אד"גל (צייַטונג־ייִנגלעך, ווי באַוווּסט, ווייַזן דערבייַ אַרויס אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט), אָדער גאָר באַזיצן שיס־מכשירים (פלאָווערן, ביקסלעך אד"גל) און פּאַראַדירן מיט זיי. דער ציל איז אומעטום דער זעלבער: אַרויסווייַזן די אייגענע גבורה, קראַפט, פלינקייט — און דערמיט אַרויסרופן בייַם אַרום באַוווּנדערונג און אָנערקענונג *).

*) דערביי איז ווערט צו באַמערקן, אַז די אָביעקטיווע קרעפטיקייט ביי

אויב בײַ יִינגלעך הייבט זיך אָן אַנטוויקלען דאָס פּער-
זענלעכקייט-געפיל אויפן באָדן פון פיזישער קרעפטיקייט און
לײַסטונגס-פעיִקייט, דריקט עס זיך אויס בײַ מיידלעך אינעם
געפיל און באַוווסטזײַן פון קערפּערלעכער ש י י נ ק י י ט. דער
שיינקייטשטאָלץ הייבט זיך אָן אַרויסווײַזן בײַ מיידלעך שוין
צו 12–13 יאָר (נישט זעלטן – אויך פריִער) און אין אַן אי-
בעראַל פאַרשפּרייטע דערשײַנונג (פּסיכאָלאָגיש ענג באַהאָפטן
מיטן שיינקייט-געפיל איז אויך דער דראַנג צו שיינער קליי-
דונג אַלס דערגאַנצונג צו דער פּערזענלעכער שיינקייט). דער
דאָזיקער שיינקייטשטאָלץ ווערט איבעראַל נעגאַטיוו אָפּגעשאַצט
און ווערט קריטיקירט אַלס באַקאַנטע „ווײַבערשע פּוסטקייט".
מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ פאָראורטייל, ער איז אָבער
גאַנץ שטאַרק פאַרשפּרייט אפילו אין די אָרגאַניזירטע פּראָלע-
טאַרישע קרייזן. צוויי מאָמענטן זענען דערצו הויפּזעכלעך
גורם. ערשטנס, לייגט מען אין די באַוווסטזיניק פּראָלעטאַרישע
קרייזן דעם הויפּטאַכט אויף געזעלשאַפטלעך נוצלעכער טעטי-
קייט, אויף דערגרייכונגען, וועלכע זענען נאָר אַ רעזולטאַט
פון באַוווסטזיניקע אָנשטרענגונגען. צווייטנס, איז דאָ בײַם
פּראָלעטאַריאַט אַ נאַטירלעכער ווידערווילן צו כּלערליי פּריווי-
לעגיעס, און שיינקייט איז דאָך אויך אַ פּריווילעגיע פון דער
נאַטור. אַזוי ווי אָבער – טראָץ דעם אַלעם – זענען שיינע
מיידלעך פאָרט שטאָלץ מיט זייער שיינקייט און עס אַרט זיי
נישט, וואָס זיי האָבן נישט דערבײַ קיין שום פּערזענלעכע
פאַרדינסטן, נעמט מען דאָס דעריבער אָפּט אָן אַלס צייכן
פון פּוסטקייט און מען באַציט זיך צו אַזעלכע מיט גרינגשע-
צונג און טיילמאָל אפילו – מיט פאַראַכטונג.*) די דאָזיקע

אַזעלכע, געוויינלעך שלעכט דערנערטע, קינדער – איז נישט קיין גרויסע.
ווירקזאַם פּסיכיש איז אָבער נישט די אָביעקטיווע קרעפטיקייט, נאָר דער
פאַרהעלטענישמעסיקער וווקס אירער, וועלכער איז ביי אונטערנאַקסנדיקע
קינדער און יוגנטלעכע זייער גרויס. ספּעציעל ווירקזאַם איז דער פּסיכאָלאָ-
גישער עפעקט פון דאָזיקן וווקס, ווײַל ער קומט אוממיטלבאַר נאָכן קינדהייט-
פּעריאָד, דעם פּעריאָד פון מינדערווערטיקייט (אָביעקטיווער און סוביעקטי-
ווער) און פּ אַ ק ט י ש ע ר קינדישער שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט.

*) איינע פון די „פּיקאַנטסטע" דיסקוסיע-טעמעס ביי דער פּראָלעטאַ-
רישער יוגנט זענען: דאַרפן זיך חברטעס קליידן לויט דער מאָדע, מעגן זיי

אַבסאָלוט פֿאַלשע מיינונג ברענגט אַרײַן נישט ווייניק בייז בלוט, ספּעציעל אין קליינע פּראָווינצער אָרגאַניזאַציעס, וווּ דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן טראָגט אַ מער פֿאַמיליאַרן כאַראַקטער.

קודם-כּל מוז מען דאָ נעמען אין אַכט אַלס דעצידירנדיקן מאָמענט דעם פֿאַקט, אַז שיינקייט איז אין אַלגעמיין אַ סימן פֿון פֿיזישער געזונטקייט און נאָרמאַלער קערפּערלעכער אַנטוויקלונג. פֿון דאָזיקן כּלל זענען טאַקע פֿאַראַן אויסנאַמען, ווײַל גאַנץ אָפֿט טרעפֿט מען אָן אַ געוויסע דעליקאַטקייט און אָריגינעלקייט פֿון די געזיכטשטריכן, וועלכע מאַכן די געגעבענע פּערזאָן „שיין“, און גלײַכצײַטיק איז די דאָזיקע שיינקייט פֿאַרבונדן מיט אַ שוואַכן אָדער קרענקלעכן אָרגאַניזם. אָבער – ווי געזאָגט – זענען דאָס גיכער אויסנאַמען, וועלכע פֿרעגן נישט אָפּ דעם כּלל, אַז שיינקייט איז אַן אויסערלעכער סימן פֿון קערפּערלעכער געזונטקייט, ווײַל עס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַזעלכע פֿאַקטאָרן, ווי: נאָרמאַלער קערפּערלעכער בוי, געהעריקע, געזונטע פּראָפּאָרץ פֿון די גלידער, נאָרמאַלע געזיכטשריכן און קרעפֿטיקער געזיכטאויסדרוק, נאָרמאַלער וווּקס און פּראָפּאָרציאָנעלע מוסקולאַרקייט אאַז״וו. דאָס אַליין וואָלט שוין געדאַרפֿט גענוגן אויף צו מאַכן פֿאַר אונדז די שיינקייט סימפּאַטיש און זען אין איר אַ זאַך, מיט וועלכער מען מעג זיך פֿרייען און שטאָלצירן. אַלנפֿאַלס, קיין גרינגשעצונג פֿאַרדינט זי זיכער נישט און זי איז אַבסאָלוט פֿון זיך אַליין נישט קיין סימן פֿון גײַסטיקער פּוסטקייט.

דער שיינקייטשטאָלץ, וועלכן מיר טרעפֿן בײַ פֿיל מענטשן, איז אַ נאַטירלעכע באַגלייט-דערשײַנונג פֿון געזונטקייט- און קרעפֿטיקייט-געפֿיל, און אויף אַזוי פֿיל איז עס אַ גאַנץ נאַטירלעך און פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און דערציִערישן שטאַנדפּונקט דערלאָזבאַר און נוצלעך געפֿיל. שעדלעך ווערט עס נאָר דאַן, ווען אָנשטאָט צו זײַן נאָר איינער פֿון די עלעמענטן פֿון זיך אַנטוויקלענדן פּערזענלעכקייט-געפֿיל, ווערט עס דער גאַנ-

---

זיך פֿודרירן, איז די שיינקייט-פּלעגע אין איינקלאַנג מיט דער פּראָלעטאַרישער עטיק אאַז״וו?

צער תוך און אינהאַלט פון פערזענלעכקייט-געפיל בכלל, ווען דער מענטש הייבט אָן צו זען זײַן גאַנצן ווערט און מענטשלעכע באַדײַטונג אין דער שיינקייט. דאָן פאַר־וואַנדלט עס זיך שוין באמת אין פוסטקייט, אָבער די דאָזיקע פוסטקייט מוז נישט זײַן קיין אומבאַדינגטער רעזולטאַט פון אוממיטלבאַרן שיינקייט-געפיל אין אַלע פאַלן. די שולד דאַרף מען זוכן אין אומאָפּהענגיקע פון דער געגעבענער פערזאָן סיבות — אין דער סביבה, אין דער פאַלשער דערציִונג, נישט־גינסטיקע לעבנס-באַדינגונגען אאַז"וו.

פאַראַן אָבער אויך אַ היפּשער פּראָצענט אונטערוואַקסנ־דיקע קינדער און יוגנטלעכע, בײַ וועלכע דער וווּקס פון די די אָרגאַנישע און פיזישע כוחות אָדער זייער אויסערלעכער אויסדרוק — די קערפּערלעכע שיינקייט — קומען נישט פאַר נאָרמאַל, אָדער נישט אין אַ געהעריקער מאָס. דאָס מיינט מען קרענקלעכע, פיזיש שוואַכער אַנטוויקלטע קינדער, אָדער בײַ וועלכע דווקא אין די רײַפקייטיאָרן הייבן זיך אָן אַנטוויקלען אָרגאַנישע פעלערן און שלאַפקייטן. אַנדערש געזאָגט: פאַראַן אויך אַזעלכע קינדער, בײַ וועלכע דאָס פערזענלעכקייט-געפיל קאָן זיך נישט אַנטוויקלען אויפן באָדן פון פיזישער קרעפטי־קייט און לייסטונגס-פעיִקייט. בײַ די דאָזיקע קינדער זוכט דאָס פערזענלעכקייט-געפיל צו געפינען זײַן קוואַל, אויסדרוק און אָנשפּאַר אין די גײַסטיקע כוחות. האַנדלט עס זיך וועגן פּראָלעטאַרישע קינדער, וועלכע האָבן געוויינלעך נישט געהאַט קיין אַנטשפּרעכנדע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייערע אינטעלעקטועלע פעיִקייטן און פאַראינטערעסירונגען — קומט אין אַזאַ פאַל פאַר די אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייט־געפיל אויפן באָדן פון געפיל-לעבן און מאָראַל, וועלכע האָבן אַ ברייטע אַנטוויקלונג-באַזע אין די סאָציאַלע לעבנס-באַדינגונגען און סאָציאַלע געפילן פון די פּראָלעטאַרישע קינדער. אַזעלכע יחידים ווײַזן אַרויס אַ רײַך אינערלעך גע־פיל-לעבן, אַ גרויסע עמפּינדלעכקייט פאַר יושר און גערעכטי־קייט, אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג פאַר לעבנס-שיקזאַלן פון גאַנצע אאַז"וו.

אמת, אויך בײַ פיזיש געזונטע קומט פאַר פּונקט אַזאַ

ראַשע און לעבהאַפטע גײַסטיקע, ווי די פיזישע אַנטוויקלונג,—
פאַר וואָס-זשע זאָל בײַ פיזיש געזונטע דאָס פערז׳-געפיל אויך
נישט זוכן זײַן אויסדרוק אין גײַסטיקער אַנטוויקלונג און לײַס-
טונגען? דער ענטפער איז: דאָ — פונקט ווי אומעטום — איז
מאָסגעבנד דאָס געזעץ פון זוכן דעם לײַכטסטן וועג און
קלענסטן ווידערשטאַנד, אָדער (ווי מען רופט עס
אַנדערש) דאָס געזעץ פון עקאָנאָמיזם (דערגרייכן דעם מאַקסי-
מאַלסטן רעזולטאַט מיט דער קלענסטער כוחות-אָנווענדונג). דאָס
פיזיש-געזונטע קינד זוכט אויסצולעבן דאָס אויפוואַכנדע פער-
זענלעכקייט-געפיל אין פיזיש-אָרגאַנישע לײַסטונגען, ווײַל דאָ
דערגרייכט ער באַלדיקע, אָנזעעוודיקע רעזולטאַטן מיט דער
קלענסטער אָנשטרענגונג, מיט ווייניקער קאָמפּליצירטע מיטלען
און מיט ווייניקער ריזיקע. נאָר דאָס קינד, וועלכעס האָט נישט
קיין אויסזיכטן — צוליב אומאָפּהענגיקע פון אים טעמים — צו
דערגרייכן אַ לײַכטן דערפאָלג דורך זײַנע קערפּערלעכע לײַס-
טונגען, פילט זיך געצוווּנגען צו באַטרעטן דעם שווערערן
וועג — אויסצולעבן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל מיט דער הילף
פון די גײַסטיקע כוחות. דערבײַ דאַרף נאָך באַמערקט ווערן,
אַז אויך בײַ פיזיש געזונטע קינדער טרעפט אָפט—אַדאַנק זייער
ספּעציפישער דערציִונג און לעבנס-באַדינגונגען — דאָס זייער
אַנטוויקלונג-וועג ווערט געלענקט פון פערזענלעכקייט-געפיל צו
גײַסטיקע פעיִקייטן. אָבער דאָס געשעט בײַ אַן אַקטיווער
אַרײַנמישונג פון די דערציִער. פון זיך אַליין, זעלבשטענדיק,
האָט דאָס זיך אַנטוויקלענדע פערזענלעכקייט-געפיל די נייגונג
זיך אויסצולעבן אויפן באָדן פון פיזישער קרעפטיקייט און
לײַסטונג-פעיִקייט.

מיר זעען אַלזאָ, אַז דער אַנטוויקלונג-וועג פון פערזענ-
לעכקייט-געפיל און זײַן וועזן, אויף וועלכע ס׳בויט זיך דער
כאַראַקטער פון מענטשן, איז נישט קיין אַלגעמיינער פאַר אַלע
מענטשן, נאָר איז אָפּהענגיק פון די סאָציאַלע, פון די קלאַסן-
באַדינגונגען אין וועלכע דער יחיד וואַקסט אויף. בײַ די
פּראָלעטאַרישע קינדער, אויב די פערזענלעכע אַנטוויקלונג קומט
בײַ זיי פאָר אָן יעדער צילבאַוווּסטער אַרײַנמישונג פון דרויסן,—
אַזוי צו זאָגן „נאַטירלעך“, — אַנטוויק׳ט זיך דאָס פערזענלעכ-

קייט-געפיל אויפן באָדן פון די אויפוואַקסנדע אָרגאַנישע כוחות און איז פאַרבונדן מיט דער פיזישער לייסטונג-פעיקייט און עפנטלעכן אָנזען און אָנערקענונג. דאָס געשעט דערפאַר, ווייל אין די געגעבענע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'וואַקסט אויס דער פראָלעטאַרישער יוגנטלעכער, האָט ער נישט קיין אָביעקטיוון באָדן פאַר גרויסע פערזענלעכע דער-גרייכונגען. ער באַקומט דעריבער נישט דעם אויסערלעכן אימ-פולס צו קאָנצענטרירן זיינע אויפוואַקסנדיקע כוחות אין דער ריכטונג פון אַ פערזענלעכן צוקונפט-אידעאַל, איינצו-שטעלן זיך פערזענלעך אויף דער צוקונפט און צו באַנוצן דערצו די אינטעלעקטועלע פעיקייטן און גייסטיקע כוחות. ער זוכט זיינע דערגרייכונגען אין דער קעגנוואַרט, מיט די געגעבענע כוחות, און דעם לוין דערפאַר — נישט אין אָנזאַמלען אייגענע מאַטעריעלע ווערטן, נאָר אין עפנטלעכן געזעלשאַפטלעכן אָנזען.

אַנדערש זעט אויס דער אַנטוויקלונג-וועג פון פערזענלעכ-קייט-געפיל ביי דער בירגערלעכער יוגנט. דעם בירגערלעכן יוגנטלעכן טרעפט דער פּראָצעס פון אַנטשטיין פון פערזענלעכן געפיל נאָך אויף דער שולבאַנק, נאָך אין סאַמע מיטן פון לערפּעריאָד. אין הסכּם מיטן גרונטשטריך פון בירגערלעכן פערזענלעכקייט-געפיל איז דאָס בירגערלעכע קינד אַבסאָרבירט פון דער שולערע ווי איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען, וועלכע וועלן אים אין דער צוקונפט דינען פאַר אַ געווער פון זיין פערזענלעכן קאָנקורענץ-קאַמף. צוליב ספּעציעלע סיבות ווענדט זיך טיילמאָל אויך אָפּ די דאָזיקע באַציִונג פון דער שולערע און ריכטעט זיך צו אַן אַנדער געביט, אויסערהאַלב דעם שולפּראָגראַם (למשל: ספּאָרט, שאַכשפּיל, קונסט אד״גל), אָבער דאָס ענדערט נישט דעם גרונט-כאַראַקטער פון דער זאַך: דאָס אונטערוואַקסנדיקע בירגערלעכע קינד איז אין גאַנצן קאָנ-צענטרירט אויף דער צוקונפט, אין איין באַשטימטער ריכטונג, אויף אַ באַשטימטן געביט, וועלכן ער וויל באַהערשן און אויסנוצן אַלס שפּרינגברעט פאַר דער פערזענלעכער קאַריערע.

מיר האָבן פריִער באַוויזן, אַז דאָס בירגערטום איז אין גאַנצן איינגעשטעלט אויף דער מאַטעריעלער קאַריערע, אַקעגן

איצט זאָגן מיר, אַז בעתן אַנטשטיין פֿון פּערזענלעכקייט־געפֿיל איז דאָס בירגערלעכע קינד אַבסאָרבירט פֿון שול־ אָדער אויסער־שול־ל ע ר ע, אַלזאָ — מיט ג ײַ ס ט י ק ע פֿראַגן. דאָס איז אָבער נאָר אַ שײַנבאַרער ווידערשפּרוך. דאָס בירגערטום אינ־טערעסירט זיך טאַקע מיט וויסנשאַפֿט און קונסט, אָבער נאָר צוליב אירע מאַטעריעלע צוועקן. דאָס ג ײַ ס ט י ק ע איז בײַ אים נ אָ ר אַ מ י ט ל. אָן העכערער געזעלשאַפֿטלעכער באַציִונג; דער ציל איז — די פּערזענלעכע, מ אַ ט ע ר י ע ל ע קאַריערע (זעלבסטפֿאַרשטענדלעך: פֿאַראַן יחידים — אויסנאַמען).

אויפֿן באָדן פֿון דער דאָזיקער קאַריעריסטישער באַציִונג צו וויסנשאַפֿט און צום גײַסטיקן לעבן בכלל אַנטשטייט דער באַקאַנטער און זייער פֿאַרשפּרייטער — ווי אויך זייער אַנטי־פּאַטישער! — בײַ דער בירגערלעכער יוגנט טיפּ פֿון „בעסער ווייסער”. אין רעזולטאַט פֿון זייער באַציִונג צו דער וויסנשאַפֿט אַלס מיטל פֿון פּריוואַטער קאָנקורענץ (צי אַלס אונטערנעמער, צי אין פֿרײַער פּראָפֿעסיע), אַבסאָרבירט זיי ווייניקער דער ריי־נער דראַנג צום וויסן, צו דערקענטעניש, נאָר אַ סך מער — דער מאָמענט פֿון איבערשטייגן, פֿון ב ע ס ע ר ־ ו ו י ס ן, ווי אַנדערע. דאָס וויסן באַטראַכטן זיי ווי אַ פּערזענלעך קאַמפּגע־צײַג קעגן די קאָנקורענטן. די „בעסער־ווייסערײַ”, די איגנאָ־ראַנץ לגבי אַנדערע מיינונגען און אָנשויונגען, די זעלבסטזיכער־קייט אין אַלע פֿראַגן, נאָכן איבערלייענען אַ פּאָר פּאָפּולערע בראָשורן אָדער גאָר א י י ן ביכל וועגן דער געגעבענער פֿראַגע, — די דאָזיקע ציניִשע און אויבערפֿלעכלעכע אײַנשטעלונג און כאַ־ראַקטער־שטריך טרעפֿט מען בײַ אַ היפּשן טייל בירגערלעכער שוליוגנט *).

געוויסע ספּעציעלע שטריכן ווײַזט אַרויס דער אַנטוויקלונג־וועג פֿון פּערזענלעכקייט־געפֿיל בײַ די בירגערלעכע מיידלעך, וועלכע געפֿינען זיך אויך אין ווײַט־גרעסטער מערהייט אין דאָ־זיקן פּעריאָד אויף דער שולבאַנק. די באַציִונג צו דער לערע

---

*) עס ענדערט נישט די לאַגע, ווען אַ טייל פֿון דער דאָזיקער דורך און דורך — לויט כאַראַקטער און מענטאַליטעט — ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ר יוגנט קאָקע־טירט מיט קאָמוניזם.

איז בײַ זיי נאָך אַ װײניקער ערנסטע, װי בײַ די ייִנגלעך פון בירגערלעכער אָפּשטאַמונג, װעלכע דאַרפן סוף כּל סוף די װיסנ-שאַפט צו פּ ר אַ ק ט י ש ע צװעקן. ס'רוב בירגערלעכע מײד-לעך װערן נישט צוגעגרייט צו קיין װירטשאַפטלעך אַקטיװער קאַריערע, דאָס װיסן דאַרפן זיי נישט האָבן צו פּראַקטישן צו-קונפטיקן לעבן זייערן. די עלטערן שיקן זיי אין שול, און זיי אַליין לערנען זיך מיט מער אָדער װײניקער חשק צוליב מאָ-טיװן פון בירגערלעכן שטייגער-לעבן, פון פּערזענלעכער פּאַסי-װער קאַריערע (װי אַ גוטער שידוך אד"גל, דעראָבערן זיך א ו י-ס ע ר ל ע כ ע מאָטיװן פון אָנזען און אָנערקענונג אד"גל). נישט װערנדיק צוגעגרייט און אײַנגעשטעלט אויף אַן אַקטיװער קאַריערע אין לעבן, קאָנצענטרירט זיך בײַ זיי דער קאַריערע-האָריזאָנט, ד"ה דער פּערזענלעכקייט-קאָמפּלעקס אַרום דער אייגענער פּער-זאָן, אַרום די „נאַטירלעכע", „אײַנגעבוירענע" מעלות און אייגנ-שאַפטן, װעלכע קאָנען ברענגען אָנזען און אָנערקענונג. דאָ האַנדלט זיך קודם-כּל װעגן די קערפּערלעכע און פיזישע מעלות. אין דער ערשטער ריי פאַרנעמט בײַ זיי אַן אָרט דער ש יי נ-ק יי ט-שטאָלץ, װעלכער שפּילט בײַ זיי אַ סך אַ גרעסערע ראָל, װי בײַ פּראָלעטאַרישע מײדלעך, װײַל אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איז ער בײַ זיי פאַרבונדן מיט דער צוקונפטיקער, פּער-זענלעכער קאַריערע, און בכלל שפּילט דאָך דער פּערזענלעכער קאַריעריזם אַ דעצידירנדע ראָלע אין דער פּערזענלעכער אַנט-װיקלונג פון די בירגערלעכע יוגנטלעכע.

בײַ דער בירגערלעכער יוגנט — בײַ די ייִנגלעך און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס בײַ די מײדלעך — שפּילט אויך אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטװיקלונג פון פּערזענלעכקייט-געפיל און פון דער איך-אָפּשאַצונג — די פיזישע, די קערפּערלעכע אַנטװיקלונג. דער פּסיכישער פּראָצעס, װעלכער הייבט זיך אָן בײַ דער יוגנט אינעם פּעריאָד פון קערפּערלעכן אויפבלי און פון רײַף װערן, און װעלכער איז דער אָביעקטיװער יסוד פון דער אַנטשטייונג און אַנטװיקלונג פון פּערזענלעכקייט-געפיל, — דער דאָזיקער נאַטירלעכער פּראָצעס קומט פאָר צו גלײַך בײַ דער בירגערלעכער, װי בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט. בײַ

דער בירגערלעכער שפּילט ער אָבער נישט אַזאַ באַדײַטנדיקע ראָל, ווי בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט.

צו גלײַך מיט דער פיזישער אַנטוויקלונג קומט אויך פאָר אין רײַפקייט-פּעריאָד אַ באַדײַטנדיקע אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג. עטלעכע סיבות ווירקן אָבער דערויף, אַז די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג זאָל נישט האָבן אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפן אַנטוויקלונג-וועג פון פּערזענלעכקייט-געפיל *). ערשטנס, אַן אַלגעמיינע סיבה, וועלכע ווירקט סײַ בײַ דער בירגערלעכער, סײַ בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט: די אַנטוויקלונג פון די אינטעלעקטועלע פעיקייטן גיט אַ סך ווייניקער מעגלעכקייטן פון באַלדיקן רעאַליזירן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל; זיי פאָדערן אַ סך מער צוגרייטונג, אויסדויער און פאַמעלעכע פאָרשריטן; דאָס פאַרגלײַכן זיך מיט די דערוואַקסענע אויף דעם געביט גיט אַ סך קלענערן עפעקט פון פּערזענלעכן שטאָלץ, די ריזיקע פון מיסדערפאָלג איז אויף דעם געביט צו גרויס. דעריבער לענקט זיך אַ סך גערנער דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל צו דער ראַשער און אויסערלעך מער אימפּאָנירנדיקער אַנטוויקלונג פון די פיזישע כּוחות, וועלכע גיבן אַ לייכטערע, זיכערערע, ווייניקער ריזיקאַלע און באַלדיקע מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל, צו הייבן די איך-אָפּשאַצונג און דערגרייכן דעם עפנטלעכן אָנזען. בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט שפּילט דער דאָזיקער אַנטוויקלונג-וועג פון פּערזענלעכקייט-געפיל נאָך אַ גרעסערע ראָל, ווי נאָרמאַל, דערפאַר, ווייל אַנדערע וועגן פון פּערזענלעכן אויסלעבן זיך און דערגרייכן פּערזענלעכן אָנזען זענען פאַר איר פון פאָרויס פאַרמאַכט צוליב די שווערע געזעלשאַפטלעכע לעבנס-באַדינגונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. בײַ דער בירגערלעכער יוגנט, אַקעגן, שפּילט אַ גרעסערע ראָל דער מאָמענט פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, צוליב דער ווירקונג פון דער סביבה, פון דער שוין אין די יוגנטיאָרן באַשטימטער פּערזענלעכער קאַריערע, צו וועלכער די אינטעלעקטועלע צוגרייטונג איז אַן אומבאַדינגט נויטווענדיקע זאַך. בײַ דער בירגערלעכער

*) אויסער די פריער אַרומגערעדטע אויסנאַמען.

יוגנט ווערט דעריבער אַרויסגערופן אַ געוויסער ווידערשפרוך צווישן די „נאַטירלעכע“ נייגונגען פון פערזענלעכקייט-געפיל און דעם געזעלשאַפטלעכן דרוק פון דער סביבה און קלאַסן-גורל. מיר געפינען דעריבער ביי דער בירגערלעכער יוגנט אַ געוויסע אַנטוויקלונג-שווערִיקייט און דעריבער אַ גרעסערן מאָס-שטאַב פון פערזענלעכקייט-טיפן, אָפּהענגיק דערפון אין אַ וואָסער מאָס יעדער פון די דערמאָנטע עלעמענטן האָט געווירקט אויף דער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג פון יוגנטלעכן. פונדעסטוועגן ווייכן זיי נישט צופיל אָפּ (אַחוץ אויסנאַמען) פון בירגערלעכן גרונטטיפּ.

מיר האָבן זיך איבערצייגט וואָס פאַר אַ גרויסע, דעציִדירנדיקע ראָל עס שפּילן די גאָר פרי אויפוואַכנדיקע פיזישע און אָרגאַנישע כוחות פאַר דער אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייט-געפיל (אָדער קאָמפּלעקס-געפילן) און פאַר דער אינדיווידועלער אויסקריסטאַליזירונג פון כאַראַקטער*). געפינענדיק אין דאָזיקן

*) עס איז באַקאַנט די טעאָריע פון פּראָפ׳ קרעטשמער וועגן צוזאַמענהאַנג צווישן כאַראַקטער און קערפּערבוי. זיין הויפּטווערק:

Dr. E. Kretschmer: „Körperbau und Charakter“, (VIII Aufl. Berlin, 1929.)

פּראָפ׳ קרעטשמער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז באַשטימטע קערפּערבוי-טיפּן אַנטשפּרעכן באַשטימטע כאַראַקטער-טיפּן, נעמלעך: דעם אַסטעניש (דאַרן, באַנערדיקן) קערפּערבוי אַנטשפּרעכט דער סכיזאָטימער (עמפּינדלעכער, צוריקגעהאַלטענער, אין-זיך פאַרמאַכטער) כאַראַקטער-טיפּ; דעם פּיקניש (דיקן, פליישיקן) קערפּערבוי אַנטשפּרעכט דער ציקלאָטימער (הייטערער, באַוועגלעכער, לעבהאַפטער) כאַראַקטער-טיפּ. אַלזאָ: לויט פּראָפ׳ קרעטשמער איז פאַראַן אַ דירעקטע אָפּהענגיקייט צווישן קערפּערבוי און טעמפּעראַמענט (כאַראַקטער). — נעמענדיק אין אַכט די גרויסע ראָל, וועלכע מיר שרייבן צו דער פיזישער אַנטוויקלונג אין אויפבליִ-פּעריאָד פון יוגנטלעכן פאַר דער אַנטשטייונג פון פערזענלעכקייט-געפיל, שליסלעך אויך פאַר דער כאַראַקטער-געשטאַלטונג, — איז קלאָר, אַז אונדזער שטאַנדפּונקט איז אין איינקלאַנג מיט דער לערע פון פּראָפ׳ קרעטשמער, ווייל ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די קאָנקרעטע אויסגעשטאַלטונג פון פערזענלעכקייט-געפיל (כאַראַקטער) איז אָפּהענגיק פון טעמפּאָ און פאָרנעם פון דער פיזישער אַנטוויקלונג, און דער דאָזיקער טעמפּאָ איז אָפּהענגיק פון דער פיזישער קאָנסטיטוציע (קערפּערבוי) פון מענטשן. — דער אונטערשיד באַשטייט נאָר דערין, וואָס פּראָפ׳ קרעטשמער האָט אַ ריין מעדיציניש צוגאַנג און ער האַלט, אַז דער כאַראַקטער איז אָפּהענ-

אַנטוויקלונגס-געביט אין די יוגנטיאָרן דעם וויכטיקסטן קוואַל פאַר דער פערזענלעכער אַנטוויקלונג, זוכט די יוגנט אָט דעם קוואַל וואָס מער צו פאַרברייטערן און פאַרטיפן, אויסצונוצן אים אין דער מאַקסימאַלסטער מאָס פאַר דער רעאַליזירונג פון פערזענלעכן אָנזען און דערהייבונג. די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַרן דאָזיקן אויסלעבן זיך געפינט די יוגנט אין ספאָרט און טאַנץ. פון אויבן געזאָגטן איז קלאָר, אַז אָט די צוויי געביטן שפילן אַ ספעציעל גרויסע ראָל אין דער רעאַליזירונג פון פערזענלעכקייט-געפיל ביי די פראָלעטאַרישע יוגנטלעכע.

די אויסערגעוויינלעכע פאַרשפרייטקייט פון ספאָרט און טאַנץ ביי דער פראָלעטאַרישער יוגנט; די שטאַרקע עמאָציעס, וועלכע זי געפינט אין זיי; דער פאַקט, ווי שטאַרק די פראָלעטאַרישע יוגנט איז אַריינגעטון אין די דאָזיקע געביטן פון פערזענלעכן אויסלעבן זיך, — דאָס זענען איבעראַל באַקאַנטע און נישט באַשטרייטבאַרע זאַכן. די יוגנט-דערציִער, די וואָס ווילן דער פראָלעטאַרישער יוגנט איינפלאַנצן העכערע לעבנס-צילן און אידעאַלן און ברייטערע לעבנס-האָריזאָנטן, — קלאָגן זיך אָפט, אַז די יוגנט איז „פוסט" און פאַרקאָכט איבער די אויערן אין זינלאָזן „קאָפען די פילקע" און אין פאַרברענגען אין די טאַנצבודעס. מיר ווייסן אויך, אַז אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג האָבן יענע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע די יוגנט געפינט טאָקע וואָס מער טאַנץ, ספאָרט, פאַרוויילונג. דאָ ליגט אפשר דער סוד, פאַר וואָס בירגערלעכע ספאָרט- און סקויטן-אָרגאַניזאַציעס האָבן אויף דער וועלט אַ היפשן דערפאָלג ביי דער פראָלעטאַרישער יוגנט.

גיק אויסשליסלעך פון די קערפערלעכע פאַקטאָרן, בעת מיר באַטראַכטן עס אַלס איינעם פון די פאַקטאָרן, נעבן דעם סאָציאַלן, וועלכע געשטאַלטן דעם אינדיווידועלן כאַראַקטער. נאָך מער: דער קערפערלעכער מאָמענט ווירקט אויך נישט דירעקט אויפן כאַראַקטער, זיין קאָנקרעטע ווירקונג איז אויך אָפהענגיק פון די סאָציאַלע באַדינגונגען. אַזוי, למשל, ווירקט אַנדערש אַ קערפערלעכער מום אויף דער כאַראַקטער-געשטאַלטונג ביי אַ רייך קינד (ער קאָן ווענדן זיין שעפערישן דראַנג אויף קינסטלערישע אָדער וויסנשאַפטלעכע וועגן) און אַנדערש — ביי אַן אָרעם קינד (גוואַלדיק באַשווערטע מעגלעכקייטן פאַר אינדיווידועלע דערגרייכונגען).

אָבער איידער מיר קלאָגן זיך — לאָמיר פרִיער פ א ר ש ט יי ן. די קאָלאָסאַלע באַליבטקייט און פּאָפּולערקייט פון ספּאָרט און טאַנץ בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט שטאַמט דערפון, וואָס אין זיי געפינט דאָס זיך זעלבשטענדיק אַנטוויקלענדע פּערזענלעכקייט-געפיל פון די פּראָלעטאַרישע יוגנטלעכע אַ אידעאַלן געביט פון רעאַליזאַציע. און פּאַקטיש לעבט די נישט-אָרגאַניזירטע אין די סאָציאַליסטישע רייען פּראָלעטאַרישע יוגנט כּמעט אויסשליסלעך מיט טאַנץ און מיט ספּאָרט!

מיר האָבן פרִיער איבערגעלאָזט די פּראָלעטאַרישע קינדער אינעם קינדער-קאָלעקטיוו, ווו זיי לעבן זיך אויס, באַמִיען זיך צו פאַרווירקלעכן זייערע געמיינזאַמע קינדישע באַדערפענישן און שטרעבונגען און ווו ס'שמידן זיך בײַ זיי אויס די סאָציאַלע געפילן און קאָלעקטיוויסטישע כאַראַקטער-שטריכן.

וואָס ווערט מיט די דאָזיקע קאָלעקטיוון, ווען די קינדער הייבן אָן אַרויסוואַקסן פון קינדהייט-פּעריאָד, ווען ס'הייבט זיך אָן בײַ זיי דער פּעריאָד פון פיזישער אויפבליִונג און רײַף ווערן? — אין אַלגעמיין צעפאַלן זיך די דאָזיקע קאָלעקטיוון; אַ טייל הערן אויף צו עקזיסטירן אַלס זעלבשטענדיקע, אָפּגעשלאָסענע גרופּן און גיסן זיך אַרײַן אין ספּאָרטקלובן; אַ טייל, נאָכן באַקענען און דערנענטערן זיך מיט אַנדערע אַזעלכע קינדער-קאָלעקטיוון אויף די „ווילדע" הינטערשטאָטישע ספּאָרטפּלעצער, שפּילנדיק מיט זיי „מעטשן אד"גל, — פאַראייניקן זיך סוף כּל סוף אין אַ גרעסערן קאָלעקטיוו און עס אַנטשטייען אַזוי אַרום די באַקאַנטע און זייער פאַרשפּרייטע בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט „ווילדע" ספּאָרטקלובן. מערסטנטיילס אָבער צעפאַלן זיך די קינדערשע קאָלעקטיוון. די הויפּט-סיבה דערפון איז — דאָס אַנטשטיין און אַנטוויקלען זיך פון פּערזענלעכקייט-געפיל. דאָס פילן פון אָנוואַקסן און אויפבליִען פון די געשטייגערטע אינדיווידועלע כּוחות, רופט אַרויס נייגונגען פון אינדיווידועלן אַרויסרוקן זיך, פון שטרעבונג נאָך אָנזען. דאָס פּערזענלעכע הייבט אָן איבערוועגן און אַוועקרוקן אין אַ זײַט דאָס קאָלעקטיווע; דאָס אויסלעבן זיך פון די קינדער אינעם קאָלעקטיוו בלויז אין שפּילן הערט אויף צו באַ-

פרידיקן; דאָס קינד הייבט אָן צו זוכן עפּעס ספּעציעלס פאַר זיך אַליין, וואָס זאָל באַפרידיקן דאָס אויפוואַכנדע פערזענלעכקייט־געפיל. אַזוי אַרום הייבט אָן כסדר אַלץ לויזער ווערן און נאָך אַ געוויסער צײַט — פונאַנדערפאַלן דער קאָלעקטיוו. טיילמאָל קומט דאָס פאָר רויִק, כמעט נישט באַמערקט, די קינדער הייבן אָן זיך אָפּצורוקן אין אַ זײַט, יעדער גייט זיך זײַן באַזונדערן וועג. אַן אַנדערש מאָל — צעפאַלט זיך אַזאַ קאָלעקטיוו מער דראַמאַטיש; ס'הייבן זיך אָן קריגערײַען צווישן די מיטגלידער, מערסטנס צוליב דער אָנפירערשאַפט, ס'שאַפן זיך אַרום דער דאָזיקער פראַגע קליקעס, מען צעקריגט זיך — און אויס מיטן קאָלעקטיוו. אַזוי צי אַנדערש — אין עלטער פון 13–15 יאָר (און טיילמאָל נאָך פריִער) הייבן זיך אָן די קינדער־קאָלעקטיוון פונאַנדערצופאַלן און ס'ענדיקט זיך דאַן זייער גרויסע ראָל אַלס „נאַטירלעכע" שולן פון געזעלשאַפטלעכער דערציִונג פאַר די פראָלעטאַרישע קינדער. גאַנץ אָפט בלײַבן איבער, אַלס זכר פון די קאָלעקטיוון, קלענערע אינטימערע פרײַנדשאַפט־גרופּן, צו 2–3 מאַן, וועלכע האַלטן זיך שוין אַ לענגערע צײַט.

אָבער טראָץ דעם, וואָס די קינדער־קאָלעקטיוון צעפאַלן זיך, בלײַבט איבער זייער ווירקונג אויפן כאַראַקטער פון דער פראָלעטאַרישער יוגנט אַ דעצידירנדיקע. דער קאָלעקטיוו לאָזט איבער אַלס דויערהאַפטע עלעמענטן פון פראָלעטאַרישן כאַראַקטער — די סאָציאַלע געפילן און סאָלידאַריטעט־מאָראַל. די דאָזיקע סאָלידאַריסטישע מאָראַל ווערט נאָך מער געשטאַרקט דורכן עמאָציאָנעלן כאַראַקטער פון זיך אַנטוויקלענדן פערזענלעכקייט־געפיל בײַ די פראָלעטאַרישע יוגנטלעכע. די טענדענץ פון פראָלעטאַרישן פערזענלעכקייט־געפיל זיך אויסצולעבן אין עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען קאָן זיך אַמבעסטן פאַרווירקלעכן אויף אַ געזעלשאַפטלעכער אַרענע, ווײַל די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער שאַפט די אַממערסטן צוגעפאַסטע און אַנטשפרעכנדע באַדינגונגען פאַר עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אַלזאָ, אין די יוגנטיאָרן שטאַרקט זיך נאָך מער דער כאַראַקטער־שטריך, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין די קינדעריאָרן אינערהאַלב דעם קינדער־קאָלעקטיוו, נעמלעך: דאָס פערזענלעכקייט־געפיל בײַ

פראָלעטאַרישער יוגנט זוכט אויך אַ געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער זיך אויסצולעבן און פאַרווירקלעכן *).

דאָס אַמלײַכטסטן דערגרייכבאַרע געביט פאַרן געזעלשאַפט־לעכן אויסלעבן זיך פון עמאָציאָנעלן פערזענלעכקייט־געפיל איז טאַקע — טאַנץ און ספּאָרט.

ספּאָרט און טאַנץ שטעלן פאָר אַן אידעאַלן סינטעז פון אַלע מיטלען און וועגן, דורך וועלכע ס׳קאָן זיך אויסלעבן דאָס פערזענלעכקייט־געפיל, וואָס איז אײַנגעשטעלט אויף באַלדי־קע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אין טאַנץ און אין ספּאָרט קאָ־נען זיך אַרויסווײַזן אין זייער פולן גלאַנץ און פראַכט: פיזישע קרעפטיקייט, קערפּערלעכע פלינקייט, אויסערלעכע שיינקייט, האַרמאָנישקייט און גראַציע פון באַוועגונגען, האַרמאָניע פון פאָרם אד״גל. דערבײַ קומט דאָס אַלץ פאָר אויף אַ געזעל־שאַפטלעכער אַרענע: אויפן ספּאָרטפּלאַץ אָדער אין טאַנצזאַל, ווו ס׳זענען פאַרזאַמלט אַ סך צושויער און באַלד אויפן אָרט דערגרייכט מען דעם הייס געווינטשטן אָנזען און באַוווּנדערונג, און דערמיט ווערט מען אויסגעטיילט און העכער געשטעלט פון אַרום, און אין דעם באַשטייט דאָך דער אייגנטלעכער ציל פון פערזענלעכקייט־געפיל. דאָס וויכטיקסטע דערבײַ איז, וואָס דאָס אַלץ קאָן מען דערגרייכן מיט די געגעבענע קרעפטן און ווערטן, מיט וועלכע דער יונגער מענטש דיספּאָנירט שוין מיט דער ברייטסטער האַנט: די אַלץ וואַקסנדע פיזישע קרעפטן פלינקייט, קערפּערלעכע פונאַנדערבלִיונג אד״גל.

מיר רעזומירן: אין פעריאָד פון רײַף ווערן, פון איבער־גאַנג צום יוגנטלעכן עלטער הייבן אָן — מיט אַ פאַרהעלטעניש־מאָסיק ראַשערער געשווינדקייט — צו וואַקסן די אינדיווידועלע, פיזישע און גײַסטיקע כוחות פון יוגנטלעכן; דער דאָזיקער פראָ־צעס פון ראַשער פיזישער און גײַסטיקער אויפבלִיונג געפינט זײַן סוביעקטיווע אָפּשפּיגלונג אין אַ פריידיק געפיל, וועלכעס

*) דער קינדער־קאָלעקטיוו בענוגט שוין אָבער נישט, ווייל זיין באַ־גרענעצטער אינהאַלט קאָן שוין נישט באַפרידיקן דעם פיל ברייטערן האָריזאָנט פון פערזענלעכקייט־געפיל.

ברענגט דעם יחיד דעם באַוווסטזײַן פון אויסטיילן זיך פון אַרום, פון העכערקייט איבער אַנדערע. דאָס דאָזיקע געפיל פון נישט־דורכשניטלעכקייט, וועלכעס מאַכט דעם יחיד גלייבן אין זײַן ספּעציעלן אינדיווידועלן ווערט און שטויסט אים אויפן וועג צו רעאַליזירן די דאָזיקע העכערקייט אין דער געזעלשאַפט, רופן מיר פּערזענלעכקייט־געפיל. דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל אין זײַן פּרימיטיווער פאָרם בײַ דער יוגנט האָט אַ טענדענץ זיך אויסצולעבן און צו רעאַליזירן זײַן העכערקייט מיט דער הילף פון די כוחות, וועלכע דער יוגנטלעכער שרײַבט זיך ש ו י ן צו און וועלכע זענען טאַקע די סיבה פון העכערקייט־געפיל; דאָס זענען — די פיזישע כוחות אין ברייטסטן זין פון וואָרט. ספּאָרט און טאַנץ זענען טאַקע אַזעלכע געביטן, ווו מען קאָן רעאַליזירן דאָס דאָזיקע העכערקייט־געפיל און געזעלשאַפטלעכן אָנזען מיט די לײַכטסטע מיטלען — בלויז אַדאַנק די פיזישע כוחות, פלינקייט, אויסערלעך אימפּאָזאַנטער שטעלונג אד"גל. דעריבער זענען ספּאָרט און טאַנץ די באַליבטסטע געביטן פון אויסלעבן זיך פאַרן פּערזענלעכקייט־געפיל בײַ דער יוגנט, ספּעציעל בײַ דער פּראָלעטאַרישער.

בײַ דער בירגערלעכער יוגנט איז אָבער די דאָזיקע טענדענץ, דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן, אָפּגעשוואַכט, אָפּגעשטופּט אויפן צווייטן פּלאַן. דער בירגערלעכער יוגנטלעכער ווערט געשיקט אין שולע, כדי זיך צוצוגרייטן צו זײַן קינפטיקער קאַריערע, און כדי זי צו דערגרייכן, מוז מען זיך באַנוצן מיט אַ סך אַנטשפּרעכנדע קענטענישן און אינטעלעקטועלער ספּעקולאַציע. ווען דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל זאָגט דעם בירגערלעכן יוגנטלעכן: דו ביסט שוין עפּעס ווערט, — זאָגן אים די עלטערן און דערציִער: ביסט נאָך גאָרנישט, דאַרפסט זיך ערשט לערנען און דערווערבן דאָס אַלץ, מיט דער הילף פון וועלכן דו וועסט ערשט דערגרייכן דײַן געהעריקע פּאָזיציע. אין צײַטן פון קאַפּיטאַליסטישן אויפבלי, ווען די קאַריערע־פּערספּעקטיוון פון בירגערלעכע יוגנטלעכע זענען געווען גאַנץ גרויסע און רעאַלע, איז טאַקע די שטים פון די עלטערן און דערציִער געווען אַ מאָסגעבנדע אויטאָריטעט, און די בירגערלעכע יוגנט האָט זיך מיט התמדה געלערנט, אָבער אין דער צײַט פון קריזיסן, אין פּעריאָד

פון פונאַנדערפאַל פון קאַפּיטאַליזם און פון ווירטשאַפטלעכע קאַטאַסטראָפעס, איז דער דאָזיקער אויטאָריטעט בײַ דער בירגערלעכער יוגנט שטאַרק געפאַלן און דערפאַר טאַקע האָט זיך די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר זייער געשטאַרקט בײַ דער בירגערלעכער יוגנט די נייגונג זיך אויסצולעבן אין ספּאָרט און טאַנץ.

בײַ דער פּראָלעטאַרישער יוגנט, אַקעגן, זענען ספּאָרט און טאַנץ די צוגענגלעכסטע געביטן, ווו ס׳קאָן זיך פרײַ אויסלעבן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל. אינעם יוגנט-עלטער, דאַן, ווען דער פּראָלעטאַרישער יוגנטלעכער גייט שוין אַרבעטן און קלײַבט זיך ענדגילטיק אויס דאָס פאַך, פאַרענדיקט זיך אויך דער פּראָצעס פון זײַן פּערזענלעכן אויפשטײַג; ער ווערט שוין דאָס, וואָס ער קאָן בכלל ווערן — אַן אַרבעטער, וואָס ער בלײַבט שוין זײַן גאַנץ לעבן. אַלזאָ, פון דער זײַט, פון דער עקאָנאָמישער, שליסט זיך אָפּ דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונגוועג פאַר אַן אויפשטײַגנד פּערזענלעכקייט-געפיל בײַם פּראָלעטאַריער. בלײַבט דעריבער אָפן אַלס וועג פאַר ווײַטערדיקן אויפשטײַגן פון פּראָל׳ פּערזענלעכקייט-געפיל — דאָס געביט פון עמאָציאָנעלן און געזעלשאַפטלעך גײַסטיקן לעבן. כדי אויף די דאָזיקע געביטן צו דערגרייכן אָנזען און אויסטיילן זיך, זענען נייטיק גאַנץ נײַע מיטלען און ווערטן. אָבער דער פּראָלעטאַריער, איבערגעלאָזט זיך אַליין, בילדעט זיך נישט ווײַטער, האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו פאַרברייטערן זײַן וויסן און וועלט-האָריזאָנט. די רעאַלע ווערטן, וועלכע וואַקסן אין אים אויס זעלבשטענדיק — דאָס זענען די פיזישע קרעפטן און געראָטנקייט ווי אויך די סאָציאַלע און סאָלידאַריטעט-געפילן, וועלכע אַנטשטייען אין די קינדער-יאָרן. די לעצטע זענען נישט קיין לײַכט געביט פון פּערזענלעכן אויפשטײַג, ווײַל זיי וואָלטן געפאָדערט אַ שווערע, אחריותפולע און קרבנותפולע טעטיקייט. דאָס איז אָבער בכוח אַרויסצוברענגען פון זיך נאָר אַזאַ מענטש, וועלכער איז גײַסטיק באַהערשט געוואָרן דורך אַ גרויסער, סאָציאַלער באַפרײַונג-אידעע, וועלכער זאָל קינעמיזירן (טעטיק און באַוועגלעך מאַכן) די פּאָטענציעל רוענדע אין דער פּראָלעטאַרישער נשמה סאָציאַלע און סאָלידאַריטעט-געפילן, מיר

האָבן דערקענט די סאָציאַלע מניעות, וועלכע שטערן אין די באַדינגונגען פון דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדענונג, אַז דער קלאַסן־אינסטינקט זאָל זיך זעלבשטענדיק פאַרוואַנדלען אין אַ אומפאַסנדער סאָציאַלער אידעע. דערפון איז קלאָר, אַז די סאָציאַלע און סאָלידאַריטעט־געפילן זענען נישט דאָס געביט, אויף וועלכן ס׳זאָל קאָנען מיט זעלבשטענדיקע כוחות כסדר אויפשטייגן דאָס פערזענלעכקייט־געפיל און מיטרייסן מיט זיך דעם סוביעקט.

אַ סך לייכטער איז דערפאַר פאַרן פּראָלעטאַרישן יוגנט־לעכן, ווען ער מאַכט אַדורך זיין פערזענלעכע אַנטוויקלונג „נאַ־טורמעסיק", און אויב ער פאַלט נישט אַרונטער אונטער דער ווירקונג פון אַ צילבאַוווסטער דערהייבנדיקער סאָציאַלער אידעע,—צו רעאַליזירן זיין פערזענלעכקייט־געפיל מיט דער הילף פון זיינע נאַטירלעך געגעבענע פיזישע און אָרגאַנישע כוחות — און דאָס איז אַמלייכטסטן צו דערגרייכן און רעאַליזירן אויף די געביטן פון ספּאָרט און טאַנץ. דאָס איז די טיף פּסיכאָלאָגישע סיבה, פאַר וואָס ספּאָרט און טאַנץ זענען די באַליבטסטע געביטן פון פערזענלעכן אויסלעבן זיך ביי דער גייסטיק־פּרימיטיווער (אי־דעיִש נישט באַווירקטער) פּראָלעטאַרישער יוגנט. דערפון נעמט זיך די באַקאַנטע דערשיינונג, וואָס אַזוי פיל יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס (ספּעציעל אין די גרויסע שטעט איז דאָס לייכט צו באַמערקן) לעבן אָפּ זייער יונג לעבן אין די דושנע טאַנצזאַלן אָדער אין בעסטן פאַל — אין די ספּאָרטזאַלן אָדער ספּאָרטפּלעצער, און די דאָזיקע צוויי געביטן אַבסאָרבירן זייער גאַנץ פערזענלעך, סוביעקטיוו לעבן, די גאַנצע יוגנטצייט. ערשט אין די ווייטערדיקע יאָרן, ווען מען ווערט שוין באַלאַסטעט מיט אַ פאַמיליע און נידערגעשלאָגן דורך די שווערע מאַטעריעלע דאגות און נויט, — ווערט בכלל דערשטיקט דער דראַנג צום פערזענלעכן אויפשטייג און ס׳בלייבט נאָר איבער צו בענקען נאָך די „זאָרגלאָזע" גוטע צייטן, ווען מען האָט אין דער פרייער צייט „געמאַכט אַ לעבן" ביי „יושעקן" אויפן „לעקציע טאַניעץ".

* * *

די ר ע אַ ל ע כּוחות און די ר ע אַ ל ע לעבנס-באַדינ-גונגען שטעלן אָבער אַן אָ ב י ע ק ט י וו ע גרענעץ דעם סוב-יעקטיוון דראַנג פון פּערזענלעכקייט-געפיל צו גרענעצלאָזן פּאַ-רויסגיין און אויפשטייגן. די יוגנטלעכע באַמיִען זיך צו דער-גרייכן מיט די אייגענע כּוחות וואָס מער און שטייגן וואָס העכער, אָבער דער סוביעקטיווער שוווּנג גייט אַ סך ווייטער, ווי די אייגענע רעאַלע כּוחות דערלויבן. דאָס סוביעקטיווע מיטל, וואָס דאַרף אויסגלייַכן די דיספּראָפּאָרץ צווישן דעם שוווּנג און די רעאַלע כּוחות — איז די פּ אַ נ ט אַ ז י ע. דע-ריבער שפּילט די פּאַנטאַזיע אין דער סוביעקטיווער רעאַליזי-רונג פון פּערזענלעכקייט-געפיל בייַ דער יוגנט אַ קאָלאָסאַלע ראָל, און זי איז ווירקזאַם אין פאַרשידענע פאָרמען און אין פאַרשידענעם פאַרנעם.

איין פאָרם באַשטייט אין פּשוטן פּאַנטאַזירן, אין אייַנ-רעדן זיך גרויסע טאַטן און דערגרייכונגען אין דער פאַרגאַנ־גענהייט, קעגנוואַרט אָדער צוקונפט. דאָס דאָזיקע פּאַנטאַזירן דערגרייט טיילמאָל צו אַזאַ גרויסער סוביעקטיווער קראַפט, אַז זי איז גורם דאָס באַקאַנטע ליגן-זאָגן, וועלכעס איז אַזוי פאַרשפּרייט צווישן יוגנט אין ערשטן יוגנט-פּעריאָד (ווען די ד י ס פּ ר אָ פּ אָ ר ץ צווישן די רעאַלע כּוחות און דעם סוב-יעקטיוון שוווּנג פון פּערזענלעכקייט-געפיל איז די גרעסטע). דאָס דאָזיקע ליגן-זאָגן וואָלט מען געדאַרפט אָנרופן מיטן נאָ-מען „פּסיכאָלאָגישער ליגן", כּדי עס אונטערצושיידן פון גע-וויינלעכן ליגן, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו שעדיקן און שלעכטס צו טון אַ צווייטן מענטשן אָדער דער געזעלשאַפט. אינעם פאַנטאַסטישן ליגן-זאָגן בייַ יוגנטלעכע איז נישטאָ דער עלע-מענט פון שעדיקערייַ, נאָר אויסשליסלעך פון אומשעדלעכער ב אַ ר י מ ע ר ייַ; דער פּסיכאָלאָגישער קוואַל פון דער דאָזי-קער באַרימערייַ איז נישט דער ווילן צו שאַטן, נאָר דער דראַנג פון פּערזענלעכקייט-געפיל איבערצושטייַגן די רעאַלע גרענעצן, וואָס דאָס לעבן שטעלט דעם שוווּנג פון פּערזענ-לעכקייט־געפיל.

אין אַנדער געביט פון אַ מער באַדייַטנדיקן דערגאַנצנדן אויסלעבן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל אין דער פּאַנטאַזיע זע-

נען די שפּילן. די אָביעקטיווע לעבנס-באַדינגונגען, די סאָציאַלע אומגעבונג שאַפט אַ שטרענגע, נישט-דורכברעכלעכע גרענעץ פאַרן שוווּנג פון פערזענלעכקייט־געפיל ביי דער יוגנט. זוכט דער יוגנטלעכער אַרומצוגיין די דאָזיקע גרענעץ, די דאָזיקע שטערונגען — דורך שאַפן פאַר זיך אַ קינסטלעכן אַרום, קינסטלעכע באַדינגונגען און קינסטלעכע געזעצן, אַזעלכע, וועלכע ער זאָל זיין בכּוח דורכצוברעכן און באַזיגן. אין די ראַמען פון די דאָזיקע קינסטלעכע באַדינגונגען, קינסטלעכער וועלט, פּרוּווט ער און קאָן שוין מיט דערפאָלג און אָן שטערונגען דורכזעצן זיין דראַנג צו אויסטיילן זיך, צו דערהויבנקייט, צו זיג, מיט איין וואָרט: צום פולשטענדיקן רעאַליזירן דאָס פערזענלעכקייט־געפיל. דאָס איז דער פּסיכאָלאָגישער זין און צוועק פון שפּילן. אין די ספּאָרט-שפּילעריַען געפינט די יוגנט אַ סינטעז פון צוויי וויכטיקע עלעמענטן, אויף וועלכע ס'בויט זיך דאָס פערזענלעכקייט-געפיל: די פיזישע כּוחות און די שפּילן. דעם גרעסטן ביַיפאַל האָבן, פאַרשטייט זיך, אַזעלכע שפּילן, וווּ זיג איז דער פינאַל פון שפּיל.

אַ וויַיטערדיק געביט פון שטיַיגערן דאָס פערזענלעכקייט-געפיל מיט דער הילף פון פאַנטאַזיע איז די לעקטור פון העלדן־געשיכטעס. דערביַי קאָנען דאָס זיַין העלדנטאַטן פון ברייטסטן מאָסשטאַב: געשיכטעס פון פשוטער פיזישער גבורה, העלדישקייט און דרייסטקייט (קאָווּבאָי־געשיכטעס און קאָווּבאָי-פילמען); גרויסע היסטאָרישע טאַטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט פיזישער קראַפט (מלחמות), העלדנמוט, קלוגע פירערשאַפט, וועלכע איז גורם גרויסע זיגן; מאָראַלישע העלדנטאַטן, אין וועלכע ס'קומען צום אויסדרוק גרויסע קרבנות, דאָס ראַטעווען מענטשן אָדער גאַנצע געזעלשאַפטן דורך פערזענלעכער אָפּפערוויליקייט; אָדער גאָר סוביעקטיווע העלדישקייט דורך אַרויסוויַיזן אינערלעכן אויסדויער, כאַראַקטער-שטאַרקייט, איבערטראָגן יסורים, זיך אַליין פאַרלייקענען און ברענגען אַ קרבן פאַרן צווייטן אד"גל (העלדישע ליבע — באַליבטע לעקטור פון יינגע מיידלעך). דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן אָבער אַזעלכע העלדן־געשיכטעס, וועלכע באַגרינדן זיך אויף אויסערגעוויינלעכער פיזישער קראַפט, העלדנמוטיקייט און זיגע-

רישקייט. העלדן לעקטור איז די באַליבטסטע לעקטור בײַ דער יוגנט, און דערין ווײַזט זיך ווידער אַ מאָל אַרויס דער כאַראַקטער און אינהאַלט פון פּערזענלעכקייט־געפיל בײַ דער יוגנט, נעמלעך: זײַן באַזע איז פיזישע קראַפט און דאָס אויסטיילן זיך אויפן דאָזיקן באָדן (פיזישע העלדישקייט).

געוויסע יחידים אָבער באַגנוגענען זיך נישט בלויז מיט די סוביעקטיווע העלדן־איבערלעבונגען (אין פאַנטאַזיע, אין שפּיל אָדער אין לעקטור) און זוכן די אייגענע העלדישקייט צו *רעאַליזירן* אין לעבן; זיי ווילן זײַן דאָס זעלבע, ווי די לעגענדאַרע העלדן פון דער געשיכטע אָדער פון די קאָוו־באָי־מעשיות. דאָס זענען די באַקאַנטע יוגנטלעכע *וועלט־רײַזנדע* און *וועלט־דעראָבערער*. די צײַטונגען ברענגען גאַנץ אָפט געשיכטעס פון יוגנטלעכע, וועלכע לאָזן זיך אין וועג אַרײַן צו דעראָבערן אַמעריקע, אויסראָטן דאָס לעצטע ביסל איבערגעבליבענע אינדיאַנער, באַהערשן די נאָך נישט דעראָבערטע אַפריקאַנער דזשונגלעס אד״גל. אַנדערע גייען נישט אַזוי ווײַט אין זייערע פאַרלאַנגען און לאָזן זיך סתם איבערן לאַנד, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט. אַנדערע ווידער געפינען אין סתם אויספלוגן און וואַנדערונגען אַ באַפרידיקונג און אויסלאָדונג פונעם העלדנדראַנג. די לעצטע קאַטעגאָריע איז די גרעסטע; די ליבע צו אויספלוגן און וואַנדערונגען איז בײַ דער יוגנט קאָלאָסאַל, און לאָמיר באַלד אונטערשטרײַכן: דאָס איז פון דערציִערישן שטאַנדפּונקט די פּאָזיטיווסטע פון אַלע פאָרמען פון אויסלעבן זיך פון פּערזענלעכקייט־געפיל, וועלכע מיר דאַרפן שטאַרק אונטערשטיצן און אַנטוויקלען.

נישט זעלטן דריקט זיך אויך אויס דער דראַנג צו וועלט־דעראָבערונג, צו העלדנטאַטן — אין פאָרם פון וויסן־ און דערקענטעניש־שטרעבונג. די סוביעקטיווע וועלט־דעראָבערונג דריקט זיך אויס בײַ אַ טייל יוגנט אין וויסנדראַנג. אינעם לערנען געאָגראַפיע, נאַטור־וויסנשאַפט, אינעם דערקענען די יסודות פון וועלטשאַפונג, געפינט מען טיילמאָל די סוביעקטיווע באַפרידיקונג פאַר דער רעאַלער וועלט־דעראָבערונג. אין דער גײַסטיקער באַהערשונג (דערקענטעניש) געפינט מען דעם ערזאַץ

פון פיזישער באַהערשונג (מאַכט). דאָס נעגאַטערע באַקענען זיך מיט דער דאָזיקער דערשיינונג איבערצייגט אונדז, אַז דער ווייסנדורשט ביי דער יוגנט געהערט צו דער זעלבער פּסיכאָלאָגישער קאַטעגאָריע פון העכער הייבן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל דורך סוביעקטיוו-פאַנטאַסטישן איבערשרייטן די אָביעקטיווע שטערונגען. ריינע פאַנטאַזיע, שפּיל, העלדן-לעקטור, וועלטרייזע-דראַנג, ווייסנדורשט — אַלע געהערן זיי צו דער זעלבער קאַטעגאָריע: דאָס זענען מיטלען פון סוביעקטיוון דערגאַבערן און באַהערשן די וועלט און דערמיט רעאַליזירן דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל.

אין אַלע פאָרמען און אַלע פאַלן קומט צום אויסדרוק די זעלבע גרונטשטרעבונג פון דער יוגנט: דער דראַנג צו הייבן און רעאַליזירן דעם פּערזענלעכן ווערט דורך לייסטונגען, וועלכע זאָלן אַרויסרופן אָנזען ביים אַרום, אין דער סביבה, אין דער געזעלשאַפט. דער יוגנטלעכער שטרעבט דאָס צו דערגרייכן מיט דער הילף פון די רעאַלע מיטלען, וועלכע ער באַזיצט שוין — די פיזישע כוחות, אויסערלעכע שטעלונג און פלינקייט (ספּאָרט, טאַנץ), — זייער ווערט און אויסערונג־קראַפט שטרעבט ער מיט סוביעקטיווע מיטלען נאָך מער צו שטייגערן (פאַנטאַזיע, באַרימערייען, שפּילן, לעקטור, „וועלט־דעראָבערונגען", ווייסנדורשט אד"גל). נישט אַלע מאָל זענען דיביידע עלעמענטן אין אַ גלייכער פּראָפּאָרץ פאַרטראָטן אינעם אויסערלעכן בילד פון פּערזענלעכקייט־געפיל. ביי פיזיש קרעפטיקע (אָדער ביי אַזעלכע, וואָס די סביבה־באַדינגונגען ווירקן ביי זיי אין דער ריכטונג) קאָן זיך דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל באַזירן און אויסדריקן אויסשליסלעך אין די פיזישע כוחות, קערפּערלעכער שיינקייט און גראַציע; ביי אַנדערע ווידער (צוליב פיזישער דעליקאַטקייט, שוואַכקייט אָדער אַדאַנק דער ווירקונג פון דער סביבה) קומען מער צום אויסדרוק די פאַנטאַזיע־עלעמענטן אָדער איינער פון זיי (ליגנערישקייט, לעקטור־שלינגען, שפּילן אָדער גאָר ווייסנדורשט); אַמאָפטסטן — דוכט זיך — קומט דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל צום אויסדרוק אין אַ געמיש פון ביידע עלעמענטן אין אַ פאַרשידענער פּראָפּאָרץ.

דאָ איז נאָך אַ מאָל ווערט אונטערצושטרייכן דעם פּרינ־

ציפיעלן אונטערשיד צווישן די באַגריפן „פּערזענלעכקייט־געפֿ־
יל“ און „מינדערווערטיקייט־געפֿיל“. אויך דאָס מינדערווערטי־
קייט־געפֿיל (ווי עס פֿאַרשטייען עס זײַנע שעפּער), שטרעבט
צו ברענגען מאַכט און אָנזען דעם יחיד, אָבער מיט דער הילף
פֿון דערנידעריקן און אָראָפּדריקן די אַרומיקע, הייבן זיך —
נישט רעאַל, נאָר — אַזוי צו זאָגן — רעלאַטיוו, — דורך
אַראָפּנידעריקן די אַרומיקע. אינעם פּערזענלעכקייט־געפֿיל פֿאַר־
שטייען מיר, אַקעגן, די שטרעבונג צו באַקומען מאַכט, אָנ־
זען, אויסטיילן זיך פֿון אַרום נישט דורך אַראָפּנידעריקן דעם
דאָזיקן אַרום, נאָר דורכן רעאַלן הייבן זיך אַליין,
און אַלס מאָסשטאַב פֿון די דערהייבנדע טאַטן ווערט דערבײַ
גענומען זייער אָביעקטיוו מענטשלעכע נוצלעכ־
קייט, — אַלזאָ: באַהערשן די וועלט דורך ברענגען איר נוצן,
דורך דערהייבן זי. אמת, די דאָזיקע טאַטן זענען אָפּטמאָל
סוביעקטיווע, אויסגעטראַכטע, נישט־רעאַלע (פֿאַנטאַזיע,
שפּיל אד״גל), אָבער דאָ האַנדלט זיך אין דעם, וואָס דער
יחיד וויל דערמיט דערגרייכן, וואָס ער וויל מיט זײַנע מאָס־
מיטלען שאַפֿן; און ווילן וויל ער — מענטשלעך נוצ־
לעכעס. ס'קאָן זיך וואָס אַן אמת אויך טרעפֿן, אַז אין דער
פּראַקטיק — צוליב פֿאַרשידענע קאָנקרעטע אומגינסטיקע באַדינ־
גונגען — זאָל דאָס פּערזענלעכקייט־געפֿיל זײַן דורכגעדרונגען
מיט אַזאַ גרויסער מאָס עגאָיסטישע עלעמענטן, אַז עס זאָל
אויסערלעך זיך גאָרנישט לאָזן אונטערשיידן פֿון מינדער־
ווערטיקייט־געפֿיל; דאָס געשעט זיכער אָפֿט בײַ קראַנקע אינ־
דיווידוומס, (וועלכע זענען דאָס דערפֿאַרונג־געביט פֿון דער
אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָאַנאַליזע, און צוליב וועלכע
אַדלער און פֿרויד זענען זיכער דערגאַנגען צו זייערע
איבערגעטריבענע פֿאַראַלגעמיינערונגען). אָבער אין אַלגעמיין
איז דער קענצייכן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון יוגנטלעכן נישט
דאָס מינדערווערטיקייט־געפֿיל, נאָר דאָס פּערזענלעכקייט־געפֿיל.
ווען דאָס מינדערווערטיקייט־געפֿיל וואָלט געווען דער הויפּט־
אימפּולס פֿון גײַסטיקן לעבן און פֿון די מענטשלעכע האַנד־
לונגען, וואָלט דער מענטשלעכער גײַסט שוין פֿון לאַנג געווען
אַ בית־עולם און די וועלט — אַ משוגעים־הויז. אויב עס איז

פּאַרט נישט אַזוי, איז עס דערפאַר, ווייל דער אינערלעכער פאַקטאָר פון גייסטיקער אַנטוויקלונג און דער אימפּולס פאַר די פּערזענלעכע האַנדלונגען איז אַ קאָמפּלעקס אינדיווידועלע געפילן, וואָס טרייבן טאַקע דעם יחיד צו דערגרייכן אַנזען און מאַכט, אָבער נישט דורך אונטערדריקן און צעברעכן, נאָר דורך טאַטקרעפטיקייט און שעפערישקייט, — דאָס איז דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל.

אויב אָבער אַ ד ל ע ר איז דערגאַנגען צו זיין פעלער, איז עס דערפאַר, ווייל ער האָט נישט באַמערקט דעם ק ל אַ ס ן-א י נ ה א ל ט פון מענטשלעכן כאַראַקטער. טראָץ זיינע אומ-צייליקע אינדיווידועלע ניואַנסן, טראָגט דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל אַ בולטן קלאַסן-כאַראַקטער. ביים בירגערטום איז דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל געריכטעט אויף דערגרייכן ריין פּערזענ-לעכע צילן מיט דער הילף פון קאָנקורענץ-קאַמף קעגן אַלץ און אַלעמען. אויף וויפל דער בירגערלעכער נעמט אין אַכט אין זיינע האַנדלונגען די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, איז עס נאָר אַלס מיטל פאַר די פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע דערגרייכונגען. ביים פּראָלעטאַריאַט איז דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל געריכטעט צו די גייסטיק-עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען אויפן געזעלשאַפטלעכן פאָרום, ווייל אַרויסגעשטויסן פון אַקטיוון ווירטשאַפטלעכן לעבן, וואָס באַזירט זיך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אויף פּער-זענלעכער איניציאַטיוו, איז פאַר זיין פּערזענלעכער אויסלעבונג גע-בליבן אָפן נאָר דאָס געביט פון געזעלשאַפטלעך-גייסטיקן לעבן. אָבער דאָס פּראָלעטאַרישע פּערזענלעכקייט-געפיל, אַזוי ווי עס אַנט-שטייט סטיכיש, אין רעזולטאַט פון די רויע לעבנס-באַדינגונגען פון אַרבעטער-קלאַס, — כאָטש עס האָט אַ געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג און ווערט געשטויסן דורך דער באַדערפעניש פון סאָלידאַר-געזעלשאַפטלעכע איבערלעבונגען, — איז עס אָבער פאַר זיך ב אַ ג ר ע נ ע צ ט צום געביט פון קאָנקרעטע, איינצלנע איבערלעבונגען און האַנדלונגען: צו דער קאָנקרעטער, פּערזענ-לעכער ק ע ג נ וו אַ ר ט פון פּראָלעטאַריער. דער „רויער" פּראָ-לעטאַריער, וואָס איז נאָך נישט דערהויבן געוואָרן איבער זיינע ענג פּערזענלעכע ראַמען דורך דער אַלמענטשלעכער סאָ-ציאַלער אידעע, — קאָן אָפטמאָל אויסשפּירן אַ העכסט מענטש-

לעכע קרבנותפולע האנדלונג לגבי זײַן שכן, ארבעט־קאָלעגע אין װאַרשטאַט אָדער סתּם נאָענטן; אָבער גלײַכצײַטיק קאָן ער בלײַבן אַבסאָלוט ג ל ײַ כ ג י ל ט י ק פאַר אַלגעמײנע צילן, װעלכע האָבן אױפן אױג נישט די קאָנקרעטע הילף פאַרן לײַדנדן יחיד־פּראָלעטאַריער, נאָר זעלבסטהילף פאַרן כּלל, פאַרן גאַנצן אײגענעם קלאַס, װאָס פאָדערט קרבנות און אָפּפערװיליקײט. אַלזאָ: פון אײגענער „נאַטירלעכער” אַנטװיקלונג האָט דאָס פּראָלעטאַרישע פערזענלעכקײט־געפיל, װעלכעס איז געבונדן און באַגרענעצט מיטן יחידס קאָנקרעטן, קעגנװאַרטיקן לעבן, די קלענסטע שאַנסן אַליין זיך צו פאַרװאַנדלען אין אַן אַלגעמײנער סאָציאַלער אידעע, סײַדן אין רעזולטאַט פון גרױסע היסטאָרישע אױפטרײסלונגען, װען דער יחיד װערט דורך אױסערלעכע סאָציאַלע קרעפטן אין גאַנצן פאַרכאַפּט, װען דאָס סאָציאַלע רײַסט זיך אַרײַן אין פערזענלעכן לעבן פון יחיד. נאָרמאַל אָבער, קאָן זיך דער האָריזאָנט פון פערזענלעכקײט־געפיל פון פּראָלעטאַריער פאַרברײטערן צו סאָציאַלן פילן און שטרעבן נאָר אין רעזולטאַט פון באַװוסטזיניקער גײַסטיקער באַװירקונג, פון סאָציאַלער קלאַסן־דערציִונג.

קאַפּיטל 5

די געשלעכטלעכע פּסיכיק

אין די ערשטע יוגנטיאָרן, – בײַ מיידלעך פריִער ווי בײַ יינגלעך, ווײַל זיי ווערן אַ 2 יאָר פריִער געשלעכטלעך רײַף, – רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט פון פערזענלעכן לעבן בײַ די יוגנטלעכע דאָס סעקסועלע פּראָבלעם, בעסער געזאָגט — די סעקסועלע פּראָבלעמען. די קאָלאָסאַלע ראָל פון סעקסועלן לעבן אינעם מענטשלעכן לעבן בכלל – איז איבעראַל באַקאַנט. איינע פון די באַרימטסטע פּסיכאָלאָגישע לערעס פון דער הײַנטיקער צײַט, די פּסיכאָאַנאַליטישע שול פון פּראָפ׳ פ ר ו י ד, האַלט אַפילו, אַז דער סעקסועלער אינסטינקט איז דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר ווי אויך די וויכטיקסטע טרײַבקראַפט פון מענטשלעכן לעבן בכלל. אויף אַזוי ווײַט – טרײַבט די פּסיכאָאַנאַליזע זיכער איבער, ס׳איז אָבער נישט קיין ספק, אַז דער סעקסועלער אינסטינקט האָט זייער אַ גרויסע ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון מענטשלעכן לעבן און כאַראַקטער.

מיר קאָנען דעריבער דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט דורכלאָזן, אַרומרעדנדיק די פראַגע וועגן דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט. מיר וועלן טאַקע דאָס דאָזיקע פּראָבלעם באַהאַנדלען נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער פראַגע, וועלכע אינטערעסירט אונדז דאָ – מיט דער פראַגע וועגן דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון יוגנטלעכן און דער אויסבילדונג פון זײַן אינערלעך וועזן און כאַראַקטער.

כדי ווי געהעריק צו פאַרשטיין די ווירקונג פון געשלעכט-

אינסטינקט אויפֿן גײַסטיקן וועזן פֿון מענטשן, מוזן מיר זיך פֿריִער קלאָר מאַכן די ביאָלאָגישע ראָל פֿון געשלעכטס־אינ־סטינקט. די דאָזיקע ראָל איז אַ קלאָרע: די אויפֿגאַבע פֿון געשלעכטס־לעבן איז דאָס ווײַטערדערהאַלטן דעם מין. צו דעם צוועק פֿירן צוויי נאַטירלעכע וועגן: 1) פֿאַרמע־רונג און 2) פֿאַרפֿולקאָמונג.

ווי באַוווּסט, עקזיסטירט אויף דער נידעריקסטער שטופֿע פֿון לעבנס־לייטער, בײַ די נידעריקערע בעלי־חיים, נאָר איין געשלעכט. דעריבער זענען בײַ די דאָזיקע מינים ביידע מיט־לען פֿון דערהאַלטן דעם מין פֿאַרקערפּערט צוזאַמען אין יעדן איינעם יחיד. בײַ די נידעריקערע בעלי־חיים דאָמינירט דער פֿאַרמערונג־פּרינציפּ אַלס מיטל צו דערהאַלטן דעם מין. ס׳איז באַוווּסט, אַז בײַ די דאָזיקע בעלי־חיים איז דער פֿאַרמערונג־גראַד אַ קאָלאָסאַלער, און די דאָזיקע לעגענדאַר גרויסע פֿאַר־מערונג איז בײַ זיי דער וויכטיקסטער שאַנס פֿון דערהאַלטן דעם מין. אין דער וועלט פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן קומט פֿאָר אַ ריקזיכטלאָזער קאַמף פֿאַר דער עקזיסטענץ. די בעסער באַוואָפֿנטע, די העכער אַנטוויקלטע און מער צוגעפּאַסטע בעלי־חיים גייען אַרויס אַלס זיגער פֿון קאַמף און פֿאַרניכטן די ני־דעריקער שטייענדע און ווייניקער צוגעפּאַסטע צו די לעבנס־באַדינגונגען. דעריבער איז בײַ די נידעריקער שטייענדע און ווייניקער צוגעפּאַסטע בעלי־חיים דער וויכטיקסטער מיטל אין קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ און דערהאַלטן דעם מין — זייער פֿאַר־שטאַרקטע פֿאַרמערונג. זי מוז זײַן אַזוי גרויס, אַז זי זאָל מיט אַ באַדײַטנדיקן עודף דעקן דעם פֿאַרלוסט בײַם אומגלײַכן קאַמף מיט די בעסער באַוואָפֿנטע פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון מין. אויף איין געטויטן אָדער פֿאַר־צוקטן — צען, הונדערט נײַ געבוירענע — דאָס איז די ביאָלאָ־גישע ראָל פֿון פֿאַרמערונג־פּרינציפּ אַלס מיטל אין קאַמף פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון מין בײַ די נידעריקערע בעלי־חיים. וואָס נידעריקער אַ געוויסער מין שטייט אויף דעם אַנטוויקלונג־לייטער פֿון אָרגאַנישן לעבן — אַלץ אַ גרעסערע ראָל שפּילט בײַ אים די פֿאַרמערונג אַלס מיטל פֿון דערהאַלטן דעם מין.

אָבער פֿון דער צווייטער זײַט קומט פֿאָר אַ כּסדרדיקע

אַ נ ט װ י ק ל ו נ ג און אָרגאַנישע פֿאַרפֿולקאָמונג אין דער װעלט פֿון די בעלי-חיים; זײ הײבן זיך אַלץ העכער אױפֿן לעבנס-לײטער; די אָרגאַניזמען װערן װאָס װײַטער, אַלץ מער דיפֿערענצירט און קאָמפּליצירט; ס'אַנטשטײען אַלץ נײַע אָרגאַנען פֿון אָפּװער, קאַמף און אָריענטאַציע (חושים און פּסיכישע פֿעיִקײטן); ס'אַנטשטײט װײַטער אַן אינערלעכע אײנהײטלעכע צענטראַלע אָנפֿירונג (נערװן-סיסטעם און מוח) אאַז״װ, אאַז״װ. אין רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער אַנטװיקלונג באַקומט װאָס װײַטער אַלץ אַ גרעסערן באַדײַט אינעם קאַמף פֿאַר דערהאַלטן דעם מין דער צװײטער מיטל — די פֿ אַ ר פֿ ו ל ק אָ מ ו נ ג. די גרענעצלאָזע פֿאַרמערונג פֿאַרלירט װאָס װײַטער אַלץ מער איר באַדײַט אַלס כּמעט אײנציקער מיטל צו דערהאַלטן דעם מין, — און דעם אױבנאָן בײַם דערהאַלטן דעם מין הײבט אָן פֿאַרנעמען דער אַקטיװער, אינדיװידועלער קאַמף, דער זיג, װעלכער װערט דערמעגלעכט אַדאַנק די פֿאַרפֿולקאָמטע אָפּװער-, אָנגריף- און אָריענטאַציע-אָרגאַנען, װאָס מאַכן אױך מעגלעך דאָס אױסמײַדן אַ געפֿאַר, אױסװײלן קאַמף אָדער אַנטלױפֿן, פֿאַרלײַכטערן דאָס אױסזוכן שפּײַז אד״גל. געװײנלעך גײען בײדע מיטלען, פֿאַרמערונג און פֿאַרפֿולקאָמונג, צוזאַמען, אָבער אױף די נידעריקערע לעבנס-שטופֿן האָט אַן איבערגעװיכט דער פֿאַרמערונג-פּרינציפּ, אױף די העכערע — די אָרגאַנישע פֿאַרפֿולקאָמונג.

אױף אַ געװיסער אַנטװיקלונג-שטופֿע פֿון די בעלי-חיים איז אַנטשטאַנען די געשלעכט-פֿאַרטײלונג. די סיבות פֿון דער אַנטשטײונג פֿון 2 באַזונדערע געשלעכטער לאָזן זיך אָמבעסטן, גלײב איך, פֿ אַ ר ש ט ײ ן, װען מיר באַטראַכטן זײ פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַרבעט-פֿאַרטײלונג-פּרינציפּ. מיר װײסן פֿון אונדזער מענטשלעכער װירטשאַפֿטלעכער פּראַקטיק, אַז אַדאַנק דער אַרבעט-פֿאַרטײלונג קאָן מען שטאַרק הײבן די לײַסטונגפֿעיִקײט און די פּראָדוקטיװקײט פֿון יעדן יחיד. למשל: אין אַ געװיסן װאַרשטאַט עקזיסטירט נישט קײן אַרבעט-פֿאַרטײלונג, און יעדער אַרבעטער שאַפֿט זעלבשטענדיק אַ גאַנצן פּראָדוקט, דערגרײכנדיק דערבײַ צו אַ געװיסער שטופֿע פֿון קװאַליפֿיקאַציע און פּראָדוקטיװקײט. זאָל מען אָבער אײַנפֿירן אין דאַ-

זיקן וואַרשטאַט אַן אַרבעט־פּאַרטיילונג, ד״ה — יעדער אַרבע־טער פירט אויס נאָר אַ באַשטימטן ט ײ ל פון גאַנצן פּראָדוקט, דאַן הייבט זיך באַדײַטנד די פּראָדוקטיװקייט פון יעדן אַרבע־טער באַזונדער ווי אויך זײַנע קוואַליפיקאַציעס, אַזוי, אַז אין רעזולטאַט באַקומט זיך מ ע ר און ב ע ס ע ר ע פּראָדוקטן, ווי פריִער. אַמוואַרשײַנלעכסטן איז דער זעלבער פּרינציפּ, נעמ־לעך: אינטענסיווערע און ווירקזאַמערע אַנטוויקלונג אין רע־זולטאַט פון ביאָלאָגישער אַרבעט־פּאַרטיילונג — אויך די גרונט־סיבה פון דער געשלעכט־פּאַרטיילונג אין דער לעבעדיקער נאַטור. לטובת דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער היפּאָטעזע רעדט אויך דער פאַקט, וואָס די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג בכלל קומט פאָר לויטן פּרינציפּ פון אַרבעט־פּאַרטיילונג. די פאַרפול־קאָמונג פון די אָרגאַניזמען און מינים באַשטייט דאָך טאַקע דערין, וואָס דער אָרגאַניזם טיילט אויס אַלץ מער אָרגאַנען מיט אַ וואָס גרעסערער ספּעציאַליזאַציע. וואָס העכער אַן אָר־גאַניזם שטייט אויפן אַנטוויקלונג־לייטער, אַלץ מער פאַרשידנ־אַרטיקע און ספּעציאַליזירטע אָרגאַנען פאַרמאָגט ער. אויב די אַרבעט־פּאַרטיילונג איז אַ ן אַ ל ג ע מ ײ ן געזעץ פון דער אָר־גאַנישער אַנטוויקלונג, פאַר וואָס זאָל זי אויך נישט זײַן דער יסוד פון דער געשלעכט־פּאַרטיילונג? אַזוי ווי די געשלעכט־פּאַרטיילונג טרעפן מיר אַן שוין אויף אַ גאַנץ נידעריקער שטופע פון דער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג, דאַרפן מיר אָננע־מען, אַז די געשלעכט־פּאַרטיילונג איז בכלל איינע פון די עלעמענטאַרסטע ביאָלאָגישע אַרבעט־פּאַרטיילונגען מיטן צוועק צו פאַרפולקאָמען די אָרגאַניזמען און פאַרגרעסערן די שאַנסן אינעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

אָבער אויב אַזוי — טאָ פאַר וואָס נאָר צוויי געשלעכטער? האָט דאָך די געשלעכטלעכע פאַרטיילונג, ווי די אַרבעט־פּאַר־טיילונג בכלל, געקאָנט גיין נאָך ווײַטער און אויסטיילן וואָס מער געשלעכטער?

ס י מ נ י ם פון אַ ווײַטערדיקער געשלעכט־פּאַרטיילונג זענען טאַקע פאַראַן; בײַ ב י נ ע ן און בײַ מ ו ר אַ ש ק ע ס עקזיסטירן טאַקע ד ר ײַ קערפּערלעכע טיפּן, וועלכע מ׳באַטראַכט טאַקע פאַר ד ר ײַ ג ע ש ל ע כ ט ע ר. אויב אָבער ס׳דאָמינירן

אין דער לעבעדיקער וועלט נאָר 2 געשלעכטער, איז עס מן הסתם דערפאַר, ווײַל דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ אַלס די פּראַקטישסטע פאַרטיילונג, וואַרשײַנלעך — אין צוזאַמענהאַנג מיט די צוויי גרונטמיטלען פון קאַמף פאַר אויפהאַלטן דעם מין: פאַרמערונג און פאַרפולקאָמונג. דער מענלעכער געשלעכט פאַרטרעט דעם פאַרמערונג־וועג, דער ווײַבלעכער — דעם וועג פון פאַרפולקאָמונג, פון בעסער צוגרייטן די קינדער צום קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

די דאָזיקע געשלעכטלעכע אַרבעט־פאַרטיילונג, איינע פון די וויכטיקסטע ביאָלאָגישע דערשײַנונגען בכלל, האָט, פאַר שטייט זיך, אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג נישט בלויז אויף דער ריין אָרגאַנישער, נאָר נישט ווייניקער אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג. אָבער כדי מיר זאָלן ווי געהעריק פאַרשטיין די פּסיכישע ווירקונג פון דער געשלעכטלעכער פאַרטיילונג, מוזן מיר זיך פריִער קלאָר מאַכן עטלעכע וויכטיקע מאָמענטן.

די ביאָלאָגישע געשלעכט־פאַרטיילונג איז מן־הסתם נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון דער ווירקונג פון ריינעם פּרינציפּ פון אַרבעט־פאַרטיילונג, נאָר אויך דערפון, וואָס די צוויי גרונטוועגן פון דערהאַלטן דעם מין — פאַרמערונג און בעסערע צוגרייטונג פון די יחידים (פאַרפולקאָמונג) האָבן איינערלעך־קעגנזעצלעכע אַנטוויקלונג־טענדענצן. דער פאַרמערונג־פּרינציפּ גייט מיטן וועג פון וואָס מער פּראָדוצירן נײַע אינדיווידוומס, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זייער קוואַליטעט און נישט קימערנדיק זיך וועגן זייער גורל. אַקעגן, דער פאַרפולקאָמונג־פּרינציפּ האָט אַ טענדענץ צו באַגרענעצן די צאָל נײַ געבוירענע, כדי ס'זאָל בלײַבן וואָס מער פרײַע כוחות, צו קאָנען ווידמען וואָס מער ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט דעם אויסהאָדעווען, פאַרפולקאָמען און ווי געהעריק צוגרייטן דורך דערציִונג און געניטונג יעדן יחיד באַזונדער צום קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. אַלזאָ: צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן שטויסן די אַנטוויקלונג אויף צוויי פאַרשיידענע, קעגנזעצלעכע ריכטונגען, ווידערשפּרעכן זיי זיך איינערלעך און זיי האָבן דעריבער לאַנג נישט געקאָנט הויזן צוזאַ-

מען, שטערנדיק איינער דעם צווייטן אין דער פרײַער אַנטוויקלונג. אַמוואָרשײַנלעכסטן דערפֿאַר האָט געמוזט קומען די פונאַנדערטיילונג אויף צוויי באַזונדערע געשלעכטער*), אַדאַנק וואָס יעדער אַנטוויקלונג-פּרינציפּ באַזונדער האָט שוין אויף ווײַטער געקאָנט אומגעשטערט און דעריבער אינטענסיוו פּאָרויסגיין כסדר בײַם רעאַליזירן זײַן ביאָלאָגישע ראָל אין לעבן**). דער מענלעכער געשלעכט רעאַליזירט דעם פּאַרמערונג-פּרינציפּ און צו דעם איז צוגעפּאַסט דער גאַנצער מענלעכער אָרגאַניזם און די טעטיקייט פון זײַנע געשלעכט-אָרגאַנען; אַקעגן, דער ווײַבלעכער געשלעכט האָט אַ טענדענץ כסדר צו פֿאַרקלענערן די צאָל געבורטן (ווי אויך די צאָל מיט אַ מאָל נײַ געבוירענע), כּדי צו קאָנען אָפּגעבן וואָס מער צײַט, אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע דער אויפציִונג און צוגרייטונג פון די נײַ געבוירענע צום לעבן און אַזוי אַרום הייבן כסדר די *אינדיווידועלע קוואַליטעט* פון יעדן יחיד, — וואָס עס איז, אגב, אַ גרעסערע גאַראַנטיע פאַרן דערהאַלטן דעם מין, ווי די בלויזע, פרימיטיווע מעכאַנישע פּאַרמערונג. אַזוי זעען מיר, אַז די פּאַרמערונג-מעגלעכקייט פון די מענלעכע יחידים, אפילו נאָך בײַם העכסט אַנטוויקלטן מין — בײַם מענטשן, קאָן אַרויסגעבן פון זיך אַזוי פיל זאָמען, אַז עס וואָלט דערפון *געקאָנט* אַנטשטיין אַ גרענעצלאָזער נאָכוווּקס; אַקעגן, די געבורט-פעיִקייט פון ווײַבלעכן יחיד איז אַ שטרענג באַגרענעצטע און פֿאַרקלענערט זיך כסדר פּאַראַלעל צו דער אַנטוויקלונג. בײַ די נידע-

*) אַרויסזאָגנדיק די דאָזיקע היפּאָטעזע, גיב איך זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז מען וואָלט זי געדאַרפט באַגרינדן אויפן סמך פון אַ געהעריק צונויפגעקליבענעם ביאָלאָגישן מאַטעריאַל. איך בין נישט בכוח דאָס צו טון. פונדעסטוועגן האָב איך זיך דערלויבט די דאָזיקע געדאַנקען אַרויסצוזאָגן, ווײַל: ערשטנס, שײַנען זיי מיר צו זײַן ריכטיקע, און צווייטנס, ווײַל זיי פאַרלײַכטערן דאָס פאַרשטיין די אייגנאַרטיקייטן פון דער געשלעכטלעכער פּסיכיק.

**) אין דער געשלעכט-פונאַנדערטיילונג איז דאָ אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צום אַלגעמיינעם פיזישן געזעץ, אַז אין יעדן זיך באַוועגנדן, אומקרייזנדן קערפּער ווירקן צוויי קרעפטן: עקסצענטרישע און קאָנצענטרישע, — און דאָס איז גורם די צעטיילונג פון קערפּער אויף צוויי גײַע.

ריקערע מינים איז די געבוירן-פעיקייט פון ווייבלעכן יחיד נאָך אַ גאַנץ גרויסע (דאָך אומפאַרגלייכלעך קלענער, ווי די פאַרמערונג-מעגלעכקייט פון אַנטשפּרעכנדן ער), אָבער וואָס העכער אויפן אַנטוויקלונג-לייטער, אַלץ פאַרקלענערט זיך די דאָזיקע פעיקייט, — ביז דער פרוי, וועלכע קאָן געבוירן אַ גאַנץ באַגרענעצטע צאָל קינדער סיי בכלל, סיי מיט אַ מאָל. גלייכצייטיק מיט דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל געבורטן פאַרגרעסערט זיך אָבער כּסדר דער סכום ענערגיע, אויפמערקזאַמקייט, לייסטונגען און יעדער מין הילף און צוגרייטונג, וועלכע די מוטער גיט דעם נייַ געבוירענעם; אַלזאָ: ס'פאַרגרעסערן זיך כּסדר די צייַט פון אויסטראָגן, פון דערנערן, פון אַלגעמיינער פלעגע און זאָרג, פאַרטיידיקונג, איבונג אד"גל. וואָס העכער אויפן אַנטוויקלונג-לייטער, אַלץ ווייניקער צוגעפּאַסט צום לעבן ווערט געבוירן דער נייַער יחיד און אַלץ מער צייַט און צוגרייטונג מצד דער מוטער פאָדערט זיך, כּדי דעם נייַ געבוירענעם מאַכן פעיק צום זעלבשטענדיקן לעבן, — ביז צום מענטשלעכן מין, ביי וועלכן ס'פאָדערט זיך אַ יאָר-אַנדערטהאַלבן בלויז זויגצייַט און היפּשע עטלעכע יאָר אַלגעמיינע צוגרייטונג צום לעבן. ווי מיר זעען, קומט פאָר אַן אַנטוויקלונג-פּראָצעס פון פאַרפולקאָמונג פון די יחידים; דער דאָזיקער אַנטוויקלונג-פּראָצעס האָט אַ קעגנזעצלעכע ריכטונג צום פאַרמערונג-פּרינציפּ *).

נעמענדיק אין אַכט דעם דאָזיקן ביאָלאָגיש-געשלעכטלעכן

*) אַ קלײנער קאָרעקטיוו: מיר האָבן אויבן גערעדט וועגן דעם, אַז די סיבה פון דער געשלעכט-פּאַרטיילונג איז געווען די נויטווענדיקייט, אַז יעדער פון די צוויי וועגן צו דערהאַלטן דעם מין זאָל זיך קאָנען (זעלבשטענדיק און אומגעשטערט פון צווייטן) פרייַ אַנטוויקלען. אייגנטלעך אָבער, איז קיין אַנטוויקלונג-פּראָצעס אויפן געביט פון פאַרמערונג-וועג נישט פאָרגעקומען; דער גאַנצער אַנטוויקלונג-פּראָצעס האָט זיך קאָנצענטרירט ביים פאַרפולקאָמונג-פּרינציפּ, ביים ווייבלעכן געשלעכט; דער פאַרמערונג-וועג איז געבליבן אין פּרינציפּ נישט געענדערט; די געשלעכט-צעטיילונג האָט אַלזאָ גורם געווען, אַז די פאַרמערונג-קרעפטן פון מין זענען געבליבן נישט אָפּגעשוואַכט און גלייכצייטיק איז דערמעגלעכט געוואָרן די פאַרפולקאָמונג און בעסערע צוגרייטונג פון יחיד, וועלכע פאָדערט אַ באַרייטנדיקע פאַרקלענערונג פון פאַרמערונג-גראַד.

אַנטוויקלונג וועג, ווערט קלאָר זײַן ראָל און ווירקונג אויף דער פסיכישער אַנטוויקלונג פון מענטשן. ס׳איז פון פאָרויס קלאָר, אַז פאַרשידן איז די פסיכישע ווירקונג פון געשלעכטלעכן אַנטוויקלונג־פראָצעס אויף די באַזונדערע געשלעכטער. אַלס אויסגאַנג־פונקט צום פאַרשטיין און באַנעמען די אויסווירקונג פון דער געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג אויף דער פסיכיק פון די באַזונדערע געשלעכטער, מוזן מיר נעמען דעם פאָלגנדיקן פונדאַמענטאַלן און דעצידירנדיקן מאָמענט: בײַם מענלעכן געשלעכט איז דער געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג־פראָצעס געווען אַ גאַנץ אָרעמער; אין פרינציפּ איז די ביאָלאָגישע ראָל און פונקציע פון מענלעכן יחיד געבליבן נישט פאַרענדערט אין משך פון לאַנגע ביאָלאָגישע אַנטוויקלונג־דורות. **אַקעגן, בײַם ווײַבלעכן געשלעכט**, — לאָמיר נאָר נעמען אין באַטראַכט רעם ריזיקן אַנטוויקלונג־וועג, אָנהייבנדיק פון לייגן אייער אויף „גאָטס באַראָט” ביזן קאָלאָסאַל־קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון אויסטראָגן, געבוירן און דערציִען אַ מענטשלעך קינד דורע דער פרוי, — **האָט זיך קאָנצענטרירט כמעט דער גאַנצער ביאָלאָגיש־געשלעכטלעכער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.**

אָבער גלײַכצײַטיק מיט דער ביאָלאָגיש געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג, איז פאָרגעקומען אַן **אַלגעמיינע ביאָלאָגישע אַנטוויקלונג**, וועלכע האָט אַרומגענומען ביידע געשלעכטער צוגלײַך; זי איז פאָרגעקומען אין רעזולטאַט פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ און איז רעגולירט דורכן געזעץ פון נאַטירלעכן אָפּקלײַב. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער **אַלגעמיינער** אַנטוויקלונג זענען אין אַ גלײַכער מאָס בײַ ביידע געשלעכטער כסדר געוואַקסן די אַלגעמיינע אָרגאַנישע און פסיכישע כוחות און פעִיִקייטן, ביז זיי זענען צוגעקומען צו זייער נאַטירלעכער קדוין — צום מענטשן. נעמענדיק אין אַכט, **אַ גלײַכצײַטיק** מיטן אַלגעמיינעם וווקס פון די אָרגאַנישע און פסיכישע כוחות איז בײַם ווײַבלעכן געשלעכט פאָרגעקומען פינקט אַזאַ אינטענסיווער פּראָצעס פון געשלעכטלעכער אַנטוויקלונג, פון וווקס פון דער אַקטיווער געשלעכטלעכער פונקציע, — איז קלאָר, אַז כמעט דער גאַנצער צוווקס

פון אָרגאַנישע און פּסיכישע כּוחות און פֿעיִקייטן איז בײַם ווײַבלעכן געשלעכט כּסדר געוואָרן אַבסאָרבירט דורך דער אַלץ וואַקסנדיקער און זיך קאָמפּליצירנדער געשלעכטלעכער ראָל און פֿונקציעס. ספּעציעל אינטענסיוו און כּוחות־פֿאַרשווענדנד איז געוואָרן די דאָזיקע געשלעכטלעכע ראָל און פֿונקציע בײַם מענטשלעכן מין מיטן אַנטשטיין פֿון דער מענטשלעכער קולטור, ווען אַחוץ די ביאָלאָגיש־נאַטירלעכע מוטערלעכע פֿונקציעס זענען נאָך צוגעקומען נײַע קולטורעלע, דערציִערישע פֿונקציעס פֿון דער מוטער. אַקעגן, בײַם מענלעכן געשלעכט, וועמענס געשלעכטלעכע ראָל און פֿונקציע האָט זיך אין אַ סך אַ קלענערער מאָס אַנטוויקלט און קאָמפּליצירט און האָט דעריבער אַבסאָרבירט אַ סך אַ קלענערן טייל פֿון די אָנוואַקסנדע אָרגאַנישע און פּסיכישע כּוחות און פֿעיִקייטן, — איז דער גרעסטער טייל פֿון צוווּקס פֿון כּוחות און פֿעיִקייטן געבליבן פֿרײַ פֿון געשלעכטלעכער אויסנוצונג, און זיי זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן בײַם מענטשלעכן מין אין אַ קוואַל פֿון קינסטלעכער (קולטורעלער) שעפֿערישקייט. די דאָזיקע פֿרײַע, אָרגאַנישע און פּסיכישע כּוחות זענען געוואָרן דער באָדן, אויף וועלכן ס'איז אויסגעוואַקסן די מענטשלעכע מאַטעריעלע קולטור (ציוויליזאַציע) און אירע גײַסטיקע הילפֿסמיטלען (מאַטעמאַטישע און טעכנישע קענטענישן). מען דאַרף דאָס נישט שלעכט פֿאַרשטיין: דאָס באַדײַט נישט, אַז די פֿרויען האָבן נישט קיין חלק אין דער מענטשלעכער קולטור־שאַפֿונג בכלל; פֿאַרקערט: אין דער אַלגעמיינער קולטור־שאַפֿונג, ווי געזעלשאַפֿטלעכע באַציִונגען, באַגריפֿן פֿון רעכט, עטיק, לעבן־שטייגער, קונסט, רעליגיע אד"גל, — האָבן די פֿרויען אַ גרויסן אָנטייל, אָבער די מאַטעריעלע קולטור (ווירטשאַפֿטלעכע איניציאַטיוו, טעכניק, מאַטעמאַטיש־טעכנישע הילפֿס־וויסנשאַפֿטן אד"גל), — אַחוץ אין פּעריאָד פֿון מאַטריאַרכאַלער הערשאַפֿט, — איז אין דער גרעסטער מאָס דאָס ווערק פֿון די מענער. אַלזאָ: די מענטשלעכע קולטור איז טאַקע דאָס ווערק פֿון בײדע געשלעכטער, אָבער אויך אויפֿן געביט פֿון קולטור־שאַפֿונג האָט זיך דורכגעזעצט אַן אַרבעט־פֿאַרטיילונג צווישן די געשלעכטער. ווער עס וויל, קען אַפֿילו

אין דער קולטור־שעפערישער ראָלע פון מענלעכן געשלעכט אײַנזען אַ קינסטלעכע ווײַטעראַנטוויקלונג פון פּאַרמערונגס־פּרינציפּ, וועלכן דער מענלעכער געשלעכט פאַרטרעט אין ביאָלאָגישן לעבן. די מאַטעריעלע קולטור שאַפט דאָך נײַע מיטלען אויף צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון מין, צו פאַרלענגערן דאָס לעבן פון די יחידים, צו זיכערן דאָס אויסוואַקסן און לעבן־בלײַבן פון די קינדער אד״גל. זײַן פּאַסיווע ראָל אינעם געשלעכטלעכן קאַמף פאַר דערהאַלטן דעם מין – האָט דער מענלעכער געשלעכט פאַרגיטיקט מיט אַקטיווער שעפערישקייט אויפן געביט פון מאַטעריעלער קולטור און לעבנס־פאַרזיכערונג.

קלאָר, וואָס פאַראַ גרויסע ווירקונג די געשלעכטלעכע נאַטור און פונקציע האָט אויף דער מענטשלעכער פּסיכיק. אָבער די דאָזיקע ווירקונג איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פּ אַ ר־ש י ד ן בײַ די באַזונדערע געשלעכטער. אין פּסיכאָלאָגישן זין פון וואָרט קענען מיר דרייסט רעדן וועגן צוויי באַזונדערע געשלעכט־אינסטינקטן. דער פרויען־אָרגאַניזם פירט אויס אַ קאָמפּליצירטע און לאַנג דויערנדע געשלעכטלעך־שעפערישע פונקציע, וועלכע נעמט אַרום דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל פון דער פרויס לעבן און וועלכע ווערט אָרגאַניש צוגעגרייט אין משך פון לאַנגע יאָרן קערפּערלעכער אַנטוויקלונג פון קינדהייט ביז דערוואַקסנקייט. אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער ביאָלאָגישער פונקציע פון דער פרוי איז אַקטיוויזירט און מיטבאַטייליקט כמעט דער גאַנצער אָרגאַניזם *) און ממילא אויך – די גאַנצע פּסיכיק; די לעצטע ווערט נאָך מער אַרײַנגעצויגן אין דאָזיקן פּראָצעס, ווען עס ענדיקט זיך דער ריין אָרגאַנישער פּעריאָד (געבורט) און ס׳הייבט זיך אָן דער לאַנג דויערנדער ביאָלאָגיש־פּסיכישער דערציִונג־פּראָצעס, וועלכער דויערט היפּשע עטלעכע יאָר. דאָס גאַנצע וועזן, אַלע אָרגאַנישע און פּסיכישע כּוחות, דאָס גאַנצע גײַסטיקע לעבן פון דער פרוי, אירע געפילן, איר אופן פון טראַכטן און באַציִען זיך צו דער אַרומיקער וועלט, – אַלץ ווערט באַשטימט און געקירעוועט דורך דער געשלעכטלעכער פונקציע און דערציִונגס־

*) זע: פּראָפ׳ נעמילאָוו – „די ביאָלאָגישע טראַגעדיע פון דער פרוי״.

אויפגאַבן, ווײַל די דאָזיקע פונקציע און אויפגאַבן זענען גוואַלדיק קאָמפּליצירט, ציִען אַרײַן דער פרויס אַלע כּוחות און נעמען אַרום דעם וויכטיקסטן און גרעסטן טייל פון איר לעבן. דער דאָזיקער גאַנצער פּראָצעס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס, און אַפילו די פּסיכישע פונקציעס, וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן, זענען דירעקט אָפּהענגיק און געקירעוועט פון דעם נאַטירלעכן פּראָצעס. אַזוי אַרום איז אַ ריזיקער טייל פון דער פרויס גײַסטיקן לעבן דירעקט אָפּהענגיק און פאַרבונדן מיט איר נאַטור־לעבן, מיט אירע אַקטיווע ביאָלאָגיש־דערציִערישע אויפגאַבן. צווישן נאַטירלעך־ביאָלאָגישן און גײַסטיקן לעבן פון דער פרוי עקזיסטירט אַן אָרגאַנישער, דירעקטער, אינערלעכער פאַרבאַנד. פון דער צווייטער זײַט ווייסן מיר אָבער, אַז דאָס ביאָלאָגישע, דאָס נאַטור־לעבן פון מענטשן איז געבונדן מיטן מענטשלעכן באַוווסטזײַן דורך אינסטינקטן און געפילן; דעריבער איז קלאָר, אַז די געפילן זענען דער הערשנדער און דעציִדירנדיקער עלעמענט אינעם גײַסטיקן וועזן פון דער פרוי.

צווישן די געפילן, וועלכע גיבן דעם אייגנטלעכן קאָלאָריט דעם גײַסטיקן לעבן פון דער פרוי, פאַרנעמען אַ דעציִדירנדיק אָרט די הומאַניטאַרע, די אַלטרויִסטישע געפילן. דער דאָזיקער פאַקט האָט זײַן נאַטירלעכן, ביאָלאָגישן גרונט. דער געשלעכט־אינסטינקט אין זײַן ביאָלאָגישער נאַטור איז אַלטרויִסטיש, אין זײַן וועזן ליגט דאָס ברענגען זיך פערזענלעך אַ קרבן פאַרן דערהאַלטן דעם מין. די דאָזיקע אָפּפערוויליקייט דריקט זיך קודם־כּל אויס אין דער אָרגאַנישער אָפּנוצונג אין רעזולטאַט פון דער געבורט־פונקציע. זי איז באַקאַנט נישט בלויז אינעם לעבן פון מענטשן, אויך בײַ די מער אַנטוויקלטע זויג־חיות (מאַלפּעס) זענען פאַראַן פאַלן פון ברענגען אַ קרבן דאָס אייגענע לעבן, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון די קינדער. דער געשלעכט־אינסטינקט איז אין אַ געוויסער מאָס קעגנזעצלעך צום זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט. דער לעצטער איז אין תּוך עגאָיִסטיש און שטעלט

אויפן ערשטן אָרט דאָס זיכערן דאָס אייגענע לעבן; דער געשלעכט-אינסטינקט שטעלט העכער דאָס לעבן און זיכער-קייט פון די קינדער, אַפילו פאַרן פרײַז פון אייגענעם לעבן. אָבער דער געשלעכט-אינסטינקט אין זײַן אַקטיווער, שע-פערישער פאָרם — איז אין גאַנצן קאָנצענטרירט בײַם פרויען-געשלעכט. דערפון איז קלאָר, אַז אויך דער דאָזיקער פסיכי-כישער אויסדרוק פון געשלעכט-אינסטינקט — די אַלטרויִסטי-שע געפילן — זענען קאָנצענטרירט בײַ דער פרוי. זיי זענען בײַ איר נישט בלויז אַ געווינס פון דער מענטשלעכער קול-טור, נאָר אין אַ נאָך גרעסערער מאָס נאַטירלעך באַגרינ-דעט אינעם גײַסטיקן וועזן פון דער פרוי.

אַ ווײַטערדיקער כאַראַקטער-שטריך פון דער פרויס גײַס-טיקן וועזן איז די אינטויִציע. זייער פיל מיינען, אַז די אינטויִציע איז עפּעס אַ געהיימנישפולע, כמעט איבערנאַטיר-לעכע אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער נשמה. מיט אַ ספּע-ציעלן גלאַנץ פון איבערנאַטירלעכקייט האָט די אינטויִציע אַרומגענומען דער באַרימטער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן. אין דער אמתן איז אָבער אין דער אינטויִציע נישטאָ קיין שום איבערנאַטירלעכעס. דאָ איז נישט דאָס אָרט ברייטער זיך אָפּ-צושטעלן אויף דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער פראַגע. איך וועל נאָר קורץ די זאַך פאָרמולירן: אינטויִציע שפּילט אינעם געפיל-לעבן די זעלבע ראָל, וואָס די אַסאָציאַציע פון פאָרשטעלונגען בײַם פאַרשטאַנד. פאַרשטיין באַדײַט נישט בלויז לאָגיש דענקען, נאָר אויך ריכטיק, אַנטשפּרעכנד צו די רעאַלע לעבנס-באַציִונגען, אַסאָציִירן די פאָרשטעלונגען (פון דער אויסערלעכער וועלט און פון די לעבנס-באַציִונגען). לאָגיק און רעאַלע אַסאָציאַציע בילדן צוזאַמען דעם פאַרשטאַנד. אַנאַ-לאָגיש צו דער אַסאָציאַציע בײַם פאַרשטאַנד — פאַרנעמט איר אָרט די אינטויִציע בײַ די געפילן. פאַרשטיין — הייסט פאַ-רויסזען די ווירקלעכקייט. אינטויִציע — הייסט פאָרויספילן די ווירקלעכקייט. און פונקט אַזוי ווי פאַרשטיין הייסט ריכטיק, אַנטשפּרעכנד דעם רעאַלן לעבן, אַסאָציִירן די פאָרשטעלונגען אין אַ רעאַל לעבנסבילד, אַנטשפּרעכנד די רעאַלע פאַרהעלטע-נישן, אַזוי איז אויך די ראָל פון דער אינטויִציע: זי פילט

אויס לעבנס-סיטואַציעס, דיווירקלעכקייט, ריכטיקע — אַנט-שפּרעכנד צו די רעאַלע לעבנס-באַדינגונגען און באַציִונגען, — פאַרבינדונג פון די געפילן. אַלזאָ: אינטויִציע — דאָס איז רעאַלע אַסאָציאַציע פון די געפילן, אַזוי ווי די געפילן זענען דער גרונט-עלעמענט פון דער פרויען-מענטאַליטעט, דעריבער איז קלאָר, אַז די איטויִציע פאַרטרעט אין אַ גרויסער מאָס ביי פרויען דעם לאָגישן פאַרשטאַנד, און פון דאַנען נעמט זיך די אַזוי באַרימטע פרויען-אינטויִציע. אַל-זאָ: די פרוי איז אין אַלגעמיין אַ געפילמעסיק-אינטויִטיווער מענטשנטיפּ.

כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן, איז נייטיק אויף דעם אָרט אַרומצורעדן, — כאָטש קורץ, — די פראַגע וועגן די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן פון פרויען. דאָס אויבן געזאָגטע באַדייט נישט, ווי טייל מיינען, אַז די פרויען שטייען אינטע-לעקטועל נידעריקער, ווי די מענער. ווען פרויען נעמען זיך צו אינטעלעקטועלער אַרבעט, ווייזן זיי אַרויס נישט ווייניקער פעיִקייט, ווי די מענער. זיי זענען נישט קיין ערגערע באַאַמטע, ביוראָ-פירער, לערער, מעדיקער, אַדוואָקאַטן, ווי די מענער. וואָס אונטערשיידט זיי אָבער פון די מענער, איז דאָס, וואָס זייער פערזענלעכקייט-געפיל פאַרבינדט זיך נישט ביי זיי מיט דער אינטעלעקטועלער טעטיקייט, נאָר מיטן געפיל-לעבן. זיי זענען פעיִק צו אינטעלעקטועלער אַרבעט, אָבער זייערע פער-זענלעכע אַמביציעס אַנטוויקלען זיך אין אַן אַנדער ריכטונג — אין דער ריכטונג פון געפיל-לעבן. אַלזאָ: אינטעלעקטועל זע-נען די פרויען צו גלייך מיט די מענער פּאָטענציעל פעיִק, אָבער די נאַטירלעכע און ספּעציעל די סאָציאַלע באַדינגונגען באַ-גינסטיקן נישט ביי זיי די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג. די אויפגאַבע פון דער מאָדערנער, סאָציאַליסטישער דערציִונג, ווי בכלל פון יעדער קולטור-היסטאָרישער שעפערישקייט, — איז אויסצוגלייכן די נאַטירלעכע אומגלייכקייטן. און דעריבער איז אונדזער אויפגאַבע צו גלייך: הייבן די אינטעלעקטועלע פאַראינטערעסירונג ביי די פרויען (און דאַן וועט אויטאָמאַ-טיש קומען דער וווּקס פון זייערע אינטעלעקטועלע פעיִקייטן) און דאָס געפיל-לעבן — ביי די מענער.

גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך פאַר די זאַך ביי מענער. די
מענלעכע געשלעכטלעכע ראָל און פונקציע איז אַ פּאַסיווע און
אַ באַדייטנד קלענערע. זי איז נאָר אַ מאָמענטאַלע און דערי-
בער אַבסאָרבירט זי נאָר פאַראיבערגייענד, אויף אַ ווײַלע,
דעם מענלעכן אָרגאַניזם און פסיכיק. דער ריזיקער סכום אָר-
גאַנישע און פסיכישע ענערגיע, וועלכע ס'פאַרשלינגט ביי דער
פרוי איר געשלעכטלעכע ראָל און פונקציע, זענען ביים מאַן
פריי און ווערן פאַרווענדעט אויף קינסטלעכע, מאַטעריעל-שע-
פערישע טעטיקייט. ער אַרבעט איבער די אויסערלעכע, טויטע,
וואָג- און מאָס-קערפּער פון דער נאַטור אויף געפאָרמטע, צוועק-
מעסיקע פּראָדוקטן פון מענטשלעכן געברויך. אָבער כדי צו
דערפילן די דאָזיקע שעפעריש-אומוואַנדלעכע אַרבעט לגבי דער
אַרומיקער נאַטור, קאָן מען זיך נישט באַנוצן נישט מיט גע-
פילן און נישט מיט אינטויִציע, נאָר מיט גאַנץ אַנדערע מיט-
לען. כדי צו אַרבעטן און שאַפן מאַטעריעלע גיטער, מוז מען
די אויסערלעכע נאַטור פאָרמירן, וועגן און מעסטן, פונאַנדער-
טיילן און אויף ס'ניי קינסטלעך באַהעפטן אד"גל. דערצו דינט
נישט דאָס געפיל, נאָר דער פ א ר ש ט אַ נ ד, נישט די אינטויִציע —
נאָר די ל אָ ג י ק. נישט די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל — נאָר
די מאַטעמאַטישע און נאַטור-קענטעניש. דער מאַן שטעלט דע-
ריבער פאָר אַ א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל - אַ נ אַ ל י ט י ש ן מ ע נ ט ש נ-
ט י פּ.

אויב די מענער האָבן דעם גרעסטן חלק אין דער מאַ-
טעריעל-וויסנשאַפטלעכער קולטור, האָבן די פרויען דעם גרעסטן
חלק אינעם שאַפן די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל; אויב די מע-
נער האָבן אַ גרעסערן חלק אינעם שאַפן די מיטלען, ה אָ ב ן
די פרויען אַ גרעסערן חלק אינעם פאָרמירן די י ס ו ד ו ת פון
דער געזעלשאַפטלעכער עקזיסטענץ, די טראַדיציעס, לעבנ-
שטייגער, די זיטן, די מאָראַל אד"גל.*) אויב מיר ווילן אַלזאָ
באַראַקטעריזירן דאָס גײַסטיקע וועזן פון די מענטשן; אויב

*) דערפון נעמט זיך דער באַקאַנטער קאָנסערוואַטיזם ביי פרויען,
וועלכער איז אין פיל לענדער געווען די סיבה, פאַר וואָס געוויסע דעמאָקראַ-
טישע ריכטונגען האָבן מיט אימווילן זיך באַצויגן צום באַשטימען וואַלרעכט
פאַר פרויען.

מיר ווילן אויסגעפינען די קאָנקרעטע אַנטוויקלונג-ליניע פון פערזענלעכקייט-געפיל בײַם אײנצלנעם מענטשן, — דאַן איז נאָך ווייניק פעסטצושטעלן זײַן געזעלשאַפטלעכע קלאַסן-אָנגעהעריקייט, די מאַטעריעלע און פאַמיליע-באַדינגונגען, בײַ וועלכע ער האָט זיך דערצויגן, אין וואָס פאַר אַ סביבה ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אאז"וו; כּדי עמעצן אין גאַנצן צו כאַראַקטעריזירן, מוזן מיר נאָך נעמען אין אַכט זײַן געשלעכט, ווײַל די געשלעכטלעכע פסיכיק איז אַ מיטווירקנדער פאַקטאָר בײַם ענדגילטיקן אויספאָרמירן זיך פון מענטשנס כאַראַקטער און שאַפט געוויסע ניואַנסן איגערהאַלב דער קלאַסן-פסיכיק. אָבער נאָר ניואַנסן, ווײַל דער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער מענטאַליטעט איז דער לעצטער, דעצידירנדיקער פאַקטאָר פון דער כאַראַקטער-אויסבילדונג. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די פּראָלעטאַרישע מענטאַליטעט איז אַ געפילמעסיק-אַקטיוויסטישע און זי איז געריכטעט אויף קאָנקרעטע, קעגנווערטיקע איבערלעבונגען און האַנדלונגען; אויך די פרויען-פסיכיק איז אַ געפילמעסיקע, מיט דעם אונטערשיד, וואָס זי איז נישט קיין אַקטיוויסטישע, אימפּולסיווע, נאָר פאַרקערט — אַ פּאַסיווע; זי איז געריכטעט נישט אויף אויסערלעכן אויסלעבן זיך אין האַנדלונגען, נאָר אויף אינערלעכע, סוביעקטיווע איבערלעבונגען, אין הסכם מיט דער גאַנצער נאַטור איר, וועלכע איז געריכטעט אויף אינעווייניק, אויף דער דעצידירנדיקער פאַר איר לעבן אינערלעכער ביאָלאָגישער שעפערישקייט. ס'איז אויך נישט אָן באַדײַטונג דער פאַקט, וואָס די סאָציאַלע לאַגע פון דער פרוי איז אין אַ גרויסער מאָס ענלעך צו דער סאָציאַלער לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט, ווײַל אויך די פרויען זענען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג נאָך שטאַרק אַנטרעכטעט און מינדערווערטיק. דערפון קאָגען מיר מאַכן דעם אויספיר, אַז בײַ פּראָלעטאַרישע פרויען קומט גאָר שטאַרק צום אויסדרוק די געפילמעסיקייט פון כאַראַקטער; די פּראָלעטאַרישע געפילמעסיקייט געפּאָרט מיט פּאַסיווער געפילמעסיקייט פון פרויען — דערגייט ביי איר גאַנץ אָפט אַזש ביז נידערגעשלאָגנקייט. אַקעגן, פרויען פון דער בירגערלעכער ספערע ווײַזן אַרויס די אונטערנעמערישקייט און

דעם קאַפּיטאַליסטישן עגאָיזם פון בירגערטום בכלל, אָבער גלייכצייטיק האָבן אויף זיי אַ גרעסערע ווירקונג די הומאַני־טאַרע געפילן, און גאַנץ אָפט טרעפט מען צווישן זיי דעם באַקאַנטן טיפ „באַרמהערציקע דאַמען", וועגן וועלכע מען מוז זאָגן איין גוט וואָרט: כאָטש זייער אַרבעט איז סאָציאַל געגוג ווערטלאָז, טוען אָבער פיל פון זיי זייער אַרבעט אויפריכ־טיק, אין גוטן גלויבן. די בירגערלעכע מענער ווידער, שאַפן מערסטנטיילס דעם באַקאַנטן טיפ האַרצלאָזע עקספּלואַ־טאַטאָרן און געפיללאָזע מענטשן. דער פּראָלעטאַרישער מאַן, אַקעגן, איז באַקאַנט מיט זיין יושר־געפיל, געפילמעסיקייט אין האַנדלען, אָבער גלייכצייטיק איז ער אונטערנעמעריש, אַקטי־וויסטיש געשטימט, דעצידירט צו האַנדלען אונטערן אימפּולס פון געפילן, פון מאָמענטאַלע איבערלעבונגען. פאַראַן, פאַר־שטייט זיך, פיל אויסנאַמען, און אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען טרעפט מען אָפט אַן קעגנזעצלעכע טיפּן (אַן אָרימע פרוי, אַן „אשת־חיל", אַן אונטערנעמערישע; מענער — זייער פּאַסיוו ביים רעאַגירן אד"גל), אָבער נאָרמאַל טרעפן זיך אָמאָפטסטן די אויבן באַשריבענע טיפּן אין לעבן. די דאָזיקע טיפּן־סכעמעס זענען אויף אַזוי פיל נוצלעך, ווייל זיי גיבן אַ מעגלעכקייט זיך לייכטער צו אָריענטירן אינעם לאַבירינט פון לעבן און פאַר־שידענע מענטשנטיפּן.

* * *

נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך קלאָר געמאַכט דעם פּסי־כישן אינהאַלט פון געשלעכט־אינסטינקט און זיין ווירקונג אויפן גאַנצן גייסטיקן וועזן פון די באַזונדערע געשלעכטער, קאָנען מיר פאַרשטיין זיין ווירקונג אויף דעם זיך אַנטוויקלענדיקן פּערזענלעכקייט־געפיל ביי יינגלעך און מיידלעך.

דאָס רייף ווערן און דאָס אַנטשטיין פון געשלעכט־אינ־סטינקט ביי יינגלעך רופט אַרויס ביי זיי די באַדערפעניש פון מאָמענטאַלער געשלעכטלעכער באַפרידיקונג. אינעם באַוווסטזיין פון יינגל שטעלט זיך פאָר די געשלעכטלעכע באַפרידיקונג, ווי איינע פון זיינע פיל נאַטירלעכע באַדערפענישן פון לעבן. זי אַב־סאָרבירט נישט דעם גאַנצן, אָדער לכל־הפחות — וויט גרעסטן טייל פון זיין פּסיכיק, — און לאָזט פריי די נשמה און די

אויפמערקזאַמקייט פאַר אַנדערע שטרעבונגען און ווירקונגען. דער געשלעכט-אינסטינקט בײַם ייִנגל קומט צום באַוווסטזײַן אַלס געשלעכט-ב אַ ג ע ר; ער איז נישט קיין לעבנסציל, נאָר אַ לעבנס-מיטל. אויב אָבער דירעקט האָט דער געשלעכט-באַגער בײַ ייִנגלעך נישט קיין גרויסע ווירקונג אויף דער גײַסטיקער געשטאַלטונג, האָט ער אָבער אומדירעקט יאָ אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייט-געפיל, ד"ה — אויף דער געשטאַלטונג פון כאַראַקטער. ווי מיר האָבן געזען, אַנטוויקלט זיך דאָס פערזענלעכקייט־געפיל אויפן באָדן פון טיפן גלויבן אין די אייגענע כוחות און לייסטונג־פעיִקייטן, און זײַן ציל איז צו דערווערבן מאַכט און אָנזען אין נאָמען פון די דאָזיקע העכערע פערזענלעכע ווערטן. אָבער אויך דער געשלעכט־אינסטינקט איז אַ טייל פון אַלגעמיינעם פּראָצעס פון אויפבליִונג און אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, און ער איז אַ טייל פון די אויפוואַקסנדיקע כוחות, וועלכע זענען גורם דאָס אַנט־שטיין פון פערזענלעכקייט־געפיל; דערצו נאָך באַזיצט די געשלעכט־לעכע ראָל פון מאַן די אויסערלעכע פאָרם פון באַהערשונג, פון קראַפט-אַרויסווײַזן. דעריבער איז דער געשלעכט-באַגער בײַ ייִנגלעך איינער פון די עלעמענטן בײַם רעאַליזירן זייער פער-זענלעכקייט-געפיל; אין אים זוכן די ייִנגלעך נישט בלויז נאַ-טירלעכע באַפרידיקונג, נאָך אויך אַ איבערצייגנדן באַווײַז פון אייגענער קראַפט, דערוואַקסנקייט, מענלעכקייט אד"גל — און אין נאָמען דערפון פאָדערן זיי רעכט אויף אָנזען און פולע גלײַכבאַרעכטיקונג מיט די עלטערע. אין דעם שטעקט אַ באַ-דײַטנדיקע געפאַר פאַר דער ווײַטערדיקער פערזענלעכער אַנט-וויקלונג פון די ייִנגלעך. אויפן דאָזיקן באָדן קען זיך טייל-מאָל קאָנצענטרירן דאָס ג אַ נ צ ע פערזענלעכקייט-געפיל, ד"ה — די גאַנצע פערזענלעכע אַמביציע אַרויסצוווײַזן העכערן פערזענלעכן ווערט. אין דער געשלעכטלעכער אַקטיווקייט קען דער יוגנטלעכער אָנהייבן זען דעם א י י נ צ י ק ן ק ו ו אַ ל פון זײַן העכערקייט-געפיל און שטרעבונג נאָך אָנזען. דאָס איז נוגע נישט בלויז דער געשלעכטלעכער באַפרידיקונג אין ריין פיזיאָלאָגישן, נאָר אויך אין געזעלשאַפטלעך-מאָראַלישן זין. די ריין-פיזיאָלאָגישע באַפרידיקונג קען פאַרטראַכטן ווערן דורך

אָנזעץ און אויטאָריטעט בײַ מײדלעך; װערן זײער באַגער־אָביעקט, װעמען זײ לױפן נאָך; פלירט, אימפּאָנירן זײ מיט דער אױסערלעכער שטעלונג, מיט קלײדונג אד״גל — בקיצור: באַהערשן זײ „גײַסטיק״. אָבער אַפילו דעמאָלט, װען דער געשלעכט־באַגער נעמט נישט אָן קײַן איבערגעטריבענע און שעדלעכע פאָרמען, בלײַבט ער אָבער אַלע מאָל אַלס אײנער פון די עלעמענטן פון פּערזענלעכקײט־געפיל בײַ ײנגלעך אין דעם זין, װאָס ער איז אײנער פון די קװאַלן פון גלױבן אין די אײגענע העכערע כּוחות און לײסטונג־פעיִקײט; דערמיט איז ער אַ שטױסקראַפט פאַר פאַרשטאַרקטער, אױסערלעכער אַקטיװקײט; ער פאַרגרעסערט דעם באַגער צו באַקומען אָנזעץ דורך באַהערשן װאָס מער מענטשן אַרום זיך, — צו הערשאַפט־עקספּאַנסיע. אין זײַן װײַטערדיקער אױסװירקונג פאַרשטאַרקט ער אין אַלגעמײן די שטרעבונג אַרױסצװװײַזן גבורה, העלדנ־טאַטן, דורכמאַכן „געפערלעכע״ אונטערנעמונגען אד״גל, מיט אײן װאָרט: ער שטױסט צו װאָס גרעסערער קראַפט־אױסערונג, אַקטיװקײט און באַהערשן אַ װאָס ברײטערן קרײַז אַרום זיך.

אַנדערש װירקט דער אױפװאַכנדער געשלעכט־אינסטינקט אױף דער אַנטװיקלונג פון פערזענלעכקײט־געפיל בײַ מײדלעך. אױב בײַ ײנגלעך אַנטשטײט דאָס פּערזענלעכקײט־געפיל אין רעזולטאַט פון באַװוסטזײַן פון די אײגענע איבער־דורכשניט־לעכע כּוחות, פון אױסערלעכער שעפערישקײט, פון באַרײַכערן דעם אַרום מיט ספּעציעלע לײַסטונגען און נײַעסן, — באַשטײט דאָס פּערזענלעכקײט־געפיל בײַ מײדלעך אינעם באַװוסטזײַן פון די גרױסע א י נ ע ר ל ע כ ע, נאַטירלעכע, שעפערישע כּוחות, װעלכע זי טראָגט א י ן ז י ך עפּעס װי אַ װוּנדער פון דער נאַטור און זי האָט דאָס גליק צו זײַן דער אױסגעװײלטער פון דער נאַטור, כּדי צו רעאַליזירן דורך איר דעם װ ו נ־ד ע ר. אױב דאָס ײנגל איז שטאָלץ מיט זײַנע פעיִקײטן צו גרױסער מ ע כ אַ נ י ש ע ר לײַסטונג, ליגט דער שטאָלץ פון מײדל אין איר װוּנדערלעכער אָרגאַנישער אײגנשאַפט צו שאַפן נײַע ל ע ב נ ס. דאָס ײנגל איז געננײגט א י ב ע ר צ ו ט ר ײַ ב ן זײַן גבורה און מעכאַנישע שעפערישקײט; דאָס מײדל װידער איז גענײגט א י ב ע ר צ ו ט ר ײַ ב ן אירע אינערלעכע װוּנדער־

לעכע אָרגאַנישע כּוחות און איז טיף איבערצײַגט (אין דעם ליגט איר טרוים, דער קערן פון איר פּערזענלעכקייט־געפיל), אַז דווקא זי, אַלס אויסנאַם פון אַלעמען אַרום, וועט אַרויסגעבן פון זיך די געראָטנסטע, פעיִקסטע און שענסטע נײַע לעבנס. דערבײַ איז נאַטירלעך דער גלויבן אין די ירושה־אייגנשאַפטן, ד"ה די געראָטנקייט פון אירע קינדער שרײַבט זי צו אירע אויסערגעוויינלעכע אינערלעכע לעבנס־כּוחות און ווערטן. *)

אַלזאָ: דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל בײַם יִנגל איז געריכטעט אויפן דרויסן און שטרעבט זיך צו רעאַליזירן דורך אויסערלעכער, מאַטעריעלער אָדער גײַסטיקער שעפערישקייט. דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל בײַם מיידל איז געריכטעט אויף די אינערלעכע לעבנס־כּוחות, אויף דער אינערלעכער וווּנדערלעכער שעפערישקייט. דאָס יִנגלערישע פּערזענלעכקייט־געפיל דריקט זיך אויס אין אויסערלעכער אַקטיווקייט; דאָס מיידלישע — איז געריכטעט אויף אינעווייניק, און דעריבער איז עס אויסערלעך פּאַסיוו און רעאַליזירט זיך דורך אינערלעכע, סוביעקטיווע איבערלעבונגען. די אויסערלעכע אַקטיוויטעט בײַ יִנגלעך באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פון די אינטעלעקטועל־טעכנישע פעיִקייטן; דער פּאַסיווער סוביעקטיוויזם בײַ מיידלעך באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג פון געפיל־לעבן און אינטויִציע.

די אַנטוויקלונג פון מיידלישן פּערזענלעכקייט־געפיל,

---

*) דערבײַ ווערט, אגב, אויך קלאָר, אַז די שטרעבונג צו אויסערלעכער שיינקייט און שיינקייטשטאָלץ בײַ מיידלעך האָט אַ טיפערן ביאָלאָגישן זין. עס איז אין גרונט אַ שטרעבונג, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער נאַטור פון דער פרוי. אין דער אייגענער שיינקייט און קערפּערלעכער געראָטנקייט זעט זי אַ גאַראַנטיע פון דער שיינקייט און געראָטנקייט פונעם דור, וועלכן זי וועט אַרויסגעבן. דאָס איז אַ וויכטיקער מאָטיוו דערפאַר, אַז די שיינקייט־שטרעבונג בײַ פרויען דאַרפן מיר נישט באַטראַכטן ווי עפּעס פאַר זיך אַ פּוסטע נאַרישקייט. מען דאַרף זיך נאָר היטן פון איבערטרײַבונגען, וועלכע דערפירן די פרויען אָפטמאָל צו לעכערלעכקייטן. אָבער דערין זענען זיי ווייניקער שולדיק, ווי די דערציער און די געזעלשאַפטלעכע סביבה און באַדינגונגען, בײַ וועלכע זיי לעבן.

װעלכער אין גערײַכטעט אויף סוביעקטיװע, אינערלעכע איבער־לעבונגען און שמידט צו די אײַפּמערקזאַמקײט צו די אינער־לעכע לעבנס־פּראָצעסן, — רופט אַרויס בײַם מײדל אַ געװיסע אָפּזונדערונג פון דער אַרומיקער װעלט. די דאָזיקע אײנזײַטי־קײט דריקט זיך אויס אין אַ געפיל פון אײנזאַמקײט. אַט דאָס אײנזאַמקײט־געפיל, געבונדן מיט אַ געװיסער מורא אין באַצוג צו די געהײמנישפולע פּראָצעסן, װאָס קומען אין איר פאָר, רופן אַרויס די שטרעבונג צו קעגנזעצלעכער קאָמפּענ־סאַציע (פאַרגיטיקונג). דאָס אײנזאַמקײט־געפיל (אַלס נעגאַטיװ געפיל) רופט אַרויס די שטרעבונג עס בײַצוקומען דורך אויס־לעבן זיך אין דער געזעלשאַפט. דערפון װערט פאַרשטענדלעך אַ געװיסע װידערשפּרעכלעכקײט אין דער האַלטונג פון ייִנגע מײדלעך: פון אײן זײַט זענען זײ פאַרשלאָסן אין זיך, און פון דער צװײטער זײַט זוכן זײ אויסצולעבן זיך אין געזעל־שאַפט. די דאָזיקע צװײ בלומרשט קעגנזעצלעכע אײגנשאַפטן זענען אָבער אינערלעך קאָנסעקװענט געבונדן אויפן באָדן פון פערזענלעכקײט־געפיל. די דאָזיקע שטרעבונג צו געזעלשאַפט־לעכקײט האָט אויך אַ געװיסן נאַטירלעכן יסוד. דער פרוי פאַלט צו די נאַטירלעכע ראָל צו דערציִען דעם ייִנגן דור. די דערציִונג פאָדערט די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, אָן װעלכער דאָס קינד קאָן נישט לעבן און זיך אויסהאָדעװען. דעריבער איז די באַדערפעניש פון אַ געזעלשאַפט און דאָס אויסלעבן זיך אין איר, אַזוי צו זאָגן, נאַטירלעך פאַרבונדן, פאַראַנקערט אין דער פרויען־פּסיכיק און קומט שטאַרק צום אויסדרוק אין דעם מײדלשן פערזענלעכקײט־געפיל. אַקעגן, בײַ ייִנגלעך, אינעם פעריאָד פון אַנטװיקלונג פון פערזענלעכקײט־געפיל, איז צו באַמערקן אַ שטאַרק אונטערגעשטראָכענעם אינ־דיװידואַליזם. זײער פערזענלעכקײט־געפיל זוכט זיך אויסצו־לעבן אין אַקטיװקײט, אין שעפערישקײט, אינעם אויסטײלן זיך פון אַרום; דעריבער קומט בײַ זײ צום אויסדרוק גיכער דער פאַרלאַנג אונטערצושטרײַכן דאָס, װאָס טײלט זײ אויס, שטעלט זײ העכער פון אַרום, אַרויסװײַזן דעם אינדיװידועלן אונטערשיד און העכערן װערט. דער דאָזיקער פאַקט איז באַ־קאַנט פון לעבן. ס'איז באַװוסט פון דער פּראַקטיק פון די

יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, אַז מיידלעך ווײַזן אַרויס אַ גרעסערע צו-געבונדנקייט צו די אָרגאַניזאַציעס און אַ גרעסערן אינטערעס פאַרן קאָלעקטיוון אָרגאַניזאַציע-לעבן, ווי די ייִנגלעך. אויך דער פּראָצענט מיידלעך, וואָס זענען אין די אָרגאַניזאַציעס, איז אַ סך אַ גרעסערער, ווי פון ייִנגלעך. ספּעציעל גרויס איז ער אין די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך ווייניקער מיט פּאָליטישער טעטיקייט, נאָר הויפּטזעכלעך מיט אַן אינער-לעך-קאָלעקטיוו לעבן (סקויטישע און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס).

דער גרויסער אונטערשיד אין דער גײַסטיקער אַנטוויק-לונג און אין די גײַסטיקע פּאַראינטערעסירונגען פון ייִנגלעך און מיידלעך איז די סיבה פון אַ גרויסן טייל א"ג „סעקסועלע פּראָבלעמען" און שוועריקייטן בײַ דער יוגנט-דערציִונג. אַחוץ די פיזיאָלאָגיש-ביאָלאָגישע פּראָבלעמען ווי אויך די, וואָס זע-נען אַ רעזולטאַט פון דער הײַנטיקער אָרדענונג, פון שווערע מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען, פון שלעכטער דערציִונג אד"גל, – זענען נאָך פאַראַן אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען, וועל-כע זענען אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשידנאַרטיקער, און טייל-ווײַז קעגנזעצלעכער, אינערלעכער גײַסטיקער עוואָלוציע, וועל-כע ס'מאַכן אַדורך ייִנגלעך און מיידלעך אין רעזולטאַט פון די פאַרשידענע ווירקונגען פון דער געשלעכטלעכער ראָל און אינסטינקט – אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און כאַראַק-טער-געשטאַלטונג. די דאָזיקע אויסווירקונגען רופן אַרויס פאַר-שידענע באַגריפן, נייגונגען, פאַרשידענע אופנים פון אויפפאַסן און רעאַגירן אויף לעבנס-דערשײַנונגען, – און דאָס איז גורם אין די קעגנזײַטיקע באַציִונגען אַ גאַנצע ריי מיספאַרשטענדע-נישן, קאָנפליקטן, קעגנזאַצן אד"גל. די ריזיקע בעלעטריסטישע ליטעראַטור אויף ליבע-טעמעס באַזירט זיך טאַקע אויפן דאָ-זיקן אונטערשיד אין דער גײַסטיקער געשטאַלטונג פון די גע-שלעכטער, וועלכער איז דער קוואַל פון די ליבע-טראַגעדיעס און אַנדערע אויסערגעוויינלעכע פאַסירונגען.

די פּראַקטישע פראַגן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער יוגנט-דערציִונג, די פראַגע וועגן „לייזן" דעם סעקסועלן פּראָ-בלעם בײַ דער יוגנט אין גײַסט פון סאָציאַליסטישער דערציִונג, וועלן מיר אַרומרעדן אין די קאַפּיטלעך, וועלכע זענען געוויד-

מעט די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג. דאָ ווילן מיר נאָר אונטערשטרײַכן: אײנע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג איז אויסגלײַכן די נאַטירלעכע אומגלײַכקײטן; אַרויסרײַסן די מײדלעך פון די באַגרענעצנדע ראַמען, וואָס עס וואַרפט זײ אָן זײער נאַטירלעכע געשלעכטלעכע ראָל; הײבן בײַ די ייִנגלעך די באַדערפעניש פון ערנסטער, אינערלעכער צוגרײטונג, כּדי צו קאָנען זײַן שעפעריש נישט בלויז דורך סוביעקטיווער באַפרידיקונג פון פערזענלעכקײט-געפיל, נאָר זײ זאָלן אויך ווערן פעיִק צו אָביעקטיווע נוצלעכע לײַסטונגען. קורץ: מיר דאַרפן אַקטיוויזירן די מײדלעך; הײבן און באַרײַכערן דאָס אינערלעכע לעבן פון די ייִנגלעך.

קאַפּיטל 6

דער כאַראַקטער

מיר האָבן ביז איצט געפּרוּווט אויפצודעקן די קוואַלן און די פּסיכאָלאָגישע אָפּשטאַמונג פון די פאַרשידענע עלעמענטן, וועלכע בילדן די בוישטיינער פון מענטשלעכן כאַראַקטער. מיר האָבן געזען, אַז די דאָזיקע עלעמענטן טראָגן אַ בולטן קלאַסן־כאַראַקטער און זיי זענען באַשטימט דורך דער קלאַסן־לאַגע פון די מענטשן. מיר האָבן באַוויזן, אַז די קלאַסן־לאַגע פון בירגערלעכן קינד איז גורם די אַנטוויקלונג פון אַן עגאָיסטישער מאָראַל, וואָס איר העכסטער געזעץ איז: שטעלן די פּערזענלעכע צילן העכער פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אַקעגן, די קלאַסן־לאַגע פון די פּראָלעטאַרישע קינדער רופט בײַ זיי אַרויס אַ געזעלשאַפטלעכע מאָראַל, וועלכע איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון סאָלידאַרישקייט און אויטאָריטעט פון כלל איבערן יחיד. אַנטשפּרעכנד צו די פּערזענלעכע צילן און מאָראַל, הערשט בײַם בירגערטום דער לאָגיש־אַנאַליטישער אופן פון טראַכטן, אַקעגן, דער פּראָלעטאַריאַט טראַכט און האַנדלט אונטער דער ווירקונג פון קלאַסן־סאָלידאַרישע און געזעלשאַפטלעכע געפיל־קאָמפּלעקסן. אָבער די דאָזיקע עלעמענטן שעפּן נישט אויס אַלע גײַסטיקע קרעפטן פון מענטשן; אויך דאָס געשלעכט האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם מענטשנס גײַסטיקער אַנטוויקלונג: די מענלעכע געשלעכט־פּסיכיק ווירקט אויף דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַקטיווקייט, נייגונג צו אוניווערסאַלער איניציאַטיוו און שעפערישקייט, צו לאָגיש־אַנאַליטישן דענקען; די ווײַבלעכע געשלעכט־פּסיכיק איז גורם די

פאַרשטאַרקטע ווירקונג פון געפילן און סוביעקטיווע איבערלעבונגען אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און קאָנצענטרירט די אַנטוויקלונג פון פערזענלעכקייט-געפיל אַרום דעם אימאַנענטן (אינערלעכן) לעבן.

צי דאָס אַלץ טייטשט אויס פולשטענדיק דעם כאַראַקטער פון יעדן מענטשן? — ניין. דאָס זענען נאָר די הויפּט־עלעמענטן פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער; זיי שעפּן אָבער נישט אויס דאָס גאַנצע כאַראַקטער־בילד פון יעדן איינצלנעם מענטשן. און אָט פאַרוואָס:

די ק ע ג נ ז ײַ ט י ק ע ו ו י ר ק ו נ ג צווישן מענטשן און די ווירקונג פון געזעלשאַפטלעכער קולטור און לעבן־שטייגער אויף די יחידים, אָנגעהעריקע צו פאַרשידענע קלאַסן, איז זייער גרויס. זעלטן ווען (און אפשר — אין גאַנצן נישט) קאָן מען אָנטרעפן אַ מענטשן, וואָס האָט זיך דערצויגן אונטער דער א ו י ס ש ל י ס ל ע כ ע ר ווירקונג פון איין-איינציקער קלאַסן-סביבה. בײַ יעדן מענטשן קומען צום אויסדרוק — אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס — זײַטיקע ווירקונגען, און דאָס קאָמפּליצירט באַדײַטנד די כאַראַקטער־אַנטוויקלונג פון יעדן איינצלנעם מענטש. כאַראַקטער און אידעיִשע עלעמענטן פון איין קלאַס — ווירקן אויפן צווייטן (דערבײַ: אָפטער דער שטאַרקערער קלאַס אויפן שוואַכערן); דאָס זעלבע איז נוגע טראַדיציעס, איבערגעלעבטע קולטור־פאָרמען אד"גל. אחוץ דעם עקזיסטירט אומעטום אַ גאַנץ גרויסער — ערטערווײַז גאָר שטאַרקער — שיכט מענטשן, אַ"ג מ י ט ל ש י כ ט ן, וואָס בילדן געזעלשאַפטלעך און עקאָנאָמיש אַן איבערגאַנג־שיכט פון בירגערטום צום פּראָלעטאַריאַט, און אין זייער לעבן קאָנטאַקטירן צווישן זיך פּראָלעטאַרישע און בירגערלעכע גײַסטיקע עלעמענטן. בײַם דאָזיקן שיכט געפינט מען טאַקע די אַממערסטן קאָמפּליצירטע כאַראַקטער-טיפּן, וועלכע ס'איז שווער אַרונטערצוציִען אונטער באַשטימטע כאַראַקטער־סכעמעס. ספּעציעל גרויס — צוליב באַקאַנטע סיבות און אייגנאַרטיקע לעבנס־באַדינגונגען — איז דער דאָזיקער שיכט ב ײַ י ִ ד ן. קליינבירגערטום, מיטלשיכטן, דעקלאַסירטע און האַלב דעקלאַסירטע עלעמענטן בילדן אַ היפּשן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקע־

רונג. בײַ די דאָזיקע עלעמענטן קרײַצן זיך און ווירקן אויף זיך קעגנזײַטיק בירגערלעכע טראַדיציעס, פּראָלעטאַרישע לעבנס־באַדינגונגען אין רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אד"גל. צוליב דעם טאַקע קאָן מען אָנטרעפן אין דער ייִדי־שער געזעלשאַפט אפשר דעם גרעסטן מאָסשטאַב און די קאָמ־פּליצירטסטע בײַשפּילן פון מענטשלעכע כאַראַקטער־טיפּן. *)

אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס דאַרף מען די גאַנצע אַנאַליזע, ווי באַלד זי טײַטשט נישט אויס דעם פולן כאַראַקטער פון יעדן מענטשן? — דער ענטפער איז: מיט דער הילף פון דער דאָ־זיקער אַנאַליזע (ווי בכלל פון יעדער מין כאַראַקטער־אַנאַליזע) קאָן מען טאַקע נישט פאָרויסזען קיין איינצלנעם מענטשלעכן כאַראַקטער, אָבער מיט איר הילף קאָן מען זיך אָריענטירן און פאַרשטיין יעדן געגעבענעם כאַראַקטער: אינעם לאַבירינט פון קאָנקרעטע, טײלמאָל קעגנזעצלעכע כאַ־ראַקטער־אײגנשאַפטן פון אַ מענטשן, גיט זי אַ מעגלעכקייט זיך פונאַנדערצוקלײַבן, אָפּגעפינען די גרונטליניע און פעסטשטעלן די דעצידירנדיקע עלעמענטן פון כאַראַקטער, אָפּטײלן דאָס צו־פעליקע פון פּרינציפּיעלן און מאָסגעבנדן. די אַנאַליזע דינט נישט פאָרויסצוזען קיין כאַראַקטערן, זי דינט נאָר אַלס הילפס־מיטל צו פאַרשטיין די מענטשלעכע כאַראַק־טערן און די טרײַבקרעפטן פון זײערע האַנדלונגען.

גאַנץ אָפּט, בײַם אויבנאויפיקן באַטראַכטן אַ מענטשן, טרעפט מען קעגנזעצלעכע עלעמענטן אין זײַן כאַראַקטער, אָבער די טיפערע אַנאַליזע באַווײַזט, אַז מיט יעדן מענטשן קירעוועט אַן איינהייטלעכער לעבנסציל אָדער לעבנס־

---

*) אין גאַנצן אין אַ זײַט לאָז איך דאָס פּויערטום, וועלכעס שאַפט זיכער אַ באַזונדערן פּסיכאָלאָגישן מענטשנטיפּ. דאָס פּויערטום לעבט נישט בלויז אין געזעלשאַפטלעכער אָפּהענגיקייט, נאָר זײַן מאַטעריעל לעבן שטייט אויך אין דירעקטער אָפּהענגיקייט פון די נאַטור־כוחות. אויף זײַן פּסיכיק האָט אַ דירעקטע ווירקונג די נאַטור־אומגעבונג. מיט דעם שיידט עס זיך אונטער פון אַלע שטאָטישע עלעמענטן, אויף וועלכע אַלע כוחות ווירקן נאָר דורך דער געזעלשאַפטלעכער פּריזמע. די דירעקטע נאַטור־ווירקונג איז אַ דעצידירנדער פאַקטאָר פון דער פּויערשער פּסיכיק.

ליניע, וואָס איז דער לייטמאָטיוו פון אַלע זײַנע האַנדלונגען (אַדלער). דעם דאָזיקן לייטמאָטיוו, וועלכער קאָנצענטרירט אַרום זיך די גאַנצע פּערזענלעכקייט, קאָן מען אַרומנעמען און באַצייכענען מיט איין באַגריף, ווײַל ער מוז דאָך זײַן אײנערלעך אײנהייטלעך און אײנזײַטיק געריכטעט. פּראָפ׳ אַדלער האַלט, אַז דער דאָזיקער לייטמאָטיוו איז דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל. אין דער הינזיכט האַלטן מיר די אויפפאַסונג פון פּראָפ׳ אַדלער פאַר נישט ריכטיק. אמת, דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל פאַר דער געשטאַלטונג און אַנטוויקלונג פון קינד, אָבער איבערגעטריבן איז די באַהויפּטונג פון פּראָפ׳ אַדלער, אַז דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל בלײַבט שוין בײַם מענטשן אויפן גאַנצן לעבן, דורך אַלע זײַנע אָביעקטיווע און סוביעקטיווע אַנטוויקלונג-סטאַדיעס, די איינציקע באַוועגונג-קראַפט און לייטמאָטיוו פון זײַן טראַכטן און האַנדלען. דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל אַנטשטייט אין די קינדעריאָרן קודם-כל אין רעזולטאַט פון דער פאַקטישער, רעאַלער פיזישער און געזעלשאַפטלעכער מינדערווערטיקייט פון קינד; אין די שעדלעכע דערציִונג-באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג פאַרוואַנדלט זיך די דאָזיקע מינדערווערטיקייט אין אַ מינדערווערטיקייט-געפיל. אָבער אין פּעריאָד פון אויפבליִונג, פון רייף ווערן, פון פיזישן און גײַסטיקן אויפוואַקסן, פאַרשווינדט דאָך די רעאַלע מינדערווערטיקייט*): דאָס קינד הייבט אָן ווערן אַ מענטש, דעראָבערט פאַקטיש, רעאַל אַ גאַנצע ריי אָביעקטיווע, געזעלשאַפטלעך-נוצלעכע ווערטן, ער ווערט דעריבער אָביעקטיוו גלײַכווערטיק מיט די דערוואַקסענע. דערמיט פאַלט אָבער אָפּ די אָביעקטיווע סיבה, וועלכע האָט דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל געמאַכט אַלס לייטמאָטיוו אינעם קינדישן לעבן. מוז דאָך דער דאָזיקער אָביעקטיווער פּראָצעס, די דאָזיקע וועזנטלעכע ענדערונג געפינען איר אָפּשפּיגלונג אין געהעריקע ענדערונגען אין דער פּסיכיק און אין דער אַל-

---

*) מיטן אויסנאַם פון קראַנקע און קרענקלעכע קינדער.

געמיינער ג ײַ ס ט י ק ע ר אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג. דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל רופט צום אַרוס: „גיט מיר מאַכט און אָנזען, כדי פטור צו ווערן פון מײַן מינד'-געפיל, אַז נישט — וועל איך אײַך צעשטערן אײַער גאַנץ לעבן!" אָבער אין פעריאָד פון פיזישן און גײַסטיקן רײַף ווערן, שווימט אויף אין דער נשמה אַן אַנדער געפיל, אַ געפיל, וועלכעס רופט: „אָט איז געקומען אַ ס ו ף צו מײַן מינדערווערטיקייט, כ'קאָן שוין באַווײַזן דאָס זעלבע, וואָס איר דערוואַקסענע, און אפשר נאָך מער; אָט זעט מײַנע לייסטונגען, זעט מײַן גבורה; דעריבער — אָנערקענונג פאַר מיר אַלס פאַרדינטע באַלוינונג פאַר מײַנע גרויסע פעיִקייטן און לייסטונג-מעגלעכקייטן!" צו דער דאָזיקער אָביעקטיוו געענדערטער לאַגע קומט נאָך צו די ווירקונג פון דער — פסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעכער — ס ו ב י ע ק ט י וו ע ר א י ב ע ר ש אַ צ ו נ ג (יעדע זײַנע גײַסטיקע פעיִקייט שאַצט דער יוגנטלעכער אָפּ ווי אַ געניאַליטעט, יעדע נײַע לייסטונג-פעיִקייט — ווי אַן אויסעראָרדנטלעכע קראַפט). אַלזאָ: אינעם פעריאָד פון אויפבלי און פעיִק ווערן צו אָביעקטיוו נוצלעכע לייסטונגען, וועלכע ווערן נאָך סוביעקטיוו איבערגעשאַצט, ווען ס'קומט פאָר אַן אמתע א י נ ע ר ל ע כ ע ר ע וו אָ ל ו צ י ע, — מוז דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל, אַלס נ ע ג אַ ט י וו געפיל, אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר אַ צווייט געפיל, אַ פּ אָ ז י ט י וו ס, וועלכע זאָל שפּילן די ראָל פון אַ ה ע ל פ נ ד ן סוביעקטיוו אונטערשטיצנדן פאַקטאָר פאַר דער ווײַטערער פערזענלעכער אַנטוויקלונג. דאָס דאָזיקע צווייטע געפיל, וועלכע ווערט דער לייטמאָטיוו און טרײַבקראַפט פון אונטערוואַקסנדן יוגנטלעכן און ווערנדן מענטש — דאָס איז דאָס פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק יי ט-ג ע פ י ל. ווי געזאָגט — איז דאָס אַ סינטעז פון מינדערווערטיקייט-(בעסער געזאָגט: עגאָיִסטיש) געפיל און די סאָציאַלע געפילן. אויך דאָס פערזענלעכקייט-געפיל פאָדערט פאַר זיך מאַכט און אָנזען, אָבער נישט אין נאָמען פון ווילקיר און מיט דער הילף פון דעספּאָטיזם, נאָר אין נאָמען — און אין בעסטן ג ל ו י ב ן פון יוגנטלעכן — פון דער רעאַלער נוצלעכקייט זײַנער און שעפערישע מעגלעכקייטן לטובת דער געזעלשאַפט. דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל פאָדערט פאַר זיך פ ר ײַ ע ר מאַכט און אין

רעזולטאַט דערפון ווײַל עס דערגרייכן די פּאָלוועדטיקייט; דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל *בויט זיך* אויף דער פולווערטיקייט און אין *רעזולטאַט* דערפון — פאָדערט עס מאַכט און אָנזען.

אין דער ריכטיקייט פון אונדזער שטעלונג קאָן מען זיך אויך איבערצײַגן, באַטראַכטנדיק די פראַגע פון געזעלשאַפטלעכן, סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. וואָלט דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל געווען דער וויכטיקסטער לייטמאָטיוו פון מענטשלעכע האַנדלונגען, — וואָלט יעדער געזעלשאַפטלעכער פאָרשריט, יעדע היסטאָרישע אַנטוויקלונג, געוואָרן אוממעגלעך, די וועלט וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גײַסטיקן בית-עולם. דאָס מינדערווערטיקייט-געפיל איז דאָך אַ ריין נעגאַטיוו געפיל, עס שטעלט זיך דאָך נישט קיין שום פּאָזיטיוו שעפערישע אויפגאַבן, נאָר ריין סוביעקטיווע, נישט קימערנדיק זיך וועגן אָביעקטיוון און געזעלשאַפטלעכן ווערט פון זײַנע (אילוזאָרישע) דערגרייכונגען; עס האָט אַלע מאָל אויפן אויג נאָר דאָס געגעבענע, דאָס עקזיסטירנדע און וויל דאָס אויסנוצן אַלס פּאָזיציע פאַר אייגענער, סוביעקטיווער, אַמאָפּטסטן פיקטיווער מאַכט-דערגרייכונג. ווי אַזוי וואָלט אין אַזעלכע באַדינגונגען מעגלעך געווען אַן אָביעקטיוו געזעלשאַפטלעכער פאָרשריט? מיר ווייסן אָבער אפילו פון קעגנווערטיקן לעבן, נישט בלויז וועגן אָביעקטיוון פאָרשריט, נאָר אויך וועגן אויסערגעוויינלעכן העלדנמוט, וועגן העלדישן אָפּפערן זיך אין גאַנצן פאַרן ווויל און פרײַהייט פון דער מענטשהייט. דאָס וואָלט אוממעגלעך געווען, ווען דאָס סוביעקטיוויסטישע, אויף אילוזאָרישער באַפרידיקונג אײַנגעשטעלטע מינדערווערטיקייט-געפיל וואָלט געווען די דעצידירנדיקע טרײַבקראַפט פון מענטשלעכע האַנדלונגען.

דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל קאָן אין דער פּראַקטיק אָננעמען פאַרשידענע פאָרמען. אָפּהענגיק פון די פּראַקטישע איבערלעבונגען און דערציִונג-באַדינגונגען, אָפּהענגיק פון דער קלאַסן-צוגעהעריקייט פון געגעבענעם יחיד און אין אַ געוויסער מאָס אָפּהענגיק פון געשלעכט, — קאָן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל בײַ איינע זיך זייער דערנענטערן צו די ריינע סאָציאַלע גע-

פילן און געבן אונדז אַ העלדנמוטיקן, מענטשנליבנדן, אָפּפּערוויליקן טיפּ; עס קאָן אויך, פאַרקערט, זײַן אַזוי נאָענט צו די עגאָיִסטישע געפיל-עלעמענטן (און דאָס געשעט טאַקע בײַ די באַזיצנדע קלאַסן), אַז עס שאַפט אַן עגאָיִסטישן, ענגהאַרציקן, מענטשנפײַנטלעכן טיפּ; מיר טרעפן אויך אָן זייער אָפט געמישטע טיפּן, וועלכע גייען צו זייער אייגנהייטלעכן לעבנסציל אָדער רעאַליזירן זייער לעבנס-ליניע דורך זיגזאַגן, דורך פאַרשידענע, טיילמאָל קעגנזעצלעכע וועגן.

אין דער היינטיקער אָרדענונג, אין די הײַנטיקע לעבנס-באַדינגונגען — האָט דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל אַ שעדלעכע טענדענץ צו בלײַבן שטיין אויפן פּרימיטיוון באָדן; בלײַבן בײַ דעם, בײַ וואָס מען הייבט אָן; בויען די צוקונפט אויף די ערשטע כּוחות, וואָס אַנטשטייען אין דער אויפבליצײַט (הויפּט-זעכלעך: די פיזישע כּוחות, קערפּערלעכע לײַסטונג-פעיִקייט, אויסערלעכע שטעלונג אד"גל). דער דראַנג צו כּסדרדיקן באַרײַכערן זיך, פון מיפּולע צוגרייטונגען צום כּסדרדיקן וואַקסן — זענען אָדער אין גאַנצן נישט, אָדער זייער שוואַך ווירקזאַם; דער יוגנטלעכער וויל שוין שנײַדן פּרוכטן, ער וויל פונעם מאָגערן גרונט-קאַפּיטאַל פון די יוגנט-יאָרן ציִען כּסדר זײַנע ריווחים. זעלטענער אַנטשטייט בײַ יוגנטלעכע זעלבשטענדיק דער דראַנג צו אַלץ העכער שטייגנדער זעלבסטאַנטוויקלונג. אין אַלגעמיין אָבער האָט דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל, בײַ די הײַנטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, אַ טענדענץ צו בלײַבן אויף דער ערשטער, פּרימיטיווער, פּערזענלעך באַגרענעצטער יוגנט-סטאַדיע.

כּדי צו פאַרברייטערן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל, כּדי צו געבן דעם יוגנטלעכן שווונג אין זײַנע שטרעבונגען, כּדי ער זאָל האָבן די אַמביציע צו באמת גרויסע זאַכן, — דערצו זענען נייטיק צילבאַוווסטע, פּאָזיטיווע אימפּולסן פון דרויסן, דערצו דאַרף מען אים העלפן. און דאָס איז די אויפגאַבע פון דער דערציִונג. ספּעציעל נייטיקט זיך דערין דער פּראָלעטאַרישער יוגנטלעכער.

מיר האָבן אויפמערקזאַם באַגלייט דאָס פּראָלעטאַרישע

קינד אויף די הויפּטעטאַפּן פון זײַן זעלבשטענדיקן לעבנסוועג. מיר זענען דערגאַנגען מיט אים ביז צום מאָמענט, ווען ער הייבט אָן ווערן אַ פֿאַרענדיקטער, זעלבשטענדיקער מענטש און זוכן זײַן פּערזענלעכן לעבנסוועג. שוין צײַט אים צו דערלאַנגען אַ ברידערלעכע האַנט און פירן אים מיט זיכערע טריט אויף אַ צילבאַוווּסטן וועג.

II ט ײ ל

פּראָבלעמען פֿון סאָציאַליסטישער מאַסן־דערציונג

קאַפּיטל 1

באַדייטונג און ראָל פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע*)

דער קלאַסן-אינסטינקט איז נישט קיין באַשטאַנדטייל פון העכערן באַוווסטזיין; ער איז נישט קיין רעזולטאַט פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און שכלדיקער אַנאַליזע פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן; ער קומט נישט אין רעזולטאַט פון אויפפאַסן דאָס אַלגעמיינע און מאַכן דערפון אויספירן לגבי דעם איינצלנעם, ד"ה — לגבי זיך אַליין. דער קלאַסן-אינסטינקט איז אַ געפילן-קאָמפּלעקס; ער שטאַמט נישט פון דורכטראַכטן דאָס אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע לעבן; זיין קוואַל ליגט אין די פּערזענלעכע, קאָנקרעטע איבערלעבונגען, אינעם לעבנס-שיקזאַל פונעם יחיד-פּראָלעטאַריער. אויב סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקע הילף און אַנדערע סאָציאַלע געפילן זענען באַשטאַנדטיילן פון קלאַסן-אינסטינקט,— איז עס נישט אין רעזולטאַט פון פליכטגעפיל לגבי דעם קלאַס אַלס גאַנצן, נאָר אין רעזולטאַט פון אויספילן די רעאַלע

---

*) באַהאַנדלענדיק די פּראָבלעמען פון דער אָרגאַניזאַציע, האָב איך אין אויג די סאָצ' יוגנט-אָרגאַניזאַציע, ווייל די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע מיט אירע פּראָבלעמען זענען מיר נעענטער באַקאַנט פון דער פּראַקטיק. איך פאַרנעם זיך דאָ נישט מיט די פּראָבלעמען פון דער סאָצ' קינדער-אָרגאַניזאַציע, ווייל איך קען נישט די דאָזיקע אַרבעט פון דער פּראַקטיק און איך וויל זיך נישט פאַרנעמען מיט טעאָרעטישע השערות, נישט קאָנענדיק קאָנטראָלירן זייער ריכטיקייט דורך דער פּראַקטיק.

פערזענלעכע אינטערעסן. די סאָלידאַרע קלאַסן-האַנדלונגען ברענגען טאַקע נוצן דעם גאַנצן קלאַס, אָבער אין דער ערשטער ריי ברענגט עס נוצן דעם איינצלנעם פּראָלעטאַריער, דעם יחיד, ווײַל אַליין איז ער שוואַך און אומבאַהאָלפן, און נאָר אין סאָלידאַרער צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע פּראָלעטאַריער קאָן ער זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן פאַרטיידיקן און זײַנע באַדערפעניש מיט דערפאָלג באַפרידיקן. דער קלאַסן-אינסטינקט האָט אַלזאָ אַ ריין פּערזענלעכן פאַרנעם; ער דינט אינעם לאַבירינט פון לעבן ווי אַ פּערזענלעכער וועגווײַזער פאַרן יחיד-פּראָלעטאַריער אויף אונטערצושיידן גוטס פון שלעכטס, שעדלעכס פון נוצלעכס. אַזוי ווי אָבער די פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט אַלס געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונג אַנטשפּרעכט די רעאַלע אינטערעסן פונעם יחיד-פּראָלעטאַריער, דעקט זיך גאָר אָפט דער קלאַסן-אינסטינקט פון פּראָלעטאַריער מיטן קלאַסן-אינטערעס פון פּראָלעטאַריאַט, — *זיי זענען אָבער פאָר קיין פאַל נישט אידענטיש.* דאָס לעבן גייט נישט מיט קיין גראָדער ליניע און איז נישט אַזוי איינפאַך; עס טרעפט אָפט אין לעבן, בײַ פאַרשידענע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, אַז אויפן פּראָלעטאַריער ווירקט זײַן געפיל-קאָמפּלעקס, זײַן קלאַסן-אינסטינקט *קעגן* אַלגעמיינעם קלאַסן-אינטערעס. אַזעלכע קאָנפליקטן, ווי שטרײַקברעכערײַ, ווידערווילן און אַפילו קאַמף קעגן די פּראָפּ' פאַראיינען, זענען גוט באַקאַנט פון דער פּראַקטיק. מיט איין וואָרט: דער קלאַסן-אינסטינקט, אַזוי ווי ער אַנטשטייט אויפן באָדן פון דער פּערזענלעכער לעבנס-פּראַקטיק, אין זײַן רויען, פּרימיטיוון צושטאַנד,—איז אַ פּערזענלעכער געפילן-קאָמפּלעקס, ער פונקציאָנירט אין די באַגרענעצטע ראַמען פון די קאָנקרעטע, פּערזענלעכע אינטערעסן, באַדערפענישן און איבערלעבונגען פון איינצלנעם פּראָלעטאַריער (זיי דעקן זיך אָבער גאָר אָפט מיטן קלאַסן-אינטערעס פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט).

מיר האָבן זיך אויך איבערגעצײַגט, אַז געפילן האָבן נישט קיין טענדענץ זיך זעלבשטענדיק צו פאַראַלגעמיינערן און צו אַנטוויקלען זיך אין דער ריכטונג פון *לאָגישער* קאָנסעקווענטקייט. *געפילן זענען קאָנקרעט* און זע-

נען געבונדן מיטן קאָנקרעטן, מיטן פּ ר ט. זיי קאָנען זײַן אַ גלײַכצײַטיקער ווערטער. פֿ ר ט. זיי קאָנען זײַן אַ גלײַ

גלענצנדער וועגווײַזער אין די קאָנקרעטע, פּערזענלעכע סיטואַציעס און מאָמענטאַלע איבערלעבונגען; זיי זענען אָבער נישט מסוגל צו זײַן אַ ק אָ נ ס ע ק ו ו ע נ ט ע ר אַלגעמיינער וועגווײַזער פֿאַר דער צוקונפֿט.

אָבער דאָס אַלגעמיינע, געזעלשאַפֿטלעכע לעבן — די ווירטשאַפֿט, דאָס פּאָליטישע לעבן, זייערע הילפֿסמיטלען — די וויסנשאַפֿט און די טעכניק, מיט איין וואָרט: דאָס גאַנצע ס אָ צ י אַ ל ע לעבן, — ווערט געקירעוועט נישט דורך געפֿילן, נאָר הויפּטזעכלעך דורכן פֿאַרשטאַנד און זײַנע אָרגאַנען — די ד ע ר פֿ אַ ר ו נ ג און די ל אָ ג י ק. די קונסט פֿון אינדיווידועלן לעבן איז — ריכטיק צו האַנדלען אין יעדן ג ע ג עב ע נ ע ם פֿאַל; די קונסט פֿון סאָציאַלן לעבן איז ריכטיק פֿ אָ ר ו י ס צ ו ז ע ן און צופּאַסן דאָס קעגנוואַרטיקע צו די צילן, וועלכע מען שטעלט זיך אויף דער צוקונפֿט. דאָס פּערזענלעכע לעבן ווערט הויפּטזאַכלעך געקירעוועט דורך ג עפֿ י ל ן, דאָס ס אָ צ י אַ ל ע לעבן — דורך א י ד ע ע ן.

געפֿילן און אידעען האָבן נישט די זעלבע אַנטוויקלונגטענדענצן און אַנטוויקלונג-געזעצן; זיי גייען זיך אָפֿט פֿונאַנדער און פֿירן אָפֿטמאָל צו אינערלעכע קאָנפֿליקטן, זיי קאָמפּליצירן די לעבן-סיטואַציעס, רופֿן אַרויס קעגנזאַצן. אויב מיר ווילן דערפֿירן צווישן זיי צו אַ האַרמאָניע, ד״ה — געבן דעם מענטשן אַן איינהייטלעכע לעבנס-ליניע, בײַ וועלכער ס'זאָל האַרמאָניזירן דאָס פּערזענלעכע מיטן אַלגעמיינעם, — דאַן מוזן מיר געבן די איבערהאַנט דער א י ד ע ע, וועלכע רעפּרעזענטירט דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע, די צוקונפֿט. עס האַנדלט זיך נישט וועגן אונטערדריקן די געפֿילן, נאָר וועגן אונטעראָרדנען זיי דער אידעע, און אויב ס'עקזיסטירט צווישן זיי אַ קעגנזאַץ — אויסגלײַכן אים דורך ה ײ ב ן ד י ג עפֿ י ל ן צ ו ד ע ר מ ד ר ג ה פֿ ו ן ד ע ר א י ד ע ע.

דער אויספֿיר פֿון דער דאָזיקער אַנאַליזע איז, אַז מען טאָר נישט צו פֿיל בויען אויפֿן פּראָלעטאַרישן קלאַסן-א י נס ט י נ ק ט. ער איז זייער נוצלעך אַלס הילפֿמיטל, אַלס באָדן, אויף וועלכן מען קאָן לײַכטער און זיכערער אויסבויען דעם

קלאַסן־באַוווּסטזײַן, ער קאָן אָבער דעם לעצטן קיין
מאָל נישט פאַרטרעטן. דער קלאַסן־אינסטינקט איז אָפטמאָל
אויך אַ גוטער פּרוּוושטיין, צי גייט מען אויפן ריכטיקן וועג,
ער קאָן אָבער קיין מאָל נישט זײַן דער איינציקער וועגווײַזער
אין אונדזער קאַמף. כּדי בײַם פּראָלעטאַריאַט זאָל אַנטשטיין
דער קלאַסן־באַוווּסטזײַן, מוז ער באַקומען אַן אידעאָלאָגיע,
ד"ה — אַ קאָנסעקווענטן קאָמפּלעקס אידעען, וועלכער דינט
אַלס וועגווײַזער אינעם אויפפאַסן געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונ-
גען און ווײַזט ווי אַזוי אויף זיי צו רעאַגירן פון שטאַנדפּונקט
פון ענדגילטיקן ציל. דער אויסגאַנגפּונקט פון דער אידעאָלאָגיע
קאָן זײַן דער קלאַסן־אינסטינקט, אָבער אויסקריסטאַליזירן קאָן
זי זיך דאַן, ווען מען רײַסט דורך די ראַמען פון דאָזיקן אינ-
סטינקט, ווען ער ווערט פאַראַלגעמיינערט און געשטעלט אונ-
טער דער העכערער פירונג פון אַ סאָציאַלער אידעע. אָבער
דאָס — ווי שוין פיל מאָל אונטערגעשטראָכן — קאָן נישט גע-
שען דורך דער זעלבסטאַנטוויקלונג פון קלאַסן־אינסטינקט. ווײַל
געפילן האָבן נישט קיין טענדענץ זיך אַליין צו אַבסטראַהירן
און פאַראַלגעמיינערן. דערצו איז נייטיק אַ ציל־באַוווּסטע
ווירקונג אויפן פּראָלעטאַריער פון דרויסן. אונטערן אײַנ-
פלוס פון צילבאַוווּסטער אידעיִשער ווירקונג קאָן זיך אָנהייבן
דער פּראָצעס פון פונאַנדערוויקלען, פאַראַלגעמיינערן די פּאָ-
טענציעלע אידעען, וועלכע ליגן פאַרבאָרגן אינעם קלאַסן־אינ-
סטינקט; דער פּראָלעטאַריער גייט דאַן אַרויס איבער זײַנע
פּערזענלעכע ראַמען — צו די אַלגעמיין פּראָלעטאַרישע קלאַסן-
אינטערעסן און סאָציאַלע צילן.

די דאָזיקע גרויסע סאָציאַלע ראָל — צו געבן דעם פּראָ-
לעטאַריאַט זײַן אידעאָלאָגיע און אים דערמיט הייבן צו אַ באַ-
וווּסטזיניקן סאָציאַל־היסטאָרישן פאַקטאָר, — דאָס איז די היסטאָ-
רישע אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און
דאָס איז איר העכערע, היסטאָרישע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.
די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — דאָס איז דער איינציקער פאַק-
טאָר, וועלכער איז מסוגל אײַנצוגלידערן אינעם פּראָלעטאַריאַט
די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע אידעע קאָן דער-

פאָלגרײַך באַהערשן דעם גײַסט פון פּראָלעטאַריער נאָר אין דער פאַרקערפּערונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן דער היסטאָרישער ראָל און אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, איז ווערט צו דערמאָנען דעם אַלטן פּרינציפּיעלן שטרײַט צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד — וועגן בוי און ראָל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די באָלשעוויקעס זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די פּאַרטיי דאַרף באַשטיין פון אַן ענגן קאַדער פירער; דער דאָזיקער פירער־קאַדער דאַרף אַליין דעצידירן וועגן דער פּאָליטיק און טאַקטיק פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און מיטרײַסן אים מיט זיך, ווען ס׳וועט זײַן נייטיק (לויטן אײַנזען פון די פירער). די מענשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף זײַן אַ מאַסן־פּאַרטיי, און דעצידירן וועגן איר פּאָליטיק דאַרף די מאַסע אַליין; די פירער דאַרפן נאָר רעפּרעזענטירן די מאַסע, זײַן איר צילבאַוווּסטער און קריסטאַליזירטער אויסדרוק. דער שטרײַט איז, בקיצור, באַשטאַנען אין דעם: ווער איז דער עיקר אינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם — די פירער, צי די מאַסע?

דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין גרויסע סאָציאַלע שלאַכטן קאָן נאָר זײַן דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט; ווי אַ גאַנצע האָרכזאַמע מאַסע, אַלס „חומר ביד היוצר“ (ליים אין די הענט פון שעפער), קאָן ער נישט אַרויסברענגען פון זיך די גרויסע שעפערישקייט, פון וועלכע ס׳זאָל קאָנען אַנטשטיין אַ נײַע וועלט־אָרדענונג. כדי אָבער דער דאָזיקער פּראָלעטאַריאַט זאָל זײַן בכוח צו רעאַליזירן אין לעבן זײַנע סאָציאַלע אידעען, איז נאָך ווייניק ער זאָל אַליין קאָנען דעצידירן וועגן זײַנע טאַטן און קאַמפן; זײַן באַוווּסטזײַן מוז אויך שטיין אויף דער הייך פון דער דאָזיקער אידעע, ער מוז ווערן די סאָציאַלע פאַרקערפּערונג פון דער אידעע. דער שטאַנדפּונקט פון די באָלשעוויקעס (וועלכן ס׳האָבן נאָכהער איבערגענומען די קאָמוניסטן), אַז ס׳איז גענוג, די פירער זאָלן שטיין אויף דער געהעריקער אידעיִשער הייך, און לגבי דער מאַסע איז אַ גענוגנדע גאַראַנטיע איר געזונטער קלאַסן־אינ־

סטינקט, וועלכער וועט שוין *אויספילן* די ריכטיקייט פון די געפּרעדיקטע דורך די פירער לאָזונגען, — דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז פאַלש, ווייל מיר האָבן זיך איבערגעצייגט, וואָס פאַר אַ נישט זיכערער וועגווייזער ס'איז דער בלויזער קלאַסן-אינסטינקט, וועלכער באַשטייט בלויז פון געפילן, אויף וועלכע מען קאָן קיין שום זיכערס נישט בויען*).

אָבער אויך די מענשעוויקעס האָבן נישט באַנומען דאָס פּראָבלעם אין דער גאַנצער טיף. אמת, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז זיין אַ מאַסן-פּאַרטיי, ווייל אויב זי זאָל זיין עפּעס אַנדערש, אויב דעם העראָיזם פון סאָציאַלן קאַמף זאָל נעמען אויף זיך נאָר אַן ענגער קרייז *פירער*, דאַן וואָלט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרטיי פון *סאָציאַלער פילאַנטראָפּיע*, — און דאָס איז הימלווייט פונעם אמתן זין פון דער סאָציאַליסטישער אידעע. אָבער כּדי די *מאַסן*-פּאַרטיי זאָל קאָנען דערפילן איר סאָציאַלע אויפגאַבע, מוז די מאַסע ווערן דערהויבן צו די *אידעאַליסטישע* הייכן פון סאָציאַליסטישן אידעאַל; דער דאָזיקער אידעאַל מוז דאַן עק-

*) כּדי אויסצומיידן מיספאַרשטייעניש, מוזן מיר דאַ אונטערשטרייכן, אַז מיטן באַגריף *קלאַסן-באַוווסטזיין* פאַרשטייען מיר נישט בלויז דעם *אינטעלעקטועלן* באַוווסטזיין, נאָר אַ גאַנצע סיסטעם פון גייס-טיקע (אינטעלעקטועלע, געפילמעסיקע, מאָראַלישע און אפילו עסטעטישע) ווערטן, וועלכע בילדן צוזאַמען דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון קלאַסן-באַוווסט-זיין. דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ פון אינטעלעקטועלן באַוווסטזיין, האָט אָבער נישט פאַרמאָגט אַלע אַנ-דערע עלעמענטן פון קלאַסן-באַוווסטזיין, וועלכער באַשטייט פון אַ האַרמאָ-נישן סינטעז פון *אַלע* גייסטיקע עלעמענטן, — און דעריבער האָט ער אַזוי רומלאָז פאַרשפּילט זיין היסטאָרישן קאַמף מיטן פאַשיזם. שוין פון לאַנג האָט מען זיך שטאַרק געקלאָגט אויף דער פאַרבירגערלעכונג פון דייטשן פּראָלע-טאַריאַט. די פּראָלעטאַרישע וועלט האָט געהאַט אַ טעות, צושרייבנדיק דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט אַ הויכן ניוואָ פון קלאַסן-באַוווסטזיין. נאָר זיין ביל-דונג-ניוואָ איז געווען אַ גאַנץ הויכער, אָבער דער ניוואָ פון אַלגעמיינעם קלאַסן-באַוווסטזיין איז געווען אַ גאַנץ פּרימיטיווער און אַ נידעריקער. פון וועלכע עלעמענטן עס באַשטייט דער קלאַסן-באַוווסטזיין, וועלן מיר ווייטער גענויער רעדן, אָבער איין זאַך מוז שוין אונטערגעשטראָכן ווערן: די סאָציאַלע דערקענטעניש איז נאָר *איין עלעמענט* פון קלאַסן-באַ-וווסטזיין.

זיסטירן אינעם באַוווּסטזײַן פון דער מאַסע נישט בלויז ווי אַן אויסדרוק פון מאַטעריעלע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר ווי אַ היס־טאָרישע אויפגאַבע, וועלכע די מאַסע דאַרף אויך אַלס אידע־אַליסטישן ציל פּאַרווירקלעכן. אָבער די דאָזיקע גײַסטיקע פאַר־וואַנדלונג קאָן נישט קומען אין רעזולטאַט בלויז פון אַן אי־נערלעכער גײַסטיקער עוואָלוציע פון דער מאַסע גופא, — צו דעם איז אומבאַדינגט נייטיק דער גײַסטיקער אימפּולס פון די פירער. כּדי די פירער זאָלן אָבער קאָנען די דאָזיקע היסטאָ־רישע אויפגאַבע זייערע דערפילן, מוזן זיי אַליין בילדן אַ פאַרויסשטויסנדע אילבאַוווּסטע סאָציאַלע שאַפונגסקראַפט. אַלזאָ: די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף זײַן אַ מאַסן־פּאַרטיי, אָבער זי קאָן אירע אויפגאַבן ערשט דאַן דערפילן, ווען די דאָזיקע אָרגאַניזירטע מאַסע האָט זיך דערהויבן צו די אידעאַליסטישע הויכקייטן פון קלאַסן־באַוווּסטזײַן; די דאָזיקע גײַסטיקע פאַר־וואַנדלונג פונעם פּראָלעטאַריאַט — דאָס דאַרף זײַן דאָס ווערק פון די פירער, און דאָס איז זייער היסטאָרישע אויפגאַבע אינער־האַלב דער גאַנצער באַוועגונג. ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט הײַנט געווען מיטן שפּאַנישן פאָלק און מיט זײַן פרײַהייטקאַמף, ווען זײַנע פירער וואָלטן נישט געשטאַנען אויף דער געהעריקער היסטאָרישער הייך! זיי האָבן מיט זייער העלדנמוטיקן בײַשפּיל אַרויסגערופן און אַקטיוויזירט די שעפערישע כּוחות פון די שפּאַנישע פאָלקסמאַסן; איינע פון די דעציִדירנדיקע שטויס־קרעפטן אין דאָזיקן העראָיִזם פון די מאַסן איז געווען דער העראָיִשער טאַט פונעם פירער פּריעטאָ, וועלכער האָט געכאַפּט די איינציק געבליבענע בײַ דער רעגירונג עטלעכע הונדערט ביקסן און אָרגאַניזירט דעם ערשטן ווידערשטאַנד; ער האָט געוויזן אַ בײַשפּיל פון אָפּפערווילִיקייט און העראָיִזם און דערמיט דערוועקט דעם וווּנדערבאַרן אידעאַליזם פון גאַנצן פאָלק. די פאָלקסמאַסן טראָגן אין זיך פּאָטענצן, פאַרבאָרגענע כּוחות; די אויפגאַבע פון פירער איז צו פאַרוואַנדלען די דאָ־זיקע כּוחות אין שעפערישער קראַפט. אין דער סאָציאַליסטי־שער מאַסן־פּאַרטיי דאַרף דער פירער ציִען נאָך זיך די מאַסע אַלץ העכער און העכער, אָבער אין טאַט — קאָן ער זי קיין מאָל נישט פאַרטרעטן. די קראַפט פון סאָציאַ־

ליזם ליגט אין דער מאַסנהאַפטיקייט פון דער באַוועגונג, — אינערהאַלב איר האָט דער פירער שעפערישע אויפגאַבן. אין דער דאָזיקער אויפפאַסונג פאַרשווינדט אָבער דער פרינציפּיע־לער אונטערשיד צווישן פירער און מאַסע. דער ציל איז, אַז די מאַסע זאָל דערגיין צו דער שטופע פון זעלבשטענדיקער שעפערישער פירונג; דער פירער ווידער דאַרף נישט שטיין איבער איר ווי פון אַ געטלעכער דיסטאַנץ, נאָר ער מוז שעפּן די יניקה פון זײַן שעפערישקייט אינעם גײַסט און אין די געפילן פון דער מאַסע.

עס אַנטשטייט אַזאַ פראַגע: צי אונדזער שטאַנדפונקט, אַז דער קלאַסן־באַוווסטזײַן קאָן ווערן אַרויסגערופן נאָר דורך ציל־באַוווסטער ווירקונג פון דרויסן און אַז ס׳זענען נישט פאַראַן קיין אָביעקטיווע פאַקטאָרן, וועלכע זאָלן גורם זײַן דאָס זעלב־שטענדיקע, אויטאָמאַטישע אַנטשטיין פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע אין די מוחות פון די אַרבעטער, — צי איז דער דאָזיקער שטאַנדפונקט נישט אין ווידערשפּרוך צו דער באַקאַנטער מאַרקסיסטישער טעזע, אַז דאָס „ז ײַ ן באַשטימט דעם באַוווסטזײַן״? — ניין, פאַר קיין פאַל נישט!

די טעזע — „דאָס זײַן באַשטימט דעם באַוווסטזײַן״ — פאַרשטייט מען געוויינלעך אַזוי: די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען, די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן אד״גל באַשטימען די אידעען, באַגריפן, מאָראַל, געזעצן אא״וו — מיט איין וואָרט — דאָס גײַסטיקע לעבן פון דער געגעבענער געזעלשאַפט. דאָס איז טאַקע ריכטיק. אַ בײַשפּיל פאַר דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער טעזע און פונעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, וועלכער איז מיט איר פאַרבונדן, האָבן מיר זיך טאַקע באַמיט צו באַווײַזן אין דאָזיקן ביכל, — נעמלעך: ווי אַזוי די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון פּראָלעטאַרישן קינד באַשטימען די ריכ־טונג פון זײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג, זײַנע באַגריפן וועגן וועלט און מענטש, זײַן כאַראַקטער און מאָראַל. אָבער די טע־זע: „דאָס זײַן באַשטימט דעם באַוווסטזײַן״ איז זייער אַב־סטראַקט און עלאַסטיש פאָרמולירט, און דעריבער מוז מען זי פּינקטלעך און נישט צווייטײַטיק פאַרשטיין. באַשטימען באַדייט נישט — זײַן דער קוואַל, ס׳באַדײַט אויך נישט —

זײַן די סיבה. מען דאַרף דעריבער די דאָזיקע טעזע נישט פאַרשטיין אין דעם זין, אַז דאָס מאַטעריעלע לעבן און די פּראָדוציר־כוחות און פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן זענען די סיבה אָדער דער קוואַל פון גײַסטיקן לעבן,—נאָר אַז זיי באַשטימען בלויז די אַנטוויקלונג־ריכטונג פון גײַסטיקן לעבן.

א פּאָר בײַשפּילן: די שינעס באַשטימען די ריכטונג פון לויף פון דער באַן. לאָמיר זיך דערצו פאָרשטעלן, אַז אונדזער טעכניק וועט דערגיין אַזוי ווייט, אַז די באַנען וועלן גיין אָן מאַשיניסטן, נאָר בלויז אויטאָמאַטיש, דאַן וועט שוין הונדערט־פּראָצענטיק זײַן ריכטיק דער זאַץ, אַז די שינעס באַשטימען די ריכטונג פון דער באַן. אָבער כאָטש די שינעס באַשטימען די ריכטונג פון דער באַן, זענען זיי אָבער נישט די סיבה, נישט דער קוואַל און נישט די שעפער פון דער באַן. די באַן אַנטשטייט אין גאַנצן זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון די שינעס, אָבער — אַזוי צו זאָגן — אין זייער צוזאַמענלעבן — באַשטימען נאָכהער די שינעס די ריכטונג פאַרן לויף פון דער באַן.

א צווייטער בײַשפּיל: דער באָדן באַשטימט דעם לויף און כאַראַקטער פון טײַך ווי אויך זײַן ראָל און באַדײַטונג אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די מענטשן. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. אַנדערש, למשל, קוקט אויס דער טײַך, אויב זײַנע קוואַלן, וואָס פליסן אַרויס פון די בערג, לויפן אַ לענגערע צײַט איבערן משופּעדיקן שטיינערנעם באָדן; אַנדערש — ווען ער קומט געשווינד אַרײַן אין פלאַכלאַנד; אַנדערש ווידער — אויב ער פליסט איבער זאַמדיקן צי גאָר איבער ליימיקן באָדן. טיילמאָל — אָפּהענגיק פון באָדן — צעגיסט ער זיך ברייט און פלאַך איבערן לאַנד; אַן אַנדערש מאָל גראָבט ער זיך אײַן טיף אין באָדן, פאַרוואַנדלט זײַן „געלעגער" אין אַ טיפן טאָל און שאַפט אַזוי אַרום בערגיקע ברעגעס; איין טײַך שאַפט פיל וואַסערפאַלן און גיט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זײַן שטראָמיק וואַסער אַלס מעכאַנישע קראַפט; אַן אַנדערער — אַדאַנק זײַן פאַמעלעכן לויף און טיפערן געלעגער — שאַפט אַ מעגלעכקייט פאַר שיפערײַ און באַפרוכפּערט די ברעגעס אאַז"וו. מיט איין וואָרט: ס'איז אַבי־

סאָלוט ריכטיק דער זאַץ, אַז דער באָדן באַשטימט דעם טײַך. אָבער צי איז דער באָדן דער שעפער פונעם וואַסער, פון וועלכן ס'אַנטשטייט דער טײַך? צי איז דער טײַך גלײַכצײַטיק נישט אָפּהענגיק פון די אייגנשאַפטן פונעם וואַסער, וועלכער אַנטשטייט אומאָפּהענגיק פונעם באָדן? — קלאָר, אַזוי איז עס. דאָס וואַסער און דער באָדן זענען אומאָפּהענגיקע נאַטור-עלע-מענטן, אָבער אין זייער צוזאַמענלעבן — באַשטימט דער באָדן דעם כאַראַקטער, דעם „אינהאַלט" פון טײַך.

אָבער דאָ איז נייטיק אונטערצושטרײַכן אַ זייער וויכ-טיקן מאָמענט: די ראָל פון באַשטימענדן פאַק-טאָר איז אַ פּאַסיווע. די שינעס באַשטימען טאָקע די ריכטונג פון דער באַן; דער באָדן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון טײַך אאַז"וו, אָבער די ראָל פון די שינעס לגבי דער באַן און פון באָדן לגבי דעם טײַך — איז אַ פּאַסיווע; זיי זענען באַשטימענדע אָבער נישט שאַפנדע פאַקטאָרן; זיי רעגולירן, באַגינסטיקן אָדער באַזײַטיקן שוין אַנטשטאַנענע קרעפטן; אָבער זיי שאַפן נישט קיין נײַע.

אַזוי איז אויך מיט דער באַציִונג „זײַן—באַוווסטזײַן" אי-נעם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ראָל פון „זײַן", ד"ה פון די מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן, לגבי דעם „באַוווסט-זײַן", ד"ה דעם גייסטיקן לעבן, איז אַ פּאַסיווע. דאָס זײַן איז נישט די סיבה פון באַוווסטזײַן. די קוואַלן פון גײַסטיקן לעבן זענען זעלבשטענדיק; דאָס גײַסטיקע לעבן איז נישט די שאַפונג פון מאַטעריעלן לעבן, עס ווערט נאָר דורכן לעצטן געקירעוועט, עס באַשטימט נאָר זײַן קאָנקרעטן אינ-האַלט, אָבער איז נישט די סיבה פון זײַן עקזיסטענץ. אידעען אַנטשטייען אינעם מענטשלעכן גײַסט זעלבשטענדיק, אָבער צווישן די אַנטשטאַנענע אידעען קומט פאַר דער זעלבער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס אין דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור. עס בלײַבן לעבן און פאַרוואַנדלען זיך אין שעפערישע כּוחות יענע אידעען, וועלכע זענען מער צוגעפּאַסט צו די געגעבענע לעבנס-באַדינגונגען און צו די געזעל-שאַפטלעך-היסטאָרישע באַדערפעניש. אין

דעם זין דאַרף מען פאַרשטיין די אָפּהענגיקייט פון באַוווסטזײַן פונעם זײַן.

איצט דאַרפן אונדז שוין זײַן קלאָרער די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פאַרן אַנטשטיין פון סאָציאַליסטישן באַוווסטזײַן בײַם פּראָלעטאַריאַט. דער באַוווסטזײַן פון פּראָלעטאַריאַט איז טאַקע באַשטימט דורך זײַן „זײַן“, אָבער דאָס באַדײַט נאָר אָט וואָס: פון אַלע אידעען, וועלכע קומען צום באַוווסטזײַן פון פּראָלעטאַריאַט, קאָנען זיך בײַ אים אָננעמען און ווערן שעפערישע כּוחות נאָר יענע אידעען, וועלכע אַנטשפּרעכן זײַן „זײַן“, ד״ה זײַנע קלאַסן-אינטערעסן און זײַן אָביעקטיוו היסטאָרישער ראָל. אָבער די דאָזיקע אידעען מוזן נישט אַנטשטיין בײַ אים אויטאָמאַטיש אַלס דירעקטע שאַפונגען פון די מאַטעריעלע לעבנס-באַדינגונגען און אינטערעסן. פאַרקערט: די קאַפּיטאַליסטישע לעבנס-באַדינגונגען, וועלכע שאַפן פון איין זײַט דעם אָביעקטיוון באָדן פאַרן אַנטשטיין פון די סאָציאַליסטישע אידעען, רופן פון דער צווייטער זײַט אַרויס צום לעבן פאַקטאָרן פון אַ סוביעקטיוו גײַסטיקן כאַראַקטער, וועלכע באַשווערן דאָס זעלבשטענדיקע אַנטשטיין פון אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכע אידעען בײַם פּראָלעטאַריאַט, ווי מיר האָבן דאָס אויבן באַוויזן. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז נאָך מער קאָמפּליצירט, ווי עס קאָן זיך אויסרוכטן. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג שאַפט טאַקע פון איין זײַט די אָביעקטיווע קרעפטן, וועלכע מוזן ברענגען צו איר אייגענעם אונטערגאַנג; זי שאַפט אָבער גלײַכצײַטיק געוויסע פּסיכאָלאָגישע, אָבער נישט ווייניקער אָביעקטיוו ווירקנדע פאַקטאָרן פאַר איר לעבנס-פאַרלענגערונג. דאָס קונציקע אויסנוצן דורך דער בורזשואַזיע די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע, גײַסטיקע פאַר זיי פאַקטאָרן, — דאָס איז די הויפּט-סיבה דערפון, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך אײַנהאַלטן און אפילו זײַן מאַכט פאַרשטאַרקן אין אַ צײַט, ווען ער האָט זיך שויןווירטשאַפטלעך פולשטענדיק איבערגעלעבט. דער הויפּטמיטל אין דער דאָזיקער אַרבעט פון קאַפּיטאַליזם באַשטייט אין אויפהאַלטן דעם פּראָלעטאַריאַט אויף דעם „נאַטירלעכן“, אורשפּרינגלעכן גײַסטיקן ניוואָ פון זײַן

ריין געפילמעסיקער מענטאַליטעט *)‏; דאַן איז ער אויפנעמבאַר פאַר כּלערליי פסיידאָ־„אידעאַלן“, צווישן וועלכע דער פאַשיזם, וועלכער אָפּערירט אויסשליסלעך מיט געפיל־עלעמענטן (ווי נאַציאָנאַלע אויסדערווײלטקייט, נאַציאָנאַלער שטאָלץ, העכערע ווערטן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, צוריק אויפלעבן דעם אַמאָליקן רום אד"גל), האָט באַוויזן צו דערגרייכן גרויסע דערפאָלגן. דערפון איז צו דרינגען, אַז די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אַרויסצורײַסן דעם פּראָלעטאַריאַט פון די ענגע ראַמען פון זײַן געפילמעסיקן, צום קאָנקרעטן לעבן באַגרענעצטן אופן פון טראַכטן און באַנעמען דאָס לעבן, און אים אויפהייבן צום ניוואָ פון אַלגעמיין מענטשלעכער, היסטאָרישער אויפפאַסונג און קלאַסן־באַוווסטזיניקער באַציִונג צו די פּראָבלעמען פון לעבן.

די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווערט געוויינלעך פאָרמולירט אַזוי: זי האָט די אויפגאַבע צו באַזײַטיקן די מניעות און פאַרגעשווינדן דעם אָביעקטיוון פּראָצעס פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכע פירט מיט אַ היסטאָרישער נייטווענדיקייט צום אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם און צום פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט נאָך איינע, אפשר נאָך וויכטיקערע אויפגאַבע, נעמלעך: צו באַזײַטיקן די אָביעקטיוו ווירקנדע פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ש ט ע ר ו נ ג ע ן, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם שאַפט, כּדי צו פאַרהינדערן דעם פּראָלעטאַריאַט צו דערקענען זײַן סאָציאַלע ראָל און צו דערפילן זײַן היסטאָרישע אויפגאַבע לגבי זיך און לגבי דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט. דערפון דרינגט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט נישט בלויז אַקטיווע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן, נאָר נישט ווייניקער וויכטיקע אידעאָלאָגישע אויפגאַבן, אויפגאַבן פון געזעלשאַפטלעך־גײַסטיקער דערציִונג,

---

*) די קאַפּיטאַליסטן פאַרשטייען דעם ריין פערזענלעכן כאַראַקטער פון פּרימיטיוון קלאַסן־אינסטינקט און קומען אים אַנטקעגן דורך איינאָרדענען נוצלעכע און אָנגענעמע אינסטיטוציעס פאַר אירע אַרבעטער (אַפּטמאַל קלובן, פאַרווײַלונג־ערטער, פּלאַזשעס, סאַנאַטאָריעס), שטילנדיק אַזוי אַרום זייערע פּרימיטיווע קלאַסן־געפילן.

ד״ה פון צילבאַוווּסטן אויסשמידן דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־באַוווּסטזײַן אין זײַן ברייטסטן פאַרנעם און טיפסטער גײַסטיקער ווירקונג.

אויף דעם געביט האָט מען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ היפּש ביסל פאַרנאַכלעסיקט און צו פיל זיך פאַרלאָזט אויף דער כּלומרשטער אויטאָמאַטישקייט פון אַנטשטיין פון קלאַסן־באַוווּסטזײַן (כּלומרשט אין רעזולטאַט פון די אָביעקטיווע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן).

אַלזאָ: די אַקטיווע אידעאָלאָגישע, געזעלשאַפטלעך־דערציִערישע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זענען נישט אין ווידערשפּרוך, נאָר אַנטשפּרעכן דעם טיפסטן אינהאַלט פון דער טעזע, אַז דער זײַן באַשטימט דעם באַוווּסטזײַן. דער זײַן באַשטימט טאַקע דעם באַוווּסטזײַן טיילמאָל אַלס זײַן פאָרויסשטויסנדער, טיילמאָל אָבער אויך — אַלס זײַן האַמעווענדיקער פאַקטאָר. די קאַפּיטאַליסטישע לעבנס־באַדינגונגען פון נישט צופרידן שטעלנדיקן פּראָלעטאַרישן זײַן, ווירקן אויך באַגרענעצנדיק אויף דעם אַנטוויקלונג־האָריזאָנט און פאַרנעם פון פּראָלעטאַרישן באַוווּסטזײַן (ד״ה ער דערמעגלעכט דאָס אַנטשטיין פון באַגרענעצטן קלאַסן־אינסטינקט און קלאַסן־געפיל־קאָמפּלעקסן, אָבער ער שטערט דעם זעלבשטענדיקן אַנטשטיין פון ברייטערן היסטאָריש דענקענדן קלאַסן־באַוווּסטזײַן). מען קאָן אַפילו די זאַך פאָרמולירן אַזוי: דער באַגרענעצטער פּראָל׳זײַן איז גורם אַ באַגרענעצטן באַוווּסטזײַן; די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז צילבאַוווּסט די דאָזיקע באַגרענעצטקייט צו צערײַסן און הייבן דעם פּראָלעטאַריאַט איבער די גרענעצן פון זײַנע פּערזענלעכע אינטערעסן — צום באַוווּסטזײַן פון זײַנע געזעלשאַפטלעך היסטאָרישע אויפגאַבן; איבער די גרענעצן פון קלאַסן־פאַרטיידיקונג אין די אינדיווידועלע ראַמען - צו סאָציאַל־היסטאָרישער, רעוואָלוציאָנערער שעפערישקייט.

דאָ קאָן אַנטשטיין בײַם לייענער אַ נײַער ספק: צי טרײַבן מיר נישט איבער די אַקטיוויסטישע ראָל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון

סאָציאַליזם? איז דאָס אויבן געזאָגטע נישט אין ווידערשפּרוך צו דער מאַרקסיסטישער טעזע, אַז די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם איז אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט און רעזולטאַט פון דער אָביעקטיווער אַנטוויקלונג פון די ווירטשאַפטלעכע כוחות? — אויב דאָס אָנקומען פון סאָציאַליזם איז אַ סאָציאַל געזעץ, אַן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט, דאַן קאָן זי דאָך נישט קומען אויטאָמאַטיש, איבער די קעפּ פון די מענטשן, דאַן מוז דאָך די דאָזיקע סאָציאַלע נויטווענדיקייט — אַזוי צי אַנדערש, פריער אָדער שפּעטער — גורם זײַן מיט נויטווענדיקער זיכערקייט דאָס אַנטשטיין פון געהעריקן סאָציאַלן באַוווסטזײַן אין די מוחות פון פּראָלעטאַריאַט, כדי ער זאָל קאָנען זײַן היסטאָרישע ראָלע דערפילן?

די זאַך שטעלט זיך אָבער פאָר גאַנץ אַנדערש.

פאָלגנדער בײַשפּיל וועט אונדז קלאָר מאַכן די באַציִונגען צווישן די אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג־פאַקטאָרן און דעם סוביעקטיוון אויספירער — דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אויך דעם תמצית פון באַגריף וועגן געזעלשאַפטלעכער נויטווענדיקייט:

אַ גראַנאַט פאַרמאָגט אין זיך אַ קאָלאָסאַלע אויפרײַסקראַפט, אָבער פון זיך אַליין קאָן די דאָזיקע קראַפט קיין מאָל נישט אַקטיוויזירט ווערן. עס מוז קומען אַן אויסערלעכער שטויס — די האַנט פון זעלנער וכדומה — וועלכער ברענגט די דאָזיקע קראַפט אין באַוועגונג און מאַכט איר טעטיק און ווירקזאַם. דער וואָרף מיטן זעלנערס האַנט איז גורם דאָס אויפרײַסן פון גראַנאַט; אָבער אַ טעות וואָלט געהאַט דער, וועלכער וואָלט דערפון געמאַכט דעם אויספיר, אַז די האַנט פון זעלנער איז דאָ די דעצידירנדיקע קראַפט. ווען ער זאָל מיטן זעלבן כוח וואַרפן נישט קיין גראַנאַט, נאָר אַ שטיק האָלץ, וואָלט פון דעם גאַנץ ווייניק אַרויסגעקומען. די גרויסע אויפרײַסקראַפט, וועלכע קומט אין רעזולטאַט פונעם וואָרף, שאַפט זיך אַדאַנק דעם, וואָס אין גראַנאַט איז אָביעקטיוו אָנגעקליבן אַ גרויסע באַוועגנדיקע קראַפט. ענלעך איז אויך די באַציִונג צווישן די אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונגס־געזעצן, וועלכע שאַפן דעם אָביעקטיוון באָדן פאַרן אָנקומען

פון סאָציאַליזם, און דער אַקטיווער ראָל פון פּראָלעטאַריאַט בײַם רעאַליזירן די נײַע לעבנספאָרמען. אַליין פון זיך וועלן די דאָזיקע אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג-קרעפטן קיין מאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ שאַפנדיקן, אומוואַנדלענדיקן באַוועגלעכן כוח. עס מוז זײַן דער באַוווּסטזיניקער טאַט פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קאָן ערשט די דאָזיקע אָביעקטיוו אָנגעזאַמלטע כוחות ברענגען צום ווירקן און שאַפן. אָבער אַ טעות וואָלט געמאַכט דער, וועלכער וואָלט צוליב דער דאָזיקער אַקטיווער ראָל פון פּראָלעטאַריאַט געמאַכט דעם אויספיר, אַז ס'איז גענוג דער בלויזער ווילן פון פּראָלעטאַריאַט, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

ווי אַזוי-זשע דאַרף מען פאַרשטיין דעם באַגריף וועגן דער געזעצמאָסיקער אָביעקטיווער נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם? — אויף דעם דאָזיקן באַגריף וועט אונדז קלאָר מאַכן דער אויבן געבראַכטער בײַשפּיל.

מיר ווייסן פון דער פּראַקטיק, אַז אויף די אַמאָליקע שלאַכטפעלדער ליגן אָפטמאָל יאָרן און צענדליקער יאָרן נישט אויפגעריסענע גראַנאַטן, איבערגעבליבענע פון דער מלחמה. טיילמאָל — נאָך לאַנגע יאָרן — איז אַ צופאַל גורם דאָס אויפרײַסן פון אַזאַ גראַנאַט. אַזעלכע צופאַלן קאָנען זײַן פאַרשידענע: דאָס שפּילן זיך פון קינדער אויפן אָרט, ווו דער גראַנאַט ליגט; אַ דורכלויפנדיקע חיה איבערן פעלד; אַ שטויס צוליב אַ שטורעם; אַ שטויס פון אַן אַקעראײַזן אאַז"וו. וואָס לענגער דער גראַנאַט ליגט אין פעלד, אַלץ מער קאָנען געשען צופאַלן, וואָס קאָנען גורם זײַן דאָס אויפרײַסן פון גראַנאַט. קלאָר, אַז וואָס גרעסער ס'איז די צײַט, וואָס עס ליגט דער גראַנאַט, אַלץ גרעסער ווערט די צאָל מעגלעכע צופאַלן, אַלץ גרעסער ווערט די אויפרײַס-וואַרשײַנלעכקייט פון גראַנאַט. דערפון קומט דער קלאָרער אויספיר, אַז אין אַן אומענדלעך גרויסער צײַט וואַקסן אויס די מעגלעכע צופאַלן (וואָס קאָנען גורם זײַן דאָס אויפרײַסן פון גראַנאַט) צו אַן אומענדלעך גרויסער צאָל. ד"ה אין אַן אומענדלעך

גרויסער צײַט וואַקסט אויס די צאָל מעגלעכע צופאַלן צו אַזאַ גרויסער צאָל, אַז די מ ע ג ל ע כ ק י י ט (פון אויפרײַסן פון גראַנאַט) מוז זיך פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט, אין אַ פ אַ ק ט. אַנדערש געזאָגט: אין דער אומענד־לעכקייט — פאַרוואַנדלט זיך די וואַרשײַנלעכ־קייט אין אַ נויטווענדיקייט. דער דאָזיקער בײַשפּיל מאַכט אונדז קלאָר דעם זין פון די סאָציאַלע געזעצן. אַזוי איז אויך מיטן באַגריף פון נאַטירלעכער נויטווענדיקייט אין גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. קיין שום סאָציאַלע געזעצן זענען נישט גילטיק אַלס נויטווענדיקייט אין אַ באַשטימטער צײַט און רוים (ווי למשל די נאַטור־געזעצן, וועלכע מען קאָן דעריבער מאַ־טעמאַטיש אויסרעכענען). די נאַטירלעכע נויטווענדיקייט פון די סאָציאַלע געזעצן (למשל, דאָס אָנקומען פון סאָציאַליזם) דאַרף מען פאַרשטיין אין דעם זין, אַז אין דער פּערספּעקטיוו פון דער אומענדלעכקייט — גילטן זיי אַלס נויטווענדיקייט־געזעצן (ד״ה– עס מוז פון זיך אַליין קומען). פּראַקטיש אָבער, האָט נישט די דאָזיקע נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם — אין דער פּערספּעק־טיוו פון דער אומענדלעכקייט — קיין רעאַלע באַדײַטונג, ווײַל מען קאָן נישט אויף איר באַזירן דאָס פּראַקטישע האַנדלען: אַ געזעץ, וואָס איז גילטיק אין דער אומענדלעכקייט, האָט נאָר אַ ווערט אַלס פּערספּעקטיוו, אָבער נישט אַלס רעאַלער פאַקטאָר. דער פּראָלעטאַריאַט קאָן און טאָר זיך דערמיט נישט באַגנוגע־נען, דאָס וואָלט געהייסן פּראַקטיש אָפּזאָגן זיך פון סאָציאַליזם. דעריבער קאָן דער פּראָלעטאַריאַט נישט בויען זײַן צוקונפט אויף דער דאָזיקער — זאָל זײַן וויסנשאַפטלעך באַווײַזענער — נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם, נאָר אויפן יסוד פון זײַן ציל־באַוווּסטער אַקטיווקייט. די דאָזיקע וויסנשאַפטלעך באַוויזענע נויטווענדיקייט קאָן נאָר דינען אַלס וועגווײַזער פאַר דער פּראַקטישער האַנדלונג, אָבער קאָן זי נישט פאַרטרעטן.

אַזוי אַרום ווערט באַזײַטיקט דער ווידערשפּרוך אינעם צווייַיקן אויפפאַסן פון סאָציאַליזם: איין מאָל — אַלס סאָציאַלע נויטווענדיקייט, דאָס צווייטע מאָל — אַלס אַקטיווע אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט. די וויסנשאַפטלעך באַוויזענע נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם שטייט נישט אין ווידערשפּרוך צו דער אויפגאַ־

בּע פון פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם אַלס **אַקטיווע** אויפגאַבע פון פּראָלעטאַריאַט. די נאַטירלעכע נויטווענדיקייט איז גילטיק — אין דער אַבסטראַקטער פּערספּעקטיוו פון דער אומענדלעכקייט; דעריבער טאַקע איז דאָס **פאַרווירקלעכן** דעם סאָציאַליזם אַדאַנק דער אַקטיווער, סוביעקטיווער טעטיקייט פון פּראָלעטאַריאַט — דער איינציקער וועג און מיטל פון זײַן רעאַליזאַציע אינעם רעאַלן לעבן.

די דאָזיקע וויכטיקע אייפגאַבע, — דאָס דערציִען דעם גײַסט פון אַקטיווקייט און שעפערישן ווילן – איז די הויפּטאויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, באַזונדער — אין דער הײַנטיקער היסטאָרישער עפּאָכע.

קאפיטל 2

די יוגנטלעכע און די ארגאניזאציע

אינערהאלב דער אלגעמיינער סאציאליסטישער באוועגונג האט די סאציאליסטישע יוגנט־ארגאניזאציע באזונדערע און ספּעציעלע אויפגאבן.

דעם דערוואקסענעם פּראלעטאריער ברענגען צו דער פּראלעטארישער באוועגונג זיינע, אין דער פּערזענלעכער פלאכהייט אויפגעפּאסטע, קלאסן־אינטערעסן. די אויפגאבע פון דער באוועגונג איז אויפצוהייבן אים איבער דער פּערזענלעכער אויפפאסונג פון די קלאסן־אינטערעסן – צו די אלגעמיינע סאציאל־היסטארישע אויפגאבן פון פּראלעטאריאט.

אנדערע זענען די סיבות, וועלכע ברענגען דעם יוגנטלעכן פּראלעטאריער צו דער סאציאליסטישער יוגנט־ארגאניזאציע. ביי אים זענען נאך נישט אויסגעקריסטאליזירט דיווירטשאפטלעכע קלאסן־אינטערעסן, און זיי פארנעמען נאך נישט אין אזא גרויסער מאס זיין אויפמערקזאמקייט; מיט דער גאנצער אינטענסיווקייט קומט נאך ביי אים פאר דער אנטוויקלונגס־פּראצעס פונעם פּערזענלעכקייט־געפיל; ער זוכט נאך די וועגן און מיטלען אויסצולעבן און רעאליזירן דאס דאזיקע געפיל. מיט איין ווארט: עס אבסארבירן אים ווייניקער די אויסערלעכע ווירטשאפטלעכע אינטערעסן און געזעלשאפטלעכע פליכטן, און ער איז באדייטנד מער געריכטעט מיט זיין גאנצער אויפמערקזאמקייט א י ן ז י ך, צו זיין סוביעקטיוו לעבן. ס'איז בכלל זעלטן צו טרעפן אזא אינדיווידואליסטיש געשטימטן מענטשן, ווי ס'איז דער יוגנטלעכער. דער דערוואקסענער פּרא־

לעטאַריער ליגט פיל מער אויפמערקזאַמקייט אויף זײַנע מאַ־טעריעלע אינטערעסן, און דאָס איז גורם בײַ אים אַ באַשטימ־טע געזעלשאַפטלעכע נייגונג און פּאַראינטערעסירונג; זײַן פּראַקטישער חוש זאָגט אים, אַז ער קאָן רעאַליזירן אפילו זײַנע ריין פּערזענלעכע אינטערעסן נאָר אין סאָלידאַרער צו־זאַמענאַרבעט מיט די אַנדערע פּראָלעטאַריער (פּראָפ׳ פּאַראייניען). אָבער דער יוגנטלעכער פּראָלעטאַריער איז מער געריכטעט אויף זײַן אינערלעך, סוביעקטיוו לעבן, איידער אויף זײַנע מאַטעריעלע אינטערעסן.

די סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט דעריבער צו טון מיט אַ ספּעציעלן, גײַסטיק זייער קאָמפּליצירטן מענטשן־מאַטעריאַל. זי באַקומט די מענטשן אונטער איר ווירקונג אין דער צײַט, ווען דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל גייט נאָך אַדורך זײַן אינטענסיווסטן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, ווען דער יוגנטלעכער איז אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויף זײַן סוביעקטיוו לעבן, ווען ער ענדערט זיך אומאויפהערלעך. דער דאָזיקער פּראָצעס שאַפט פאַרשידענע טיפּן און כאַראַקטער־טענדענצן. דעריבער מוז די סאָצ׳ יוגנט־אָרגאַניזאַציע אַרבעטן מיט זייער סובטעלע מעטאָדן און מיטלען, צוגעפּאַסטע צום וועזן און אַנטוויקלונג־וועג פון די דאָזיקע יונגע מענטשן. כּדי צו אַרבעטן מיט דערפאָלג, מוז מען גוט קענען דעם מענטשן־מאַטעריאַל, זײַנע שטרעבונגען און נייגונגען, מען מוז אַכטונג געבן אויף כּל־ערליי ניואַנסן, מען מוז א ו נ ט ע ר ד ע ם ו ו אַ ל ד — ז ע ן ד י ב ײ מ ע ר.

די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון פּראָלעטאַרישן פּערזענלעכקייט־געפיל שטויסן דעם יוגנטלעכן פּראָלעטאַריער צום געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך. דער יוגנטלעכער פּראָלע־טאַריער זוכט זײַן פּערזענלעכע אויסלעבונג אין גײַסטיק עמאָ־ציאָנעלע איבערלעבונגען, וועלכע קאָנען זיך רעאַליזירן אין אַ קאָלעקטיוון לעבן, ווײַל שוין אין די קינדעריאָרן האָט זיך בײַ אים אײַנגעוואָרצלט די קאָלעקטיוויסטישע אײַנשטעלונג און לעבן־שטייגער. אָבער צוליב די דאָזיקע צוועקן מוז ער נישט קומען דווקא אין דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע; אין זײַן פּרימיטיוון צושטאַנד גענוגט אים יעדער

קאָלעקטיוו, און דאָס קאָן פאַר אים זײַן אויך אַ ספּאָרטקלוב אָדער אפילו אַ טאַנצזאַל. דערפאַר קומט טאַקע אַ געוויסער טייל פּראָלעטאַרישע יוגנט אויך אין בירגערלעכע יוגנט־אָר־גאַניזאַציעס, ספּעציעל אין די סקויטישע (שומרישע), ווײַל זי געפינט דאָרט די מאָמענטאַלע באַפרידיקונג: די גײַסטיק־עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און דעם געזעלשאַפטלעכן פאָרום. פאַר די פּרימיטיווע — גענוגט עס דערווײַל.

אָבער אַחוץ די אַלגעמיינע סיבות, וועלכע שטויסן די יוגנטלעכע פּראָלעטאַריער צו גיין אין אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווירקן נאָך בײַ אַ טייל יוגנטלעכע באַשטימטע, ריין אינדיווי־דועלע צילן. דאָס זענען מערסטנטיילס אַזעלכע יחידים, בײַ וועלכע ס'ווירקט שטאַרק די רויע שטרעבונג נאָך אָנזען און דאָס מינדערווערטיקייט־געפיל. פאַרשידענע אַזעלכע טיפּן קאָ־נען מיר אָבסערווירן אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע: אַ טייל ווײַזן אַרויס די נייגונג אָנצוּוואַרפן די אַרומיקע זייער הערשאַפט, צו „פאַרכאַפּן" אַמטן: זיי רײַסן זיך אין קרײַז־פּרעזידיום, אַגיטירן קעגן אַנדערע, אָרגאַניזירן פּערזענלעכע אָנ־הענגער, אינטריגירן אפילו קעגן אַנדערע. פאַראַן אַנדערע, בײַ וועלכע די זעלבע שטרעבונג דריקט זיך אויס אין אַ סך רעדן; זיי מוזן זיך בײַ יעדער געלעגנהייט אַרויסרוקן, בײַ יעדער פראַגע זיך אָנרופן. דער ציל: אַלע מוזן אים שטענדיק באַ־מערקן. — אַנדערע ווידער באַמיִען זיך צו שאַפן אַרום זיך אַ גרופּע אינטימערע אָנהענגער, ווערן דער פירער אין אַ באַ־שטימטן ענג קרײַזל. אָפט טרעפט זיך דאָ דער גוט באַקאַנטער טיפּ „בעסער־ווייסער" (ער טרעפט זיך אָבער אַ סך זעלטענער אין די פּראָלעטאַרישע, ווי אין די בירגערלעכע קרײַזן), קעגן אַלץ אָפּאָנירן זיי, קיין שום זאַך געפעלט זיי נישט, אַלץ האָט מען געקאָנט בעסער מאַכן, און זיי ווײַזן באַלד, ווי אַזוי טאַקע מען האָט עס געקאָנט בעסער מאַכן (אַליין אָבער וועלן זיי גאָרנישט טון, ווײַל זיי ווילן נישט אײַנשטעלן זייער פּרעס־טיזש, טאָמער געלינגט זיי נישט), שטענדיק שפּילן זיי די ראָל פון די „קלוגע" עצה־געבער. זיי דוכט זיך אַלע מאָל, אַז זיי פאַרשטייען אַלץ בעסער, אפילו ווי די עלטערע און

פירער*). אגב, ווײַזט אַרויס דער דאָזיקער טיפּ יוגנטלעכע אַ
גרויסע אומטאָלעראַנץ צו פרעמדע מיינונגען, און זיי גיבן זיך
קיין מאָל נישט קיין מי כאָטש צו פ אַ ר ש ט ײ ן דעם צווייטן.
אַ ווייטערדיקער גאַנץ פאַרשפרייטער טיפּ זענען די פּ אָ ל י-
ט י ק אַ נ ע ר. אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן אינטערעסירן
זיי זיך מיט פּאָליטיק. מיט דעם ווילן זיי פאַר זיך אַליין דע-
מאָנסטרירן זייער וויכטיקייט; זיי זענען, הייסט עס, ראוי צו
פאַרנעמען זיך מיט די סאַמע ערנסטע פּראָבלעמען פון געזעל-
שאַפטלעכן לעבן. מער קיין שום זאַך אינטערעסירט זיי נישט,
און זיי ווילן פון גאָר מער נישט וויסן; זיי קריטיקירן אַלץ
און אַלעמען און גיבן די בעסטע עצות דער גאַנצער וועלט;
זיי ווייסן צו יעדער צײַט גענוי — וו אָ ס יעדע פּאַרטיי אָדער
גרויסער פּאָליטישער פירער האָט שלעכט געטון און ווי אַזוי
ער האָט בעסער געדאַרפט האַנדלען; וועגן יעדער דערשײַנונג
פון פּאָליטישן לעבן, מעג עס זײַן ווי ווײַט און מעגן זיי
וויסן דערפון קוים עפּעס, טראָגן זיי באַלד אַרויס אַ קאַ-
טעגאָרישן אורטייל. זיי גייען אַרום מיט אַן אוניווערסאַ-
לער מאָס, און צו אַלץ, וואָס זיי טרעפן אָן אָדער וועגן וואָס
זיי הערן — לייגן זיי באַלד צו זייער מאָס און טראָגן אַרויס
זייער קאַטעגאָרישן אורטייל. די דאָזיקע אויפפירונג שטייט
געוויינלעך אין אַ לעכערלעכן קאָנטראַסט צום עלטער, וויסן
און דערפאַרונג פון די דאָזיקע יוגנטלעכע (דעם דאָזיקן לע-
כערלעכן טיפּ טרעפט מען אַמאָפטסטן אין די רייען פון דער
קאָמוניסטיש געשטימטער יוגנט). פאַראַן נאָך אַ טיפּ, וועלכער
זוכט אין דער אָרגאַניזאַציע (גאַנץ אָפט — אומבאַוווסטזיניק)
אויסצולעבן די הערשאַפט-שטרעבונג אינעם ס ע ק ס ו ע ל ן
לעבן. זיי קומען אין דער אָרגאַניזאַציע, ווײַל זיי טרעפן
דאָרט אַ מענגע פון צ ו ו ײ ט ן מ י ן; זיי שטרעבן זיך צו
„באַווײַזן" און צו קאָנען אימפּאָנירן וואָס מער מיידלעך (עווי-
יינגלעך); זייער הויפּט-באַשעפטיקונג איז פלירט, אָן שום סימן

---

*) דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אומאָפּהענגיקן, זעלבשטענדיקן דענ-
קען, נאָר וועגן אַ פּוסטער איבערצייגונג, אַז מען ווייסט און מען פאַרשטייט
פון פ אַ ר ו י ס אַלץ בעסער פון אַנדערע.

פון מינדסטער אינערלעכער באַציִונג. אינעם „ליבע״־רעקאָרד זוכן זיי אויסצולעבן די הערשאַפט־שטרעבונג, דערגרייכן אָנזען און באַקומען די אויבערמאַכט איבער אַ וואָס גרעסערן קרײַז מענטשן אַרום זיך. דאָס זענען די אַממערסטן פאַרשפרייטע נעגאַטיווע טיפּן, וואָס קומען אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אויסצולעבן זייער איבערגעטריבענע מאַכט־שטרעבונג, דאָס אויף אַ פאַלשן וועג פאָרויסגייענדע פערזענלעכקייט־געפיל.

אָבער אין די פּראָלעטאַרישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס בילדן די דאָזיקע טיפּן אַ נישט וועזנטלעכע מינדערהייט*). דער גרעסטער טייל אַרבעטער־יוגנט קומט אין דער סאָצ׳ יוגנט־אָרגאַניזאַציע נישט צוליב זייערע איבערגעטריבענע מאַכט־שטרעבונגען, נאָר מיטן ציל אויסצולעבן דאָס נאָרמאַל זיך אַנטוויקלענדיקע פערזענלעכקייט־געפיל, זיי קומען מיטן דראַנג צו טיפערע איבערלעבונגען און שטאַרקערע עמאָציעס אין אַ קאָלעקטיווער אַטמאָספער; זיי זוכן דערמיט אַנטקעגנצווירקן דער אַראָפּנידעריקנדיקער ווירקונג פון דער נויט, עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג און סאָציאַלער מינדערווערטיקייט, וואָס ווירקט אויסערסט שלעכט אויף זייער פערזענלעכקייט־געפיל; אין פרײַען, אָרגאַניזאַציאָנעלן צוזאַמענלעבן, וואָס שאַפט פאַר זיי די מעגלעכקייט פון פרײַער אַקטיווקייט און שעפערישקייט, ווילן זיי דערגרייכן דאָס פעלנדיקע געפיל פון מענטשלעכער פולווערטיקייט. אַ טייל פון זיי, מיט גרעסערע אינטעלעקטועלע פעִיקייטן אָדער טיפערן עמאָציאָנעלן פאַרנעם, ווערן לײַכט און געשווינד דורכגעדרונגען מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, דער־פילן געשווינד זײַן פערזענלעך דערהייבנדיקע ווירקונג, פאַר־בינדן דאָס פערזענלעכע לעבן מיטן דאָזיקן העכסטן געזעל־שאַפטלעכן אידעאַל. אַנדערע ווידער זיצן אָפּ אַ געוויסע צײַט שטיל, זיי געפינען נישט דעם אינערלעכן פערזענלעכן קאָנ־טאַקט מיט דער אָרגאַניזאַציע און איר אידעאַל; זיי זענען צו אומדרייסט, כדי אָפן צו זאָגן, וואָס עס פעלט זיי; אָפּ־טער נאָך — ווייסן זיי אַליין נישט גענוי, וואָס עס פעלט

*) אין די בירגערלעכע און אין די פסײדאָ־סאָציאַליסטישע אָרגאַני־זאַציעס בילדן, דוכט זיך, די דאָזיקע טיפּן אַ גאַנץ היפּשע מערהײט.

זיי אין דער אָרגאַניזאַציע; זיי פֿילן נאָר איינס: זיי האָבן נישט דאָס, נאָך וואָס זיי גאַרן. די טיפֿערע סיבה פֿון דער דאָזיקער לאַגע ליגט דערין, וואָס דער דאָזיקער טיפּ יוגנטלעכע, בײַ וועלכע דאָס פּערזענלעכקייט-געפֿיל שטייט אויף אַ זייער פּרימיטיוון ניוואָ, זוכט קודם-כּל דאָס פּערזענלעכע אויסלעבן זיך, די קאָנקרעטע, פּערזענלעכע עמאָציעס, און ס'איז זיי שווער מיט איין שפּרונג צו געפֿינען דעם קאָנטאַקט צווישן זייער באַגרענעצטן אין מאָמענטאַלע איבערלעבונגען פּערזענלעכקייט-געפֿיל — און דעם פֿאַר זיי אַבסטראַקטן, נישט עמאָציאָנירדיקן געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל. די אָרגאַניזאַציע גיט זיי אָפֿט זייער ווייניק דערפֿון, נאָך וואָס זיי קומען לכתחילה צו איר, און דעריבער — נאָך אַ געוויסער צײַט אָפּזײַן אין דער אָרגאַניזאַציע און אַפֿילו גאַנץ פּינקטלעכן דערפֿילן די פֿליכטן — גייען זיי שטיל און אומבאַמערקבאַר אַוועק, ווערן פֿאַרלוירן. זיי ווייסן גאַנץ אָפֿט נישט, פֿאַר וואָס זיי זענען געקומען, און גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג, פֿאַר וואָס זיי זענען אַוועק. זיי טוען דאָס אַבסאָלוט נישט פֿון קעגנערשאַפֿט, נאָר סתם אַזוי — „ס'האָט זיי נישט גענומען”. שולדיק זענען נישט די דאָזיקע יוגנטלעכע, נאָר די שולד דאַרף נעמען אויף זיך די אָרגאַניזאַציע. זי דאַרף צווישן אַזאַ פּרימיטיווער יוגנט אַרבעטן מיט ספּעציעלע מעטאָדן, אָנהייבן דערפֿון, וואָס זיי זוכן און ערשט נאָכהער — ביסלעכווײַז, שטופּנווײַז זיי פֿירן העכער. מערסטנטייל אָבער, פֿירנדיק די אַרבעט מיט איינער און דער זעלבער מעטאָדע צווישן אַלע יוגנטלעכע, שטעלט אײַן די אָרגאַניזאַציע אַ צו ווײַטן דיסטאַנץ צווישן זייער פּרימיטיוון און פּערזענלעך-באַגרענעצטן פּערזענלעכקייט-געפֿיל און צווישן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, און דער דאָזיקער בלויז איז עס גורם די מיספֿאַרשטייענישן. ס'האָט זיך נישט געשאַפֿן דער גײַסטיקער געפֿיל-קאָנטאַקט צווישן די דאָזיקע יחידים און דער אָרגאַניזאַציע.

וווּ אַהין גייען אַזעלכע אַוועק? אין טאַנצזאַל אָדער אויפֿן ספּאָרטפּלאַץ, וואָס געניגט פֿאַר זיי און באַפֿרידיקט פֿולשטענדיק זייער פּערזענלעכקייט-געפֿיל. גאַנץ אָפֿט טרעפֿט זיך אויך, אַז די בעסער-וויסער, פּאָליטיקאַנער אד״גל, אויב זיי

קאָנען נישט ווי געהעריק אויסלעבן זייער איבערגעטריבענעם מאַכטדראַנג, גייען אויך אַוועק פון דער אָרגאַניזאַציע צום א״ג „פּריוואַטן לעבן״ און דאָ לעבן זיי זיך שוין פולשטענדיק אויס. ס׳זענען באַקאַנט פיל פאַלן, ווען יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אין אָנהייב פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, אויסער פּאָליטיק, האָבן זיך פּלוצלינג אײַנגעבראָכן, אַוועק פון אַקטיוון אָרגאַניזאַציע-לעבן צו די ענגע ראַמען פון פּריוואַטן לעבן, און האָבן ענדלעך אָפּגעפונען זייער פּערזענלעכן תּיקון.

דאָס ווירקזאַמסטע מיטל קעגן די אַלע נעגאַטיווע דערשײַנונגען איז, אַז די סאָציאַליסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע זאָל פאַרטיפן און פאַרברייטערן אירע דערציִערישע אַרבעט-מעטאָדן, זאָל גוט דערקענען די נשמה, די שטרעבונגען און דאָס גײַסטיקע וועזן פון דער יוגנט און אויפן יסוד פון דער דאָזיקער קענטעניש אויספײַנערן און פּרעציזירן איר גרויסע אַרבעט פון הייבן די אַרבעטער-יוגנט צום ניוואָ פון אַ געזעלשאַפטלעךשעפערישן, היסטאָריש ווירקנדיקן כּוח.

קאַפּיטל 3

די הויפּט-אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע

א) *קלאַסן-באַוווּסטזיין*

בײַם יוגנטלעכן אַרבעטער, אינעם אַנטוויקלונגס-פּעריאָד פון זײַן פּערזענלעכקייט-געפיל, זענען די מאַטעריעלע אינטערעסן אָפּגערוקט אין הינטערגרונט, און דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט בײַ אים דער גאַנצער קאָמפּלעקס פראַגן און געפילן, וועלכע זענען געבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון זײַן פּערזענלעכקייט-געפיל, פון זײַנע גײַסטיק סוביעקטיווע אינטערעסן און באַדערפענישן.

אָבער, ווי מיר האָבן אויבן געזען, זענען די דאָזיקע פּאַראינטערעסירונגען זייער באַגרענעצטע. די לעבנס-באַדינגונגען פון פּראָלעטאַרישן קינד, כאָטש זיי רופן אַרויס די עקזיסטענץ פון סאָציאַלע געפילן פון אַ גאַנץ הויכן מאָראַלישן ניוואָ, באַגרענעצן אָבער גלײַכצײַטיק די אַלגעמיינע גײַסטיקע פּאַראינטערעסירונגען, זיי שטויסן צום סטאַביליזירן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל אויף אַ פּרימיטיוון ניוואָ. דעריבער דאַרף די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט-באַוועגונג זײַן נישט בלויז צו באַפרידיקן די געגעבענע באַדערפענישן און אינטערעסן פון די יוגנטלעכע אַרבעטער, נאָר אין דער ערשטער ריי — אַרויסצורופן בײַ זיי *נײַע באַדערפענישן*, נײַע אינטערעסן, פאַרברייטערן און הייבן זייער גײַסטיקן האָריזאָנט.

די ע ר ש ט ע פון די דאָזיקע אויפגאַבן: אויסשמידן בײַ די יוגנטלעכע דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן. מיר האָבן שוין פריִער ברייט אַרומגערעדט דעם אונטערשייד צווישן קלאַסן-אינסטינקט און קלאַסן-באַוווסטזײַן. מיר האָבן געזען, אַז די גײַסט-געגנטקייט פון קלאַסן-אינסטינקט באַשטייט אין זײַן באַגרענעצטקייט צום קאָנקרעטן און פּערזענלעכן. שאַפן דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן הייסט — אַרויספירן דעם קלאַסן-אינסטינקט פון זײַנע ענגע פּערזענלעכע ראַמען צום געזעלשאַפטלעכן אופן פון טראַכטן; פאַרוואַנדלען אים פון אַ געפיל אין אַ אידעע, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס און שטעלט דאָס געזעלשאַפטלעכע איבער דאָס פּערזענלעכע. די עקזיסטענץ פון קלאַסן-אינסטינקט איז טאַקע אַ גרויסער שטיצפּונקט בײַם דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע; אויף זײַן באָדן איז לײַכטער אויפצובויען דעם אידעיִשן באַוווסטזײַן: די פאַרבינדונג פון געפיל מיטן געדאַנק — שאַפט דעם אידעאַל.

אָבער ווי אַזוי פירט מען די דאָזיקע אויפגאַבע אַדורך אין לעבן?

מיר וואָלטן באַקומען קנאַפּע רעזולטאַטן, ווען מיר וואָלטן געוואָלט דעם דאָזיקן ציל דערגרייכן דערמיט, וואָס מיר וועלן מעכאַניש צוגעבן דעם געדאַנק צום געפיל, ד"ה באַגנוגענען זיך מיט לערנען די יוגנטלעכע די יסודות פון דער מאַרקסיסטישער לערע (פּאָליטישע עקאָנאָמיע, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם אד"גל). די רעזולטאַטן פון אַ באַגרענעצטער, בלויז אינטעלעקטועלער באַווירקונג, וואָלטן געווען נישט צופרידנשטעלנדיק — און אָט צוליב וואָס:

די דיסטאַנץ צווישן דער געפילמעסיק-אַקטיוויסטישער מענטאַליטעט פון יוגנטלעכן אַרבעטער און זײַן סוביעקטיווער אײַנשטעלונג פון איין זײַט און דעם אַבסטראַקטן, שטרענג אַנאַליטישן כאַראַקטער פון דער מאַרקסיסטישער לערע פון דער צווייטער זײַט — איז אַזאַ קאָלאָסאַלע, אַז מיט אַ מאָל איז עס דער יוגנטלעכער נישט בכוח גײַסטיק בײַצוקומען. פון איין זײַט האָבן מיר צו טון מיט אַ באַגרענעצטן מאַסשטאַב פון גײַסטיקע פאַראינטערעסירונגען און אַ געפילמעסיקן אופן פון

טראַכטן און באַנעמען דאָס לעבן, מיט אַ קאָנצענטרירונג פון דער אויפמערקזאַמקייט אַרום די אימאַנענטע פערזענלעכע איבערלעבונגען; פון דער צווייטער זייט — אַ דעדוקטיוו געבויטע לערע, פול מיט אַבסטראַקציעס און פאַראַלגעמיינערונגען, אַ ריין אַנאַליטישער אופן פון דענקען מיט דער הילף פון אַבסטראַקטע באַגריפן (ווי למשל: ווערט, מערווערט, פּראָפּיט-ראַטע, ווירטשאַפטלעכע באַציִונגען אד"גל).

ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ סיבה, וועלכע ווירקט אין דער זעלבער ריכטונג: דאַן, ווען דער יוגנטלעכער טרעט אַרײַן אין דער אָרגאַניזאַציע, איז די בלִיונגצײַט פון דער אַנטוויקלונג פונעם פערזענלעכקייט-געפיל; דאָס איז דער פּעריאָד, ווען ער איז אַממערסטן אינדיווידואַליסטיש געשטימט, אַממערסטן גענייגט צו זעלבסטאיבערשאַצונג און צו וואָס מער רוישיקע קראַפטאויסערנדע איבערלעבונגען. אָבער פון דער מאַרקסיסטישער לערע דערוויסט ער זיך וועגן דער קליינער, אָביעקטיוו אומזעלבשטענדיקער ראָל פון יחיד אינעם אַנטוויקלונגפּראָצעס פון דער געזעלשאַפט; ער דערוויסט זיך, אַז דעצידירנד אין געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען די מ אַ ס ן און זייערע מאַסן-אינטערעסן, און אַז די צוקונפט, צו וועלכער מיר שטרעבן, קאָן זײַן דאָס ווערק נאָר פון מ אַ ס נ ה אַ פ ט ע ר אַקטיווקייט. אויב מיר ווילן דעם יוגנטלעכן צ ו פ ר י צו-אייגענען די דאָזיקע לערע, אין דער צײַט, ווען ס'איז אים נאָך שווער איבערצוּווינדן די ריין אינדיווידועלע ראַמען פון זײַן פערזענלעכקייט-געפיל, דאַן קאָן די דאָזיקע לערע האָבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף זײַן ווײַטערדיקער פערזענלעכער אַנטוויקלונג. איינס פון די ביידע: אָדער די דאָזיקע לערע איז מסוגל אָראָפּצונידעריקן בײַ אים דאָס פערזענלעכקייט-געפיל; זי מאַכט דעם יחיד קליין און ווערטלאָז אין זײַנע אייגענע אויגן און זי שוואַכט בײַ אים אָפּ דעם דראַנג צו פערזענלעכער דערהייבונג (ס'הייסט: „כהאָב סײַ ווי סײַ נישט קיין גרויסע באַדײַטונג, כ'בין אַ פּאַסיוו שרײַפעלע אין אַ גרויסער מאַשין, וואָס טוט איר אַרבעט אויטאָמאַטיש, כ'האָב דעריבער נישט צוליב וואָס זיך צו רײַסן"); אָדער דאָס פערזענלעכקייט-געפיל ווײַזט זיך אַרויס שטאַרקער, די מאַרקסיס-

טישע לערע „נעמט נישט" דעם יוגנטלעכן, עס פאַרבינדט זיך נישט קיין אינטימער קאָנטאַקט צווישן די אידעען פון דער דאָזיקער לערע און זײַן סוביעקטיוון, פּערזענלעכן וועזן, — און אַזעלכער בלײַבט קאַלט צו דער אָרגאַניזאַציע און אירע אי־דעאַלן, און לסוף קאָן ער אין גאַנצן פאַרלאָזן די אָרגאַניזאַציע, אָפּנעמענדיק זיך די „פאַרלוירענע צײַט" אין אַ פאַרשטאַרקטן יאָגן זיך נאָך מאָמענטאַלע, פּערזענלעכע פאַרגעניגנס, פאַר־ווײַלונגען, טאַנצן, שיין קליידן זיך אד"גל. די אַבסטראַקט־טע־אָרעטישע מאַרקסיסטישע לערע קאָן ערשט דאַן האָבן אַ פּאָ־זיטיווע, דערהייבנדיקע ווירקונג אויפן פּערזענלעכן לעבן פון יחיד, ווען זי קומט צו זײַן באַוווּסטזײַן אין איר טעאָרעטי־שער געשטאַלט ערשט צום סוף, אַלס די קרוין פון בויען און אויסשמידן דעם קלאַסן־באַוווּסטזײַן, דאַן ווען דאָס פּערזענ־לעכקייט־געפיל איז שוין אַרויסגעפירט געוואָרן פון די ענגע אינדיווידועלע ראַמען, און דער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל איז געוואָרן זײַן קערן, ד"ה — ווען דער געזעלשאַפטלעכער אי־דעאַל איז געוואָרן דער פּערזענלעכער ציל פון יחיד. דאַן ווירקט שוין נישט האַמעוודיק אויף דער פּערזענלעכער אַנטוויקלונג דער ווידערשפּרוך צווישן פּערזענלעכקייט־געפיל און באַוווּסטזײַן וועגן דער היסטאָריש שעפערישער ראָל פון דער מאַסע, פאַרקערט — דער יחיד הייבט זיך דאַן אָן צו פילן אַלס דער גײַסטיקער קערן פון דער דאָזיקער שעפערי־שער מאַסע, ער פילט שוין דאַן, אַז דאָס היסטאָריש גרויסע שאַפט זיך נישט אויסער אים, נאָר ד ו ר ך א י ם.

אַדאַנק דעם אַנטשטיין פון קלאַסן־ב אַ וו ו ס ט ז ײַ ן שטײַגן די געפילן אויף אַ נאָך העכערער מדרגה. אינעם גײַסטיקן לעבן קאָנען אָנהייבן ווירקן די אַ"ג א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ג ע־פ י ל ן. אינטעלעקטועלע געפילן רופט מען אָן אַזעלכע געפילן, וועלכע אַנטשטייען אין רעזולטאַט פון מעכטיקע אידעען, וואָס דרינגען אַדורך דאָס גאַנצע גײַסטיקע וועזן פון דער פּערזענ־לעכקייט און רעגן אָן די געפילן; זיי טראָגן אין זיך אַ גע־וואַלדיקע באַוועגונג־קראַפט און זענען אַ מעכטיקער אימפּולס צו אַקטיוויקייט און שעפערישקייט. מיר האָבן פיל בײַשפּילן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון די פרײַ־

הייט־קאַמפן בכלל וועגן מענטשן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון די באַזיצנדע קלאַסן, (און דערפאַר האָט זיך בײַ זיי נישט געקאָנט אַנטוויקלען קיין שום אורשפּרינגלעכער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־אינסטינקט), און דאָך האָבן די דאָזיקע מענטשן זיך אויפגעהויבן אויף די העכסטע שטאַפּלען פון מענטשלעכער העלדישקייט און מענטשן־פרײַנדלעכער שעפערישקייט. די קראַפט, וואָס האָט זיי באַוויגן אין זייער גרויסאַרטיקער טעטיקייט איז געווען נישט בלויז די ריינע אינטעלעקטועלע אידעע, נאָר אויך די אַ"ג אינטעלעקטועלע געפילן, וועלכע האָבן ערשט גורם געווען, אַז די גאַנצע פּערזענלעכקייט, אַלע אירע גײַסטיקע און מאָראַלישע קרעפטן האָבן זיך האַרמאָניש געשטעלט אין דינסט פון דער מענטשן־באַפרײַענדער אידעע, וועלכע איז געוואָרן זייער פּערזענלעכער ציל. אַזעלכע מענטשן זענען געווען מאַרקס, ענגעלס, פּלעכאַנאָוו, קראָפּאָטקין, זשאָרעס, מעדעם, דאַשינסקי, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ און פיל, פיל אַנדערע פאַרשטאָרבענע און נאָך הײַנט לעבנדע און טעטיקע. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ קאָלאָסאַלע קראַפט צו די אינטעלעקטועלע געפילן? — דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אַדאַנק די אינטעלעקטועלע געפילן דרינגט אַרײַן די אידעע אין דער ספערע פון פּערזענלעכן לעבן און באַהערשט עס, קאָנצענטרירט אַלע פּערזענלעכע גײַסטיקע קרעפטן האַרמאָניש אַרום איין איינציקן קערן — דער אידעע, און אַזוי אַרום ווערט די אידעע אידענטיפיצירט (ווערט דאָס זעלבע) מיטן פּערזענלעכקייט־געפיל און פאַרוואַנדלט זיך אין אידעאַל, אין פּערזענלעכן לעבנסציל. דער בײַשפּיל פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס קוים עטלעכע פון זיי האָבן מיר אויסגערעכנט, באַווײַזט אונדז די ריכטיקייט פון אויבן געזאָגטן. דאָס, וואָס כאַראַקטעריזירט אַמבולטסטן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן — איז די שטרענגע קאָנסעקווענטקייט, דויערהאַפטיקייט און אינערלעכע גראָדליניקייט פון זייער גאַנצן לעבנסוועג. דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן, אין משך פון צענדליקער יאָרן, בײַ די פאַרשידנסטע אומשטענדן, מיט מסירת־נפש און מיט דער גרעסטער קאָנסעקווענטקייט געדינט זייערע אידעען. און אין דעם באַשטייט דער עיקר, ווײַל מענטשן, וואָס האָבן אין

זייער לעבן איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל זיך דעראָבערט אויף גרויסע און שיינע טאָטן, — אַזעלכע מענטשן קאָן מען געפי־נען אין לעבן זייער אַ סך, אָבער דאָס וואָס איז דער פּרוביר־שטיין פון באמת העכערן טיפּ מענטש — דאָס איז זײַן קאָנ־סעקוועטקייט. דויערהאַפטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט אין דינסט פון דער אידעע. נישט יעדער איינער קאָן ווערן דאָס, וואָס איז געווען זשאָרעס, פּלעכאַנאָוו, מעדעם אד״גל, — אָבער דער כּלל קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער קאָן און מוז שטיין אויפן ניוואָ פון זייער העלדנמוטיקייט און סאָציאַלער שעפערישקייט; דער כּלל קאָן אָבער נישט דערפילן זײַן היסטאָרישע אויפגאַבע, אויב דאָס לעבן פון די יחידים, פון וועלכע דער כּלל באַ־שטייט, איז נישט אין פולער האַרמאָניע מיט זײַן אידעאַל. דער־פון איז דער אויספיר, אַז אונדזער דערציִונג־אידעאַל איז: כּסדר דערנענטערן די סאָציאַליסטישע קעמפער צום ניוואָ פון פּער־זענלעכער העלדנמוטיקייט, קאָנסעקוועטנקייט און אידעיִשער דערהייבונג פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן פון סאָציאַליסטישן קאַמף.

אויף וועלכן וועג קאָנען מיר דעם דאָזיקן דערציִערישן ציל דערגרייכן? — דורך אונטערוואָרפן די געפילן אונטער דער פירונג פון דער אידעע. דער דירעקטער אימפּולס צו האַנדלו־נגען זענען די געפילן. אָבער מיר האָבן זיך איבערגעצײַגט, אַז געפילן האָבן נישט קיין לאָגישע אַנטוויקלונג־טענדענץ, קיין אי־נערלעכע איינהייטלעכע און קאָנסעקווענטע אַנטוויקלונג־ליניע. זייער דויערהאַפטיקייט איז אַ זייער קליינע. מענטשן, וואָס האַנדלען נאָר אונטער דער ווירקונג פון געפילן, זענען אין אַל־געמיין נישט קאָנסעקווענט און נישט איינהייטלעך אין זייערע האַנדלונגען, מען רופט זיי געוויינלעך „שטימונג־מענטשן". קאָנ־סעקווענט און איינהייטלעך אין זײַנע האַנדלונגען קאָן זײַן אַ מענטש נאָר דאַן, ווען אין מיטלפּונקט פון זײַן פּערזענלעכקייט שטייט אַ געוויסע אידעע. נאָר אַ אידעע קאָן זײַן קאָנסעקווענט, זי קאָן האָבן אַ לאָגישן אַנטוויקלונג־גאַנג, און דערפאַר קאָן זי אָנוואַרפן דעם מענטשן אַ קאָנסעקווענטע לעבנס־ליניע, אַן איינהייטלעכע און צילבאַוווסטע אַקטיוקייט. די סאָציאַליסטישע אידעע, וועלכע נעמט אַרום די גאַנצע מענטש־

הייט, וועלכע פֿאַרקערפּערט אין זיך איר צוקונפֿט־אידעאַל, איז בכּוח אויפֿצוהייבן דעם מענטשן צו די העכסטע שטופֿן פֿון סאָציאַלער אָפּפֿערוויליקייט און שעפֿערישקייט, — דעריבער קאָן איר ווירקונג אַרויסגיין איבער די ראַמען פֿון ריינעם, אַבסטראַקטן, אינטעלעקטועלן דענקען, און אויך באַהערשן די געפֿיל- און ווילן־ספֿערע; דאַן רופֿט זי אַרויס די אינטעלעקטועלע געפֿילן, וועלכע זענען אַ מעכטיקער אימפּולס צו אַקטיווקייט און שעפֿערישקייט. די אינטעלעקטועלע עלעמענטן פֿון קלאַסן־באַוווסטזיין, *די קלאָרקייט און קאָנסעקווענטקייט* פֿון *דער אידעע* — דאָס איז דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פֿון קלאַסן־באַוווסטזיין, און דעריבער איז דאָס די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג. דאָס אָרט פֿון אורשפּרינגלעכן קלאַסן־אינסטינקט דאַרף פֿאַרנעמען די צילבאַוווסטע סאָציאַלע *אידעע*; דאָס אָרט פֿון געפֿיל דאַרף פֿאַרנעמען דער געדאַנק. אָבער דערמיט נעמט מען נישט צו דעם געפֿיל זיַין איַינפֿלוס אויף די האַנדלונגען פֿון מענטשן (ספּעציעל איז די דאָזיקע געפֿאַר נישטאָ ביַי פּראָלעטאַריער), נאָר מען דערהייבט אים צו אַ העכערער מדרגה: פֿון אַן אימפּולס צו מאָמענטאַלע, טיילמאָל קעגנזעצלעכע האַנדלונגען פֿון אַ באַגרענעצטן פֿאַרנעם, דערהייבט מען אים צו אַ באַשטאַנדטייל פֿון אַ קאָנסעקווענטער, צילבאַוווסטער, סאָציאַל שעפֿערישער לעבנס־ליניע. אָבער דאָס קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך איַינפֿירן אַ האַרמאָניע צווישן געדאַנק און געפֿיל, דורך הייבן דאָס פּערזענלעכקייט־געפֿיל צום סאָציאַלן אינהאַלט, דורך פֿאַרוואַנדלען דעם געזעלשאַפֿטלעכן אידעאַל — אינעם פּערזענלעכן ציל, אינעם גיַיסטיקן קערן פֿון יחיד.

אויף וואָסערע פּרינציפּן דאַרף זיך אין דער פּראַקטיק אָנשפּאַרן די דאָזיקע אַרבעט? — מיר האָבן געזען, אַז די אַבסטראַקט דעדוקטיווע עלעמענטן פֿון דער מאַרקסיסטישער לערע דאַרפֿן נישט זיַין דער אָנהייב פֿון דער דאָזיקער אויפֿקלער־אַרבעט, נאָר דער סוף, די קרוין.

אָנהייבן דאַרף מען מיט אַזאַ מאַטעריאַל, וועלכער זאָל אָנקניפּן אין דער געפֿילמעסיקער מענטאַליטעט פֿון יוגנטלעכן פּראָלעטאַריער, אָבער גליַיכציַיטיק אויסברייטערן זיַין גיַיסטיקן

האָריזאָנט, זײַנע קענטענישן, זײַנע באַגריפֿן וועגן וועלט און מענטש. דער אָממערסטן צוגעפּאַסטער מאַטעריאַל דערצו איז די באַשרײַבנדע געשיכטע פֿון סאָציאַלע קאַמפֿן, פֿון געשיכטלעכע העלדנטאַטן אין קאַמף פֿאַר גערעכטיקייט און פֿרײַהייט. דער נוצן דערפֿון באַשטייט דערין: 1) מען האָט דערבײַ נישט צו טון מיט קיין אַבסטראַקציעס, נאָר מיט קאָנקרעטע געשיכטלעכע געשעענישן; 2) מען פֿאַרטיפֿט און מען ברייטערט אויס דעם פֿאַרנעם פֿון דער געפֿיל-ספֿערע. די סאָציאַלע געפֿילן, די גערעכטיקייט-געפֿילן אאַז״וו, ווערן אָנגערעגט שוין נישט בלויז צוליב איינצלנע געשעענישן פֿון קאָנקרעטן אַרומיקן לעבן, פֿון דער ענגערער, פֿערזענלעכער סביבה, — נאָר אויך דורך פֿראַגן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרנעם; דער יוגנטלעכער דערוויסט זיך, — און דאָס ווירקט דערהייבנד אויף זײַן געפֿיל-לעבן, — אַז מענטשן גייען אין קאַמף און ברענגען קרבנות נישט בלויז פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַרן גאַנצן כּלל, נישט בלויז צוליב מאָמענטאַלע דערגרייכונגען, נאָר אויך, כּדי אין דער צוקונפֿט זאָל ווערן בעסער; 3) מען ברייטערט אויס דאָס קנאַפּע וויסן פֿון יוגנטלעכן מיט נײַעם קאָנקרעטן מאַטעריאַל, דאָס רעגט אים אָן צו דענקען, פֿאַרגלײַכן — און אַזוי אַרום ווערט דאָס אַ גלענצנדער איבונג-געביט פֿאַר זײַנע אינטעלעקטועלע פֿעיִקייטן.

מיר וואָלטן אָבער דערגרייכט גאַנץ קנאַפּע רעזולטאַטן, אויב מיר זאָלן לערנען טרוקענע, כראָנאָלאָגישע געשיכטע. דער באַשרײַבנדיקער, עמאָציאָנעלער, בילדערישער מאָמענט דאַרף דאָ פֿאַרנעמען גאָר אַ גרויס אָרט, אָבער דערבײַ דאַרף אויך דער סכום געשיכטלעכע ידיעות זײַן אַ באַדײַטנדיקער, כּדי ס'זאָלן זיך גלײַכצײַטיק אויסברייטערן בײַם יוגנטלעכן די באַגריפֿן וועגן וועלט און מענטש. גוטע היסטאָרישע בעלעטריסטיק איז דערבײַ אַ גלענצנדיקער הילפֿסמיטל.

דער צווייטער עטאַפּ אין דער דאָזיקער אויפֿקלערונג-אַרבעט דאַרף זײַן דאָס באַקענען די יוגנטלעכע מיט די אידעען, אונטער וועלכע די סאָציאַלע באַפֿרײַונג-קאַמפֿן זענען פֿאָרגעקומען (א״ג געשיכטע פֿון סאָציאַליזם און פֿון סאָציאַלע קאַמפֿן). דאָ איז דער אינטעלעקטועלער עלעמענט שוין אַ סך אַ גרעסערער. דאָ באַ-

קענט זיך שוין דער יוגנטלעכער מיט די אידעען און פראָגראַמען, אין נאָמען פון וועלכע עס זענען געגאַנגען אין קאַמף קלאַסן און פעלקער, און מענטשן האָבן זיך מקריב געווען פאַרן וווּל פון כלל; ער לערנט זיך אַנאַליזירן, קריטיש דענקען; ער זעט דערבײַ ווי די אידעען, אין נאָמען פון וועלכע מענטשן גייען אין קאַמף, ענדערן זיך כסדר צוזאַמען מיט די ענדערונגען אין די געז' לעבנס-באַדינגונגען בכלל. אויפן קאָנקרעטן געשיכטלעכן מאַטעריאַל באַפרײַט ער זיך ביסלעכווײַז פון געירשנטן מעטאַפיזיש פעטישיסטישן אופן פון באַנעמען דערשײַנונגען און הייבט אָן זיך צואייגענען די גרויסע שעפערישע קונסט פון דיאַלעקטיש דענקען. אויב פריִער דאַרף געלייגט ווערן מער אַכט אויפן באַשרײַבנדיקן, עמאָציאָנעל ווירקנדיקן מאַטעריאַל, — דאַרף איצט מער אַכט געלייגט ווערן אויף דעם אידעיִש פּראָגראַמאַטישן, אויף די מאָמענטן, וועלכע שטרײַכן אונטער דאָס געזעלשאַפטלעך געזעצמאָסיקע אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און אין די סאָציאַלע קאַמפן.

דער דריטער עטאַפּ אין דער אויפקלער-אַרבעט דאַרף זײַן די מאַרקסיסטישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע, די אויסטײַטשונג פון דער געשיכטע און דאָס קלאָר מאַכן אירע עקאָנאָמישע און סאָציאָלאָגישע געזעצן, די לערע וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, די אָביעקטיווע, סאָציאָלאָגיש געזעצמאָסיקע נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם.

דאָ וועט זײַן אויפן אָרט אָנצווײַזן אויף דער גרויסער דערציִערישער באַדײַטונג פון געשיכטע-לימוד, אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג בכלל. אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז די אַרבעט-פאַרטיילונג דערפירט געוואָרן צו איבערגעטריבענע, שעדלעך ווירקנדיקע גרענעצן. דאָס איז נוגע נישט בלויז דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך דער בורזשואַזיע. יעדער אונטערנעמער האָט אַ זייער באַגרענעצטן געביט פון ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט; די „פרײַע איניציאַטיוו" און די קאָנקורענץ נייטן אים זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זײַן גאַנץ וויזן צו קאָנצענטרירן אַרום זײַן עקאָנאָמישער פונקציע, וועל-

כע שטעלט פֿאַר אַ פּיצינקן פּרט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג צעשטויבט (ווי מען זאָגט: „אַטאָמיזירט") די מענטשן און פֿאַרשליסט יעדערן אין זײַן באַגרענעצטן, ענגן קעמערל. נאָך ערגער איז מיטן פּראָלעטאַריאַט: לגבי דעם פּראָלעטאַריאַט איז די אַרבעט־פּאַרטײלונג נאָך אַ גרעסערע, זי דערגייט פּשוט ביז די גרענעצן פֿון אומזיניקייט. אָפֿטמאָל באַשטייט די גאַנצע פֿונקציע פֿון פּראָלעטאַריער — אָנצודרייען אַ מוטרע אויף אַ שרויף, אָדער צוקלאַפּן אַ פֿלעקל צום אָפּצאַס, אָדער סאָרטירן סחורות אין שאַכטלען אד״גל. נאָך דער אַרבעט מוז דער אַרבעטער פֿיל צײַט און ענערגיע אָפּגעבן אויף פֿאַרטײדיקן זײַן עקאָנאָמישע „פּאָזיציע", ד״ה פֿאַר זײַן רעכט ווײַטער צו דרייען די מוטרע אָדער צוקלאַפּן דאָס פֿלעקל. אַזוי אַרום קאָנצענטרירט זיך זײַן גאַנץ לעבן אַרום אַ קלײנעם פּרט פֿון סאָציאַלן לעבן. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג באַגרענעצט אַלזאָ דעם מענטשן — צום פּרט און רײַסט אים אָפּ, דערווײַטערט אים וואָס מער פֿון אַלגעמײן מענטשלעכן. דאָס ווירקט אויסערסט שעדלעך אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פֿון מענטשן.

אָבער ווי אַזוי קאָן מען אַנטקעגנווירקן דעם דאָזיקן שלעכטס? — דורך באַזײַטיקן די אַרבעט־פּאַרטײלונג, דורך צוריקגײן צום האַנטווערק אָדער גאָר צום נאַטור־צושטאַנד? — ס'זענען געווען און ס'זענען נאָך פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס פּרעדיקן די דאָזיקע לערע (קלײנבירגערלעכער, רעאַקציאָנערער „סאָציאַליזם"). אָבער דאָס איז אַן אומזין; צוריקגײן אויף אַזאַ ריזיקן מהלך קאָן שוין נישט די מענטשהייט און זי טאָר שוין נישט, ווײַל דעמאָלט וואָלט געווען נאָך ערגער. די אַרבעט־פּאַרטײלונג איז טראָץ אַלעם — אַ פֿאָרשריט. אָבער פּונקט ווי יעדער אַנדערער פֿאָרשריט — האָט זי אויך אירע שאָטנזײַטן, אירע פֿעלערן — און אָט די פֿעלערן, די אומפֿולקאָמענהייט פֿון יעדן פֿאָרשריט ברענגט די נויטווענדיקייט פֿון אַ נײַעם פֿאָרשריט, פֿון ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג. דאָס איז אייגנטלעך דער פּשוטער זין פֿון דיאַלעקטיק, די סיבה פֿון דער אומאויפֿהערלעכער אַנטוויקלונג־קייט, — אַן אַנטוויקלונג, וועלכע דער-

נענטערט זיך קיין מאָל נישט צו קיין ענדציל, צו קיין רופונקט *).

קעגנווירקן דעם שעדלעכן אײַנפלוס פון דער איבערגעטריבענער אַרבעט-פּאַרטיילונג קאָן מען נישט דורך צוריקדרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע. דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל דערצו איז, פאַרשטייט זיך, דער סאָציאַליזם, וועלכער וועט צוריקגעבן דעם מענטשן די אַלגעמיינע זעלבאַוווסטע אָנפירונג מיטן סאָציאַלן לעבן. אָבער אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז אויך מעגלעך אַ געוויסע ווירקזאַמע קעגנווירקונג — דאָס איז די גײַסטיקע, קולטורעלע דערהייבונג פון מענטשן איבער די ראַמען פון דער באַגרענעצטקייט, וואָס עס וואַרפט אים אָן די איבערגעטריבענע קאַפּיטאַליסטישע אַרבעט-פּאַרטיילונג. איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען אויפצוהייבן דעם מענטשן צום גײַסטיקן ניוואָ פון אַ גאַנצן מענטשן — דאָס איז די געשיכטע-קענטעניש. אין דער פאָרשטעלונג פון באַגרענעצטן מענטשן לעבט דאַן אויף אין זײַן גאַנצן גיגאַנטישן פאַרנעם דער געשיכטלעכער פאָרויסמאַרש פון דער מענטשהייט; די געשיכטע-קענטעניש ברענגט צום באַוווסטזײַן דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע און געשיכטלעך שעפערישע. דער יחיד פילט זיך אין דער הײַנטיקער אָרדענונג ווי אַ פּאַסיוו שרײַפעלע פון אַ מעכטיקער מאַשין, ווי אַ שטויבעלע אויפן ווינט; אין דער געשיכטע דערזעט זיך דער יחיד אַלס הויפּט-עלעמענט פון דער מענטשהייט, אַלס שעפערישער כוח; ער פילט זיך נישט בלויז ווי אַ שרײַפעלע פון דער מאַשין, נאָר אויך ווי איר בויער און קאָנסטרוקטאָר.

*) ווען דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, ווען די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג וואָלט זיך דערנענטערט צו אַ געוויסן ענדפּונקט (ווי עס לערנט די טעלעאָלאָגיע-טעאָריע), דאַן וואָלטן מיר געמוזט אָנערקענען אַלע קאָנסעקווענצן פון דעם דאָזיקן טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. נעמלעך: אויב די מענטשהייט, אין איר געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דערנענטערט זיך צו אַן ענדציל, מוז דאָך דער דאָזיקער ענדציל זײַן פון פאָרויס באַשטימט; דאַן מוזן מיר אויך גלייבן אין אַ העכערער, איבערנאַטירלעכער קראַפט אאַז"וו. די טעלעאָלאָגישע טעאָריע לאָזט זיך, אַלזאָ, נישט פאַרבינדן מיטן מאַרקסיזם.

ער דערזעט, אַז אויך אין איינצלנעם טאָג-טעגלעכן טאַט ליגט אַן עלעמענט פון היסטאָרישער שעפערישקייט, און דאָס לערנט אים צו באַציִען זיך צו זײַנע אייגענע טאָג־טעגלעכע האַנדלונ-גען מיט אַ געפיל פון היסטאָרישער אחריות. דער דאָזיקער באַוווסטזײַן הייבט בײַם מענטשן דעם דראַנג צו אַקטיווקייט, דעם גלויבן אינעם ווערט פון זײַנע אייגענע טאַטן. דער קאַ-לײדאָסקאָפּ פון די געשעענישן אַרום זיך באַשטווערט דעם מענטשן זיך צו אָריענטירן און צו דערקענען אין דער קעגנוואַרט די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג-ליניע; די געשיכטע-קענטעניש ווײַזט אים אָבער באַשײַנפּערלעך, אַז אין די קאָמפּליצירטע, אָפּט-מאָל קעגנזעצלעכע איינצלנע געשעענישן איז דאָ אַ סאָציאַלע געזעצמעסיקייט — און דאָס גיט דעם הײַנטיקן מענטשן מוט צו זײַן טעטיק, צו קעמפן, ווײַל די געשיכטע לערנט אים, אַז אין קאַמף איז פאַרט דאָ אַ צוועק און אַ גאַראַנטיע פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

ספּעציעל וויכטיק און ווינטשנסווערט איז דער דאָזיקער היסטאָרישער באַוווסטזײַן פאַר דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן-באַוווסטזײַן בײַם פּראָלעטאַריער. ער איז אַ שטאַרקער שטיצ-פּונקט פאַר אויפהייבן די פּראָלעטאַריער איבער די גרענעצן פון פּערזענלעכן און אוממיטלבאַרן און אַרויסרוקן אויפן אויבנ-אַן פון זייער גײַסטיקן לעבן — די סאָציאַלע, די היסטאָריש שעפערישע פליכטן און אויפגאַבן. אַן אַלט גריכיש שפּריכוואָרט זאָגט: „דער מענטש שטאַרבט נישט אין גאַנצן" — דאָס, וואָס ער שאַפט דויערהאַפטעס, דאָס בלײַבט נאָך אים אַלס אומ-שטערבלעכעס. די קענטעניש פון דער געשיכטע ווײַזט אונדז טאַקע דאָס אומשטערבלעכע, וואָס יעדער איינער קאָן מיט-שאַפן, זײַענדיק געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. דער דאָזיקער באַ-וווסטזײַן הייבט דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל, די אָפּשאַצונג פון אייגענעם ווערט פאַר דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, און דאָס גיט צו קראַפט און ווילן צום אָנטייל אין סאָציאַלן קאַמף און צום שטעלן אים העכער פון די פאַריבערגייענדיקע פּערזענ-לעכע אינטערעסן. איינע פון די ביאָלאָגישע געזעצן לערנען אונדז, אַז יעדער אָרגאַניזם גייט אַדורך אינעם פּעריאָד פון עמבריאָנאַלער אַנטוויקלונג אין אַ געפּרעסטער צײַט די גאַנצע

אָרגאַנישע געשיכטע פון זײַן מין ביז ער דערגייט צו דער קעגנווערטיקער, פולקאָמסטער לעבנספאָרם. דאָס זעלבע געזעץ איז גילטיק אויך פאַר דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג. אַדורכגייענדיק אין אַ געפרעסטער פאָרם אינעם באַוווסטזײַן די גאַנצע סאָציאַלע געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווערט בײַם פּראָלעטאַריער באַדײַטנד פאַרטיפט און פאַרברייטערט דער קלאַסן-באַוווסטזײַן, ד״ה דער באַוווסטזײַן פון דער סאָציאַלער נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם און פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער ראָל, וועלכע דער אַרבעטער-קלאַס איז באַרופן צו שפּילן בײַם פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, אַלס פּועל-יוצא פון דער גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דעריבער דאַרפן מיר גאָר הויך שעצן די באַדײַטונג פון דער געשיכטע-קענטעניש (אין מאַרקסיסטישער באַלײַכטונג) פאַר דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן-באַוווסטזײַן און אַלס דערציִערישן מיטל צוצוגרייטן גײַסטיק די אַרבעטער-יוגנט צו דערפילן אירע היסטאָרישע אויפגאַבן.

ב) *אַקטיוויטעט*

דאָס אויסקריסטאַליזירן זיך פון קלאַסן-באַוווסטזײַן און דאָס פאַרשטיין די געזעצן און אַנטוויקלונג-וועגן פון דער מענטשלעכער געשיכטע פירט אַרויס דעם פּראָלעטאַריערס גײַסטיק לעבן איבער די גרענעצן פון זײַנע דירעקטע פּערזענלעכע אינטערעסן און רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט פון זײַן באַוווסטזיניק לעבן די גרויסקייט פון זײַן סאָציאַלער ראָל, די אַלגעמיין מענטשלעכע פליכטן און אויפגאַבן, וועלכע דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג-פּראָצעס האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

פון דאָזיקן קלאַסן-באַוווסטזײַן פליסט אַרויס די פליכט פון סאָציאַלער שעפערישקייט; אַראַנק אים מוז אַנטשטיין דאָס אינערלעכע געפיל און טיפער דראַנג צו אַקטיוויטעט, וועלכער איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון אמתן קלאַסן-באַוווסטזײַן. אָנעם דראַנג צו אַקטיווקייט איז דער קלאַסן-באַוווסטזײַן נאָך נישט דערגאַנגען צו זײַן געהעריקער אידעיִשער מדרגה און קלאָרקייט.

אָבער די אַנטוויקלונג פון קלאַסן-באַוווסטזײַן ביז צו זײַן העכסטער מדרגה, ד״ה ווען דער דראַנג צו אַקטיווקייט און סאָציאַלער שעפערישקייט ווערט זײַן הויפּטאינהאַלט, טרעפט אָן אין דער פּראַקטיק אויף פיל מניעות פון פּסיכאָלאָגישער און געזעלשאַפטלעכער נאַטור.

דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל איז בײַ יעדן איינעם אור-שפּרינגלעך צוגעבונדן צו די אינדיווידועלע אינטערעסן און צילן, און ווײַזט דערבײַ אַרויס אַ טענדענץ צו פאַרבלײַבן בײַ די פּערזענלעכע ראַמען און האָריזאָנטן, ווײַזט אַרויס אַ געוויסן אינערלעכן ווידערשטאַנד קעגן אויסברייטערן זײַנע ראַמען. פּונקט ווי אויף פיל אַנדערע געביטן פון לעבן, קומט דאָ אויך צום אויסדרוק דער פּרינציפּ פון עקאָנאָמיזם, ד״ה דערגרייכן מאַקסימאַלסטע רעזולטאַטן מיט דער הילף פון דער מעגלעכסט מינימאַלסטער (פיזישער און גײַסטיקער) כוחות-פאַר-ווענדונג. אויך דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל ווײַזט אַרויס אַ גע-וויסן ווידערשטאַנד קעגן אויסברייטערן זײַן האָריזאָנט אין דער ריכטונג פון גרעסערע פליכטן און אויפגאַבן, וואָס עס וואָלט געבראַנגט נאָך זיך די נויטווענדיקייט פון אַ פאַרשטאַרקטער פיזישער און פּסיכישער כוחות-פאַרווענדונג; עס וואָלט לי-בערשט געוואָלט אַלץ אַזוי אײַנאָרדענען, אַז ס'זאָלן דערגרייכט ווערן די געשטעלטע פּערזענלעכע צילן מיט דער קלענסטער ענערגיע-פאַרווענדונג.

אויך אויפן געביט, וואָס אינטערעסירט אונדז דאָ, קומט די דאָזיקע דערשײַנונג אָפטמאָל צום אויסדרוק. דער ריכטיקער קלאַסן-באַוווסטזײַן פאָדערט די העכסטע מאָס געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט, און ממילא — גרענעצלאָזע כוחות-פאַרווענדונג אין קאַמף פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל. די אורשפּרינגלעכע, באַגרענעצטע ראַמען פון פּערזענלעכקייט-געפיל שטעלן דער דאָזיקער אַנטוויקלונג אַ ווידערשטאַנד און זענען טיילמאָל גורם דאָס פאַרהאַלטן זיך פון אַנטוויקלונג-פּראָצעס פונעם קלאַסן-באַוווסטזײַן אויפן האַלבן וועג, נישט דערלאָזנדיק צו דער פולער אויסקריסטאַליזירונג פון אַקטיוויטעט-דראַנג. דאָס קומט געוויינלעך פאָר נישט באַוווסטזיניק, נאָר אין אונטערבאַ-וווסטזײַן, דורך פאַרשידענע פאַלשע אויסטײַטשונגען פון קלאַסן-

באַוווסטזײַן, דורך אַ ספּעציפישן אויפפאַסן די געזעלשאַפטלעכע פליכטן אד״גל. עטלעכע טיפּישע בײַשפּילן, וועלכע טרעפן זיך אין דער פּראַקטיק, וועלן מיר דאָ ברענגען.

איין פאַלשער וועג באַשטייט אין דער פּ אַ ט אַ ל י ס ט י-ש ע ר אויפפאַסונג פון געשיכטלעכן פּראָצעס. אַזעלכע מענטשן פאַסן אויף דעם מאַרקסיזם מער ווייניקער אַזוי: דער מאַרק-סיזם לערנט אונדז, אַז אין דער געשיכטע קומט צום אויס-דרוק אַ געוויסע סאָציאַלע געזעצמאַסיקייט; דער ווילן פון יחיד האָט דאָ נישט קיין שום באַדײַטונג; ווען דעם יחיד דוכט זיך, אַז ער האַנדלט פרײַ — האַנדלט ער פאַקטיש לויט די פעסטע געזעצן פון סאָציאַלן לעבן, וועלכע שטייען איבער אים; די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג קומט פאָר אומאָפּהענ-גיק פון איינצלנעם מענטשן און אפילו אָפטמאָל קעגן זײַנע פאַרלאַנגען און אַבזיכטן. דערפון מאַכן די דאָזיקע מענטשן דעם אויספיר: איך — דער יחיד — האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טון און וואָס צו זאָגן; די געשיכ-טע וועט סײַ ווי סײַ — אָן מיר — דערפירן צו דעם, צו וואָס זי מוז, לויט די אָביעקטיווע סאָציאַלע געזעצן, דערפירן. איך קאָן דאָ גאָרנישט ענדערן אינעם לויף פון דער געשיכטע. די געשיכטע וועט זיך שוין טון אירס, און איך קאָן זיך רויִק פאַרנעמען מיט מײַנע קליינע, פּריוואַטע, פּערזענלעכע אינטע-רעסן. — אָט דער דאָזיקער פאַטאַליסטישער אופן פון פאַר-שטיין דעם סאָציאַליזם און אויפפאַסן דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן — איז נישט מער ווי אַ פּסיכאָלאָגישער תּירוץ, אַ שירמווענטל, אונטער וועלכן עס באַהאַלט זיך פּשוטסטער עגאָיִזם. דער פאַ-טאַליסטישער אופן פון אויפפאַסן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג איז דעריבער נישט קיין רעזולטאַט פון פאַלשן פ אַ ר ש ט י י ן דעם מאַרקסיזם, נאָר קומט גאָר פון אַן אַנדער זײַט — עס ווערט דיקטירט דורך די עגאָיִסטישע ג ע פ י ל ן, און זײַן ציל איז צו שאַפן אינעם אייגענעם באַוווסטזײַן אַ האַרמאָניע צווישן דער מאַרקסיסטישער לערע, צווישן קלאַסן-באַוווסטזײַן און עגאָיִסטישן אינהאַלט פון פּערזענלעכקייט-געפיל. — אַזעלכע מענטשן אין פּראָלעטאַרישן לאַגער זענען אָפטמאָל גאַנץ דיס-ציפּלינירטע מיטגלידער, דערפילן פּינקטלעך די נאָרמאַלע

פליכטן (צאָלן שטײַער, אָבאָנירן די פרעסע אד"גל), זיי זענען גאַנץ באַלעזן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור און זייערע קענטעניש ן קאָנען אפילו זײַן גאַנץ היפשע, זיי קאָנען אפילו מיט אַ גלאַטיק צינגל אויסלייגן אַלע פּרינציפּן פון דער מאַרקסיסטישער לערע אאַז"וו, — אָבער זיי זענען נישט פעיִק צו קיין שום גרעסערער געזעלשאַפטלעכער אָנשטרענגונג, צו קיין שום סאָציאַלן קרבן, זיי פילן נישט אין זיך דעם דראַנג צו סאָציאַלער שעפערישקייט, זייער דענקען קאָן זײַן באַהערשט דורך די מאַרקסיסטישע פּרינציפּן, זייער לעבן אָבער — איז געווידמעט נאָר זיך אַליין. דער קלאַסן-באַוווסטזײַן האָט באַהערשט זייער אינטעלעקט, אָבער ער האָט נישט באַוויזן אַרײַנצודרינגען אין דער געפיל-ספערע, אַרויס-רופן צום לעבן די אינטעלעקטועלע געפילן אַלס מעכטיקער אימפּולס צו שעפערישע טאַטן. דעריבער פאַרשטייען זיי די ריכטיקייט פון סאָציאַליזם, זיי פילן אָבער נישט די פאַר-זענלעכע באַדערפעניש אים צו פאַרווירקלעכן; די סאָציאַלע אידעע איז נישט געוואָרן דער קערן פון זייער פאַר-זענלעכקייט-געפיל, האָט זיך נישט פאַרוואַנדלט בײַ זיי אינעם פאַרזענלעכן ציל. אָבער אַזוי ווי דאָס זענען אָנהענגער פון סאָציאַליזם, באַזײַטיקן זיי די דיסהאַרמאָניע צווישן אמתן אינ-האַלט פון קלאַסן-באַוווסטזײַן און זייער עגאָיִסטישן פאַרזענלעכ-קייט-געפיל, — דורכן פּאַטאַליסטישן פאַרשטיין די גע-שיכטע און אויפפאַסן דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן, שאַפנדיק אַזוי אַרום בײַ זיך אין באַוווסטזײַן די פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען פאַר זייער האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן. אַלזאָ: די פּאַטאַליסטישע געשיכטע-אויפפאַסונג איז נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער תּירוץ פאַרן נישט פולשטענדיקן קלאַסן-באַוווסטזײַן.

אַ צווייטער טיפּ זענען יענע, בײַ וועלכע דער קלאַסן-באַוווסטזײַן לעבט זיך פולשטענדיק אויס סוביעקטיוו. די דאָזיקע מענטשן געפינען זייער פולשטענדיקע סאָציאַלע גע-וויסן-באַפרידיקונג אינעם שטודירן, אין אידעיִשן, אינער-לעכן סוביעקטיוון איבערלעבן דאָס אַלץ, וואָס דער מאַרקסיזם לערנט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעל-שאַפט און וועגן סאָציאַליזם אַלס נויטווענדיקייט;

דאָס סוביעקטיווע איבערלעבן די סאָציאַלע נויטווענדיקייט פון
סאָציאַליזם — פאַרטרעט פאַר אַזעלכן די באַדערפעניש צו
פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם; די רעאַלקייט אינעם געדאַנק —
פאַרטרעט די רעאַלקייט אינעם לעבן. דאָס גראַנדיעזע בילד
פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, וועלכעס עס שטעלט זיי
פאָר די סאָציאַלע דערקענטעניש, פאַרטרעט בײַ זיי פולשטענ-
דיק דאָס רעאַלע לעבן; זיי פאַרגעסן, אַז זיי דאַרפן זיך נישט
בלויז צוקוקן און באַוווּנדערן פרעמדע טאַטן, נאָר אויך אַליין
זײַן טעטיק; זיי לעבן זיך אויס פולשטענדיק אינעם געדאַנק
און געפיל. — אויך אין דעם פאַל, ווען די סוביעקטיווע אינ-
טעלעקטועלע איבערלעבונג איז אַזוי שטאַרק, אַז זי פאַרטרעט
פולשטענדיק די באַדערפעניש נאָך אַקטיווקייט, האָבן מיר צו
טון מיט אַ געוויסן-תירוץ, וועלכער פאַרשטעלט פאַרן
אייגענעם באַוווּסטזײַן, מיט דער הילף פון גרענעצלאָזן שטו-
דיר-אייפער, דעם פאַקט, אַז דאָס פערזענלעכקייט-געפיל איז
געבליבן בײַ זײַן עגאָיסטישן אינהאַלט. טראָץ זײַן הויכן אינ-
טעלעקטועלן ניוואָ און גײַסטיקן ווערט בכלל, דינט אָבער דער
דאָזיקער שטודיר-אייפער נאָר אַלס מיטל פון סוביעקטיוון,
גײַסטיקן, פערזענלעכן גענוס. די דאָזיקע האַנדלונג
ווערט געוויינלעך פאַרן אייגענעם געוויסן אויף אַזאַ אופן פאַר-
ענטפערט: דער קלאַסן-באַוווּסטזײַן איז דאָך אַ באַדינג פאַרן
זיג פון סאָציאַליזם, דעריבער מוז איך דערגרייכן די העכסטע
מדרגה פון קלאַסן-באַוווּסטזײַן, כּדי ווי אַמבעסטן צו קאָנען
דינען דעם סאָציאַליזם. אָבער דער דאָזיקער טיפּ מענטשן האַלט
קיין מאָל נישט זייער צוגרייט-פעריאָד פאַר געענדיקט, און זיי
גרייטן זיך אייביק צום קאַמף, נעמען אין
אים אָבער קיין מאָל נישט אָנטייל. דער דאָזיקער
צוגרייט-מאָטיוו איז נאָר אַ געוויסן-תירוץ, ווײַל דער תּוך פון
סאָציאַליזם באַשטייט אין סאָציאַלער אַקטיווקייט און שעפעריש-
קייט („אומוואַנדלענדע פּראַקטיק“, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס).
די דאָזיקע מענטשן זוכן נאָר דעם פערזענלעכן (מעג זײַן גײַס-
טיק הויכוערטיקן) גענוס, און דעריבער ענדיקט זיך פאַר זיי
דאָס גאַנצע פּראָבלעם מיטן פּראָצעס פון דערקענטעניש, פון
סוביעקטיווער איבערלעבונג. דער מאַרקסיזם איז בײַ זיי נישט

קיין באַפעלער פון רעאַלער, סאָציאַלער שעפערישקייט, נאָר אַ מיטל פאַר פערזענלעכן, עסטעטישן און גייַסטיקן געניס. דער שטודיר־אייפער און צוגרייט־מאָטיוו איז נישט מער ווי אַ געוויסן־תּירוץ, כּדי פּסיכאָלאָגיש צו דערמעגלעכן די סוביעקטיווע האַרמאָניע צווישן אינטעלעקטועלן באַוווסטזייַן און עגאָיסטישן אינהאַלט פון פערזענלעכקייט־געפיל.

צווישן דער ייִדישער יוגנט איז פאַראַן אַ גאַנצע באַוועגונג, וועלכע פאַרטרעט דעם דאָזיקן מענטשנטיפּ. דאָס איז די שומרים־באַוועגונג. זיי האַלטן זיך פאַר סאָציאַליסטן און דווקא — פאַר די בעסטע סאָציאַליסטן, ווייַל זיי שטודירן אים דאָך זייער געוויסנהאַפט און זייער גענוי, און אין שטודיום זעען זיי דעם בעסטן וועג פון דערקענען און באַנעמען דעם זין פון סאָציאַליזם. האַלטנדיק זיך פאַר די בעסטע קענער פון סאָציאַליזם, דערלויבן זיי זיך טאַקע פון צייַט צו צייַט, מיטן באַקאַנטן פאַרריסענעם טאָן פון „בעסער ווייסער", צו לערנען אַ קאַפּיטל סאָציאַליזם מיט דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער וועלט און קודם־כּל מיט די — וואָס שטייען אין קאַמף פאַר אים. בחנם וועט איר אָבער זוכן אין זייער באַרעדעוודיקייט דעם מינדעסטן סימן פון אינערלעכער באַדערפעניש צו אַקטיוויקייט, צו קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. און דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך: די שומרים־באַוועגונג איז אַ טיפּיש קלייַנבירגערלעכע באַוועגונג; און די ייִדישע קלייַנבירגערלעכע יוגנט — אין רעזולטאַט פון דער ספּעציעלער סאָציאַלער אָנמעכטיקייט און פאַרלוירנקייט פון ייִדישן קלייַנבירגערטום — זוכט איבערצוווינדן איר סאָציאַלע מינדערווערטיקייט דורך פאַרנעמען זיך (נאָר מיטן מויל) מיט די גרעסטע און קאָמפּליצירטסטע סאָציאַלע וועלט־פּראָבלעמען. אָבער בייַ דעם בלייַבט עס. אמת, אַז בייַ די שומרים געפינט זיך אַ געוויסער טייל פּראָלעטאַרישע יוגנט, אָבער נישט זיי, נאָר די קלייַנבירגערלעכע פירער געבן דעם טאָן און אינהאַלט דער שומרים־באַוועגונג. די דאָזיקע קלייַנבירגערלעכע פירער האָבן אַ באַציִונג צו די פּראָלעטאַרישע מיטגלידער זייערע — ווי ענגלישע מיסיאָנערן צו אַפריקאַנישע נעגערס.

וועגן אַנדערע, כּלומרשט אַקטיוויסטישע אויפגאַבן פון דער שומרים-באַוועגונג, איז דאָ נישט דאָס אָרט צו רעדן. זיי האָבן אויך נאָר דעם ווערט פון אַ פּסיכאָלאָגישן תּירוץ.)

פאַראַן נאָך אַ דריטער טיפּ, שוין פון צווישן די אַקטיווע, ביי וועלכע דער קלאַסן-באַוווסטזיין האָט נישט באַוויזן צו אַנט-וויקלען דעם אַקטיווקייט-דראַנג אין זיין ריינסטער סאָציאַלער פאָרם, און וועלכע פאַרדעקן די דאָזיקע אומפולקאָמענהייט זייערע אונטער אַ באַקוועמען תּירוץ פון *אויסערלעכע שטערונגען*. מען קאָן זיי אָנרופן „אַקטיוויסטן — אויף אורלויב”. אומעטום איז לייכט אָנצוטרעפן אָט דעם טיפּ טוער. זייער אָפט ווערן זיי ברוגז, כּסדר ווערן זיי „באַעוולהט”, און זייער אָפט וואַרפן זיי די אַרבעט, אָבער שטענדיק — ווי זיי דערקלערן — צוליב *יענעמס שולד*. עס הייסט, זיי ווילן אַרבעטן, ווילן זיין אַקטיוו, נאָר מען לאָזט זיי נישט, מען שטערט זיי דערין. מיט וואָס? — מען דערשאַצט זיי נישט, אָדער מען באַרויבט זיי „אין זייערע רעכט און קאָמפּעטענצן”, אָדער מען גיט זיי נישט קיין „אַנטשפּרעכנדע” אַרבעט. אַז דאָס זענען פוילע תּירוצים — איז קלאָר. אמת טאַקע, מען דאַרף נישט גרינגשעצן די פּערזענלעכע מאָמענטן, מען דאַרף-ספּעציעל אין אַ יוגנט-אָרגאַניזאַציע — אַרויסווייזן געהעריקע אויפמערקזאַמקייט און פאַרשטענדעניש פאַר די פּערזענלעכע נייגונגען פון די טוער, — אָבער ווען אַפילו עס ווערט פּאַק-טיש קעגן וועמען באַגאַנגען אַן עוולה, טאָר דאָס נישט זיין קיין מאָטיוו צום אַרויסציִען זיך פון אַקטיווער אַרבעט. ווער עס שטייט באמת אויף דער געהעריקער הייך פון קלאַסן-באַ-וווסטזיין, ביי וועמען די סאָציאַלע אַקטיווקייט איז געוואָרן אַן אינערלעכע פּערזענלעכע באַדערפעניש — דער קאָן זיך פילן אפילו טיף געקרענקט פון אַן עוולה, וואָס ווערט קעגן אים באַגאַנגען, אָבער ער וועט קיין מאָל דערפאַר נישט וואַרפן אין גאַנצן די אַרבעט און זיך אָפּזאָגן פון יעדער אַקטיווקייט, ווייל ער וואָלט דעמאָלט באַגאַנגען די גרעסטע עוולה קעגן זיך אַליין, קעגן זיין טיפן אינערלעכן דראַנג צו סאָציאַלער שע-פערישקייט. ווער עס טוט עס יאָ, — ביי אַזעלכן שטייט נישט

מ. קליגסבערג — סאָצ׳ דערצ׳, 12.

אויפן ערשטן אָרט די אינערלעכע באַדערפעניש פון סאָציאַלער שעפערישקייט, נאָר דאָס וויכטיקסטע איז ביי אים פּ ע ר ז ע נ- ל ע כ ע ר אָ נ ז ע ן, די עגאָיסטישע נוצן, וואָס עס ברענגט אים פּערזענלעך די געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט. דעריבער — ווען זייער עגאָיסטיש פּערזענלעכקייט-געפיל ווערט באַוואָלהט אָדער אָנגעריקט, פאַרשווינדט דער פּאַקטישער — מערסטנטיילס אין אונטערבאַוווסטזיין פאַרבאָרגענער — מאָטיוו פון אַקטיווי- טעט, און עס קומט דער דראַנג נאָך פּערזענלעכן אָנזען — די מאַכטשטרעבונג. די „א ו י ס ע ר ל ע כ ע ש ט ע ר ו נ ג ע ן" זענען נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער תירוץ ביים דאָזיקן מין אַקטי- וויסטן, כּדי צו ברענגען צו אַן אינערלעכן איינקלאַנג צווישן זייער אינטעלעקטועלן קלאַסן-באַוווסטזיין און דער בלויזער פּ אַ ר ש ט ע נ ד ע נ י ש פאַר דער נויטווענדיקייט פון אַקטיווי- קייט — מיט דעם פאַרבאָרגענעם עגאָיסטישן אינהאַלט פון פּער- זענלעכקייט-געפיל.

פון דעם טיפּ אַקטיוויסטן טיילט זיך אויס אַ באַזונדערע גרופּע, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן נאָמען פּ אָ ל י ט י ק אַ- נער. דאָס זענען מענטשן, וואָס אויסשליסלעך און אַליין דאָס פּאָליטישע לעבן אין ענגסטן זין פון וואָרט אינטערעסירט זיי, און זיי האַלטן פאַר נוצלעך און דערלאַזבאַר נאָר אויף דעם געביט צו זיין אַקטיוו. פאַרשטייט זיך, דאָס איז אַן „אַקטיווי- טעט" אין געגנדזנפּיסלעך, ווייל מערסטנטיילס דריקט זיך די דאָזיקע פּאָליטישע „אַקטיוויטעט" אויס אין גרענעצלאָזער דיס- קוסיע, אין אַ ווילן אַ דעה צו זאָגן דער גאַנצער וועלט און מיט לייכטזיניקער זעלבסטזיכערקייט אורטיילן וועגן אַלץ אויף דער וועלט. יעדע אַנדערע אַרבעט האַלטן זיי פאַר מינדער- ווערטיק אָדער גאָר פאַר שעדלעך, ווייל עס ציט פלומרשט אָפּ דעם יוגנטלעכן פון אייגנטלעכן נוצלעכן שעפערישן אינ- טערעס — פון אינטערעס צום פּאָליטישן לעבן. שוין דער פּאַקט אַליין, אַז זייער ג אַ נ צ ע ר אינטערעס איז געווידמעט א ו י ס ש ל י ס ל ע ך דעם פּאָליטישן לעבן, אַ געביט, וועל- כער גיט פאַר יוגנטלעכע דעם קלענסטן רעאַלן באָדן פאַר ווירקלעכער שעפערישער אַקטיווקייט, — שוין דער פאַקט אַליין באַווייזט, אַז זייער אַקטיוויטעט-דראַנג גייט ביי זיי אין אַ פאַל-

שער ריכטונג און ווערט געברענגט אין באַוועגונג דורך מאָטיוון, שעדלעכע פֿאַר זייער ווײַטערדיקער פּערזענלעכער אַנטוויקלונג. דער פּאַקטישער מאָטיוו פֿון זייער אויסשליסלעכער פּאָליטישער „אַקטיוויטעט“ איז דער איבערגעטריבענער דראַנג נאָך פּערזענלעכן אָנזען. פֿאַרנעמען זיך מיט „קליינלעכע“ זאַכן פֿון אַרבעט-געביט פֿון דער סאָצ׳ יוגנט-באַוועגונג שמעקט זיי נישט, ווײַל דאָס זענען „קינדישע“ זאַכן; זיי ווילן זיך פֿאַרנעמען אויסשליסלעך מיטן וויכטיקסטן, וואָס איז פֿאַראַן אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן — מיט דער „ריינער“ פּאָליטיק; זיי פֿילן נישט דעם דראַנג צו רעאַלער טעטיקייט און שעפֿערישקייט אין די ראַמען פֿון זייערע רעאַלע כּוחות, ווײַל די דאָזיקע כּוחות זענען צו קליין צו דערגרייכן אַזאַ איבערגעטריבן גרויסן אָנזען, צו וועלכן זיי שטרעבן. כּדי צו דערגרייכן אַ וואָס גרעסערן אָנזען און באַדײַטונג, האָבן זיי זיך אויסגעקליבן דאָס אָנגעזעענסטע געביט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, כאָטש זייער לײַסטונגס-פֿעיִקייט אויפֿן דאָזיקן געביט איז לעכערלעך קליין. אַלזאָ: דער מאָטיוו פֿון איבערגעטריבענער (איך שטרײַך אונטער – איבערגעטריבענער, ווײַל אַ נאָרמאַלער אינטערעס צום פּאָליטישן לעבן בײַ יוגנטלעכע איז נייטיק און נוצלעך) פּאָליטיקאַנערײַ בײַ יוגנטלעכע איז אויך – דער עגאָיִסטישער אינהאַלט פֿון פּערזענלעכקייט-געפֿיל, די שטרעבונג צו באַקומען וואָס מער אָנזען. דער פּאָליטיקאַנער וויל עס דערגרייכן דערמיט, וואָס צוטשעפּענדיק זיך צו אַ זייער וויכטיקן ענין (פּאָליטיק) – מיינט ער שוין דערמיט אַליין צו ווערן וויכטיק און אָנזעעוודיק. אַלזאָ, די לעבנס-אײַנשטעלונג פֿון אַזעלכע פּאָליטיקאַנער איז נאָר אַ געוויסן-תּירוץ, כּדי צו שאַפֿן דעם סוביעקטיוון אײַנקלאַנג צווישן זייער נישט פֿולשטענדיקן קלאַסן-באַוווסטזײַן און דעם עגאָיִסטישן אינהאַלט פֿון פּערזענלעכקייט-געפֿיל, וואָס שטרעבט קודם-כּל צו וואָס גרעסערן פּערזענלעכן אָנזען.

וואָס ווערט מיט די דאָזיקע פּאָליטיקאַנער? — אָדער זיי גייען ווײַטער אויף דעם זעלבן וועג און פֿאַרוואַנדלען זיך אין פּרוכטלאָזע קיביצער און בילדן אויס אַ באַקאַנטן קאָמישן טיפּ, וואָס ברענגט קנאַפּן נוצן דער באַוועגונג, אָדער — וואָס געשעט

אָפּטער — ס'קומט בײַ זיי פאַר פריִער אָדער שפּעטער אַ פּערזענלעכע רעאַקציע, אַ נישט ווייניקער אייגנזינטיקע, ווי די פריִערדיקע פּאָליטיקאַנערײַ: זיי גייען אַוועק „אין פּריוואַטן לעבן", און ריין פּערזענלעכע אינטערעסן פאַרנעמען נאָכהער זייער גאַנצן לעבנס-האָריזאָנט *).

אויסער די אויסגערעכנטע כאַראַקטעריסטישע טיפּן, טרעפן מיר אָן אין דער פּראַקטיק גאַנץ אָפט דערשײַנונגען, בײַ וועלכע ס'קומט צום אויסדרוק דער פאַקט, אַז דער קלאַסן-באַוווּסטזײַן, כאָטש ער שטייט אויף אַ גאַנץ הויכן אינטעלעקטועלן ניוואָ, האָט נאָר באַהערשט דעם פאַרשטאַנד און איז געבליבן אָן אַ געהעריקער ווירקונג אויפן געפיל און אויפן ווילן, ד"ה ער האָט נישט דורכגעדרונגען די פּערזענלעכקייט און זיך נישט פאַרוואַנדלט אין אַ פּערזענלעכן ציל.

וואָס איז די סיבה דערפון? — זייער פיל האָבן דאָ צו זאָגן די פּערזענלעכע איבערלעבונגען, די פאַרגאַנגענהייט פון יעדן מענטשן באַזונדער; די יוגנט-ביאָגראַפיע האָט פיל צו זאָגן וועגן דער גאַנצער ווײַטערדיקער אײַנשטעלונג פון פּערזענלעכן לעבנסוועג, אָבער דעצידירנד זענען די דאָזיקע מאָמענטן נישט. דעצידירנד איז די קראַפט פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג. דעצידירנד איז זי אין דעם זין: בײַ אַ געהעריקער אָנווענדונג און בײַ אַ שטאַרקן דורכדרינגען פון גאַנצן גײַסטיקן לעבן פון מענטשן קאָן דער סאָציאַליסטישער אידעאַל איבערווינדן און דורכברעכן די שטאַרקסטע שטערונגען פון

*) אזעלכע פאקטן זענען באקאנט זייער א סך. איך וועל זיך דערלויבן דא צו ברענגען איין כאראקטעריסטישן (אויטענטישן!) פאקט: מיט יארן צוריק איז געווען אין דער „צוקונפט" טעטיק איינער אזא טיפישער פאליטיקאנער. אויף א צוזאמענפאר פון דער „צוקונפט" איז ער ארויסגעטרעטן קעגן „יוגנט-וועקער" מיט א טענה, פאר וואס ער דרוקט ארטיקלען... וועגן היגיענע. בעסער אויף דעם ארט צו דרוקן פאליטישע ארטיקלען, האט ער געזאגט. דאס דרוקן ארטיקלען וועגן היגיענע און אנדערע אזעלכע נייטראלע טעמעס האט ער באטראכט ווי א כיטרן מאנעוור, כדי צו פארטושן דעם קלאסן-באוווסטזיין פון די יוגנטלעכע ארבעטער. פארשטייט זיך, אז ער איז אוועק צו די קאמוניסטן. היינט (שוין היפשע עטלעכע יאר) איז ער אין פאריז באקאנט אלס איינער פון די בעסטע... טענצער און איז א פאפולערע פיגור אין די טאנצזאלן פון פאריזער יידישן קווארטאל.

כאַראַקטער, וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון דער פריערדיקער פערזענלעכער אַנטוויקלונג פון יחיד. די סאָצ׳ יוגנט-באַוועגונג פירט אָבער אָפּטמאָל איר אַרבעט איינזייטיק. מען לייגט זייער פיל אַכט אין דער דערציִונג-אַרבעט אויף דער אינטעלעקטועלער אויפקלערונג, אויף פאַרשטענדלעך מאַכן די סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, — און מען פאַרנאַכלעסיקט דאָס געהעריקע באַווירקן די געפיל- און ווילן-ספערע פון גייסטיקן לעבן. אין דער דאָזיקער פראַגע איז איינגעבירגערט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט אַ ראַציאָנאַליסטישער צוגאַנג צו דער זאַך, כאָטש מען זאָגט עס נישט אָפן אַרויס. מען טראַכט זיך אַזוי: ווען עמעצער פאַרשטייט די ריכטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער לערע און איז איבערצייגט, אַז דאָס אַנטשפּרעכט זיינע אינטערעסן, דאַן מוזן שוין אויטאָמאַטיש אויך די געפילן אַנטשפּרעכנד זיך אומוואַנדלען, נאָכהער אויך דער ווילן, און ממילא מוז קומען דער טאַט, דער ווילן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעען. דאָס זעט אויס צו זיין גאַנץ לאָגיש, אָבער עס איז נישט ריכטיק. דער דאָזיקער בליק נעמט אָן שטילשווייגנד דעם ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אַז די געפילן און דער ווילן זענען אונטערגעוואָרפן, זענען בלויז פונקציעס פון פאַרשטאַנד. ס׳איז אָבער שוין פון לאַנג פעסטגעשטעלט אין דער פּסיכאָלאָגיע, אַז אַזוי איז עס נישט. אמת: פאַרשטאַנד, געפיל און ווילן זענען צווישן זיך שטאַרק פאַרקניפּט און פאַרקייטלט, אָבער יעדער פון זיי האָט זיך זיינע אייגענע זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונגוועגן, און איינער איז קיין מאָל נישט קיין פּשוטער, פּאַסיווער געצייג בײַם צווייטן. ס׳איז טאַקע ריכטיק, אַז מענטשן האַנדלען שטענדיק לויט זייערע אינטערעסן, וועלכע ס׳מאַכט זיי קלאָר דער אייגענער פאַרשטאַנד, אָבער דער דאָזיקער שכלדיקער כּלל זאָגט נאָך גאָרנישט, ווײַל דער באַגריף „אינטערעס” איז אַ זייער עלאַסטישע אַבסטראַקציע, און זיין איגהאַלט ווערט אויסשליסלעך סוביעקטיוו באַשטימט. וואָס בײַ איינעם הייסט „אינטערעס”, קאָן בײַם צווייטן אַבסאָלוט נישט אָנרירן דעם קרייז פון זיין אינטערעסן-באַוווסטזיין. למשל: די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם אפילו פאַרן

פרײַז פון אָפּזאָגן זיך פון פּערזענלעכן נוצן — איז דער אינ־
טערעס פון פּראָלעטאַריאַט לויט דער אויפפאַסונג פון באַוווּסט־
זיניקן פּראָלעטאַריער; אָבער באַקומען אַרבעט, כּדי צו קאָנען
דערנערן די הונגערנדע פאַמיליע — איז אויך אין אינטערעס
פון פּראָלעטאַריער, און אַ טייל פילן דעם דאָזיקן אינטערעס
אַזוי אוממיטלבאַר, אַז זיי זענען גרייט צו גיין אַרבעטן אין
אַ פאַרשטרײַקטער פאַבריק אָדער אַרויסשטויסן אַ צווייטן
פּראָלעטאַריער פון אַרבעטפּלאַץ, אַבי צו פאַרווירקלעכן דעם
דאָזיקן „אינטערעס". יעדער האַנדלט טאַקע לויט זײַנע אינטע־
רעסן, אָבער דאָס פּראָבלעם באַשטייט דערין, ווי אַזוי פאַסט
יעדער איינער אויף זײַן „אינטערעס". לויט וועלכן אינטערעס
האַנדלט געוויינלעך דער פּראָלעטאַריער? — לויט דעם, וועל־
כער באַוועגט אוממיטלבאַר זײַן ווילן. אָבער דער ווילן שטייט
אין אַן ענגערער און אוממיטלבאַרער פאַרבינדונג מיט די גע־
פילן, און דעריבער האַנדלט יעדערער לויט די אינטערעסן,
וועלכע באַווירקן דירעקט זײַנע געפילן. און די אַנדערע אינ־
טערעסן, וועלכע זענען טאַקע קלאָר פאַרן פאַרשטאַנד, אָבער
האָבן נישט דורכגעדרונגען די געפיל־ספערע, קאָנען נישט ווערן
קיין אימפּולס, קיין טרײַבקראַפט צו האַנדלונגען. אָבער דער
מענטש פאַרטראָגט נישט קיין אינערלעכן אַנטאַגאָניזם; אויב
ס'עקזיסטירט אַזאַ אַנטאַגאָניזם צווישן פאַרשטאַנד און געפיל,
גלײַכט אים דער מענטש אויס דערמיט, וואָס ער פאַסט צו די
געדאַנקען צו די געפילן; ער פאַסט אויף די אידעען אַזוי, אַז
זיי זאָלן זײַן אין אײַנקלאַנג מיט די לייטנדע געפילן. דערפון
נעמט זיך דער זייער פאַרשידנאַרטיקער אופן פון פאַרשטיין
און אויפפאַסן איינע און די זעלבע אידעען דורך זייערע איי־
גענע אָנהענגער (וואָס עס געשעט אויך אין דער סאָציאַליס־
טישער וועלט). מיינונג־פאַרשידנהייטן זענען נישט בלויז דער
רעזולטאַט פון דירעקטן פ אַ ר ש י ד ע נ ע ם אופן פון פ אַ ר־
ש ט יי ן די אידעען, ד"ה פון דער פאַרשידענער קראַפט פון
דער לאָגיק, נאָר קודם־כּל דערפון, ווי אַזוי די לייטנדע פּער־
זענלעכע געפילן האָבן צוגעפּאַסט צו זיך, באַאַרבעט די אי־
דעען, כּדי זיי זאָלן זײַן אין אײַנקלאַנג מיטן אינהאַלט און
ווצזן פון פּערזענלעכקייט־געפיל. מיינונג־פאַרשידנהייטן, כאָטש

זיי געפינען זייער אויסדרוק אין אידעען, האָבן אָבער זייער ווינציקסטן קוואַל אין די געפילן, אינעם כאַראַקטער און וועזן פון פערזענלעכקייט-געפיל. אויב מיר הייבן נישט אויף דאָס פערזענלעכקייט-געפיל צום ניוואָ פון דער אידעע, שלעפּט עס אַראָפּ די אידעע צו זײַן אורשפּרינגלעכן ניוואָ, צום ניוואָ פון פּרימיטיוון, אינדיווידועל באַגרענעצטן פערזענלעכקייט-געפיל.

אויב מיר ווילן דערציִען אַ טאָטפעיִקן סאָציאַליסט, אַ טיפּ פון אַ קעמפער, וואָס די באַדערפעניש צו זײַן אַקטיוו, סאָציאַל שעפעריש איז אַן אומאָפּטיילבאַרער באַשטאַנדטייל פון זײַן גאַנצן פערזענלעכן וועזן, — דאַן טאָרן מיר נישט איגנאָרירן דאָס פערזענלעכקייט-געפיל, פאַרקערט: מיר קאָנען דעם דאָזיקן ציל דערגרייכן נאָר דאַן, ווען פאַראַלעל מיט דער אידעאָלאָגישער אַנטוויקלונג וועלן מיר אַרבעטן אויך אין דער ריכטונג פון העכער הייבן, אויסברייטערן און פאַרטיפן דאָס פערזענלעכקייט-געפיל, דעם פאַרנעם און אינהאַלט פון אינערלעכן, פערזענלעכן לעבן. דאַן ערשט קאָן זיך די סאָציאַליסטישע אידעע פאַרוואַנדלען אינעם קערן פון פערזענלעכקייט-געפיל; דאַן איז די סאָציאַליסטיש קעמפערישע אַקטיוויטעט נישט בלויז אַ געזעלשאַפטלעכע פליכט, נאָר אויך אַ טיפע פערזענלעכע באַדערפעניש, דאַן אַנטשטייט די סוביעקטיווע טרײַשאַפט צום סאָציאַליזם, די דויערהאַפטיקייט אינעם קאַמף, די פעלזן-פעסטע צוגעבונדנקייט צום סאָצ׳ אידעאַל.

און אַזוי איז טאַקע אין דער ווירקלעכקייט; דערויף האָבן מיר אומצייליקע באַווײַזן פון דער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק. אַלע גרויסע פירער פון סאָציאַליזם, אַלע די, וואָס דינען אונדז אַלס בײַשפּיל פון טרײַשאַפט, אויסדויער, אידעאַליזם און קאַמפלוסטיקייט, זענען גלײַכצײַטיק געווען (און זענען) רײַכע, קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייטן. אַזעלכע נעמען, ווי זשאָרעס, פּלעכאַנאָוו, לאַסאַל, מעדעם, מיכאַלעוויטש, דזשינסקי און פיל אַנדערע זענען אַ בולטער באַווײַז פון דער ריכטיקייט פון אונזער באַהויפּטונג. דאָס זענען אַלץ מענטשן, בײַ וועלכע די רײַכע און פרוכטבאַרע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און קאַמף איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אַ ברייט, רײַך, טיף און אַלזײַטיק פערזענלעך לעבן, בײַ וועלכע געפיל, גע-

דאַנק און טאַט זענען געוואָרן פאַרבונדן אין איין *העכער איינס*.

בײַ יעדן מענטשן זענען ווירקזאַם געדאַנקען, געפילן און ווילן. אָבער דער אידעאַל פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג איז, אַז דער געדאַנק, געפיל און ווילן זאָלן אינעם גײַסטיקן לעבן פון סאָציאַליסט זײַן אין אַזאַ באַציִונג צווישן זיך, אַז איינער זאָל נישט שטערן און ווידערשפּרעכן, נאָר דערגאַנצן דעם צווייטן. דער געדאַנק, די אידעע דאַרף רעפּרעזענטירן דעם *אינהאַלט* פון לעבן, דער ווילן — דעם דראַנג צו *אַקטיוויטעט*, און די געפילן — דאָס *סאָציאַלע*, די צוגעבונדנקייט צום קלאַס אַלס צו אַ העכער געזעלשאַפטלעך איינס און דאָס באַנעמען די קלאַסן- (געזעלשאַפטלעכע) פליכטן גלײַכצײַטיק אַלס פּערזענלעכן לעבנסציל.

אגב: דאָרטן, ווו עס פעלט כאָטש איינער פון די דאָזיקע דרײַ עלעמענטן, ווו דער געדאַנק קאָן זיך נישט פרײַ אַנטוויקלען, די געפילן ווערן אונטערדריקט און קאָנען זיך נישט פרײַ אויסלעבן, און דער ווילן ווערט פאַרטראָטן דורך בלינדער געהאָרכזאַמקייט, אָדער — ווען ס'געשעט דאָס ערגסטע: אַלע דרײַ גײַסטיקע פאַרקריפּלונגען זענען ווירקזאַם צוזאַמען, — דאָרט קאָן נישט זײַן קיין רייד וועגן אמתער סאָציאַליסטישער דערציִונג, וועגן אויסהאָדעווען אַ נײַעם סאָציאַליסטישן מענטש, טראָץ דער שרײַעדיקסטער פּראָפּאַגאַנדע...

מיר רעזומירן: דער קלאַסן-באַוווסטזײַן שטייט ערשט דעמאָלט אויף זײַן געהעריקער הייך, ווען ער איז אינערלעך ענג פאַרבונדן מיט אַ טיפן דראַנג צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, צו סאָציאַלער שעפערישקייט. דער ערשטער און וויכטיקסטער עלעמענט פון קלאַסן־באַוווסטזײַן — דאָס איז די אינטעלעקטועלע רײַפקייט, די געהעריקע אידעיִשע קלאָרקייט. אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער וועג צו הייבן דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן צו זײַן העכסטער, אַקטיוויסטישער מדרגה. עס מוזן גלײַכצײַטיק און האַרמאָניש באַאײַנפלוסט ווערן די געפילן, און זיי מוזן דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, ד״ה דער סאָציאַליסטישער אידעאַל מוז ווערן דער קערן פון פּערזענלעכקייט-געפיל. דאָס איז די

אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

ג) פּראָפּאַגאַנדע. מאַסן־פּסיכאָלאָגיע.

מיר האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז אַנטוויקלען און הייבן דעם קלאַסן־באַוווסטזיין צו זיין אַקטיוויסטישער מדרגה קאָן מען נאָר אין פאַרבינדונג מיטן אויסברייטערן דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל צום סאָציאַלן (קלאַסן־) אינהאַלט. דאָס קאָן מען דערגרייכן נישט בלויז דורך שמידן דעם געדאַנק, נאָר אויך דורך געהעריקן באַאיינפלוסן דאָס געפיל, דורך שאַפן אַ האַר־מאָניע צווישן געדאַנק און געפיל, צווישן דער אידעע און פּערזענלעכקייט־געפיל. אויך די אינטעלעקטועלע אויפקלע־רונג, דאָס באַקענען מיטן אַנטוויקלונג־וועג פון דער געשיכטע און געזעצמאָסיקייט פון עקאָנאָמישן לעבן קאָנען האָבן אַ גע־וויסע ווירקונג אויפן געפיל־לעבן און ביי געוויסע באַדינגונגען אַרויסרופן די אינטעלעקטועלע געפילן, וועלכע קאָנען זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ מעכטיקן אימפּולס צו סאָציאַלער שעפערישקייט, פונדעסטוועגן איז דאָס ווייניק, כּדי ווי געהעריק צו באַווירקן די געפיל־ספערע און צו ברענגען איר אין איינקלאַנג מיט דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. דער אייגנטלעכער וועג צו באַווירקן און איבערשמידן די געפילן, איז נישט דער וועג פון אינדיווידועלער דערציִונג, נאָר דער וועג פון מאַסן־באַ־ווירקונג, דאָס איז דאָס געביט פון **פּראָפּאַגאַנדע**.

דעם באַגריף פּראָפּאַגאַנדע נעמען מיר אין ברייטסטן זין פון וואָרט און פאַרשטייען אונטער דעם נישט בלויז די פּאָ־ליטישע אַגיטאַציע, נאָר אויך אַלע אַנדערע געביטן און מעג־לעכע מיטלען פון מאַסנהאַפטער געפיל־באַווירקונג, איינשליס־לעך קינסטלערישע. פּראָפּאַגאַנדע שיידט זיך טאַקע אונטער פון אויפקלערונג דערמיט, וואָס די אויפקלערונג זוכט צו אַנט־וויקלען דעם געדאַנק און האָט אויפן אויג דעם יחיד; די פּראָפּאַגאַנדע, אַקעגן, האָט אַלס ציל צו באַווירקן די געפילן און האָט אויפן אויג דעם קיבוץ, די מאַסע.

אַלס בולטער ביישפּיל פון דער קאָלאָסאַלער מאַכט און

ווירקונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע קאָן אונדז דינען דער היט־לעריזם אין דײַטשלאַנד. די דאָזיקע באַוועגונג האָט נישט פאַרמאָגט עפּעס מער ווי פּראָפּאַגאַנדע; איר אידעיִשער באַגאַזש איז אַזוי קינדיש, נאַיִוו און לעכערלעך, אַז ער וואָלט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די מינדעסטע זאַכלעכע קריטיק. די היט־לערישע פירער האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען און דעריבער האָבן זיי די עקספּאַנסיע פון זייער באַוועגונג געבויט אויסשליסלעך אויף פּראָפּאַגאַנדע אין אַ קאָלאָסאַלן און ביז דאַן נישט באַ־קאַנטן פאַרנעם. זיי האָבן באַוויזן מיט דער הילף פון אויס־שליסלעכער געפיל־באַווירקונג און אויסדרעסירונג צו באַשאַפן אַ מיליאָניקע, ענטוזיאַסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט נישט אָנער־קענט קיין שום מאָראַלישע און פּסיכישע מניעות אויפן וועג צום ציל. אָט דער בײַשפּיל פון היטלעריזם באַווײַזט די קאָלאָ־סאַלע מאַכט פון מאַסן־געפילן, וועלכע מען קאָן אַרויס־רופן מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע. פּראָפּאַגאַנדע איז איינער פון די מעכטיקסטע מיטלען פון גײַסטיקער באַווירקונג און געזעלשאַפטלעכער דערציִונג. אָבער דאָס איז גלײַכצײַטיק איינער פון די קאָמפּליצירטסטע מיטלען, וועלכער פאָדערט אַ ריזיקע אָנשטרענגונג, קענטעניש, סובטעלקייט און פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, אויב מען וויל מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע הייבן דעם מאָראַלישן און גײַסטיקן ניוואָ פון די מאַסן און נישט — ווי ס'טוט עס דער פאַשיזם אין אַלע זײַנע שאַטירונ־גען — אַקטיווירן די נידעריקסטע אינסטינקטן און פאַרטעמפּן יעדן געזעלשאַפטלעכן פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל.

פּראָפּאַגאַנדע — דאָס איז די מאַסנהאַפטע באַווירקונג פון מענטשן מיט דער הילף פון לענקען אין אַ באַשטימטער ריכ־טונג זייערע געפילן. דער אָביעקט פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז אַלזאָ די מאַסע. די מאַסע אַלס אַזעלכע האָט אָבער אירע באַשטימטע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן. לאָמיר זיך דעריבער פריִער באַקענען מיט עטלעכע עלעמענטאַרע באַגריפן פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט: סאָציאַליסטן, וועלכע לייגן אַזוי פיל אַכט אויף דער מאַסע און איר אַקטיווקייט, — זעענדיק דערין (און ריכטיק!) דעם איינציקן וועג צו רעאַליזירן דעם

סאָציאַליסטישן אידעאַל, — האָבן זיך ביז איצט זייער ווייניק
אינטערעסירט מיט דער אייגנאַרטיקער פּסיכאָלאָגיע פון די
מאַסן, מן הסתם — אין רעזולטאַט פון נאַיוון שטאַנדפּונקט, אַז
מען דאַרף נאָר זאָרגן דערפאַר, דער פּראָגראַם זאָל זײַן אַ ריכ·
טיקער, דאַן וועט שוין די מאַסן-אַקציע לטובת דעם ריכטיקן
פּראָגראַם — פריִער צי שפּעטער — מוזן פון זיך אַליין קו·
מען. אַקעגן, בורזשואַזע און רעאַקציאָנערע פאָרשער האָבן
שוין פון לאַנג זייער פיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער
מאַסע און אירע אייגנאַרטיקע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן. זיי
האָבן דאָס געטון אויס מורא און אומצוטרוי צו דער מאַסע;
אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט: „דערקען דעם שונא!". די
מאַסן-פּסיכאָלאָגיע איז אַמערשטן אַנטשטאַנען אין פראַנקרײַך
(לע באָן, מאַרד), ווו די מאַסן-אַקציעס (רעוואָלוציעס) האָבן
געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין איר נײַעסטער געשיכטע. די
דאָזיקע רעאַקציאָנערע פּסיכאָלאָגן, וועלכע האָבן גענומען שטו·
דירן די נשמה פון דער מאַסע אויס מורא און אומצוטרוי,
האָבן זי טאַקע געמאָלט אין די שוואַרצסטע פאַרבן. אָט איז
אַ מוסטער, ווי אַזוי די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגן שטעלן פאָר
די פּסיכאָלאָגישע גרונט-אייגנשאַפטן פון דער מאַסע: די מאַ·
סע איז אימפּולסיוו, ווערט לײַכט צערייצט, ענדערט לײַכט די
שטימונג, לאָזט זיך לײַכט באַאײַנפלוסן; איז קריטיקלאָז, לײַכט·
גלויביק און לײַכטזיניק; איז איראַציאָנעל (ד"ה — האַנדלט נישט
שכלדיק) און פאַלט לײַכט אַרונטער אונטער מאַסן-פּכיכאָזן. —
עפּעס ערגערס איז באמת שווער זיך פאָרצושטעלן. די ביר·
גערלעכע פּסיכאָלאָגן זענען כמעט אַלע אײַנשטימיק, אַז אי·
נערהאַלב דער מאַסע פאַלט דער מענטש אַראָפּ אויף אַ נידע·
ריקערן גײַסטיקן שטאַפּל, אַז עס ווערן דאָ אומטעטיק די הע·
כערע גײַסטיקע פעיִקייטן, און עס קומען צום אויסדרוק די ני·
דעריקערע גײַסטיקע אייגנשאַפטן און אינסטינקטן.

לאָמיר צוגיין צו דער זאַך אין גאַנצן אָביעקטיוו:

אַז דער מענטש ענדערט זיך גײַסטיק אין דער מאַסע—

דאָס איז אַ פאַקט. געוויסע זײַנע גײַסטיקע פעיִקייטן און
אייגנשאַפטן ווערן אומטעטיק אָדער טרעטן אָפּ אויפן צווייטן
פּלאַן; אַנדערע אייגנשאַפטן ווידער רוקן זיך אַרויס אויפן

אויבנאָן, די וויכטיקסטע אַזעלכע ענדערונגען זענען: ס'ווערט אָפּגעשוואַכט די זעלבשטענדיקייט פון דענקען און ספּעציעל — פון אַנאַליזירן; דער מענטש פאַלט לײַכט אַרונטער אונטער עמאָציאָנעלע ווירקונגען פון דרויסן; די אַרויסגערופענע דורך אויסערלעכער ווירקונג געפילן ווײַזן אַרויס אַ געשטײַגערטע קראַפט; דער מענטש ווײַזט אַרויס אַ שטאַרקע נייגונג צו באַל-דיקער האַנדלונג אונטער דער ווירקונג פון די אויפגעברויזטע געפילן און צו געהאָרכזאַמער אונטעראָרדענונג צו אַ צווייטן (אַ פירער). בקיצור: אין דער מאַסע שטאַרקן זיך בײַם מענטשן די עמאָציאָנעלע און אימפּולסיווע עלעמענטן אויפן חשבון פון די אינטעלעקטועלע.

מיט וואָס לאָזן זיך די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע ענדערונ-גען אויסטײַטשן? — די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגן ווילן דערין זען אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט, אַ פעטישיסטישע אייגנשאַפט פון דער מאַסע גופא. לויט זיי, איז די מאַסע אין איר תוך שלעכט און נידעריק, און דעריבער מאַכט זי דעם מענטשן ערגער, נידעריקער. די דאָזיקע מיינונג איז אָבער אַבסאָלוט פאַלש. די סיבות פון די גײַסטיקע ענדערונגען אינעם מענטשן, ווען ער ווערט אַ טייל פון אַ מאַסע, לאָזן זיך גאַנץ גענוי אויפקלערן און פאַרשטיין.

דער איינצלנער מענטש, ווען ער לעבט און האַנדלט זעלבשטענדיק, אָפּגעזונדערט, פאַראיינצלט — איז אָנגעוויזן נאָר אויף זײַנע אייגענע כּוחות און פעיִקייטן. און אַוודאי איז דאָס ריכטיק לגבי די לעבנס-באַדינגונגען אין דער קאַפּיטאַליסטי-שער אָרדענונג, וועלכע איז געבויט אויף „פרײַער איניציאַטיוו" און קאָנקורענץ, ווו דער מענטש איז איבערגעלאָזן נישט בלויז זיך אַליין, נאָר איז געצוווּנגען צו אַ שטענדיקער קאַמפּשטע-לונג כּמעט צו אַלץ און אַלעמען אַרום זיך. דער מענטש מוז זיך כּסדר אַליין אָריענטירן אין דער אַרומיקער סביבה; גאַנץ אָפט ענדערט זיך זײַן סיטואַציע און ער מוז זיך אויפסנײַ אָריענטירן און צופּאַסן צום אַרום, ווי אויך ענדערן דאָס רע-אַגירן אָדער די אײַנשטעלונג צום אַרום; ער מוז זיך כּסדר פאַרהיטן פון געפאַר, אויסקלייבן צווישן פאַרשידענע מעגלעכע רעאַקציעס — די ריכטיקסטע און די אַממערסטן וואַרשײַנלעכע

אויף דערפֿאָלג אאַז״וו. מיט איין וואָרט: ער טראָגט די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זיך — א ו י ף ז י ך א ל י י ן און איז אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף אייגענע כּוחות. אין דער דאָזיקער אָפּגעזונדערטער לעבנס-סיטואַציע איז דער מענטש אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף זײַן פֿאַרשטאַנד און אויף זײַן דערפֿאַרונג, כּדי צו קאָנען אונטערשיידן גוטס פֿון שלעכטס, נוצלעכס פֿון שעדלעכס, אמת פֿון ליגן. דעריבער האָט דער פֿאַרשטאַנד די פֿירנדע ראָל אין דעם טאָג-טעגלעכן לעבן פֿון פֿאַראיינצלטן, זעלבשטענדיקן יחיד. — אָבער ווען דער יחיד קומט אַרײַן צווישן אַ מאַסע, פֿאַרשווינדט (אויף דער צײַט, ווען ער איז אַ ט י י ל פֿון דער מאַסע) זײַן פֿאַראייצלטע, אָפּגעזונדערטע לעבן-סיטואַציע. ער מוז שוין נישט איינער אַליין זאָרגן וועגן זיך, ער איז שוין נישט קיין אָפּגעשלאָסענער פֿאַר זיך יחיד, וואָס איז שטרענג אָפּגעגרענעצט פֿון אַרום, נאָר ער ווערט אַ ט י י ל פֿון אַ גרעסער איינס; ער פֿאַרלירט די אינדיווידועלע זעלבשטענדיקייט לגבי דעם אַרום און ווערט אַ קעמערל פֿון אַ גרעסערן, אומפֿאַסנדן אָרגאַניזם. אין דער מאַסן-לאַגע טרעט ער אַרויס און רעאַגירט לגבי דעם אַרום נישט פֿאַראייצלט, נאָר אַלס טיילכל פֿון דער מאַסע. צוליב דער דאָזיקער ענדערונג אין דער סיטואַציע פֿון יחיד, פֿאַרלירט דער פֿאַרשטאַנד (מעג זײַן צײַטווײַליק) זײַן ראָל און באַדײַטונג פֿון אַ פֿירנדן און אָריענטירנדן גײַסטיקן אָרגאַן אינעם לעבן פֿון אָפּגעזונדערטן יחיד. אין דער מאַסע פֿאַרלירט דער יחיד זײַן אָ ב י ע ק ט י וו ע זעלבשטענדיקייט, דעריבער פֿאַרשווינדט (צײַטווײַליק) די אָנפֿירנדע ראָל פֿון אינדיווידועלן פֿאַרשטאַנד, און אַלס פּועל-יוצא דערפֿון ווערט אָפּגעשוואַכט זײַן טעטיקייט. דאָס איז די סיבה, פֿאַר וואָס די טעטיקייט פֿון פֿאַרשטאַנד און די פֿעיִקייט צו אַנאַליזירן ווערן אָפּגעשוואַכט בײַם מענטשן, ווען ער ווערט אַ טייל פֿון אַ מאַסע. די סוביעקטיווע גײַסטיקע ענדערונגען זענען אַ רעזולטאַט פֿון די אָביעקטיווע ענדערונגען אין דער פּערזענלעכער לעבן-סיטואַציע פֿון יחיד.

דערמיט זענען אויך פֿאַרבונדן די אַנדערע גײַסטיקע ענדערונגען אינעם יחיד, ווען ער גלידערט זיך אײַן אין דער

מאַסע. אין דער נײַער געענדערטער לעבן־סיטואַציע (אַלס טײלכל פון אַ מאַסע) מוזן זעלבסטפאַרשטענדלעך באַקומען אַן אַנפּירנדע ראָל אַ נ ד ע ר ע גײַסטיקע אײגנשאַפטן, װעלכע זענען מער צוגעפּאַסט צו דער נײַער סיטואַציע — דאָס זענען טאַקע די ס אָ צ י אַ ל ע ג ע פ י ל ן. װען דער יחיד װערט אַ טײלכל פון אַ קיבוץ, מוזן דעמאָלט קומען צום אױסדרוק און באַקומען אַן אַנפּירנדע ראָלע יענע גײַסטיקע קרעפטן, װעלכע זענען די גײַסטיקע באַזע און שאַפן די סובּיעקטיװע באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ קאָלעקטיװ— דאָס זענען טאַקע די סאָציאַלע געפילן. דעם באַגריף „סאָציאַלע געפילן" באַנוצן מיר דאָ נישט אין עטישן זין, נאָר אין ברײטסטן, פּסיכאָלאָגישן זין פון װאָרט; דאָס מײנען מיר די אַלע געפילן, װעלכע מאַכן מעגלעך .דעם קאָנטאַקט און די סאָלידאַרע צוזאַמענאַרבעט פון יחידים אין אַ קאָלעקטיװ, אומאָפּהענגיק פון עטישן און געזעלשאַפטלעכן װערט פון קאָלעקטיװס קאָנקרעטע האַנדלונגען. די האַנדלונג פון אַ קאָלעקטיװ, פון אַ מאַסע, באַזירט זיך אויף דער סאָלידאַרער האַנדלונג און צוזאַמענאַרבעט פון זײַנע טײלכלעך (יחידים); דעריבער מוז בײַ די דאָזיקע יחידים, אינערהאַלב דער מאַסע, װערן אַקטואַליזירט און פאַרשטאַרקט די װירקונג פון די געפילן, װעלכע שאַפן די פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען און מאַכן מעגלעך דעם קאָנטאַקט און די צוזאַמענאַרבעט פון די יחידים־טײלכלעך אין דער מאַסע.

אויך די געשװינדע גרײטקײט צו טאַט איז אַ רעזולטאַט פון דער נײַ געשאַפענער לעבן־סיטואַציע פון די יחידים אין דער מאַסע. אַלס טײל פון דער מאַסע איז דער יחיד אָ ב ־ י ע ק ט י װ זײער שטאַרק און טאַטקרעפטיק, און דעריבער ד ע ר פ י ל ט ער עס אויך סוביעקטיװ, באַװוסטזיניק. ער זעט און פילט מיט די חושים, אַז ער איז אַ טײל פון אַ ריזיקן, מעכטיקן, העכערן אײנס, — און פילנדיק דעם דאָזיקן – אפילו אין פיזישן זין – גרויסן כּוח, איז פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער ר ע אַ ל ע ר קראַפטגעפיל װערט פאַרװאַנדלט אין אַ שטאַרקן אימפּולס צום טאַט, צום פאַרװירקלעכן די געפילן, װאָס אַנטשטײען און זענען װירקזאַם אין דער מאַסע, די דאָ־

זיקע טאַטקרעפטיקייט און פיזישע רעאַליזיר-מעגלעכקייטן פון די געפילן ווירקן צוריק אויף דער פאַרשטאַרקונג פון די געפילן זעלבסט, און דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, פאַר וואָס אין דער מאַסע זענען די געפילן שטאַרקער און אימפולסיווער, ווי געוויינלעך.

ווי מיר זעען, זענען די גייַסטיקע ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אינעם יחיד, ווען ער ווערט אַ טייל פון אַ מאַסע (אָפּשוואַכונג פון די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן; דאָס פאַרשטאַרקן זיך און דאָמינירן פון די געפילן און דער דראַנג צו באַלדיקן טאַט), אַן אָביעקטיווער, רעאַלער רעזולטאַט פון יחידס געענדערטער לעבן-סיטואַציע. דאָ איז נישטאָ קיין שום איבערנאַטירלעכעס און פעטישיסטישעס; דאָס איז אין אַבסאָלוטן הסכם מיטן איבעראַל אָנערקענטן געזעץ, אַז ביַי געענדערטע סביבה-באַדינגונגען ענדערט זיך דאָס סוביעקטיווע בילד, די געמיט-איַינשטעלונג און גייַסטיקע אייגנשאַפטן פון מענטשן. דאָס זעלבע געשעט, אַגב, מיטן מענטשן נישט בלויז אינערהאַלב דער מאַסע, נאָר גאַנץ אָפט אויך אין אָפּגעזונדערטן, פאַראיינצלטן לעבן-צושטאַנד, אויב עס קומט פאָר אַ ראַדיקאַלע, פּלוצלימדיקע ענדערונג אין דער לעבן-סיטואַציע, למשל: אונטער דער ווירקונג פון אַ פּלוצלימדיק, פריידיק אָדער טרויעריק נייַעס. ביַי אַ מאָמענטאַל, ראַדיקאַל געענדערטער פערזענלעכער סיטואַציע, פאַרלירט אָפטמאָל דער מענטש די מעגלעכקייט לאָגיש צו דענקען, ער פאַלט אַרונטער אונטער אַ שטאַרקער געפיל-ווירקונג אָדער געמיט-שטימונג. אויך דאָס, וואָס געשעט מיטן יחיד אין דער מאַסע, איז נישט קיין וועזנטלעכע ענדערונג, נאָר איז אַ דערשייַנונג, וועלכע פאַלט אַרונטער — צו גלייַך מיט די ענדערונגען אינעם גייַסטיקן לעבן פון אָפּגעזונדערטן יחיד — אונטער דעם זעלבן אַלגעמיין פסיכאָלאָגישן געזעץ, נעמלעך: די גייַסטיקע ענדערונגען און די איבערגרופּירונג אין די גייַסטיקע קרעפטן פון מענטשן זענען אַ רעזולטאַט פון געענדערטע אויסערלעכע באַדינגונגען און געענדערטער ווירקונג פון דער סביבה. די גייַסטיקע ענדערונגען אינעם יחיד, ווען ער ווערט איַינגעגלידערט אין אַ מאַסע, לאָזן זיך פולשטענדיק אויסטייַטשן דורך די אויסערלעכע ענ-

דערונגען, וועלכע ס'שאַפט די מאַסע אַלס נײַע סביבה פון יחיד. אויב אין פּראַקטישן לעבן ציִען צו די גײַסטיקע ענדערונגען פונעם יחיד אין דער מאַסע אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט, — איז עס דערפאַר, ווײַל די זאַך האָט אַ גרעסערע געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג און וואַרפט זיך מער אין די אויגן, ווײַל צאָלמעסיק זענען די ענדערונגען פונעם יחיד אין דער מאַסע גרעסערע, און דעריבער זענען זיי מער אָנזעעוודיקע און וואָגיקערע אין די קאָנסעקווענצן.

נאָך בולטער און קלאָרער וועט אונדז ווערן דאָס פּראָבלעם פון די ענדערונגען אין דער פּסיכיק פון יחיד, וועלכער ווערט אַ טייל פון אַ מאַסע, ווען מיר וועלן זיך נענטער צוקוקן צום פּראָצעס פון אַנטשטיין פון אַ מאַסע און די אונטערשידן צווישן די פאַרשידענע טיפּן פון מאַסן.

אין לעבן טרעפן מיר צוויי הויפּטטיפּן פון מאַסן: אָרגאַניזירטע מאַסן *) און נישט אָרגאַניזירטע מאַסן (המונים). — ווען אַ פּאַרטיי רופט אַ מיטינג אָדער פאַרזאַמלונג מיט אַ פּאָרויס באַשטימטער טעמע, מיט פּאָרויס באַשטימטע לאָזונגען און רעדנער, און ס'קומען זיך צונויף אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג מענטשן מיטן פּאָרויס באַשטימטן ציל אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרזאַמלונג מיט די געגעבענע פּאָרויס באַקאַנטע לאָזונגען אָדער פראַגן, — דאַן האָבן מיר צו טון מיט אַן אָרגאַניזירטער מאַסע, ווײַל זי אַנטשטייט אין רעזולטאַט פון אַ פּאָרויס באַשטימטן ציל און אַדאַנק אַ פּאָרויס באַשטימטער שטרעבונג. בנוגע אַזאַ מאַסע איז קיין שום וווּנדער נישט, וואָס זי ווערט אַזוי שטאַרק באַאײַנפלוסט און דורכגעדרונגען מיט באַשטימטע געפילן, ווײַל די מענטשן קומען דאָך אין אַזאַ מאַסע (פאַרזאַמלונג) טאַקע אַדאַנק דעם, וואָס די דאָזיקע געפילן עקזיסטירן בײַ זיי שוין פון פריִער און זיי (די געפילן) זענען טאַקע דער אימפּולס וועלכער האָט זיי געשטויסן צו קומען צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, נאָר

---

*) דאָ גייען נישט אַרײַן די סטאַביל אָרגאַניזירטע מאַסן, ד"ה פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס.

גאנץ נאטירלעך, וואָס די דאָזיקע געפילן, מיט וועלכע די מענטשן קומען גרייט צו דער פאַרזאַמלונג, ווערן — אין די באַשטימטע סביבה־באַדינגונגען פון דער מאַסע — באַדייטנד פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט. ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס ביי אַזאַ מאַסע איז אָפּגעשוואַכט די טעטיקייט פון אינטעלעקט, פון שכלדיקן קריטיציזם: די מענטשן קומען דאָך צו דער פאַרזאַמלונג מיט פאָרויסיקן צוטרוי און סימפּאַטיע צו די לאָזונגען און געדאַנקען פון דער פאַרזאַמלונג; זיי קומען נישט מיט אַ געפיל פון פאָרזיכטיקייט און מורא, אַז מען זאָל זיי נישט אָפּנאַרן, אַז מען דאַרף האַלטן דעם קאָפּ אויף דער וואַך אד״גל, און דעריבער זענען נישטאָ קיין באַדינגונגען אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג ספּעציעל אָנצושטרענגען און אַקטיווירן די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן *). אויב אָבער אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג קומט אַ ק ע ג נ ע ר, דאַן איז זיין גייסטיק פּנים—כאָטש ער איז אַ טייל פון ד ע ר ז ע ל ב ע ר מאַסע — אין גאַנצן אַנדערש. ביי אים אַרבעט דער פאַרשטאַנד גאַנץ אינטענסיוו, ער באַציט זיך זייער קריטיש צו דעם, וואָס מען זאָגט אויף דער טריבונע, ער „וועגט און מעסט" יעדעס וואָרט און יעדן געדאַנק; ביי אַזעלכן איז די מאַסע אַבסאָלוט נישט גורם קיין אָפּשוואַכונג פון דער אינטעלעקטועלער טעטיקייט. אויף אים ווירקן אויך אין גאַנצן נישט די געפילן, וועלכע באַהערשן די מאַסע, און ווען די מאַסע יובלט און ווייזט אַרויס דעם העכסטן ענטוזיאַזם צו די לאָזונגען, וועלכע קומען פון דער טריבונע, בלייבט פונדעסטוועגן דער קעגנער קאַלט און גלייכגילטיק צו די דאָזיקע ברויזנדע געפילן, כאָטש ער איז אַ טייל פון דער דאָזיקער מאַסע. דאָס איז אַ גענוגנדער באַווייז, אַז די מאַסע האָט אַבסאָלוט נישט קיין שום איבערנאַ-

---

*) דאָס איז אַגב נוגע נישט בלויז אַ פּשוטער מאַסע. אויך שילער אין אַ קלאַס, אָדער אַפילו סטודענטן, ווייזן אַרויס די זעלבע „לייכטגלויביקייט" צו די אויספירן פון זייערע לערער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי און סימפּאַטיע פון די שילער. אין דעם ליגט איינער פון די הויפּט עלעמענטן פון דער „איבערצייגונג־קראַפט" פון רעדנער און פּרעלעגענטן. פאַרזעגלעכער צוטרוי און סימפּאַטיע האָט פיל צו זאָגן אין הינזיכט פון דער איבערצייגונג־קראַפט.

טירלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע מאַכן באַלד איבער יעדן מענטשן, ווי נאָר ער פאַלט אַרײַן אין דער מאַסע. אין דער מאַסע ווערן נאָר געשטאַרקט און פאַרטיפט די געפילן און נייגונגען, מיט וועלכע די מענטשן קומען פון פאָרויס צו איר, און אויב עמעצער קומט צו איר מיט אַנדערע צוועקן און פרעמדע געפילן, בלײַבט ער טאַקע אומבאַרירט פון דער ספּעציפישער מאַסן-שטימונג און מאַסן-אייגנשאַפטן.

עס זענען אויך פאַראַן מאַסן, בײַ וועלכע די אינטעלעקטועלע טעטיקייט איז נישט בלויז נישט אָפּגעשוואַכט, נאָר פאַרקערט — די אינטעלעקטועלע צוזאַמענאַרבעט בילדעט דאָס וועזן פון דער געגעבענער מאַסע. ס'קומען דאָך פאָר גרויסע פאַרלעזונגען אָדער צוזאַמענפאָרן אויף אַבסטראַקט וויסנשאַפטלעכע טעמעס, וועלכע ברענגען צונויף אָפטמאָל פיל הונדערטער אָנטיילנעמער, און כאָטש עס שאַפט זיך דאָ אין ביאָלאָגישן זין פון וואָרט אַ מאַסע, ווירקט זי גאָרנישט אָראָפּנידעריקנד אויף דער אינטעלעקטועלער טעטיקייט. דאָס איז דערפאַר, ווײַל דאָ קומען די מענטשן פאָרויס מיטן ציל צו פאַרשטיין — און דאַן שטערט נישט די מאַסע אַלס אַזעלכע דער אינטענסיווער אַרבעט פון די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן.

בלײַבט נאָך צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די נישט אָרגאַניזירטע מאַסן, וועגן המון. אים מאָלן שוין די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגן גאָר אין די שוואַרצסטע פאַרבן: ער איז לײַכטגלויביק, גרויזאַם, אימפּולסיוו אאַז"וו. אָבער לאָמיר זיך פריִער צוקוקן, ווי אַזוי אַנטשטייט אַזאַ המון? לאָמיר נעמען אַ בײַשפּיל: אַ שאָפער האָט מיט זײַן אויטאָ איבערגעפאָרן אַ מענטשן; אַרום דער געשעעניש זאַמלען זיך אַלץ מער מענטשן, ס'אַנטשטייט אַ המון, ער ווערט מיט יעדער מינוט גרעסער; די שטימונג ווערט אין אים וואָס אַ מאָל הייסער, ער ווערט געשווינד דורכגעדרונגען מיט אַן איינהייטלעך נקמה-געפיל צום שאָפער, מען וויל אים צערײַסן, לינטשן. דער המון פאָרשט נישט אויס, צי דער שאָפער איז טאַקע שולדיק, אפשר האָט ער ווי געהעריק געגעבן וואָרנונג-צייכנס, אפשר איז דער איבערגעפאָרענער אַליין שולדיק מיט זײַן אומפאָרזיכטיקייט אאַז"וו. דער המון פרעגט דאָס אַלץ נישט; ער כאַפּט זיך

לײַכטזיניק צום האנדלען. צי דאַרף מען דערפון מאַכן דעם אויספיר, אז דער המון האָט יאָ די אלע שלעכטע מעלות, וועלכע די בורזשואזע פסיכאָלאָגן שרײַבן צו דער מאַסע בכלל? — ניין, דאָס וואָלט געווען א פריצײַטיקער אויספיר. איין בולטער אומשטאנד וועט די פראגע פולשטענדיק קלאָר מאַכן: קוקט זיך צו אויפמערקזאַם, ווי אזוי ס׳אנטשטייט דער המון. פאַרן אָרט פון דער געשעעניש גייען פאַרבײַ זייער פיל מענטשן, א סך מער ווי די, וועלכע בילדן אויס דעם המון; נישט אלע גלידערן זיך אָבער אײַן אין המון, א טייל שטעלט זיך אפילו נישט אָפּ; אנדערע שטעלן זיך אָפּ, פרעגן זיך — וואָס איז געשען, זאָגן אַרויס א „קאַלטע" מיינונג און גייען ווײַטער; און נאָר איין טייל בלײַבט שטיין, נעמט זיך איבער מיט דער געשעעניש און גלידערט זיך אײַן אין המון. ווערזשע גייט אַוועק און ווער בלײַבט? — ס׳בלײַבן און בילדן אויס דעם המון נאָר יענע, וועלכע טראָגן אין זיך פון פאָרויס א געהעריקע געפיל-פּרעדיספּאָזיציע*), בײַ וועלכע ס׳איז ספּעציעל ווירקזאַם די אנטשפּרעכנדע געפיל-אײַנשטעלונג און שטימונג אָדער וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אנטשפּרעכנדע כאַראַקטער-שטריכן (געפילמעסיקע טיפּן, מענטשן מיט אַקטועלע נקמה-געפילן, מענטשן שטענדיק גרייטע צו זען א שולדיקן און א שונא אד״גל). דערפון איז קלאָר, אז די רעאַקציע, וועלכע ס׳ווײַזט אַרויס דער המון אויף א געוויסער געשעעניש, איז נישט קיין רעזולטאַט פון די עצם-אייגנשאַפטן פון המון אלס אַזעלכן, נאָר דאָ קומט פאָר א מין נאַטירלעכער אָפּקלײַב; דעם המון בילדן באַלד אויס נאָר די, וועלכע האָבן אַן אנטשפּרעכנדע געפיל-אײַנשטעלונג; נאָר די אויסווירקונג פון די דאָזיקע געפילן איז אין המון באַדײַטנד שטאַרקער, אונטערן אײַנפלוס פון די ספּעציפישע סביבה-באַדינגונגען, וועלכע ס׳שאַפט די מאַסע. אַן אנדער געשעעניש, פון אַן אנדער כאַראַקטער, וועט אַרום זיך צונויפקלייבן גאָר אַן אנדער

*) פּרעדיספּאָזיציע — פון פריער עקזיסטירנדיקע, אנטשפּרעכנדע נײַגונג און אײַנשטעלונג.

מ״ין המון, ד״ה אָפּקלײַבן אַרום זיך מענטשן מיט גאָר אַנ־דערע געפיל־אײַנשטעלונגען, למשל: אַרום אַ פאַרחלשטן פון הונגער אויף דער גאַס, אָדער פּלוצלינג קראַנק געוואָרענעם וועלן זיך זאַמלען גאָר אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע געפילן, און דער דאָזיקער המון וועט אַרויסווײַזן גאָר אַן אַנדער האַנד־לונג, טיילמאָל הילפגרייטקייט און אָפּפערוויליקייט. מען קאָן דעריבער נישט רעדן וועגן איין מין המון, נאָר וועגן פאַר־שידענע, אָפּהענגיק פון כאַראַקטער פון די געפילן, וועלכע זענען גורם דאָס אַנטשטיין פון פאַרשידענע המונים. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אויך דער אָביעקטיוו געזעלשאַפטלעכער ווערט פון די פאַרשידענע טיפּן המון איז אָפּהענגיק פון געזעלשאַפט־לעכן ווערט פון די געפילן, וועלכע זענען גורם זייער אַנט־שטייונג און קירעוועון מיט זייערע האַנדלונגען.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, קאָנען מיר דרייסט אויספירן, אַז אין דער מאַסע קומען נישט צום אויסדרוק קיין שום פּרינציפּיעלע, וועזנטלעכע ענדערונגען אינעם גײַסטיקן וועזן פון מענטשן, די מאַסע ווירקט אַבסאָלוט נישט אַראָפּני־דעריקנד אויפן מענטשלעכן גײַסט. אין דער מאַסע ענדערט זיך נאָר די שטופע און ווירקונגקראַפט פון די נאָרמאַלע מענטש־לעכע גײַסטיקע אייגנשאַפטן און פעיקייטן, און ס׳קומט אויך פאָר אַ געוויסע איבערגרופּירונג פון זייער ראָל און באַדײַטונג. דאָס אַלץ געשעט אין רעזולטאַט פון די אָביעקטיווע סביבה־ענדערונגען אינעם לעבן פון יחיד, און די דאָזיקע סביבה־ענ־דערונגען שפּילן די זעלבע ראָל און האָבן די זעלבע ווירקונג, ווי אַלע אַנדערע סביבה־ און סיטואַציע־ענדערונגען אינעם לעבן פון אָפּגעזונדערטן מענטשן.

וואָס פאַר אַ פּראַקטישן אויספיר קאָנען מיר מאַכן פון די אַלע באַטראַכטונגען? — די בורזשואַזע, רעאַקציאָנערע מאַסן־פּסיכאָלאָגן צילן מיט זייערע טעאָריעס אָפּצושרעקן פון דער מאַסע: זי איז עפּעס געהיימנישפול, דעמאָניש, זי ווײַזט אַרויס שעדלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע מען קאָן נישט דערגרונטעווען און מען קאָן נישט וויסן, וווהין זיי קאָנען פאַרפירן. דערפאַר דאַרף מען נישט געטרויען דער מאַסע, מען דאַרף זי האַלטן אין צוים, מען טאָר איר נישט לאָזן זיך פרײַ אויסלעבן. די

דאָזיקע טעאָריעס זענען אָבער אין גאַנצן פאַלש. אין דער מאַסע לעבן און ווירקן די זעלביקע מענטשלעכע גײַסטיקע קרעפטן און פעיִקייטן, ווי בײַם יחיד, נאָר אין אַ געענדערטער פּראָפּאָרץ און אין אַ געוויסער איבערגרופּירונג. ס'איז אויך נישט פאַראַן קיין סתם מאַסע. יעדע מאַסע האָט זיך אירע כאַראַקטעריסטישע, באַזונדערע גײַסטיקע אייגנשאַפטן, אָפּהענגיק פון די געפילן און שטרעבונגען, וועלכע האָבן זי אַרויסגערופן צום לעבן און קירעווען מיט אירע האַנדלונגען. אויך דער פאַרגלײַך פון דער מאַסע מיטן יחיד קאָן נישט זײַן איינהייטלעך גילטיק. מאַסן, וואָס ווערן געקירעוועט פון נידעריקע געפילן און אינסטינקטן (למשל, פּאָגראָמירנדע מאַסן), שטייען נידעריקער פון יחיד; אָבער מאַסן, וואָס זייער טעטיקייט באַזירט זיך אויף פערזענלעכער אָפּפערווייליקייט פאַרן כּלל (למשל, העלדישער קאַמף פון אַ פאָלק פאַר זײַן פרײַהייט), שטייען העכער פונעם יחיד. גרויסע, מענטשנפרײַנדלעכע און אויף מענטשןליבע זיך באַזירנדע סאָציאַלע אידעען קאָנען אויסבילדן אַ גײַסטיק הויך שטייענדע און סאָציאַל שעפערישע מאַסע, וועלכע קאָן אויספירן גרעסערע טאַטן, ווי די שענסטע יחידים. די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג איז — צו הייבן די סאָציאַליסטישע מאַסע צו אַזאַ הויכער שעפערישער מדרגה, אַז זי זאָל זײַן בכּוח אויפצוטון דאָס היסטאָריש גרויסע, וואָס קיין שום „גרויסע" יחידים זענען נישט בכּוח אויפצוטון. אונדזערע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען האָבן געהאַט דעם ציל אויפצווײַזן, אַז דאָס איז מעגלעך. ס'איז פאַלש די לערע פון די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגן, אַז די מאַסע איז אַלע מאָל נידעריקער פון יחיד. דער כאַראַקטער און די לײַסטונגס-פעיִקייט פון דער מאַסע זענען אָפּהענגיק פון די געפילן און אידעען, וואָס באַגײַסטערן זי; אַ סאָציאַליסטישע מאַסע איז מסוגל צו פאַרווירקלעכן גרויסע מענטשנבאַפרײַענדע טאַטן. פּונקט ווי אַלע אַנדערע געביטן פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן — איז אויך די מאַסע אַן אויסדרוק פון קלאַסנגײַסט. דער אונטערגײיענדער קלאַס שאַפט אַ נידעריקערן טיפּ מענטשן-מאַסע, דער אויפגייענדער קלאַס — אַ העכערן טיפּ מענטשן-מאַסע.

די דאָזיקע מאַסן-פּסיכאָלאָגישע אויספירן האָבן אַ דעצי-

דירנדע באַדײַטונג פֿאַרן אינהאַלט און וועזן פון דער סאָציאַליסטישער מ אַ ס ן - פּ ר אָ פּ אַ ג אַ נ ד ע. מיר האָבן געצילט צו באַווײַזן, אַז ס'איז נישט ריכטיק די מיינונג, אַז די מאַסע איז עפּעס מענטשלעך נידעריקערס, און דעריבער קאָן מען מיט דער מאַסע קיין גרויסע זאַכן נישט אויפטון. פאַרקערט, מיר האָבן באַוויזן, אַז מיט דער הילף פון אַ גרויסער אידעע, אַן אידעע פון פרײַהייט און מענטשנגליק, קאָן מען די מענטשן אַ ל ס מ אַ ס ע אויפהייבן אויף אַ נאָך העכערן שטאַפּל פון מענטשלעכער שעפערישקייט, ווי די יחידים. דעריבער מוז דער סאָציאַליזם זאָרגן וועגן דערהייבן און געזעלשאַפטלעך דערציִען די מאַסע אַלס עלעמענט פון העכסטער סאָציאַלער שעפערישקייט. דעריבער מוז אויך די סאָצ' יוגנט-אָרגאַניזאַציע, ווי שטאַרק זי זאָל נישט לייגן אַכט אויף דער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג פון די יונגע סאָציאַליסטן, קיין מאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ שול פון אויסהאָדעווען פיין געהובלעוועטע אינדיווידוומס (ווי עס וויל דער שומריזם), נאָר אַלע מאָל האָבן אין אויג די דערציִונג פון דער מ אַ ס ע.

די מאַסן-דערציִונג, מיט דער הילף פון מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע, האָט אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר אונדזער זאַך נאָך פון איין שטאַנדפּונקט: אין דער מאַסע ווערן אַקטיוויזירט און רוקן זיך אַרויס אין פאָדערגרונט די ג ע פ י ל ן; די געפילן זענען דער דירעקטער אימפּולס פאַר האַנדלונגען, און אויב מיר ווילן, אַז די אידעע זאָל בילדן דעם יסוד פון די האַנדלונגען, דאַן מוזן מיר די געפילן הייבן צום ניוואָ פון דער אידעע און ברענגען זי אין אײַנקלאַנג, אין אַ קעגנזײַטיקער האַרמאָניע. א י נ ע ם מ אַ ס ן - ל ע ב ן קומען די ג ע פ י ל ן צ ו ז יי ע ר ה ע כ ס ט ע ר ו ו י ר ק ז אַ מ ק יי ט און שטאַרקסטער אויסווירקונג, און דעריבער איז די מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע דאָס געביט, וואָס — נעבן דער אינטעלעקטועלער אויפקלערונג, וועלכע ברענגט די קלאָרקייט פון דער אידעע — גיט די גרעסטע מעגלעכקייט פון האַרמאָנישער דערציִונג פון אַ פולקאָמען סאָציאַליסט. הייבנדיק די געפילן — דורך דער מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע — צום ניוואָ און אײַנקלאַנג מיטן אידעאַל, הייבן מיר אויך דאָס פערזענלעכקייט-געפיל צום ניוואָ פון סאָציאַלן אידעאַל. אַלזאָ, אויפן וועג פון

אינטעלעקטועלער אויפקלערונג און געפיל-באַווירקונג (מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע) — דערציִען מיר דעם פולן סאָציאַליסט און קעמפערטיפּ, ביי וועלכן דער געזעלשאַפטלעכער פרייהייט-אידעאַל איז סוביעקטיוו אידענטיש מיטן פערזענלעכן לעבנסציל, ד"ה דער אידעאַל איז דער קערן פון פערזענלעכקייט-געפיל. דאָס איז די אויפגאַבע און די רעאַלע פּערספּעקטיוו פון דער סאָציאַליסטישער מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע.

די סאָצ' מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע האָט דעריבער אַ ספּעציעלע אויפגאַבע, וועלכע איז גענוי באַשטימט דורכן כאַראַקטער און אינהאַלט פון סאָציאַליסטישן אידעאַל. מיר האָבן געזען, אַז עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן פּעטישיסטישע גייסטיקע אייגנשאַפטן פון דער מאַסע, וועלכע ווירקן מיט אַ פּאַטאַלער קראַפט ביי אַלע באַדינגונגען; מיר האָבן אויך געזען, אַז עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן איינהייטלעכן כאַראַקטער פון יעדער מין מאַסע. דער כאַראַקטער און די ראָל פון דער מאַסע איז פאַרשידן און איז אָפּהענגיק פון די סאָציאַלע געפילן, וועלכע באַהערשן זי. ס'אַנטשטייט דעריבער פאַר אונדז די פראַגע: וועלכע גייסטיקע אייגנשאַפטן דאַרף באַזיצן די סאָציאַליסטישע מאַסע, וועלכע אויפגאַבן דאַרף זיך שטעלן אונדזער מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע אין הינזיכט פון אויסשמידן דעם כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער מאַסע?

דער ענטפער איז: זי מוז באַזיצן אַזעלכע אייגנשאַפטן, וועלכע זאָלן איר מאַכן פעיק צו פאַרווירקלעכן איר אידעאַל-דעם סאָציאַליזם. דאָס זענען קודם-כל — א י ד ע אַ ל י ז ם און ה ע ר אָ י ז ם. צי איז אָבער דער פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר אידעאַליזם און העראָיזם אומבאַדינגט נייטיק? לערנט דאָך אונדז די מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע, אַז דער סאָציאַליזם איז אַן אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייט! דאָס איז טאַקע אמת. אָבער דעם דאָזיקן אָביעקטיוון אמת האָט מען אַרויסבאַקומען דורך אַ וויסנשאַפטלעכער אַנאַליטישער פאָרשונג, אָבער א ו מ מ י ט ל ב אַ ר, סוביעקטיוו, — ביי יעדן אינדיווידוום-פּראָלעטאַריער באַזונדער, — געפינט נישט די דאָזיקע אָביעקטיווע נויטווענדיקייט איר באַוווסטזיניקע אָפּשפּיגלונג. קיינער פילט נישט אויס אוממיטלבאַר פערזענלעך די אָביעקטיווע גע-

זעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סוביעקטיוון אימפּולס פון די פּערזענלעכע האַנדלונגען. אין בעסטן פאַל קומט די דאָזיקע סאָציאַלע געזעצמעסיקייט צום אויסדרוק אינעם יחידס באַוואוסט-זײַן אין פאָרם פון באַשטימטע קאָנקרעטע פּערזענלעכע באַדערפעניש, וועלכע ליגן טאַקע אויף דער ליניע פון אַלגעמיינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, ווי: לוינקאַמפן, קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס- און לעבנס-באַדינגונגען, קאַמף פאַר פּאָליטישע פרײַהייטן אד"גל. אויב מיר ווילן אָבער, אַז די סאָציאַליסטישע אידעע זאָל דורכדרינגען דעם גאַנצן באַוואוסטזײַן פון אַרבעטער, אַז די אָביעקטיווע נויטווענדיקייט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ **פּערזענלעכער נויטווענדיקייט**, דאַן מוז דאָס זײַן דאָס ווערק פון צילבאַוווסטער סאָציאַליסטישער מאַסן-דערציִונג, וועלכע קאָן ווערן דערגרייכט אויפן וועג פון הייבן די געפילן צום ניוואָ פון סאָציאַליסטישן אידעאַל און פון פאַרשטענדעניש פאַר די געשיכטלעכע פליכטן, וועלכע שטייען העכער פון די פּערזענלעכע אינטערעסן. דער **היסטאָרישער מאַטעריאַליזם** אַלס קלאַסן-לערע מוז געפינען זײַן אויסדרוק אינעם באַוואוסטזײַן פון אייצלנעם אַרבעטער אַלס **פּערזענלעכער אידעאַליזם און העראָיִזם**, ד"ה די שטענדיקע גרייטקייט מקריב צו זײַן דאָס פּערזענלעכע פאַר די אינטערעסן פון קלאַס און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

מיטן דראַנג צו העראָיִזם מוז זײַן ענג פאַרבונדן די שטרעבונג און **ליבע צו פרײַהייט**. אמתע, שעפערישע פרײַהייט קאָן זײַן נאָר דאָרט, וווּ זי איז באַגרינדעט אויפן יסוד פון **זעלבסטבאַשטימונג פון יחיד** לגבי זיך זעלבסט. מיט דעם שיידט זיך אונטער די פרײַהייט — פון אַנאַרכיע, וועלכע פּרעדיקט די זעלבסטבאַשטימונג פון יחיד לגבי דעם כּלל. קאָנקרעטע באַדײַט די דאָזיקע פרײַהייט: פרײַהייט פון געדאַנק, פרײַהייט פון געוויסן און אַרויסזאָגן מיינונגען, פרײַהייט פון געשטאַלטן דאָס פּערזענלעכע לעבן, פרײַהייט פון מענטשלעכע פאַרבינדונגען; אויסער — פולשטענדיקע פרײַהייט פון טאַט, וועלכע מוז זײַן אונטערגעוואָרפן דער גע-

זעלבשטאָפּלעכער דיסציפּלין. די פרײַהייט גיט דעם מענטשן דעם מאַקסימום מעגלעכער זעלבשטענדיקייט און מעגלעכער אויסווירקונג פון זײַנע אינדיווידועלע קרעפטן; דעריבער קומט אין די באַדינגונגען פון פרײַהייט צום אויסדרוק דאָס *פולע* מאַכטגעפיל פון מענטשן, און דאָס דאָזיקע הויך אַנטוויקלטע פערזענלעכע מאַכטגעפיל שאַפט דעם באָדן פאַר דער העכסטער אַנטוויקלונג פון די בעסטע אינדיווידועלע כוחות און פעיִקייטן. דעריבער איז דער דראַנג צו פרײַהייט אַ נאַטירלעכער דראַנג בײַם מענטשן, און דער דאָזיקער דראַנג צו פרײַהייט איז איינער פון די וויכטיקסטע אימפּולסן פון העראָיִזם. דער יחיד קאָן אויף אַן אמת מקריב זײַן דאָס פערזענלעכע, כּדי מיטן דאָזיקן קרבן צו שאַפן דעם יסוד פאַר דער *העכערער*, *פרײַערער פערזענלעכקייט*. דערמיט שיידט זיך אונטער העראָיִזם פון אַסקעטיזם. אַסקעטיזם איז אויך געבויט אויף פערזענלעכער קרבנות-גרייטקייט, אָבער אַסקעטיזם איז גלײַכצײַטיק די פאַרלייקענונג פונעם ווערט פון דער פערזענלעכקייט, אַסקעטיזם איז קרבנות-גרייטקייט דורך פאַרניכטן דאָס פערזענלעכע — און דערפאַר טאַקע איז דער אַסקעטיזם אַ סאָציאַל שעדלעכע דערשײַנונג און ער האָט קיין מאָל קיין שום שעפערישעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע נישט אַרויסגעבראַכט. אַקעגן, העראָיִזם איז נישט קיין שום אוטאָפּיע פון דער אַלטרויִסטישער פאַנטאַזיע, נאָר אַ לייכטנדער פאַקטאָר פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס שענסטע און דערהויבנסטע, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן — אַלנפאַלס אין דער נײַערער צײַט — אָנהייבנדיק פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע ביזן לעצטן העראָיִשן קאַמף פון שפּאַנישן פאָלק פאַר זײַן פרײַהייט — איז דאָס ווערק פון מאַסן-העראָיִזם.

* *

*

אָבער העראָיִזם — דאָס איז אַ ריין סוביעקטיווער פאַקטאָר, ער קאָן זײַן דער רעזולטאַט פון אינערלעכע גײַסטיקע קרעפטן און סוביעקטיוו אידעאַליסטישע אימפּולסן. דעריבער איז קלאָר, אַז דערציִען דעם העראָיִזם קאָן מען דורך הייבן די פערזענלעכקייט, דעם גײַסטיקן ווערט פון יחיד; הייבן

דעם קלאַסן־באַוווּסטזיין צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל ווערן דער קערן פון פערזענלעכקייט־געפיל. — דאָס דאָזיקע פּראָבלעם — די פראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער באַציִונג צווישן דעם שוווּנג פון פערזענלעכקייט־געפיל און דראַנג צו פּערזענלעכער פרייהייט פון איין זייט — און דעם סאָציאַל שעפערישן העראָיִזם פון דער צווייטער זייט, — איז לעצטנס פּראַקטיש אויפגעשווומען פאַר דער וועלט אינעם קאַמף פון שפּאַנישן פאָלק פאַר זיין פרייהייט. נישט באַטראַכטנדיק דאָ דאָס שפּאַנישע פּראָבלעם אין זיין סאָציאַל־פּאָליטישן פאָרנעם, איז עס אָבער גלייכצייטיק פאַר אונדז אַ זייער באַלערנד קאַפּיטל אין שייכות מיט די פראַגן, וועלכע מיר באַהאַנדלען אין דער דאָזיקער אַרבעט.

דאָס שפּאַנישע פאָלק איז אַלע מאָל פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ פאָלק, וואָס שטייט אויף אַ נידעריקן קולטור־ניוואָ, דער אַנאַלפאַבעטיזם איז ביי אים זייער גרויס, געפּאָרט מיט אַ שטאַרקער פרומקייט ביז פאַנאַטיזם, אָבער גלייכצייטיק — דאָס האָט מען אַלע מאָל מודה געווען — צייכנט עס זיך אויס מיט אַ שטאַרקער ליבע און דראַנג צו *פערזענלעכער פרייהייט*. אַלס סימן פון לעצטן קאָן דינען דער שטאַרקער איינפלוס פון די אַנאַרכיסטן און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן און דער ווידערווילן צו פּאָליטיק, וועלכער איז זיכער געווען איינע פון די סיבות פון די גרויסע אַנאַרכיסטישע איינפלוסן. און אָט האָט דאָס דאָזיקע — לאָמיר זאָגן דעם אמת — ביז איצט גרינגגעשעצטע פאָלק פאַרוווּנדערט די וועלט און האָט אָנגענעם איבערראַשט די גאַנצע סאָציאַליסטישע וועלט מיט זיין הויכן פּאָליטישן באַוווּסטזיין־ניוואָ, מיט זיין סאָציאַלן העראָיִזם, פאַר וועלכן ס'איז שווער צו געפינען עפּעס גלייכעס אין דער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע פון דער נייער צייט. דעם שליסל צו פאַרשטיין די גרויסע פּסיכאָלאָגישע אומוואַנדלונג פון שפּאַנישן פאָלק דאַרף מען זוכן אויסשליסלעך אינעם *הויכן ניוואָ פון פערזענלעכקייט־געפיל*, פון דראַנג און ליבע צו *פערזענלעכער פרייהייט*, וועלכע זענען גלייכצייטיק אַ סימן פון הויכן קולטורעלן און גייסטיקן ניוואָ פון שפּאַנישן פאָלק. ווייזט אויס, אַז מיר סאָציאַליסטן-

מאַרקסיסטן, כאָטש מיר זענען שטרענג אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש, פֿאַלן פֿונדעסטוועגן אָפּטמאָל אַרונטער אונטער געוויסע באַגריפֿן, וועלכע ס׳האָט געשאַפֿן דער הויך־אינדוסטריעלער, מערב־אייראָפּעיִשער קאַפּיטאַליזם. ביי אים האָבן מיר זיך עס אויסגעלערנט צו מעסטן די קולטור פֿון אַ פֿאָלק לויטן מצב פֿון אַנאַלפֿאַבעטיזם, אינדוסטריאַליזאַציע, מצב פֿון מאַטעריעלער קולטור אד״גל. ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס איז נאָך ווייניק צו אַ פֿולער אָפּשאַצונג פֿון אמתן קולטור־ניוואָ פֿון אַ פֿאָלק. דער בולטסטער באַווייז איז טאַקע דאָס שפּאַנישע פֿאָלק, ביי וועלכן די אויסגערעכנטע עלעמענטן זענען טאַקע קנאַפּ פֿאַרטראָטן, און עס האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן אַלס פֿאָלק מיט אַ זייער הויכן גייסטיקן און קולטור־ניוואָ. דער באָדן פֿון דאָזיקן הויכן גייסטיקן ניוואָ פֿון שפּאַנישן פֿאָלק, דער קוואַל, פֿון וועלכן ס׳איז אויסגעוואַקסן זיין וווּנדערבאַרער סאָציאַלער העראָיִזם — דאָס איז דאָס הויך אַנטוויקלטע און טיף איינגעוואָרצלטע פּערזענלעכקייט־געפֿיל און פֿרייהייט־ליבע, וועלכע כאַראַקטעריזירן שוין פֿון לאַנג דאָס דאָזיקע פֿאָלק. אין „רויִקע״ צייטן האָט דאָס הויך אַנטוויקלטע פּערזענלעכקייט־געפֿיל ביי די שפּאַניער געווירקט אין ענג פּערזענלעכע ראַמען און זיך אויסגעדריקט קאָנקרעט אין ליבע צו פּערזענלעכער פֿרייהייט און פֿרייען, פּערזענלעכן אויסלעבן זיך, -- אין פֿאַרווײַלונג, לעבנספֿרייד אד״גל. די סאָציאַל־פּאָליטישע געשעענישן אין שפּאַניע פֿאַר די לעצטע יאָרן און די בולט־אַקטיוויסטישע איינשטעלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן גורם געווען, אַז דאָס הויך אַנטוויקלטע פּערזענלעכקייט־געפֿיל ביי די שפּאַניער האָט באַדייטנד אויסגעברייטערט זיין געזעלשאַפֿטלעכע באַזע און איבערגעגאַנגען פֿון ריין פּערזענלעכע פֿאַראינטערעסירונגען צו סאָציאַל־פּאָליטישע, איבערשטעלדיק דאָס פּערזענלעכקייט־געפֿיל פֿ ו ן א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ן — צ ו ם ס אָ צ י אַ ל ן. די מאַסן האָבן זיך געשווינד איבערגענומען מיט דער סאָציאַליסטישער אידעע, מיט דער אידעע פֿון אַלגעמיינעם גליק און פֿרייהייט, און אויפֿן באָדן פֿון דעם שוין פֿון פֿריִער עקזיסטירנדן הויך אַנטוויקלטן פּערזענלעכקייט־געפֿיל איז אַזוי געשווינד אַנטשטאַנען די העראָיִש שעפֿערישע סינ־

טעזע פון סאָציאַליסטישן אידעאַל מיטן פערזענלעכקייט-געפיל. דאָ ליגט אַ גרויסער פאַרדינסט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט אין געהעריקן מאָמענט מיט איר איניציאַטיוו צום אַקטיוויזם צוגעיאָגט און געפעדערט דעם דאָזיקן סינטעז און אים רייף געמאַכט. די הומאַניטאַר-סאָציאַלע מאַסן-געפילן זענען דער טרייַבנדער פאַקטאָר פון קאַמף פון שפּאַנישן פאָלק פאַר זייַן פרייַהייט. אין דאָזיקן קאַמף שפּילן הויפּטזאַכלעך אַ ראָל סאָציאַל-עטישע פּאָסטולאַטן (פרייַהייט, ליבע, יושר-געפיל, גערעכיטקייט-דראַנג אד"גל), וועלכע האָבן זייער ברויזנדן קוואַל אין די טיפע מאַסן-געפילן, וואָס האָבן באַהערשט דאָס שפּאַנישע פאָלק און זענען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון טיף אייַנגעוואָרצלטן פערזענלעכקייט-געפיל און ליבע צו פערזענלעכער און ממילא — צו פרייַהייט בכלל. ווי עס זאָל נישט זייַן דער ווייַטערדיקער עטאַפּ פון אָט דעם פרייַהייט-קאַמף, איז אָבער די ערשטע פאַזע פון דאָזיקן קאַמף אַ טויטקלאַפּ פאַר דער באָלשעוויסטישער טעאָריע וועגן אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט פון דיקטאַטאָרישן בוי פון יעדן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די פאָלקסמאַסן. פאַרקערט: די לעצטע פּרוּוון פון די שפּאַנישע קאָמוניסטן מיט טעראָריסטיש-דיקטאַטאָרישע מיטלען צו באַהערשן די פרייַהייטלעכע פאָלקס-באַוועגונג, האָבן אין אַ גרויסער מאָס אייַנגעבראָכן די קראַפט פון דער דאָזיקער באַוועגונג און אַרויסגערופן אַזעלכע שווערע פאָלגן, וועלכע האָבן באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער פרייַהייטלעכער שפּאַניע בכלל.

דער שפּאַנישער פרייַהייטקאַמף באַווייַזט, וואָס פאַר אַ גרויסע סאָציאַל שעפערישע כוחות עס ליגן פאַרבאָרגן אין די אַרבעטנדיקע מאַסן און מיט וואָס פאַר אַ הערא?שן פאַרנעם זיי קאָנען זיך אויסלעבן און פאַרווירקלעכן, ווען אויפן באָדן פון געוויסן-פרייַהייט און שעפערישער פרייַהייט — בייַ אַ געהעריקער זעלבסט-דיסציפּלין — האָבן די מאַסן די מעגלעכקייט פון זעלבסט-אַנטוויקלונג. די אייגנאַרטיקע אידעען פון דער שפּאַנישער פאָלקס-רעוואָלוציע אַנטשטייען איצט אַלס קאָלעקטיוו גייַסטיק ווערק פון גאַנצן פאָלק און זיי וועלן דערגיין צו זייער צילבאַוווסטער און נאָך מער שעפערישער אויסקריסטאַליזירונג

אונטער דער אָנפירונג פון דער פרײַהײטלעכער סאָציאַליסטי־
שער אידעע.

אין שײכות מיט די פּראָבלעמען, װעלכע מיר באַהאַנדלען
דאָ, קאָנען מיר, אױפן יסוד פון דער שפּאַנישער פּראַקטיק
פעסטשטעלן, אַז ס׳איז ריכטיק אונדזער בליק אױפן װערט און
באַדײַט פון הײבן דאָס פּערזענלעכקײט־געפיל צו דער אַנטװיק־
לונג פון סאָציאַלן העראָיזם. די דאָזיקע פּראַקטיק באַװײַזט, אַז
די סאָציאַליסטישע אידעע אין פאַרבינדונג מיטן פּערזענלעכקײט־
געפיל, װאָס װערט דערהױבן צום ניװאָ פון דער סאָציאַלער
אידעע, איז דער קװאַל, פון װעלכן ס׳קאָן אַנטשטײן די העכ־
סטע שטרעבונג פון פּערזענלעכן העראָיזם און סאָציאַלער שע־
פערישקײט.

* * *

כדי צו הײבן דאָס פּערזענלעכקײט־געפיל צום ניװאָ פון
דער סאָציאַליסטישער אידעע, איז נאָך װײניק די אינטעלעקטועלע
אױפקלערונג. מיר האָבן געזען, אַז דורך אינטעלעקטועלער אױפ־
קלערונג קאָן מען אַרױסרופן צום לעבן די אינטעלעקטועלע
געפילן, װעלכע האָבן אַ גרױסע װירקונג אױף דער הײבונג פון
די געפילן בכלל; הױפּטזעכלעך אָבער איז די מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע
דאָס געביט פון הײבן, דערציִען און סאָציאַל אױסברײטערן די
װירקונג און דעם פאַרנעם פון די געפילן. אָבער ס׳איז דאָ נאָך
אײן געביט, דורך װעלכן מען קאָן דערגרײכן אַ גרױסן אײַנ־
פלוס אױף די געפילן און געבן זײ אַ ראַשן שװונג און הע־
כערן פאַרנעם — דאָס איז די צילבאַװוסטע באַװירקונג פון די
חושים, װעלכע זענען אײגנטלעך דער דירעקטער גײַסטיקער
אָרגאַן, װעלכער באַװירקט אוממיטלבאַר די געפילן. די חושים
זענען דער אָרגאַן, װאָס האַלט אײַן און רעגולירט דעם קאָנ־
טאַקט פון יחיד מיט דער אױסערלעכער װעלט, און דעריבער
שטײען די געפילן אונטערן דירעקטן אײַנפלוס פון די חושים.
די חושים זענען דאָס געביט פון עסטעטישער דער־
ציִונג. די חושים ברענגען די אוממיטלבאַרע אײַנדריקן פון
דרױסן, און דעריבער דאַרפן מיר די דאָזיקע אײַנדריקן ציל־
באַװוסט פאָרמירן, און קירעװען, זאָרגן װעגן זײ, שאַפן נײַע,

אויסברייטערן זייער פאַרנעם, אַזוי, אַז אין איינקלאַנג מיט דער אינטעלעקטועלער אויפקלערונג און געפיל-דערהייבונג זאָל אויך די עסטעטישע דערציִונג האַרמאָניש צוזאַמענאַרבעטן ביים דערציִען אַ קלאַסן-באַוווסטזיניקן סאָציאַליסט מיט אַ פולשטענדיקער האַרמאָניע צווישן פערזענלעכקייט-געפיל און סאָציאַליסטישער אידעע.

טעאַטער, געזאַנג און מוזיק, פאַרשטענדעניש פאַר פלאַסטישער קונסט, גוטע פאַרווײַלונגען, לאַגערן, וואַנדערונגען און נאַטור-עסטעטישע געפילן בכלל — דאָס זענען די וויכטיקסטע געביטן פון מאַסנהאַפטער עסטעטישער דערציִונג, וועלכע מיר דאַרפן פלעגן, צו גלײַך מיטן אויסשמידן דעם סאָציאַלן קלאַסן-באַוווסטזײַן. מיט דער עסטעטישער דערציִונג צילן מיר נישט בלויז צו געבן די יוגנטלעכע אַרבעטער אַ רײַך און פאַרביק פערזענלעך לעבן און פאַרגיטיקן די עוולות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דאָס איז אויך זייער וויכטיק. אָבער דער טיפערער זין פון אונדזער עסטעטישער דערציִונג פון דעם יוגנטלעכן אַרבעטער איז: זי זאָל ווערן אַ האַרמאָנישער מיטשעפער — צו גלײַך מיט דער אינטעלעקטועלער אויפקלערונג און אויסקריסטאַליזירונג פון די סאָציאַלע געפילן — פון דעם פולקאָמען סאָציאַליסט, וועמענס גאַנצע פערזענלעכע לעבן איז דורכגעדרונגען און באַשטימט דורכן אינהאַלט פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

אַלזאָ: אידעאַליזם, העראָיזם, ליבע צו פרײַהייט און עסטעטיזם — דאָס זענען די הויפּטצילן — נעבן דער אינטעלעקטועלער אויפקלערונג — פון דער סאָציאַליסטישער מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע, מיטן צוועק צו אַנטוויקלען אַ סאָציאַליסטיש דענקענדן, פילנדן און האַנדלענדן מענטש.

די קאָנקרעטע מיטלען פון דער דאָזיקער מאַסן-פּראָפּאַגאַנדע זענען: אַגיטאַציע און עסטעטישע באַווירקונג. צווישן זיי דאַרף ספּעציעל אַכט געלייגט ווערן אויף צוויי אָרגאַנען פון דער דאָזיקער מאַסן-דערציִונג: דאָס זענען דאָס ו אָ ר ט און דער ס י מ ב אָ ל.

די שפּראַך, דאָס וואָרט איז דאָס ווירקזאַמסטע מיטל פון גײַסטיקער באַווירקונג. מיט זײַן הילף קאָן מען באַאײַנפלוסן און

אויספּאָרמירן אי די געדאַנקען, אי די געפילן פון צווייטן. נע־מענדיק אין אַכט די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג, וואָס דער וויסנ־שאַפטלעכער עלעמענט שפּילט אין דער סאָציאַליסטישער לערע, אינעם אינהאַלט פון קלאַסן־באַוווסטזײַן, מוז אין אונדזער פּראָ־פּאַגאַנדע קודם־כל פיל אַכט געלייגט ווערן אויף דער קלאָר־קייט און היזכקייט פון געדאַנק. אָבער אויך אויפן געפיל האָט דאָס וואָרט אַ גרויסן אײַנפלוס — און די בעסטע רע־זולטאַטן אין דער הינזיכט גיט די אויפריכטיקייט, די אינערלעכע איבערצײַגונג־קראַפט, דער טיפער גלויבן און טרײַ־שאַפט, וועלכע טראָגט זיך איבער פון רעדנער צו די צוהע־רער. דער סאָציאַליזם דאַרף נישט באַנוצן דערבײַ קיין שום קינסטלעכע מיטלען, כּדי צו שאַפן דעם שײַן פון גערעכט זײַן (דעמאַגאָגיע); זײַן תּוך איז גערעכטיקייט, דעריבער איז אויפ־ריכטיקייט און טיפער גלויבן דאָס שטאַרקסטע געווער פון סאָציאַליסטישער וואָרט־פּראָפּאַגאַנדע.

אַ רעאַקציאָנערער, בורזשואַזער פּאָליטיקער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „די שפּראַך איז געשאַפן געוואָרן צוליב דעם, כּדי צו באַהאַלטן די געדאַנקען". דער דאָזיקער רעאַקציאָנערער פּאָליטיקער האָט אויף אַ גראָבן, ציניש אופן געזאָגט דאָס, וואָס די בורזשואַזיע טוט, זינט זי איז געקומען צו דער מאַכט. מיט דעם דאָזיקן זאָג האָט ער אויפגעדעקט דעם אופן, דורך וועלכן די באַזיצנדיקע קלאַסן הערשן איבערן פאָלק.

די בורזשואַזיע האָט אַ לאַנגע צײַט געהערשט איבערן פאָלק מיט דעמאָקראַטישע מיטלען, און טיילווײַז הערשט זי נאָך הײַנט אַזוי (אין ענגלאַנד, אַמעריקע אאַ"וו). אָבער זי איז אַלע מאָל געווען אַ מינדערהייט און זי האָט אַלע מאָל געהערשט קעגן די אינטערעסן פון פאָלק. כּדי אָנצושפּאַרן איר הערשאַפט אויפן פאָלק, האָט זי דאָס פאָלק געמוזט אָפּנאַרן, פאַרדרייען דעם קאָפּ, באַווײַזן, אַז שוואַרץ איז ווײַס, און שלעכטס איז גוט. די בורזשואַזיע איז די אייגנטלעכע שעפערין פון דעמאַגאָגיע.

די באַזיצנדע קלאַסן, און באַזונדער די בורזשואַזיע אין דער נייעסטער צײַט, האָבן דאָס וואָרט אַראָפּגעניִדערט צו דער

מדרגה פון אַ געצײַג פון פאַרשקלאַפונג, צו אַ װערקצײַג פון ליגן און אָפּנאַרערײַ.

דער סאָציאַליזם איז בכּוח צוריק אויפצוהייבן דאָס װאָרט, די שפּראַך, צו אַ געצײַג פון גײַסטיקער דערהייבונג, פון אמתן, מענטשלעכן, אויפריכטיקן קאָנטאַקט פון ריינעם געפיל און אויפריכטיקן געדאַנק.

אמת, אויך אין אונדזערע רייען האָט מען נישט איין מאָל מיסגעברויכט מיטן װאָרט. מען דאַרף צו אים האָבן די געהעריקע באַציִונג. װער עס דאַרף רעדן, מוז זיך דערצו װי געהעריק צוגרייטן, כּדי נישט װאַרפן קיין פּוסטע װערטער. מיטן װאָרט קאָן מען אַמלײַכטסטן מיסברויכן. און דאָס װערט, ליידער, גענוג אָפט געטון. און דערמיט װערט דערנידעריקט אַ זייער װיכטיק מיטל פון אמתער דערציִונג און גײַסטיקער דערהייבונג.

װעלן מיר די דאָזיקע פעלערן און מיסברויכן אויסמײַדן, דאַן קאָנען מיר פאַרװאַנדלען דאָס װאָרט אין אַ מעכטיקן פאַקטאָר פון סאָציאַליסטישער דערציִונג פון די מאַסן. מען דאַרף באַטראַכטן יעדעס װאָרט װי אַ ט אַ ט. מיר װעלן דאַן דאָס װאָרט פאַרװאַנדלען אין אַ װיכטיק געצײַג פון אמתער סאָציאַליסטישער דערציִונג.

אַ גרויסע דערציִערישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַדײַטונג האָבן אויך די ס י מ ב אָ ל ן.

װאָס איז דאָס אַזוינס אַ סימבאָל? — דאָס איז אַ מאַטעריעלע זאַך, װעלכע פאַרקערפּערט מיט זיך פאַרן מענטשן אַ גײַסטיקן װערט. די פאַרקערפּערונג איז אָבער נישט קיין אינערלעכע, אימאַנענטע אייגנשאַפט פון דער געגעבענער מאַטעריעלער זאַך, נאָר אַ פון דרויסן אָנגעװאָרפענע, באַשטימט דורך די מענטשן. סימבאָלן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און האָבן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַדײַטונג. די װירקונג פון די סימבאָלן באַזירט זיך אויף אַ טיפער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגישער אייגנשאַפט.

סימבאָלן זענען נישט קיין דערפינדונג פון דער נײַער צײַט. זיי עקזיסטירן און װירקן שוין אַזוי לאַנג, אָדער כּ מ ע ט אַזוי לאַנג, װי עס עקזיסטירט די מענטשלעכע קולטור בכלל.

שוין פון די אורעלטסטע צײַטן אָן. די ערשטע פאָרם פון סימבאָלן — דאָס זענען געווען די פּ ע ט י ש ן *). אויף די ערשטע שטאַפּלען פון דער קולטור האָבן די מענטשן געגלייבט, אַז פאַרשידענע זאַכן, ווי גרויסע שטיינער, ביימער, חיות א״ד״גל, זענען באַזעצט דורך העכערע גײַסטיקע כּוחות, וועלכע האָבן אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויפן לעבן און גורל פון מענטשן. מען האָט דעריבער אַרומגערינגלט די דאָזיקע זאַכן מיט גרויס אַכטונג און אָפּשײַ, און אין זיי אָנערקענט אויטאָריטעטן פאַר די מענטשן. מיט דער אַנטוויקלונג און אַנטשטייונג פון העכערע פאָרמען פון רעליגיע, האָבן זיך די פּעטישן פאַרוואַנדלט אין רעליקוויעס (הייליקייטן), ד״ה זאַכן, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך — לויטן גלויבן פון מענטשן — שוין נישט קיין אומאָפּהענגיקן העכערן גײַסט, וואָס רעגירט זעלבשטענדיק מיטן מענטשלעכן גורל, נאָר זיי פאַרקערפּערן אין זיך בלויז אַ טייל פון דער מאַכט פון העכערן גײַסט — פון גאָט. ער האָט דאָס אויף זיי איבערגעוואָרפן און זיי פאַרוואַנדלט אין זײַנס אַן אָרגאַן, מיט דער הילף פון וועלכן ער רעגירט און קירעוועט מיטן לעבן פון מענטשן.

ווען דער רעליגיעזער גלויבן פאַרלירט זײַן אַלמאַכט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און מוז אָפּטרעטן אַ ריזיקן טייל פון זײַן מאַכט דעם וויסנשאַפטלעכן, ראַציאָנעלן אופן פון דענקען און פאַרשטיין די וועלט, — דאַן פאַרנעמען שוין דאָס אָרט פון די רעליקוויעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — די ס י מ ב אָ ל ן. סימבאָלן זענען אויך זאַכן, וועלכע רעפּרעזענטירן פאַרן מענטשן געוויסע גײַסטיקע, העכערע ווערטן, אויטאָריטעטן אָדער אידעאַלן, אָבער דעם דאָזיקן ווערט און באַדײַט באַקומען זיי צוגעשריבן באַוווּסטזיניק, קינסטלעך, פון מענטשן זעלבסט. מיר זעען אַלזאָ, אַז פּעטישן, רעליקוויעס און סימבאָלן שפּילן פּ ר י נ צ י פּ י ע ל

*) אַ פּעטיש שיידט זיך אונטער פון אַ סימבאָל דערמיט, וואָס דער גײַסטיקער ווערט פון סימבאָל ווערט באַשטימט דורך מענטשן באַוווּסטזיניק, קינסטלעך, בעת בנוגע דעם פּעטיש האָבן די מענטשן געגלייבט, אַז ער איז באַזעצט דורך אַ העכערער גײַסטיקער קראַפט, אומאָפּהענגיק פון מענטשנס ווילן.

מ. קליגסבערג — סאָצ׳ דערצ׳, 14.

די זעלבע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און וועזנטלעך גע־הערן זיי צו דער זעלבער קאַטעגאָריע פּסיכיש־געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען, ס׳איז נאָר פאַרגעקומען אַן ענדערונג אין אויסער־לעכן כאַראַקטער זייערן, אַנטשפּרעכנד צו די טיפע ענדערונגען אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג בכלל.

האָבנדיק אויפן אויג דעם פאַקט, אַז סײַ די רעליגיע, סײַ די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן ווײַזן אַרויס די נויטווענדי־קייט זיך צו אויסערן מיט די זעלבע וועזנטלעכע מיטלען (רע־ליקוויעס, סימבאָלן), קאָן מען מאַכן דעם אויספיר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע אינערלעכע פּסיכאָלאָגישע קרובהשאַפט צווישן רעליגיעזן גלויבן און געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, און אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל (אפשר: סאָציאַליסטישער גלויבן!) קאָן אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט פאַרטרעטן דעם רעליגיעזן גלויבן. דערפון קאָן מען אויך פאַרשטיין דאָס פאַרקערטע: פאַר וואָס בײַ ריזיקע טיילן אַרבעטנדיקע און פאָלקס־מאַסן, וועלכע דאַרפן דאָך אָביעקטיוו זיך אָנשליסן אין קאַמף פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל, פאַרטרעט בײַ זיי די רעליגיע די אינערלעכע באַדערפעניש פון אַזאַ גערעכטיקייט־אידעאַל.

פון וואַנען־זשע נעמט זיך די גרויסע ווירקונג פון סימ־באָלן אין מענטשלעכן לעבן? דאָס מענטשלעכע ד ע נ ק ע ן פירט קודם־כל אויס אַ ב י אָ ל אָ ג י ש ע פ ו נ ק צ י ע *). עס איז אַ הילפסאָרגאַן פון מענטשן צו פירן דעם קאַמף פאַר עק־זיסטענץ, אינערהאַלב דער גרויסער, ברייטער און קאָמפּליציר־טער וועלט, וועלכע רינגלט אים אַרום אַלס פײַנטלעכער צו אים און צו זײַן פאַרניכטונג שטרעבנדער עלעמענט. מיט דער הילף פון אינטעלעקט, פון דענקאַפּאַראַט מוז ער זיך אָריענטירן אינעם אַרום: אונטערשיידן פרײַנד פון פײַנט, שלעכטס פון גוטס, נוצ־לעכס פון שעדלעכס אאַז״וו. די באַזע פון דאָזיקן דענקפּראָצעס איז די טעטיקייט פון די ח ו ש י ם, ווײַל דער מענטש איז דאָך

*) די נאַטור־ביאָלאָגישע אומגעבונג פון מענטשלעכן נאַטור־צושטאַנד ווערט נאָכהער פאַרטרעטן פון אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה; די לעצטע שפּילט אָבער לגבי דעם אײנצלנעם מענטשן די זעלבע ראָל, ווי אַמאָל — אין נאַ־טור־צושטאַנד — די אוממיטלבאַרע נאַטור־סביבה.

אַרומגערינגלט מיט אַ רעאַלער, *מאַטעריעלער* וועלט, און דעריבער קאָן ער זיך אין איר אָריענטירן און אונטערשיידן, קעמפן לויט די *אויסערלעכע*, מאַטעריעלע, סענסועלע (פון סענסוס — חושים) אייגנשאַפטן פון די זאַכן און באַשעפענישן, וועלכע רינגלען אים אַרום. אַלזאָ: דער מענטש האַנדלט און קעמפט אין דער אַרומיקער וועלט, אָריענטירנדיק זיך לויט די אויסערלעכע מאַטעריעלע אייגנשאַפטן פון דער דאָזיקער וועלט, אַזוי ווי ער באַגרייפט איר דורך זיינע חושים.

מיט דער קולטורעלער אַנטוויקלונג הייבט אָן דער מענטש צו שאַפן אייגענע געדאַנקען און אַבסטראַקציעס; זיי גייען אַרויס אויסער די ראַמען פון די אויסערלעכע איינדריקן, וועלכע ס׳ברענגען אים די חושים. זייער ציל איז אויסצוגעפינען אַלגעמיינע, אומפאַסנדע פאַרבינדונגען און באַציִונגען אין דער נאַטור, וועלכע מען קאָן מיט די חושים נישט אָבסערווירן. אָבער די אַבסטראַקציעס און די אַרבעט פון ריינעם געדאַנק האָט דעם זעלבן ריין פּראַקטישן צוועק: זייער ציל איז אַרומצונעמען מיט אַ מאָל אַ וואָס גרעסערע צאָל דערשיינונגען, כּדי דער מענטש זאָל זיך לייכטער קאָנען אָריענטירן אינעם אַרום, כּדי בעסער צו קאָנען רעאַגירן און האַנדלען אינעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. אָבער דער יסוד פון דער מענטשלעכער דענקפעיִקייט, זיין אורקוואַל און זיין כאַראַקטער באַשטימען די אויסערלעכע מאַטעריעלע איינדריקן, באַקומענע דורך די חושים. כּדי יעדן אַבסטראַקטן געדאַנק זיך אַליין קלאָרער צו מאַכן, מאַכן פאַר זיך אַליין מער צוגענגלעך און נוצלעכער, מוז דער מענטש שטרעבן די *געדאַנקען* צו *מאַטעריאַליזירן*, אויסדריקן זיי אין מאַטעריעלע, זינלעכע פאָרשטעלונגען. דער מענטש שטרעבט דעם אַבסטראַקטן געדאַנק אַריינפירן אין דער רעאַלער, מאַטעריעלער וועלט, אין דעם גאַנצן זינלעכן סיסטעם פון זאַכן, וועלכע רינגלען אים אַרום, פון וועלכע ס׳איז אָפּהענגיק זיין עקזיסטענץ און וועלכע בילדן צוזאַמען דעם באַגריף *וועלט*; דער געדאַנק מוז אין דער דאָזיקער וועלט פאַרנעמען אַ *באַשטימט*, האַרמאָניש אָרט, זיך שטעלן אין אַ באַשטימטער באַציִונג צו דער רעשט קעגנשטאַנדן פון דער דאָזיקער וועלט, אַריינגלידערן זיך האַרמאָניש אין

מענטשנס וועלטסיסטעם, — און דאַן באַקומט ער פאַרן מענטשן אַ רעאַלן ווערט, ער ווערט אַ מיטל פאַר אָריענטאַציע און קאַמף פון מענטשן איבערהאַלב דער דאָזיקער רעאַלער, מאַטעריעלער וועלט. דורכן מאַטעריאַליזירן זײַנע אייגענע אַבסטראַקטע געדאַנקען, ווערן די לעצטע דעם מענטשן ערשט רעכט פאַרשטענדלעך און נוצבאַר. דאָס איז דער טיפערער ביאָפּסיכישער גרונט, פאַר וואָס דער מענטש שטרעבט אַלע זײַנע אַבסטראַקטע געדאַנקען צו מאַטעריאַליזירן, אָנצוטון אַ זינלעכן לבוש. דעם מענטש ווערן קלאָרער זײַנע אייגענע געדאַנקען, ווען ער שטעלט זיי זיך פאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון זײַנע חושים. דערפון נעמט זיך, וואָס דער מענטש האָט פון קדמונים אָן זײַנע אייגענע אַבסטראַקטע באַגריפן אויסגעדריקט אין מאַטעריעלע, זינלעכע פאָרמען, אָנהייבנדיק פון די פעטישן, דורך רעליגיעזע רעליקוויעס — צו די סימבאָלן, וועלכע שפילן נאָך הײַנט אַ גרויסע ראָל אין דער מענטשלעכער באַגריפן- און געדאַנקען-וועלט.

די נייגונג פון מענטשן צו מאַטעריאַליזירן די אייגענע געדאַנקען, איז דער פּסיכאָלאָגישער קוואַל פון רעליגיע. דאָס קלינגט אַפילו פּאַראַדאָקסאַל: די רעליגיע האָט דאָך אײַנגעפירט אין דער מענטשלעכער געדאַנקען-וועלט דעם באַגריף וועגן דער עקזיסטענץ און אַלמעכטיקייט פון גײַסט אין דער נאַטור און אין מענטשלעכן לעבן, — ווי-זשע שיקט זיך עס, אַז די רעליגיע איז גאָר אַ פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס פון מאַטעריאַליזירן די מענטשלעכע אַבסטראַקטע געדאַנקען. דעם דאָזיקן אמת האָט שוין אָבער אין אַ געוויסער מאָס אָנגעוויזן פײַערבאַך, וועלכער האַלט, אַז דער מענטש האָט זיך געשאַפן אַ גאָט לויט זײַן אייגענעם געשטאַלט (דאָס באַדײַט אויך, אַז דער מענטש האָט דעם גאָטבאַגריף מאַטעריאַליזירט). אָבער לאָמיר די זאַך נעענטער באַטראַכטן. דער מענטש האָט די געזעצן פון דער נאַטור נישט געקאָנט אַנדערש אויפפאַסן, ווי אין דער פאָרם פון וועזנס, פון אינדיווידוומס, ד"ה ער האָט די נאַטור-געזעצמעסיקייט פאַרזינלעכט, מאַטעריאַליזירט. צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים האָט ער גלײַכצײַטיק די דאָזיקע געזעצמעסיקייט נישט

געקענט אויפפאַסן, ווי קערפּערלעכע זאַכן, דערפאַר האָט ער זיך באַשאַפן דעם באַגריף וועגן ג ײַ ס ט. אָבער דער אורשפּרינגלעכער מענטשלעכער באַגריף וועגן גײַסט — דאָס איז אין תּוך אַ באַגריף וועגן אַ נ י ש ט ז ע ב אַ ר ע ר מ אַ ט ע ר י ע, מיט אַלע אייגנשאַפטן און אַטריבוטן פון מאַטעריע, דער מענטש האָט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט די נאַטור־באַציִונגען, די נאַטור־געזעצן אין דער געשטאַלט פון וועזנס, וועלכע קאָנצענטרירן אין זיך די נאַטור־קרעפטן און די נאַטור־געזעצמעסיקייט. דאָס איז דער פּסיכאָלאָגישער יסוד פון געטער־באַגריף. שפּעטער ערשט זענען אויפגעקומען די באַגריפן וועגן ב אַ צ יִ ו נ ג ע ן אין דער נאַטור, וועגן די אַבסטראַקטע נאַטור־געזעצן, וועלכע קאָנען אָבער אפילו ביז הײַנט אין גאַנצן זיך נישט באַגיין אָן מאַטעריאַליזירנדע סימבאָלן.

מיר זעען אַלזאָ, אַז די סימבאָליזירונג פון די מענטשלעכע געדאַנקען און אידעאַלן באַגרינדעט זיך אויף אַ טיפער פּסיכישער אייגנשאַפט פון מענטשלעכן גײַסט. דער סימבאָל איז אַ גלענצנדער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון די מענטשלעכע געדאַנקען — און דעריבער מוז דער סימבאָל ווי אַמברייטסטן אויסגענוצט ווערן אין אונדזער סאָציאַליסטישער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע. אַ געפיל־באַציִונג צו אַן אַבסטראַקטן אידעאַל איז שווערער אַרויסצובאַקומען; אַקעגן, אַ געפיל־באַציִונג צו וועזנס, זאַכן, קאָנען אַ סך לײַכטער אַרויסגערופן ווערן. דעריבער נוצט שטאַרק דער סימבאָלן־קולט אַלס פאַרמיטלער צו שטאַרקן די געפיל־באַציִונג פון די מאַסן צום אידעאַל. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז אין דער באַציִונג צום סימבאָל געפינט זײַן בולטסטן אויסדרוק די באַציִונג צום אידעאַל גופא. זעענדיק דעם אופן, ווי אַזוי איינער באַציט זיך צו דער רויטער פאָן, קאָן מען דערפון דרייסט אורטיילן, ווי אַזוי דער געגעבענער מענטש באַציט זיך אינערלעך, אויפריכטיק צום עצם־אידעאַל.

דורך דערציִען אַ פּיעטעט־באַציִונג צו אונדזערע סימבאָלן: די רויטע פאָן, הימן, שבועה, אָרגאַניזאַציע־אוניפאָרם, דרײַ פײַלן, רויטער פאַלק, אָרגאַניזאַציע־צייכן אד"גל — שטאַרקן מיר די פּיעטעט־באַציִונג צום אידעאַל גופא, שאַפן מיר אַ באָדן פאַר אַ וואַרעמער געפיל־באַציִונג צום סאָצ' אידעאַל; דער

סימבאָל דריקט אויס מאַטעריעל, פּאָפּולער, אָנשוילעך דעם תּוך פונעם אידעאַל; דער סימבאָל איז דער רעפּרעזענטאַנט פון אַבסטראַקטן אידעאַל אויפן געביט פון די נידעריקערע גײַסטיקע קרעפטן, וועלכע זענען אָבער נעענטער צום אוממיטל־באַרן געפיל־ און ווילנס־לעבן. דערפאַר איז ער אײנער פון די פאַרבינדונג־אָרגאַנען צווישן אַבסטראַקטן געדאַנק און פּער־זענלעכן געפיל־לעבן. ער איז דעריבער אײנער פון די מיטלען פון אונדזער דערציִונג־אידעאַל: הייבן דאָס פּערזענלעכקייט־גע־פיל, די געפילן בכלל צום ניוואָ פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל און דערפירן צו אַ האַרמאָניע צווישן געדאַנק און געפיל, פאַר־וואַנדלען דעם אידעאַל אינעם קערן פון פּערזענלעכן לעבן. מיר מוזן דעריבער אין אונדזער דערציִונג־אַרבעט די גרעסטע אַכט לייגן אויף די סימבאָלן, אַ־ומרינגלען זיי מיט פּיעטעט, דערציִען אַ פּיעטעט צו זיי בײַ דער יוגנט, געבן זיי אַן אָנ־געזעצן אָרט אויף אַלע פײַערלעכקייטן, ווי דעמאָנסטראַציעס, אַקאַדעמיעס, איבערגאַנג פון איין אָרגאַניזאַציע אין דער צווײ־טער (למשל — פון „סקיף״ אין „צוקונפט״), אויפן לאַגער (אַרום דער לאַגערפאָן) אאַז״וו. דאָס געהעריקע אויסנוצן די סימבאָלן איז אַ וויכטיק מיטל פון סאָציאַליסטישער דערציִונג, פון דורכ־דרינגען די יוגנט אידעיִש און געפילמעסיק מיט אונדזער סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל.

ד) *פירער און מאַסע*

מיר האָבן אויבן אויסגערעכנט אונדזערע וויכטיקסטע סימ־באָלן: פאָן, הימן, שבועה, אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע צייכנס, אוניפאָרם אד״גל. דאָס זענען אַלץ אָביעקטן, וועלכע סימבאָלי־זירן, פאַרקערפּערן אונדזערע אידעאַלן. פאַראַן אָבער נאָך איין מין סימבאָל, אַ לעבעדיקער — דאָס איז דער פירער. נישט איין סאָציאַליסטישער פירער האָט דערגרייכט צו דער שטופע פון ווערן אַ סימבאָל פון זײַן באַוועגונג. פיל אַנדערע קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס סימבאָלן פון געוויסע אייגנשאַפטן פון דער באַוועגונג (טרײַשאַפט, אויסדויער, אַקטיוויטעט אד״גל). צום דאָזיקן ציל דאַרף יעדער פירער שטרעבן—מיט זײַן גאַנץ

לעבן, מיט זײַן גאַנץ אינדיווידועל וועזן, מיט זײַן גאַנצער אַרבעט — צו ווערן די פֿאַרקערפּערונג, דער סימבאָל פֿון אידעאַל, פֿאַר וועלכן מיר אַלע קעמפֿן.

מיר האָבן אין קאַפּיטל וועגן קלאַסן־באַוווסטזײַן אַרומגערעדט די ראָל פֿונעם פֿירער אין דער סאָצ׳ באַוועגונג: זײַן אויפֿגאַבע באַשטייט אין אַרײַנגעבן שעפֿעריש, אַקטיוויסטישן גײַסט אין דער באַוועגונג; ער דאַרף זײַן נישט בלויז דער קריסטאַליזירטער אויסדרוק פֿון דער באַוועגונג, נאָר קודם־כּל — איר אינערלעכע טרײַבקראַפֿט, דער קוואַל פֿון איר שעפֿערישן גײַסט. אָבער אַחוץ דעם שטייט פֿאַרן פֿירער נאָך איין גרויסע אויפֿגאַבע: ער מוז ווערן דער לעבעדיקער, דער *זינגלעכער* בײַשפּיל פֿאַרן אינדיווידועלן סאָציאַליסט; ער דאַרף ווערן דער סימבאָל, אין וועלכן אונדזער סאָציאַליסטישער אידעאַל זאָל באַקומען זײַן אויסערלעכן, פּערזענלעכן, *מענטשלעכן* אויסדרוק.

די פֿראַגע וועגן דער ראָל און באַדײַטונג פֿון פֿירער פֿאָדערט אין דער איצטיקער צײַט באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט צוליב דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן איז אַנטשטאַנען אַ מעכטיקע אַנטי־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דער פֿאַשיזם, וואָס איינע פֿון זײַנע הויפּט־יסודות איז דער פֿירער־פּרינציפּ, דער *פֿעטישיזם פֿון פֿירער*.

אין וואָס באַשטייט דער אונטערשיד צווישן פֿאַשיסטישן און סאָציאַליסטישן בליק אויף דער ראָל פֿון פֿירער? — אויב דער סאָציאַליזם דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז דער פֿירער קאָן ווערן דער סימבאָל פֿון דער באַוועגונג, דאַרף מען עס פֿאַרשטיין אין דעם זין, אַז דער פֿירער קאָן דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה נאָר אין רעזולטאַט פֿון זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער באַוועגונג, פֿון זײַנע לייסטונגען אין קאַמף פֿאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל. דאָס העכסטע און מאָסגעבנדסטע אָרט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פֿאַרנעמט די אידעע, און דער אורטיילנדער פֿאַקטאָר — איז די באַוועגונג זעלבסט, זי קאָן אַוועקשטעלן דעם פֿירער אויפֿן ניוואָ פֿון אַ סימבאָל. בײַ די פֿאַשיסטן, אַקעגן, איז דער פֿירער נישט בלויז דער סימבאָל פֿון אידעאַל — נאָר דער *אידעאַל זעלבסט*; דער אידעאַל

בײַ זײ איז נישט קײן אידעע, אַ געדאַנק, נאָר אַ מענטש; און נישט דער מין מענטש בכלל, נאָר אַ באַשטימטער אײנצלנער יחיד. דאָס איז אַ צוריקגאַנג צו יענע אורשפּרינגלעכע צײַטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען מען האָט געגלויבט אין דער אַלמאַכט פון פעטישן; בײַ די פאַשיסטן איז דער פירער אַ פעטיש, ד"ה אַ זאַך, וואָס טראָגט אין זיך פון דער נאַטור אַ העכערע מאַכט, און אין נאָמען פון אָט דער איבערמענטשלעכער מאַכט קומט אים אַ נאַטירלעכע מאַכט איבער די מענטשן, איבער זײער לעבן און גורל. דאָס איז אַ „לערע", וועלכע דערנידעריקט דעם ווערט פון מענטשלעכן מין און פירט די מענטשן צוריק צום צושטאַנד פון באַרבאַריזם. איבעריקנס דריקט זיך דער דאָזיקער באַרבאַריזם אויס נישט בלויז אין דער טעאָריע, נאָר נישט ווײניקער — אין דער פּראַקטיק פון פאַשיזם.

נאָר אין אַ צײַט פון אַ גרויסן קריזיס, וועלכער ציט נאָך זיך אַ צערודערונג און צעמישונג אין די געדאַנקען, איז מעגלעך, אַז אַזאַ „לערע" זאָל קאָנען אַרומכאַפּן גרויסע מאַסן מענטשן. דאָס געשעט דאָרט, ווו אומגליקלעכערווײַזע טרעפט זיך צונויף און ווירקט אין דער זעלבער ריכטונג אַ גאַנצע רײ נעגאַטיווע סיבות. די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע סיבות זענען: 1) שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס; 2) געוואַלטזאַמע דעקלאַסירונג פון גרויסע טײלן באַפעלקערונג. די דעקלאַסירונג איז גורם דאָס אײַנשרומפּן אָדער פאַרשווינדן פון די סאָציאַלע געפילן און פון דער פאַרשטענדעניש פאַר געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין. זײער אָרט פאַרנעמט דער רויער זעלבסט-דערהאַלטונג-דראַנג, וועלכער איז אַ רײן עגאָיסטישער אינסטינקט און וועלכער מאַכט פאַר די געגעבענע פּערזאָנען מאָראַליש מעגלעך און דערלאָזבאַר יעדן אַנטי-סאָציאַלן טאַט, אַבי צו דערגרײכן די אײגענע, פּערזענלעכע, מאָמענטאַלע פאַרזאָרגונג. 3) דאָס פאַרלירן די פּערספּעקטיוו אין דער צוקונפט *). אין רעזולטאַט פון דעם הײבט מען זיך אָן אומ-

---

*) אין דעם זענען געוויינלעך נישט אַזוי שטאַרק שולדיק די מאַסן גופא, ווי די פירנדע אידעען, וועלכע האָבן נישט באַוויזן די אידעאַלן צו

קוקן און זוכן אידעאַלן — אין דער *פאַרגאַנגענהייט* און מען הייבט אָן אין דער פאַרגאַנגענהייט צו זוכן מוסטערן און פּרינציפּן פון אייגענעם לעבן און האַנדלונגען (אַ ספּעציעל כאַראַקטעריסטישער שטריך פון היטלעריזם). 4) פאַרלירנדיק דעם גלויבן אין די אייגענע שעפערישע כּוחות (אין דעם איז שולדיק: אָביעקטיוו — די פאַרלוירנקייט, וועלכע ס'איז גורם דער קריזיס; סוביעקטיוו — די פּאַרטייען און באַוועגונגען, וועלכע האָבן נישט באַוויזן ביי די מאַסן אַרויסצורופן דעם גלויבן אין זיך און דעם שעפערישן שווונג), קוקט מען זיך אום נאָך אַ פירער, וועלכער נעמט אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שטעלט פאָר די איינציקע האָפענונג ביי די אַלע, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין די אייגענע כּוחות.

דער סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט אויפן פירער-פּראָבלעם איז גאָר אַן אַנדערער: דער פירער קאָן דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל פון אויטאָריטעט, ער קאָן ווערן דער אויסדרוק, דער סימבאָל *פון* דער באַוועגונג, אָבער קיין מאָל קאָן ער נישט זיין קיין מאַכט *איבער* דער באַוועגונג.

ספּעציעל וויכטיק איז דאָס איינשטעלן אַ געהעריקע באַציִונג צווישן פירער און מאַסע אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט-באַוועגונג, ווו עס ווערט ערשט אויסגעפאָרעמט דער גייסט און כאַראַקטער פון באַוווסטזיניקן סאָציאַליסט.

דער וויכטיקסטער פּרינציפּ דערביי איז: ווי גרויס עס זאָל נישט זיין די ראָל און מאַכט פון פירער (לויט זיינע פאַרדינסטן), טאָר זי אָבער קיין מאָל נישט דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה, אַז זי זאָל אַראָפּנידעריקן די זעלבסטאַקטיווקייט און זעלבשטענדיקייט-געפיל פון די איינצלנע מיטגלידער. דער אויטאָריטעט פון פירער דאַרף זיך אַלע מאָל באַגרינדן אינעם באַוווסטזיין פון די מאַסן-מיטגלידער אויף דעם פירערס לייסטונגען און טאָר זיך קיין מאָל נישט פאַרוואַנדלען אין אַ קריטיקלאָזע פאַרערונג פאַר דער פּערזאָן פון פירער.

פאַרקערפּערן אין אַ קלאָרער צוקונפט-פּערספּעקטיוו, אין אַ סיסטעם פון פּלאַנמעסיקן קאַמף — אַזוי איז עס געשען אין דייטשלאַנד.

כדי דאָס צו דערגרייכן, דאַרף די סאָצ׳ יוגנט־באַוועגונג זיך האַלטן בײַ פאָלגנדע פּרינציפּן:

אומאויפהערלעך ארבעטן אין דער ריכטונג פון פארקלענערן די דיספּראָפּאָרץ צווישן פירער און א״ג „מאַסע״. דאָס איז קודם־כּל די פליכט פון פירער זעלבסט. ער מוז שטענדיק זײַן פּשוט, נאַטירלעך, נישט פּאָזירן, נישט אונטערשטרײַכן אויסערלעך זײַן „העכערקייט״. ער מוז זאָרגן כּסדר און אומאויפהערלעך וועגן הייבן דעם גײַסטיקן ניוואָ פון וואָס ברייטערע קרײַזן אַרום זיך, וועקן דעם זעלבסטגלויבן און דראַנג צו שעפערישער אַקטיווקייט בײַ די מאַסן. נישטאָ עפּעס מער אַנטיפּאַטישעס און אָפּשטויסנדעס בײַ אַ סאָציאַליסטישן פירער, ווי די אײַנשטעלונג: „דאָס און דאָס — איז גוט פאַר מיר, דעם פירער, אָבער נישט פאַר דער פּשוטער מאַסע״. אויב דאָס אַנטשפּרעכט אַמאָל דער ווירקלעכקייט, איז די אויפגאַבע פון פירער — צו באַזײַטיקן דעם דאָזיקן אונטערשיד, הייבן די מאַסע כּאָטשבי צום אייגענעם ניוואָ. דער פירער און דערצי׳ער פון יונגן דור מוז מיט אַלע זײַנע האַנדלונגען שטרעבן דערצו, אַז די גײַסטיקע דיסטאַנץ צווישן פירער און מאַסע זאָל אַלץ מער פאַרווישט ווערן דורך הייבן דעם ניוואָ פון דער מאַסע צו אַ וואָס העכערן, קולטור־שעפערישן כּוח.

עס מוז געזאָרגט ווערן וועגן אַ פּערזענלעכן און פרײַנדשאַפט־קאָנטאַקט צווישן פירער און מאַסע. אינעם באַוווסטזײַן פון מאַסן־מיטגליד טאָר זיך נישט שאַפן דער אײַנדרוק, אַז מיטן פירער האָט ער נאָר „געשעפטלעכע״, פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע געמיינזאַמע אינטערעסן און פאַרבינדונגען, ווײַטער גייען זיי זיך אײנע־דעם צווייטן נישט אָן. ספּעציעל אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע מוז דער פירער זײַן דער פּערזענלעכער פרײַנד פון די יוגנטלעכע, וועלכע שטייען אונטער זײַן דירעקטער פירונג. די פּערזענלעכע דאגות און פּראָבלעמען פון די יוגנטלעכע דאַרפן אים אינטערעסירן און געפינען אין אים אַ פּערזענלעכן אָנשפּאַר. נעמענדיק אין אַכט די גרויסע ראָל, וואָס דאָס פּערזענלעכקייט־געפיל שפּילט פאַר דער אַנטוויקלונג

פון מענטשן, מוז מען גוט געדענקען: דער יוגנטלעכער טאָר נישט זײַן אונטערן אײַנדרוק, אַז זײַן פּערזענלעך לעבן אין מינדערווערטיק, האָט נישט קיין באַדײַטונג פֿאַרן כּלל, דאַרף דעם צווייטן — און ספּעציעל דעם פֿירער — נישט אינטערעסירן, אַז ער — דער יוגנטלעכער — איז אַ ווערטלאָז שפּענדעלע אינעם שטורעם פֿון דער געשיכטע, און עס האָט נישט קיין באַדײַטונג, צי דער ווינט פֿאַרטראָגט דאָס שפּענדעלע הויך, צי ער פֿאַרוואַרפֿט עס ערגעץ אויף אַ נידעריקן, פֿאַרוואָרלאָזטן באָדן. אויב מיר זאָלן דערוועקן בײַם יוגנטלעכן אַזאַ אײַנדרוק וועגן זײַן פּערזענלעכן ווערט און באַדײַט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, דאַן וואָלט דאָס אָרגאַניזאַציע־לעבן זייער שלעכט געווירקט אויף זײַן פּערזענלעכער אַנטוויקלונג, און אין רעזולטאַט דערפֿון קאָן קומען: אָדער דער יוגנטלעכער פֿילט זיך אַנטמוטיקט, ווערטלאָז, און דאָס ווירקט שלעכט אויף זײַן אַנטוויקלונג, עס אַנטשטייען נישט בײַ אים די באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַקטיווקייט, שאַפֿונגדראַנג, העכערן לעבנשוווּנג; אָדער — ס׳קומט אַ פּערזענלעכע רעאַקציע, דער יוגנטלעכער אַנטלויפֿט פֿון אָרגאַניזאַציע־לעבן צום „ריין פּריוואַטן לעבן” און נעמט זיך אָפּ די „פֿאַרלוירענע” יוגנטצײַט דורך איבערגעטריבענעם ענג פּערזענלעכן און פּאַקטיש ווערטלאָזן לעבן. דער יוגנטלעכער דאַרף פֿילן, אַז דער קאַמף גייט וועגן אים; אַז אַלע קעמפֿן סאָלידאַר, צוזאַמען דערפֿאַר, אַז יעדער באַזונדער זאָל קאָנען אײַנאָרדענען זײַן לעבן רײַכער, אינטערעסאַנטער פֿילפֿאַרביקער, שענער. דער דאָזיקער באַוווּסטזײַן דאַרף באַקומען זײַן קאָנקרעטן אויסדרוק אין דער באַציִונג פֿון פֿירער צו די אָנגעפֿירטע. ער דאַרף פֿאַר זיי זײַן אַ פֿירער אין קאַמף און אַ פֿרײַנד אין פּערזענלעכן לעבן. אָבער דער פֿירער מוז עס טון אַזוי, אַז עס זאָל נישט האָבן דעם באַדײַט פֿון פֿילאַנטראָפּיע, עס זאָל נישט אויסקומען ווי עפּעס אַ גאָט פֿון אָלימפּ איז אַראָפּגעקומען צו די קלײנע מענטשעלעך מיט אַ וויזיט. דער פֿירער דאַרף אַליין פֿילן דעם אינערלעכן דראַנג און באַדערפֿעניש צו זײַן אַ פֿרײַנד פֿון זײַנע מיטקעמפֿער. דער פֿירער דאַרף אויך נישט באַמיִען זיך צו שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז ער איז עפּעס אויסערגע.

ווינלעכעס, אז נישט יעדער קאָן זײַן דאָס, וואָס ער איז, פאַרקערט, ער דאַרף בײַ די יוגנטלעכע אײַנוואָרצלען די איבערצײַגונג, אַז פּ אַ ר י ע ד ן איז גלײַך אָפּן דער וועג פון פּערזענלעכער דערהייבונג, און דורך אַרבעט, פלײַסיקייט און קרבנות-גרייטקייט קאָן יעדער דערגרייכן אַ העכערע שטופע פון געזעלשאַפטלעכן ווערט, ווערן אַ פירער.

אַחוץ די אויסגערעכנטע מאָמענטן, וועלכע האָבן אויפן אויג די אינדיווידועלע באַציִונגען צווישן פירער און אָנגעפירטע, האָבן אויך אַ קאָלאָסאַלע — אפשר נאָך אַ גרעסערע — באַדײַטונג די באַדינגונגען, וועלכע עס שאַפט די אָרגאַניזאַציע פאַר די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די פירער און דער מאַסע. דער איינציק ריכטיקער און דערציִעריש שעפערישער יסוד פון אָרגאַניזאַציע-לעבן — דאָס איז די אינערלעך אָרגאַניזאַציאָנעלע ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע און ז ע ל ב ס ט פ אַ ר וואַ ל ט ו נ ג. דעמאָקראַטיע איז דאָס וויכטיקסטע מיטל צו דערציִען אַ ריכטיקע דיסציפּלין. דער פּרוּווּשטיין פון אַ געזונטער דיסציפּלין איז, צי די מיטגלידער פירן אויס לאָיאַל באַשלוסן און אָנווײַזונגען, אפילו ווען זיי זענען דערמיט נישט מסכּים. כּדי אָבער פּסיכאָלאָגיש מעגלעך צו מאַכן אַזאַ מין העכערע דיסציפּלין, איז נייטיק, אַז דער מיטגליד זאָל האָבן די איבערצײַגונג, אַז ער איז אַ גלײַכער, מיטבאַשטימענדער פאַקטאָר פון די באַשלוסן און האַנדלונגען, און אַז ד ע ר ז ע ל ב ע ר פּ ר י נ צ י פּ, אין נאָמען פון וועלכן ער מוז הײַנט טוען אַ זאַך, מיט וועלכער ער איז נישט מסכּים, קאָן מאָרגן א י ם מאַכן פאַרן אויסדרוק פון ווילן פון כּלל. ברייטע אינערלעכע דעמאָקראַטיע איז דער איינציקער יסוד פון אַ געזונטער דיסציפּלין.

די דעמאָקראַטיע אין דער יוגנט-אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך קודם-כּל אויסדריקן — אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן — אין דער אַ מ ב ר ײ ט ס ט ן פּ אַ ר צ ו ו ײַ ג ט ע ר ז ע ל ב ס ט פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ ק ט י וו ע ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. די געוויינלעכע, פּאַסיווע דעמאָקראַטיע דריקט זיך אויס נאָר אינעם פאָרמעלן רעכט צו באַשטימען אין זעלטענע פאַלן די אַלגעמיינע ריכטליניעס פון דער אַרבעט

אָדער די פּערזאָנען, וועלכע דאַרפן מיט איר אָנפירן. אַקעגן, די אַקטיווע דעמאָקראַטיע אין פאָרם פון אַ ברייט פאַרצווײַג־טער זעלבסטפאַרוואַלטונג, מאַכט מעגלעך, אַז אַ וואָס גרעסערע צאָל מענטשן, אַ וואָס גרעסערער טייל פון דער מאַסע זאָל אויך קאָנען אָנפירן מיט דער טעטיקייט, אַרויסווײַזן אי־ניציאַטיוו, שעפערישקייט, ווילנקראַפט און דראַנג צו פּסדרדיקן פאָרויסגיין. דער דאָזיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג־פּרינציפּ — ספּע־ציעל אין אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע — טאָר זיך אָבער נישט פאַרוואַנדלען אין אַ ריין פאָרמעלן פּרינציפּ. דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג־פּרינציפּ אין דער יוגנט־באַוועגונג האָט זײַן באַ־דײַטונג נישט אַלס פאָרמעל קאָנסטיטוציאָנעלער, נאָר אַלס דערציִערישער פּרינציפּ; דעריבער האָט ער זײַן שעפערישע באַדײַטונג ערשט דאַן, ווען ער לעבט זיך אויס אין דער פּראַקטיק אונטער דער העכערער פירונג פון אויטאָרי־טעט. דער אויטאָריטעט פאַר דער זעלבסטפאַרוואַלטונג — איז דער אַלגעמיינער אידעאַל, די אַלגעמיינע צילן פון דער באַ־וועגונג, וועלכע פאַרקערפּערן זיך קאָנקרעט אין די פּערזאָנען פון די פירער. דער זעלבסטפאַרוואַלטונג־פּרינציפּ באַדײַט נישט: „יוגנטלעכע, פאַרוואַלטעט מיט זיך אַליין פרײַ, טוט און אַר־בעט ווי אַזוי איר פאַרשטייט אַליין". ניין! זײַן ריכטיקער זין איז: „יוגנטלעכע, אַט האָט איר פאַר זיך אַ ציל, באַקומט פון זיך אַרויס די בעסטע כּוחות און אַקטיווקייט, כּדי דעם ציל וואָס בעסער צו רעאַליזירן; דער העכסטער אויטאָריטעט— די אָרגאַניזאַציע אין די פּערזאָנען פון איר פירונג וועט אור־טיילן, צי איר האָט אײַערע אויפגאַבן ווי געהעריק דער־פילט". זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער יוגנט האָט נאָר דאַן אַ גרויסע דערציִערישע באַדײַטונג, ווען זי שטייט אונטער דער פירונג פון אַן אָנערקענטן אויטאָריטעט.

דער דאָזיקער אַרבעט־סיסטעם שטעלט אויך אַוועק די פירער פון דער סאָצ' יוגנט־אָרגאַניזאַציע אויף זייער אייגנט־לעכער פּאָזיציע. דער זעלבסטפאַרוואַלטונג־סיסטעם פירט אײַן אַ גרויסן מאַסשטאַב פון פירער און פאַרווישט אַזוי אַרום דעם שעדלעכן מהלך צווישן „פירער" און „מאַסע". בײַם זעלבסטפאַרוואַלטונג־סיסטעם, מיט זײַן גרויסער צאָל אָנ־

פירנדע און מער אָדער ווייניקער זעלבשטענדיקע אמטן, זענען אָפּטמאָל איינע און די זעלבע מענטשן פון איין זײַט פירער, און פון דער צווייטער זײַט — מאַסע. די אָנפירער פון געוויסע זעלבסטפאַרוואַלטונג-אָרגאַנען זענען פירער אין באַצוג צו אַ געוויסער גרופּע אָדער אַרבעט-געביטן, און געפירטע, מאַסע—לגבי אַ העכערער, אָנפירנדער קערפּערשאַפט. וואָס גרעסער עס איז די זעלבסטפאַרוואַלטונג-נעץ, אַלץ קלענער איז די דיסטאַנץ צווישן פירער און געפירטע, אַלץ מער ווערט צווישן זיי אָפּגעווישט די גרענעץ. דאָס איז דער בעסטער וועג אויף קעגנצווווירקן יעדן סימן פון פירער-פעטישיזם, וועלכער ווירקט אַזוי שעדלעך אויף דער גײַסטיקער, געזעלשאַפטלעכער און שעפערישער אַנטוויקלונג פון די מאַסן, וועלכע זענען דער איינציקער יסוד פון יעדן אמתן מענטשלעכן פּראָגרעס.

* *
*

מיר האָבן באַטראַכט די פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, און ספּעציעל מיט דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע נישט פון שטאַנדפּונקט פון אירע פּאָליטישע אויפגאַבן, נאָר אַלס באַוווסטזיניקער פאַקטאָר פון סאָציאַלער דערציִונג, ד״ה אַלס אינסטיטוציע, וועלכע ווירקט מיט איר עקזיסטענץ און טעטיקייט אויף דער כאַראַקטער-געשטאַלטונג פון יחיד און אויף זײַן באַציִונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן און צילן.

מיר האָבן געזען, אַז די סאָצ' יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַלס אינסטיטוציע פון געזעלשאַפטלעכער דערציִונג, טאָר נישט איגנאָרירן דעם יחיד און זײַן אינדיווידועל לעבן; זי טאָר נישט פירן איר אַרבעט אַזוי, אַז אין רעזולטאַט דערפון זאָל אַראָפּגענידעריקט ווערן דאָס פערזענלעכקייט-געפיל פון יחיד; זי טאָר נישט דערלאָזן צום אַנטשטיין פון פאַלשער אויפפאַסונג: געזעלשאַפט — קאָנטראַ יחיד. זי דאַרף בײַם יחיד אַרויסרופן די באַדערפעניש פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, פון סאָציאַלן קאַמף, פון קרבנות-גרייטקייט פאַרן כלל (קלאַס) נישט דערפאַר, ווײַל ער — דער יחיד — איז מינדערווערטיק, נאָר אין נאָמען פון זײַנע סאָציאַלע געפילן, אין נאָמען פון טיפער

באַדערפעניש צו סאָציאַלן העראָיזם און שעפערישקייט. מיט איין וואָרט: זי דאַרף דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פאַרוואַנדלען אינעם אינהאַלט פון פערזענלעכקייט-געפיל, אינעם קערן פון פערזענלעכן ציל און אַזוי אַרום צוגרייטן דעם באָדן פאַרן סאָציאַלן באַפרייַונג-קאַמף דורך באַרייַכערן, הייבן און אויסברייטערן די פערזענלעכקייט פון קעמפער. אויף דעם וועג קאָן זיך דער געזעלשאַפטלעכער קאַמף פאַרוואַנדלען אין סאָציאַל שעפערישן העראָיזם.

העראָיזם מוז נישט זייַן דווקא אַלע מאָל אַ רעזולטאַט פון באַוווסטזיניקער דערציִונג. די נייַסטע געשיכטע האָט אונדז געבערענגט אַ סך בייַשפּילן פון סטיכישן מאַסן-העראָיזם, אָנהייבנדיק פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע — און ענדיקנדיק מיטן קעגנוואַרטיקן העראָישן קאַמף פון שפּאַנישן פאָלק פאַר זייַן פרייַהייט. אין געוויסע סאָציאַלע באַדינגונגען קאָן דער דאָזיקער שעפערישער העראָיזם אַנטשטיין סטיכיש, אָבער ס׳איז אוממעגלעך פאָרויסצוזען, בייַ וועלכע באַדינגונגען און צוזאַמענשפּיל פון אומשטענדן דער דאָזיקער העראָיזם קאָן אויסברעכן. אָט ברענגט אונדז די געשיכטע אַ פאַרקערטן בייַשפּיל: דאָס הויך קולטורעלע דייַטשע פאָלק האָט קאַמפּלאָז אויפגעגעבן זייַן פרייַהייט און האָט ווידערשטאַנדלאָז אַרונטערגעלייגט דעם קאָפּ אונטער דער פּעטשע פון ריקזיכטלאָזער דיקטאַטור. זאָל מען דאָס אויסטייַטשן מיט פּסיכישע אייגנשאַפטן פון פאָלק? — דאָס אויך נישט. אָט האָט דאָס איטאַליענישע פאָלק, וועלכע איז פּסיכיש שטאַרק ענלעך צום שפּאַנישן, אַרויסגעוויזן אַ סך ווייניקער אויסדויער און מוט אין קאַמף קעגן דער דיקטאַטור. אַוודאי קאָן מען אחר-המעשה אויסגעפינען די אָביעקטיווע סיבות, וועלכע האָבן אין יעדן אָרט און פאַל גורם געווען אַזאַ און נישט קיין אַנדערע האַלטונג. מען קאָן אָבער די פאַרשידענע האַלטונגען קיין מאָל נישט פאָרויסזען און דעריבער קאָנען מיר נישט בויען און נישט אויסרעכענען אויף אַ גינסטיקן צונויפשפּיל פון די סטיכישע קרעפטן. אונדזער אויפגאַבע איז באַוווסטזיניק אַרויסצורופן יענע אינדיווידועלע כאַראַקטער-שטריכן, וועלכע מאַכן פאַר יעדן איינעם פּסיכאָלאָגיש נויטווענדיק דעם פערזענלעכן

העראָיזם און סאָציאַל־היסטאָרישן פאַראַנטוואָרטלעכקייט געפיל. אַז דאָס איז מעגלעך צו דערגרייכן, באַווייזט דער העראָישער אויפשטאַנד פון די עסטרייַכישע סאָציאַליסטן; דאָ האָבן מיר געהאַט צו טון נישט מיט קיין סטיכישן, נאָר מיט אַ באַוווסט־זיניקן העראָיזם, וועלכער איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ צילבאַוווסטער סאָציאַליסטישער דערציִונג.

דער דאָזיקער סאָציאַליסטיש דערציִערישער ציל איז נישט צו דערציִען אַ גאַנצע ריי הויכוועדטיקע יחידים. אין אַזאַ פאַל וואָלט זיך די סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע פאַר־וואַנדלט אין אַ שולע און זי וואָלט אויפגעהערט צו זייַן אַ סאָציאַלער פאַקטאָר. אונדזער ציל איז צו הייבן צו דער גע־העריקער מדרגה פון אַקטיוויסטישן קלאַסן־באַוווסטזייַן די ג אַ נ־צ ע מ אַ ס ע, נישט פאַרלירנדיק דערבייַ פון אויג די נויט־ווענדיקייט פון גלייַכצייַטיק הייבן דעם פערזענלעכן ווערט און אינהאַלט פון די איינצלנע מענטשן, וואָס בילדן די מאַסע. דער בעסטער באַדן פאַר דער דאָזיקער דערציִונג — איז כסדר־דיקע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויקייט. אויפקלערונג און דערציִונג זענען קיין מאָל נישט קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל — נאָכמער אַ באַדינג פאַר געהעריקער פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכער אַקטיווקייט פון די מאַסן.

דער דאָזיקער אַקטיוויזם טאָר אָבער נישט זייַן קיין אויסדרוק פון בלינדער געהאָרכזאַמקייט פון טעמפּ גלויבנדע מאַסן צו פעטישיסטיש אויפגעפּאַסטע פירער. דער יסוד פון יעדער טעטיקייט מוז זייַן די זעלבסטאַקטיווקייט פון די מאַסן. די אויפגאַבע פון די פירער איז צו הייבן, גייַסטיק צו שטאַרקן און פאַרקערפּערן אין זיך דעם שוווּנג און שעפערישע קראַפט פון די דאָזיקע מאַסן; ער דאַרף רעפּרעזענטירן דעם מאָרגן פון דער באַוועגונג, זייַן דער פאָרויסזאָגער פון איר העכער־שטייַגן, אָבער קיין מאָל קאָן ער זי נ י ש ט פ אַ ר ט ר ע ט ן.

אונדזערע אויפגאַבן זענען אַלזאָ: הייבן און אויסקריסטאַ־ליזירן דעם קלאַסן־באַוווסטזייַן אין זייַן ברייטסטן, האַרמאָנישן פאַרנעם; דערציִען די מאַסן צו אַקטיווקייט און העראָיזם; הייבן דעם יחיד איבער די ראַמען פון זייַנע באַגרענעצטע

פּערזענלעכע אינטערעסן — צום סאָציאַלן שאַפונגדראַנג און היסטאָרישן פאַראַנטוואָרטלעכקייט-געפיל.

די דאָזיקע היסטאָרישע אויפגאַבע קאָן אויספירן נאָר די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, די אָרגאַניזאַציע פון די מאַסן. יעדע קולטור־היסטאָרישע שעפערישקייט איז אַ רעזולטאַט פון באַוווסטזיניקער האַנדלונג; די דאָזיקע היסטאָרישע שעפערישקייט איז נישט דאָס ווערק פון יחידים, נאָר פון מאַסן. און מאַסן קאָנען האַרמאָניש זײַן טעטיק נאָר אין אַן אָרגאַניזאַציע. די ערשטע אַזאַ מאַסן-אָרגאַניזאַציע איז געווען דער שבט, נאָכהער — די פּרימיטיווע מלוכה. מיטן מאָמענט, ווען ס'איז אין דער מלוכה אַנטשטאַנען די קלאַסן-צעטיילונג, און די מלוכה איז געוואָרן דאָס ווערקצײַג פון קלאַסן-הערשאַפט, האָט זי זיך פאַרוואַנדלט פון אַ פּראָגרעסיוו שעפערישן אין אַ קאָנסערוואַטיוון פאַקטאָר. די שעפערישע ראָל אין דער מענטשלעכער אָרגאַניזאַציע איז דאַן איבערגעגאַנגען פון דער מלוכה צו דער קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון אויפשטײַגנדן, רעוואָלוציאָנערן קלאַס, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דעם געז' פאָרשריט. אין די אוראַלטע צײַטן האָבן די דאָזיקע קלאַסן-אָרגאַניזאַציעס געטראָגן אַ רעליגיעזן לבוש. אַזאַ רעוואָלוציאָנערע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע איז געווען די אורקריסטלעכע געמיינדע. אויך די בורזשואַזיע, ווען זי איז געווען אַ שעפעריש רעוואָלוציאָנערער קלאַס, האָט זיך אָרגאַניזירט אין אָרגאַניזאַציעס, כּדי איר היסטאָרישע ראָלע אויסצופירן דאַן, ווען זי איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט שוין געקאָנט אירע צילן פאַרוואַנדלען אין טאַט. די בורזשואַזיע איז די אייגנטלעכע שעפערין פון די מאָדערנע פּאָליטישע פּאַרטייען. אויב די בורזשואַזיע שפּײַט הײַנט און שעלט די פּאַרטייען און פּאַרטייִשקייט, באַווײַזט עס נאָר, אַז זי האָט זיך שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט פון אַ שעפערישן — אין אַ איבערגעלעבטן, קאָנסערוואַטיוון קלאַס. פונדעסטוועגן — פאַר אירע עגאָיִסטישע צוועקן האַלט זי נאָך אויף די אָרגאַניזאַציע און פאַרוואַנדלט -- ווו זי קאָן דאָס — די גאַנצע מלוכה אויסשליסלעך אין איר פּאַרטיי (טאָטאַלער פּאַשיזם).

די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע איז דאָס פּאַר-

בילד, דער סימבאָל פון דער מאָרגנדיקער מלוכה. די סאָציאַ-ליסטישע באַוועגונג, די סאָצ׳ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע האָט די אויפגאַבע אַרויפצוהייבן די סטיכישע כוחות פון געזעלשאַפט-לעכן פאָרשריט – וועלכע זענען פּאָטענציעל פאַרבאַהאַלטן אינעם פּראָלעטאַריאַט – צו אַ באַוווסטזיניקן סאָציאַלן פאַקטאָר; זי מוז ביי זיך פלעגן און דערציִען דעם גייסט, וועלכער דאַרף מאָרגן ווערן דער אָביעקטיווער אינהאַלט פון דער סאָציאַליס-טישער געזעלשאַפט, דאָס זענען: מאַסן-שעפערישקייט, פרייהייט, מענטשן-ליבע, גלייכהייט און פערזענלעכע דערהייבונג, סאָציאַ-לער העראָיזם און סאָלידאַר-געזעלשאַפטלעכע שעפערישקייט.

טייל III

וועגן און מיטלען פון סאָציאַליסטישער דערציונג

קאַפּיטל 1

די דערציִונג פון דער פּערזענלעכקייט

מיר האָבן אין די פריִערדיקע טיילן באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון הייבן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל בײַם יחיד צוגלײַך מיטן אַנטוויקלען זײַן קלאַסן-באַוווסטזײַן; אַרויסרופן די געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויקייט צו גלײַך מיט דער באַרײַכערונג און פאַרטיפונג פון דער פּערזענלעכקייט.

מיר האָבן געזען, אַז אין די הײַנטיקע סאָציאַלע לעבן-באַדינגונגען פון פּראָלעטאַריאַט האָט דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער געוויסע שעדלעכע — פון אונדזער שטאַנדפונקט — טענדענצן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון די עוולות, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג באַגייט קעגן פּראָלעטאַריאַט און וועלכעווירקן שעדלעך נישט בלויז אויף זײַן מאַטעריעלער לאַגע, נאָר אויך אויף זײַן גײַסטיקער אַנטוויקלונג.

די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע נעגאַטיווע דערשײַנונגען אין דער אַנטוויקלונג פון פּערזענלעכקייט-געפיל, וועלכע קומט אין אַ גרעסערער מאָס צום אויסדרוק בײַ די פּראָלעטאַרישע קינדער, — דאָס איז די טענדענץ צו זעלבסטבאַגרענעצונג. די דאָזיקע שעדלעכע טענדענץ דריקט זיך אויס אין דער נייגונג צו רעאַליזירן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל, ד"ה צו דערגרייכן אַ געוויסע פּריווילעגירטע לאַגע און אָנזען מיט דער הילף פון די געגעבענע, באַזיצטע נאַטירלעכע מיטלען און קרעפטן (אויסמײַדנדיק יעדע ספּעציעלע אָנשטרענגונג, ספּעציעלע צוגרייטונג, קאָמפּליצירטע לייסטונגען אד"גל) —

דאָס זענען די פיזישע כּוחות און פיזישע לייסטונג-פעיִקייטן, וועלכע דערגרייכן זייער העכסטע עסטעטישע און קינסטלערישע פאָרם אינעם ספּאָרט און טאַנץ. די דאָזיקע באַגרענעצטקייט פון פּערזענלעכן האָריזאָנט פון פּראָלעטאַרישן יוגנטלעכן קומט פון צווייערליי סיבות: ערשטנס — די קאַפּיטאַליסטישע לעבן-באַדינגונגען רופן נישט אַרויס בײַ אים קיין שום סוביעקטיוו ווירקנדע כּוחות, וועלכע זאָלן אים שטויסן אין דער ריכטונג פון פּערזענלעכער קאַריערע אויף די געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; צווייטנס — ווײַל די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג גיט אים נישט קיין שום מיטלען און באַדינגונגען פאַר זײַן פּערזענלעכער באַרײַכערונג און אַנטוויקלונג. דעריבער איז ער געניייט אין די געגעבענע באַדינגונגען צו זוכן די רעאַליזירונג פון זײַן פּערזענלעכקייט-געפיל מיט דער הילף פון דעם קנאַפּן, וואָס ער באַזיצט יאָ, אין רעזולטאַט פון זײַן זעלבשטענדיקער, נאַטירלעכער אַנטוויקלונג.

דער דאָזיקער שעדלעכער טענדענץ מוז די סאָציאַליסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע אין איר דערציִונג-אַרבעט באַוווּסטזיניק און פּלאַנמעסיק קעגנווירקן דורך באַרײַכערן און אַלזײַטיק אַנטוויקלען דאָס פּערזענלעכע לעבן פון יוגנטלעכן אַרבעטער, מאַכן פילפאַרביק און פאַרשידנאַרטיק זײַנע איבערלעבונגען, הייבן און באַרײַכערן זײַן וויסן, פאַרברייטערן דעם האָריזאָנט פון זײַנע פאַראינטערעסירונגען. אין דעם פּרט דאַרפן מיר גוט געדענקען אין אַלטן דערהייבנדן רוימישן שפּריכוואָרט: „איך בין אַ מענטש, און אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, טאָר מיר נישט זײַן פרעמד". די דאָזיקע אַרבעט, ווי קאָלאָסאַל ס'זאָל נישט זײַן איר פאַרנעם, האָט די גרעסטע אויסזיכטן אויף דערפאָלג. אַ שטערנדער פאַקטאָר זענען טאַקע די נעגאַטיווע ווירקונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סביבה, אָבער דערפאַר קומען אונדז צו הילף בײַם יוגנטלעכן אַנדערע, אינערלעכע טענדענצן פון זײַן וואַקסנדן פּערזענלעכקייט-געפיל, וועלכע ווערן טאַקע דורך די רויע לעבן-באַדינגונגען אָפּגעטעמפּט און דערשטיקט, אָבער וועלכע מען קאָן מיט אַ צילבאַוווּסטער אַרבעט לײַכט צוריק

אַקטיוויזירן און אויסנוצן זיי אַלס שטיצפּונקט פֿאַר דער סאָציאַליסטישער דערציִונג.

מיר וועלן אָנווײַזן אויף עטלעכע וויכטיקע אַזעלכע אײַנערלעכע פֿאַקטאָרן. אין פּעריאָד פֿון אויסקריסטאַליזירן זיך פֿון פּערזענלעכקייט-געפֿיל קומט צום אויסדרוק און פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אינעם געמיט פֿון יוגנטלעכן אַן אומבאַשטימט אומרו-געפֿיל, וועלכעס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען בענקשאַפֿט-געפֿיל. דאָס דאָזיקע געפֿיל טרעט נישט אַרויס בײַ אַלעמען גלײַכמעסיק; פֿאַראַן אַזעלכע יוגנטלעכע, בײַ וועלכע עס איז אַ דאָמינירנד געפֿיל; בײַ אַנדערע איז עס כמעט נישט צו באַמערקן. בײַ מיידלעך קומט עס געוויינלעך שאַרפֿער און בולטער צום אויסדרוק, ווי בײַ ייִנגלעך. פֿון וואַנען שטאַמט דאָס דאָזיקע געפֿיל בײַ דער אונטערוואַקסנדער יוגנט? — דאָס יוגנטלעכע בענקשאַפֿט-געפֿיל איז אַן אויסדרוק פֿון דער דיספּראָפּאָרץ צווישן דער סוביעקטיווער איך-שטרעבונג (פּערזענלעכקייט-געפֿיל) און די אָביעקטיווע קרעפֿטן, ד"ה צווישן פּערזענלעכע סוביעקטיווע צילן און פֿאַרלאַנגען און די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פֿון זייער פֿאַרווירקלעכונג — די רעאַלע כּוחות און לייסטונג-פֿעיִקייטן פֿון יוגנטלעכן, מיט וועלכע ער איז בכּוח דאָס פּערזענלעכקייט-געפֿיל צו רעאַליזירן. מיר האָבן פֿריִער באַוויזן, אַז דאָס פּערזענלעכקייט-געפֿיל און די סוביעקטיווע איך-אָפּשאַצונג איז באַדײַטנד איבערגעטריבן לגבי די אָביעקטיווע קרעפֿטן און לייסטונג-פֿעיִקייטן פֿון יוגנטלעכן. די דאָזיקע דיספּראָפּאָרץ קומט טאַקע אָפּטמאָל צום אויסדרוק אינעם באַוווּסטזײַן פֿון יוגנטלעכן, און דער געפֿיל-אויסדרוק פֿון דאָזיקן דיספּראָפּאָרץ-באַוווּסטזײַן איז טאַקע דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל; עס איז דער געפֿיל-אויסדרוק פֿון באַוווּסטזײַן, אַז עס פֿעלט עפּעס, מען גאַרט נאָך עפּעס, מען פֿילט עפּעס אַ הוילקייט און אַן אינערלעכע באַדערפֿעניש זיך צו דערגאַנצן, צו פֿאַרפֿילן מיט עפּעס; ס'איז אַ געפֿיל פֿון אומפֿולקייט, פֿון שפּאַנונג צווישן דער זעלבסטאָפּשאַצונג און דעם אָביעקטיוון פּערזענלעכן ווערט. דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל האָט אַלזאָ אַ פּאָזיטיוו דערציִערישן ווערט; ס'איז דער סוביעקטיווער קריטיקער פֿון אייגענעם איך;

ס'איז אַ פֿאַקטאָר, וועלכער דערלאָזט נישט דעם סוביעקט צו בלײַבן פֿאַרגליווערט בײַם אַלטן, שוין דערגרייכטן, נאָר מאָנט, שטויסט צו נײַע דערגרייכונגען, צו דערווערבן נײַעם אינהאַלט און נײַע ווערטן *). דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל שטייט אין אַ קעגנ-זעצלעכער פּראָפּאָרץ צו דער רעאַליזירונג פֿון פּערזענלעכקייט-געפֿיל מיט דער הילף פֿון פֿיזישע מיטלען און לײַסטונגען. וואָס מער עמעצער זוכט אָנזען דורך די דאָזיקע מיטלען, אַלץ אַ קלענערע ראָל שפּילט בײַ אים דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל, און פֿאַרקערט — וואָס מער עמעצער זוכט אָנזען דורך העכערע גײַסטיקע און געזעלשאַפֿטלעכע לײַסטונגען, אַלץ שטאַרקער איז בײַ אים דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל, אַלס אויסדרוק פֿון אינערלעכן דראַנג זיך צו באַרײַכערן און פֿילפֿאַרביקער מאַכן דאָס לעבן.

אין ענגער פֿאַרבינדונג מיטן בענקשאַפֿט-געפֿיל שטייט די יוגנט-פֿרײַנדשאַפֿט. פֿרײַנדשאַפֿט בכלל איז נישט בלויז קיין יוגנט-אייגנשאַפֿט, אָבער די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן יוגנטלעכע טראָגט אַ ספּעציפֿישן כאַראַקטער, און מען דאַרף זי באַצייכענען אַלס באַזונדער טיפּ: יוגנט-פֿרײַנדשאַפֿט. יעדער דערוואַקסענער מענטש וועט זיך לײַכט דערמאָנען, אַז ער האָט אין זײַן לעבן געהאַט, אָדער האָט נאָך, אַ באַזונדער מין פֿרײַנד, וועלכע ער באַצייכנט אַלס „יוגנטפֿרײַנד". די יוגנט-פֿרײַנדשאַפֿט כאַראַקטעריזירט זיך קודם-כּל דורך באַזיצן געמיינזאַמע סודות, געמיינזאַמע האַרמאָנישע אײַנשטעלונג צום לעבן און צום אַרום, געמיינזאַמע לעבנסצילן, וועלכע מען

---

*) דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל, ווי באַקאַנט, שטאַרקט זיך פֿאַרנאַכט, אין דעמערונג-צײַט. מעגלעך, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל די חושים ברענגען דאַן אַרײַן ווייניקער אײַנדריקן, עס שטעלט זיך אײַן די רו נאָך דער אַרבעטצײַט און דאָס פֿאַרשמעלערט אויך דעם קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. דער אַרום ווערט אָרעמער (זון-אונטערגאַנג!). די אויפֿמערקזאַמקייט קערט זיך דאַן מער אום אין זיך, און דערפֿאַר פֿילט מען שטאַרקער די אײַגענע אָפּגעשלאָסנקייט און די דיספּראָפּאָרץ צווישן די אינערלעכע סוביעקטיווע שטרעבונגען און די אָביעקטיווע ווערטן און מעגלעכקייטן; מען פֿילט דאַן די אייגענע אָרעמקייט נאָך שטאַרקער ווי געווייִנלעך, און דערפֿון — די פֿאַרשטאַרקונג פֿון בענקשאַפֿט-געפֿיל.

שטעלט זיך צו פאַרווירקלעכן צוזאַמען אד״גל. מיט איין וואָרט: די יוגנט-פרײַנדשאַפט דאָס איז אַ קאָאָפעראַציע פון צוויי-דרײַ מענטשן מיטן צוועק געמיינזאַם צו פאַרווירקלעכן א יי ן פערזענלעכקייט-געפיל. די יוגנט-פרײַנדשאַפט זוכט אַלזאָ צו דעקן דעם דעפיציט, וועלכן ס׳אַנטפלעקט דאָס בענקשאַפט-געפיל. די בענקשאַפט אַנטפלעקט די אייגענע בלויזן, די נישט-גענוגנקייט פון די אייגענע כוחות צו ראַליזירן דאָס הויך פליִענדע פערזענלעכקייט-געפיל; די יוגנט-פרײַנדשאַפט קאָאָפערירט די כוחות פון צוויי-דרײַ יוגנטלעכע, כדי דורך געמיינזאַמע, שטאַרקערע אָנשטרענגונגען קענען דערגרייכן אַ געמיינזאַמען ציל. ווער קאָן עס נישט די באַקאַנטע איבערלעבונגען פון די יוגנטיאָרן, ווען אויף פאַראיינזאַמטע שפאַצירן מיטן „יוגנטפרײַנד״ ווערן געשפינט פאַנטאַזיעס און אויסגעטרוימט דערהויבענע צילן פון אַ שיינער רומפולער און פרוכטבאַרער צוקונפט! די יוגנט-פרײַנדשאַפט ברענגט געוויינלעך צונויף פאַרשידענע און טיילמאָל קעגנזעצלעכע כאַראַקטערן, ווײַל די יוגנטפרײַנד זוכן זיך קעגנזײַטיק צו דערגאַנצן, כדי געמיינזאַם צו שאַפן אַ שטאַרקערן כוח די לעבנצילן צו דערגרייכן. — די דאָזיקע יוגנט-פרײַנדשאַפט קאָנען מיר לײַכט אויסנוצן און פאַרוואַנדלען אין אַן אַלגעמיין מענטשן-ליבנד געפיל און אויף דעם באָדן באַפעסטיקן פסיכאָלאָגיש די הומאַניטאַרע עלעמענטן פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

אַ ווײַטערדיקע פאָזיטיווע אייגנשאַפט פון זיך אַנטוויקלענדן פערזענלעכקייט-געפיל, וועלכע ווערט אויך אָפגעטעמפט בײַ די פראָלעטאַרישע קינדער דורך די אומגינסטיקע קאַפיטאַליסטישע לעבנס-באַדינגונגען — דאָס איז דער ד ו ר ש ט נ אָ ך ו ו י ס ן. דאָ האַנדלט זיך וועגן וויסן אין פשוטן זין פון וואָרט: וואָס מער זיך דערוויסן, וואָס מער זען, הערן, וואָס מער דערקענען סיטואַציעס און דערשײַנונגען, איבערלעבן עמאָציאָנירנדע געשעענישן, אײַנזאַפן אין זיך וואָס מער אײַנדריקן אאַז״וו. דער וויסנדורשט איז אַ שטרעבונג וואָס מער זיך צו באַרײַכערן אינערלעך; דאָס איז אַ ג ײַ ס ט י ק ע ר ה ו נ ג ע ר, וועלכער איז אויך ביאָלאָגיש באַגרינדעט, כמעט ווי דער פיזיאָלאָגישער הונגער, וועלכער שטאַרקט זיך

באַדײַטנד אינעם פּעריאָד פון קערפּערלעכער אויפבליִונג און רײַף ווערן. דער דאָזיקער וויסנדורשט באַגרינדעט זיך אויף אַן איבעראַל גילטיקן פּסיכאָלאָגישן געזעץ, וועלכן מען קאָן פאָרמולירן אַזוי: דער דראַנג נאָך אָביעקטיווע דערגרייכונגען קאָן ווערן פאַרטראָטן דורך אַנטשפּרעכנדע סוביעקטיווע איבערלעבונגען. למשל: לעקטור וועגן וועלטרײַזעס קאָן באַפרידיקן דעם דראַנג נאָך וועלטרײַזעס; לעקטור וועגן אַוואַנטוריסטישע איבערלעבונגען אָדער העלדנטאַטן — קען פאַרטרעטן דעם דראַנג נאָך אַזעלכע רעאַלע טאַטן; לעקטור וועגן וווּנדערבאַרע, עמאָציאָנירנדע, אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען — באַפרידיקט דעם דראַנג נאָך אַזעלכע רעאַלע איבערלעבונגען. דערין ליגט דער פּסיכאָלאָגישער יסוד פון דער קאָלאָסאַלער פּאָפּולערקייט פון בעלעטריסטיק און אויך דער סוד פון דער קאָלאָסאַלער פּאָפּולערקייט פון קינאָ. — אינעם אַנטוויקלונג־פּעריאָד פון פּערזענלעכקייט־געפיל שטרעבט דער יוגנטלעכער וואָס מער צו באַזיצן און וואָס מער צו באַהערשן. די דאָזיקע שטרעבונג טרעפט אָבער אָן אויף ריזיקע אָביעקטיווע מניעות, נישט אַלץ קען ער דערגרייכן, וואָס ער וואָלט געוואָלט. מוז ער דעריבער פאַרטרעטן דעם דראַנג צו אָביעקטיווע דערגרייכונגען דורך סוביעקטיווע איבערלעבונגען. דאָס איז דער פּסיכאָלאָגישער יסוד פון וויסנדורשט בײַ יוגנט. די דערקענטעניש איז דער סוביעקטיווער ערזאַץ פון דער נישט דערגרייכבאַרער הערשאַפט. דורך דערקענען די וועלט — באַהערשט ער זי גײַסטיק.

ענג פאַרבונדן מיטן וויסנדורשט איז דער באַוועגונגדראַנג בײַ דער יוגנט. די יוגנט איז רירעוודיק, האָט ליב זיך וואָס מער צו באַוועגן. אין דעם דריקט זיך אויס דער זעלבער וואָס אין וויסנדורשט דראַנג זיך צו באַרײַכערן דורך פאַרברייטערן דעם ווירקונג־קרײַז, דורכמאַכן וואָס מער איבערלעבונגען. וואָס מער דער יוגנטלעכער באַוועגט זיך, אַלץ מער קאָנקרעטע לעבנס־סיטואַציעס טרעפט ער אָן, אַלץ מער רעאַלע מעגלעכקייטן האָט ער פאַר זײַן אַקטיוויטעט, פאַרן אַרויסווײַזן

זייַנע ספּעציעלע פֿעיִקייטן, לייסטונגען און דערגרייכונגען — אַלץ מער קאָן ער רעאַליזירן זייַן פּערזענלעכקייט-געפֿיל.

די אויסערסט אומגינסטיקע פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער יוגנט באַדינגונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג — באַשווערן גוואַלדיק און מאַכן טיילמאָל אין גאַנצן אוממעגלעך דעם נאָרמאַלן גאַנג פֿון די דאָזיקע פּאָזיטיווע עלעמענטן אין דער אַנטוויקלונג פֿון פּערזענלעכקייט-געפֿיל. די אויפֿגאַבע פֿון דער סאָציאַליסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע איז צילבאַוווסט קעגנצווווירקן, באַזייַטיקן די דאָזיקע שטערונגען — און רעאַקטיווי-זירן ביי די פּראָלעטאַרישע יוגנטלעכע די אַרומגערעדטע פּאָזיטיווע עלעמענטן. דאָס בענקשאַפֿט-געפֿיל איז אַ שטיצפּונקט פֿאַר די באַמיִונגען אויפֿצוּוועקן דעם דראַנג צו פּערזענלעכער באַרייַכערונג, צו פֿאַרברייטערן דעם לעבנס-האָריזאָנט, צו פֿיל-פֿאַרביקע און אינהאַלטרייַכע איבערלעבונגען. — די יוגנט-פֿריינדשאַפֿט דאַרף אויסגענוצט ווערן אַלס באָדן צו אַנטוויקלען די הומאַניטאַרע געפֿילן, און אין פֿאַרבינדונג מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל קאָן עס ברענגען דעם פּאָזיטיוון רעזולטאַט, אַז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל זאָל דורך דער אַרבעטער-יוגנט נישט אויפֿגעפֿאַסט ווערן צו מעכאַניש, ווי אַ זאַך, וואָס דאַרף באַגליקן עפּעס אַן אַ ב ס ט ר אַ ק ט ע מ ע נ ט ש ה ײ ט, נאָר אַז עס האַנדלט זיך וועגן גליק און פֿרידן פֿאַר מיליאָנען ל ע ב ע ד י ק ע מ ע נ ט ש ן. — דער ווייסנדורשט דאַרף אויפֿגעהויבן ווערן פֿון דער פּרימיטיווער שטופֿע פֿון פּשוטער נייַגיריקייט — צו דער באַדערפֿעניש נאָך וויסנשאַפֿטלעכער דערקענטעניש, צו דער אַנטשטייונג פֿון אַ וועלט-אַנשויונג, אויף אַרייַנפֿירן דעם אינטעלעקטועלן עלעמענט אַלס באַשטאַנדטייל פֿון גייַסטיקן וועזן פֿון באַוווסטזיניקן אַרבעטער. — דער באַוועגונג-דראַנג דאַרף אויסגענוצט ווערן צו נוצלעכע און אייַנדרוקפֿולע אויספֿלוגן, וואַנדערונגען און לאַגערן, צו אַקטיוויטעט בכלל, און — אַלס העכערע שטופֿע — צו פּאָליטישער און געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט.

אַ סאָציאַליסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע, וועלכע פֿאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט פּאָליטישער אויפֿקלערונג, דערפֿילט נישט אירע פֿולע אויפֿגאַבן. ביי אַזאַ באַגרענעצטער אַרבעט ווערן

נישט באַריקזיכטיקט די וויכטיקסטע פּערזענלעכע שטרעבונגען און נייגונגען פון די יוגנטלעכע אינעם אַנטוויקלונג-פּעריאָד פון פּערזענלעכקייט-געפיל. דער רעזולטאַט דערפון איז: די יוגנטלעכע קאָנען זיך נישט אויסלעבן אין דער אָרגאַניזאַציע, זיי קאָנען זיין טרייע מיטגלידער, אָבער פּ ע ר ז ע נ ל ע ך בלייבט זיי די אָרגאַניזאַציע פרעמד. זיי האַלטן דאַן אויף אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט עלעמענטן, וועלכע ווירקן אויף זיי פאַרדאַרבנד אָדער ווירקן קעגן דער סאָציאַליסטישער דערציִונג (טאַנצזאַלן מיט אַ פאַרדאַרבנדער אַטמאָספער, בירגערלעכע ספּאָרטקלובן, שונד-טעאַטער, פאַרווייַלונג-ערטער פון אַ צווייפל-האַפטן ווערט אד״גל); פיל יוגנטלעכע פירן דאַן אַ טאָפּלט לעבן, וואָס ווירקט זיכער שעדלעך אויף דער דערציִונג פון אַ האַרמאָנישן סאָציאַליסט. אַן אַנדער טייל יוגנט וואַרפט זיך טאַקע אין דער פּאָליטישער אַרבעט און אויף אַ געוויסער צייט געפינט זי אין איר די גאַנצע פּערזענלעכע באַפרידיקונג, אָבער דאָס איז מערסטנטייל אַ פאָריבערגייענדע זאַך ביי דער יוגנט, ווייל אַזעלכע, וואָס פאַרנאַכלעסיקן אָדער איגנאָרירן זייערע פּערזענלעכע נייגונגען, נאַרן זיך אַליין אָפּ, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. מערסטנטייל קומט ביי אַזעלכע פאָר אַ שטורמישע רעאַקציע, אַ צוריקלויפן צום פּערזענלעכן לעבן, און זיי נעמען זיך דאַן אָפּ דאָס „פאַרלוירענע״. אַזעלכע פאַקטן זענען גוט באַקאַנט פון דער פּראַקטיק.

דאָס ערשטע אָרט אין אונדזער דערציִונג-אַרבעט דאַרף פאַרנעמען די סאָציאַלע דערקענטעניש, דאָס אויספאָרמירן דעם קלאַסן-באַוווסטזיין און די פּאָליטישע אויפקלערונג, אָבער גלייכצייטיק מוז געפירט ווערן אַ מעגלעך אַלזייטיקע גייסטיקע אויסבילדונג און באַרייכערונג. מען מוז לייגן פיל אַכט אויף נאַטורוויסנשאַפטלעכער בילדונג, אויף קונסט, טעאַטער, מוזיק און גוטן פילם; מען מוז זאָרגן, אַז די יוגנט זאָל ס י ס ט ע-מ אַ ט י ש ל ייע נ ע ן ב י כ ע ר. אויף די אַלע געביטן מוז מען, אין די ראַמען פון מעגלעכקייטן, באַזירן די קולטור-אַרבעט אויף זעלבסטפאַ-וואַלטונג און אַקטיווער אַרבעט פון דער יוגנט זעלבסט (אַמאַטאָרישע דראַמאַטישע קרייזן, מאַנדאָלין-אָרקעסטערס, זעלבשטענדיקע יוגנט-כאָרן אד״גל).

פיל טוער, לייענענדיק די דאָזיקע שורות, קאָנען זיך טראַכטן: ס'איז טאַקע זייער שיין גערעדט, אָבער אַ ביסל שווערער איז עס אַדורכצופירן אין לעבן. וואָס טוט מען, קאָנען זיי טענהן, אַז די יוגנט ווײַזט אַרויס אַ קנאַפּע נייגונג צו דעם אַלעם, זי קומט נישט אויף קיין נאַטורוויסנשאַפטלעכע לעקציעס, לייענט נישט קיין ביכער אאַז"וו, נאָר לויפט בלויז אויף פּאָליטישע רעפעראַטן און קודם-כּל אויף אַזעלכע, ווו ס'וועלן זײַן דיסקוסיעס. דאָס איז טאַקע אַ באַקאַנטער פאַקט, אָבער דאָס באַווײַזט נאָר איינס: די אַרבעט פון סאָציאַליסטישער דערציִונג איז אַ שווערע. זי טרעפט אָן אויף פיל מניעות און פאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען, אָבער ס'איז פולשטענדיק זיכער, אַז בײַ אַ גוטער און אחריותפולער אַרבעט מוז זי געבן אַ באַדײַטנדיקן דערפאָלג. די יוגנט-דערציִער מוזן נאָר גוט קענען די יוגנט, זיי מוזן האָבן געוויסע פּסיכאָלאָגישע קענטעניש; זיי מוזן וויסן, ווי זיך אומצוגיין מיט דער יוגנט; צו קענען באַזײַטיקן געוויסע פּסיכאָלאָגישע מניעות פאַר דער דערציִונג-אַרבעט, נישט באַהאַנדלען די יוגנט-מאַסע אין הורט, נאָר פאַרשטיין די אינדיווידועלע לעבן-פּראָבלעמען פון די יוגנטלעכע.

דער ענדציל פון דער סאָציאַליסטישער אינדיווידועלער דערציִונג איז דאָס אויסבילדן בײַם יוגנטלעכן אַ סאָציאַליסטישע וועלט-אָנשויונג, ד"ה גיבן אים אַזאַ מינימום פון אַלגעמיינע קענטענישן און דערהייבן זײַן אינטעלעקט און געפיל-לעבן צו אַזאַ ניוואָ, אַז זײַנע באַגריפן, אידעען און לייטנדע געפילן וועגן וועלט, מענטש און געזעלשאַפט זאָלן האַרמאָנירן מיט זײַנע סאָציאַליסטישע אידעען און זאָלן צוזאַמען בילדן איין קאָנסעקווענט סיסטעם פון באַגריפן. די דאָזיקע ווערטער דאַרף מען אָבער נישט פאַרשטיין שלעכט. דאָס באַדײַט נישט, ווי אַ טייל מיינען אָפט, אַז די סאָציאַליסטישע וועלט-אָנשויונג באַשטייט דערין, וואָס מען זאָל קאָנען אויסטײַטשן „פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט" יעדע איינע קאָנקרעטע דערשײַנונג, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז די יוגנטלעכע זאָלן זיך דערווערבן וועגן וועלט און מענטש עלעמענטאַרע אַלגעמיינע באַגריפן, וואָס זאָלן נישט שטיין אין אַ

לעבערלעבן ווידערשפרוך צו דער מאַרקסיסטישער געשיכטע־ און געזעלשאַפט־אויפפאַסונג. מען קאָן נישט דערגרייכן קיין גוטע דערציִערישע רעזולטאַטן, אויב עמעצער האָט זיך צוגע־ אייגנט די מאַרקסיסטישע באַגריפן וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען, און גלײַכצײַטיק באַזיצט ער מיטלאַל־ טערלעכע באַגריפן וועגן נאַטור און וועלט (פּאַראַן, למשל, אַזעלכע יוגנטל׳ סאַץ׳, וועלכע גלויבן בתמימות, אַז די וועלטשאַפונג און די אַנטשטייונג פון די מינים איז פאָרגעקומען אַזוי, ווי עס לערנט עס דער חומש). איינער פון די אויסערלעכע צייכנס, פון די קאָנקרעטע באַווײַזן, אַז אונדזער דערציִונג האָט ווי געהעריק געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון אַ קאָנסעקווענטער, אײַ־ נערלעך אייגהייטלעכער פּערזענלעכקייט — איז די עקזיסטענץ פון אַ וועלט־אָנשויונג, ד״ה פון אַ קאָנסעקווענטן און האַרמאָנישן קאָמפּלעקס באַגריפן וועגן וועלט און געזעלשאַפט. די דאָזיקע וועלט־אָנשויונג קאָן זיך נישט אויסבילדן אָן די נייטיקע עלעמענטאַרע אַלגעמיינע באַגריפן וועגן דער וועלט. דעריבער איז אָן אַלגעמיינע עלעמענטאַרע אויסבילדונג (אויפן געביט פון נאַטורוויסנשאַפט, געשיכטע, קונסט) אָן אומבאַדינגט נויטווענדיקער באַשטאַנדטייל פון אַ קאָנסעקווענטער און פּרוכט־ באַרער סאָציאַליסטישער דערציִונג.

סעקסועלע דערציִונג

אין אונדזער דערציִערישער אַרבעט מוזן מיר אויך גרויס אַכט לייגן אויף די סעקסועלע פּראָבלעמען, וועלכע שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין לעבן פון דער אונטערוואַקסנדער יוגנט.

אַ פּאַרדינטע פּאָפּולאַריטעט האָט די פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע, באַגרינדעט פון פּראָפ׳ פּ ר ו י ד. אין וואָס פאַר אַ מאָס קאָן די דאָזיקע לערע דינען אַלס מיטל פאַר דער סאָציאַליס־ טישער יוגנט־דערציִונג? וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוו גיט אונדז די דאָזיקע לערע פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער דערציִונג? ווי באַ־ וווסט, לערנט די פּסיכאָאַנאַליזע, אַז דאָס סעקסועלע לעבן איז דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער געשטאַלטונג פון מענטש־ לעכן לעבן בכלל, פון מענטשלעכן כאַראַקטער, האַנדלונגען און

באַצי̇ונג צום אַרום. די דאָזיקע אַלגעמיינע סאָציאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע אויספֿירן (פֿון דער ריכטיקער מעדיציניש־פּסיכיאַטרישער לערע פֿון פּראָפֿ׳ פֿרויד) וועגן דער אויסשליסלעך דעצידירנדיקער ראָל פֿון סעקסועלן אינסטינקט אין מענטשלעכן — סיי אינדיווידועלן, סיי געזעלשאַפֿטלעכן — לעבן, זענען איבערגעטריבן. דער סעקסועלער אינסטינקט איז אַ ביאָלאָגישער, אַלזאָ — אַ ריינער נאַטור־פֿאַקטאָר. די פּסיכאָאַנאַליזע, טראָגט איר שטאַרק מאָדערניסטישן כאַראַקטער, שטייט אַלזאָ סאָציאָלאָגיש אויף אַן אַלטפֿרענקיש ליבעראַלן, וווּלגאַר מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אַז אַ נאַטורקראַפֿט איז דער דירעקט דעצידירנדער פֿאַקטאָר אין גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און אין דער גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. פֿון דעם מין סאָציאָלאָגישע טעאָריעס זענען געווען אַ סך: איינע האָט געהאַלטן, אַז דער דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן איז די נאַטירלעכע, געאָגראַפֿישע אומגעבונג (באָקליזם), אַן אַנדערע — אַז דער דעצידירנדער פֿאַקטאָר איז דער ביאָלאָגישער זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקט (מאָטיוו פֿון פּערזענלעכער נוצלעכקייט — אוטיליטאַריזם), אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז גאָר דאָס ביאָלאָגישע געזעץ וועגן נאַטירלעכן אָפּקלייב (דאַרוויניסטן אין דער סאָציאָלאָגיע) אד״גל. די דאָזיקע טעאָריעס, כאָטש זיי שיידן זיך אונטער אינעם אויסוואַל פֿון קאָנקרעטן פֿאַקטאָר, שטייען זיי אָבער אַלע פּרינציפּיעל אויפֿן געמיינזאַמען שטאַנדפּונקט, אַז אַ באַשטימטע נאַטורקראַפֿט (צי דאָס זאָל זיין פֿון דער אויסערלעכער, צי פֿון דער אייגענער, מענטשלעכער, ביאָלאָגישער נאַטור) איז דער דירעקט דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר אינעם לעבן פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. צו דער דאָזיקער גרופּע טעאָריעס געהערט אויך דער סאָציאָלאָגישער טייל פֿון דער פּסיכאָאַנאַליזע, וועלכער באַטראַכט אַלס אַזאַ דירעקט דעצידירנדן פֿאַקטאָר — דעם סעקסועלן אינסטינקט. דער מאַרקסיזם באַצייכנט די דאָזיקע אַלע לערעס מיטן ריכטיקן נאָמען: וווּלגאַרער מאַטעריאַליזם.

דער שטאַנדפּונקט פֿון יעדן וווּלגאַרן מאַטעריאַליזם, צווישן זיי פֿון דער פּסיכאָאַנאַליטישער סאָציאָלאָגיע, איז פֿולשטענדיק

פאַלש. ס׳איז אוממעגלעך, אַז אַ נאַטור־פאַקטאָר, אין זײַן אורשפּרינגלעכן, אומגעענדערטן נאַטור־צושטאַנד זאָל קאָנען אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפט — נאָך הונדערטער טויזנטער יאָרן עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, נאָך דעם, ווי דער יחיד לעבט זיך אויס פולשטענדיק אין אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה און אפילו די נאַטור־קרעפטן ווירקן אויף אים נישט דירעקט, נאָר געענדערט דורך דער פאַרמיטלונג פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און באַציִונגען; נאָך דעם ווי דער מענטש האָט קינסטלעך געענדערט די נאַטור־כּוחות און אַקטיוויזירט נײַע נאַטור־כּוחות, — אַז נאָך דעם דאָזיקן גראַנדיעזן אַנטוויקלונג־וועג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זאָל זיך געפינען איין אויסנאַמווײַזער נאַטור־פאַקטאָר, — ווי די פּסיכאָאַנאַליזע מיינט — דער סעקסועלער אינסטינקט — וועלכער זאָל אַבסאָלוט אומאָפּהענגיק — אַזוי צו זאָגן, איבערן קאָפּ — פון די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען און באַדינגונגען, דירעקט דעצידירן וועגן כאַראַקטער, לעבנס־וועג און גורל פון מענטשן.

טראָץ דעם דאָזיקן פאַלשן סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, האָט פונדעסטוועגן די פּסיכאָאַנאַליזע קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע און מענטשן־קענטעניש; ס׳איז בלי־ספק, אַז דער סעקסועלער אינסטינקט האָט אַ גרויסן אײַנפלוס אויף דער אַלגעמיינער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג פון מענטשן, ער איז אָבער נישט דער איינציקער און דעצידירנדיקער פאַקטאָר, דעריבער קאָנען מיר זיך אין אונדזער דערציִונג־אַרבעט נישט שטעלן אויפן פּסיכאָאַנאַליטישן שטאַנדפּונקט און באַטראַכטן דאָס סעקסועלע לעבן אַלס דעם איינציקן אַנטוויקלונג־אימפּולס פון אינדיווידועלן לעבן און דעצידירנדיקן פאַקטאָר פון דער כאַראַקטער־אויסבילדונג.

אַ סך נענטער צום אמת איז דער בליק פון פּראָפ׳ אַלפרעד אַדלער (אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע טעאָריע) אויף דער ראָל פון סעקסועלן לעבן בײַ דער אַלגעמיינער כאַראַקטער־אויסבילדונג פון מענטשן. לויט אַדלערן באַשטייט די ראָל פון סעקסועלן לעבן פאַר דער אַלגעמיינער כאַראַקטער־אויסבילדונג אין דעם, וואָס דער סעקסועלער אינסטינקט ווערט אָפּטמאָל

אויסגענוצט אַלס באַדן פאַר רעאַליזירן די מאַכט־
שטרעבונג (אַלס קאָמפּענסאַציע אַנטקעגן דעם מינדערווער־
טיקייט־געפיל). אַלזאָ — דאָ ווערט שוין אויסגעמיטן דער גרונט־
פעלער פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער לערע, אַז דער סעקסועלער
אינסטינקט ווירקט אויפן אַלג׳ מענטשלעכן לעבן דירעקט, אי־
בערן קאָפּ פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען; אין קעגנזאַץ
צום פרוידיזם נעמט אַדלער אין אַכט די געזעלשאַפטלעכע
באַציונגען, די געזעלשאַפטלעכע סביבה, ווײַל ער האַלט, אַז
דער סעקסועלער אינסטינקט ווערט אויסגענוצט צו רעאַליזירן
די מאַכט־שטרעבונג, ד״ה די פּערזענלעכע צילן אין באַצוג
צו דער געזעלשאַפט. אַלזאָ — אַדלער נעמט יאָ אין
באַטראַכט די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. אָבער אויך אַדלער
טרײַבט אין אַ געוויסער מאָס איבער, ווײַל ער איגנאָרירט ווי־
דער דעם ביאָלאָגישן מאָמענט, האַלטנדיק, אַז דער געשלעכט־
אינסטינקט שפּילט אַ ראָל אין דער אַלגעמיינער כאַראַקטער־
אויסבילדונג נאָר אַלס מיטל פאַר רעאַליזירן די מאַכטשטרע־
בונג. פרויד איגנאָרירט די געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן, אַדלער—
דעם נאַטור־פאַקטאָר. אין דער אמתן אָבער דעצידירט וועגן
כאַראַקטער און לעבנסצילן פון מענטשן נישט דער רויער גע־
שלעכט־אינסטינקט און נישט די אַבסטראַקטע מאַכטשטרעבונג,
נאָר די קלאַסן־צוגעהעריקייט. דער פּערזענלעכער
ציל און די אינדיווידועלע כאַראַקטער־שטריכן וואַקסן אויס בײַ
יעדן מענטשן קודם־כל אויפן באָדן פון די אַלגעמיינע געזעל־
שאַפטלעכע צילן (באַוווּסטזיניק — צי אין אונטערבאַוווּסטזײַן)
פון זײַן קלאַס. אינערהאַלב די דאָזיקע קלאַסנראַמען קומען צום
אויסדרוק פאַרשידענע, טיילמאָל גאַנץ באַדײַטנדיקע, ניואַנסן אין
די פּערזענלעכע צילן און כאַראַקטער־שטריכן פון די באַזונדערע
יחידים; דאָס איז אָפּהענגיק פון די ספּעציעלע סביבה־באַדינ־
גונגען, פון דער קאָנקרעטער פאַרגאַנגענהייט (ביאָגראַפיע) און
איבערלעבונגען פון יעדן איינצלנעם מענטשן. אַלזאָ: בײַ גע־
וויסע אינדיווידועלע אַנטוויקלונג־באַדינגונגען קאָן דער גע־
שלעכט־אינסטינקט ווערן דער לייטנדער מאָטיוו אָדער דער
באָדן פון דער פּערזענלעכער כאַראַקטער־אַנטוויקלונג און פּער־
זענלעכע צילן, — אין דעם זין, אַז אינעם געשלעכטלעכן דער־

פאַלג אָדער אינעם אָנזען אַלס מאַן (אָדער פרוי) קאָנען מענטשן שטרעבן צו רעאַליזירן זייער פערזענלעכקייט-געפיל, ד"ה דערגרייכן דעם פערזענלעכן אָנזען און דאָס אויסטיילן זיך פון אַרום.

דער דאָזיקער אַנטוויקלונג-וועג פון דער פערזענלעכקייט קאָן קומען צום אויסדרוק ביי אַזעלכע יחידים, ביי וועלכע די פערזענלעכע אַנטוויקלונג איז געבליבן שטיין אויף דעם אור-שפרינגלעכן, קינדישן, פרימיטיוון באַדן, ד"ה אויפן באָדן פון פיזישע כוחות און קערפערלעכע לייסטונג-פעיקייטן אַלס מיטלען צו רעאַליזירן דאָס פערזענלעכקייט-געפיל. אויב עמעצער זוכט זיך אויסצולעבן און זיך אויסצוטיילן פערזענלעך אויס-שליסלעך מיט די דאָזיקע מיטלען, דאַן קאָן ער אויך אויס-קלייבן בלויז דאָס געשלעכט-לעבן און דעם געשלעכטלעכן דערפאָלג (ווייל דאָס איז דאָך אויך אַ ביאָלאָגיש-פיזישער „טאַ-לאַנט"), כדי צו רעאַליזירן דעם פערזענלעכן אָנזען. דאָס איז דער באַקאַנטער טיפּ דאָן-זשואַנען (ביי יינגלעך) און „דער-פאָלג"-זוכנדע מיידלעך.

צי דאַרף מען דאָס באַטראַכטן פאַר שעדלעך? — געוויס. אָבער נישט דערפאַר, ווייל דאָס געשלעכט-לעבן זאָל זיין פאַר זיך עפּעס שלעכטס און פאַרדאַרבנדעס, ווי עס לערנען די אַלטע, פאַרשימלטע דערציונגס-„פּרינציפּן". די שעדלעכקייט פון דאָן-זשואַניזם (ביי יינגלעך, ווי ביי מיידלעך) באַשטייט נאָר דערין, וואָס ער איז נאָר אַן אויסערלעכער סימן פון אַ נישט געניגנדער גייסטיקער אַנטוויקלונג, פון פעלן פון העכע-רע געזעלשאַפטלעך נוצלעכע און שעפערישע שטרעבונגען און אַמביציעס, אַ סימן פון אַן אָרעמען גייסטיקן האָריזאָנט. וואָס ווייניקער עמעצער לעבט זיך אויס אין גייסטיקער אַנוויקלונג און אין שעפערישער אַקטיווקייט — אַלץ מער זוכט ער צו פאַרגיטיקן דעם דאָזיקן דעפיציט און דאָס פעלן פון אָנזען — דורך געשלעכטלעכן דערפאָלג, אָדער דורך אַנדערע ענלעכע דערפאָלגן מיט דער הילף פון פיזישע לייסטונגען, ווי ספּאָרט און טאַנץ. דער דאָן-זשואַניזם, דער איבערגעטריבענער געשלעכטלעכער אינטערעס ביי דער יוגנט, איז נישט פאַר זיך עפּעס שלעכטס, — ס'איז נאָר אַ סיגנאַל פון שלעכטס, פון אַן אָפּגעשטעלטער, פאַרטעמפּטער גייסטיקער

אַנטוויקלונג און פון פעלן פון געהעריקן שעפערישן שוווּנג. מען דאַרף זיך דערײַבער באַציִען צום איבערגעטריבענעם סעקסואַליזם בײַ דער יוגנט, ווי צו געהעכערטער טעמפעראַטור בעת אַ קראַנקייט: ס'איז נישט די קראַנקייט זעלבסט, נאָר אַ סימן פון אַ קראַנקן צושטאַנד, וועלכער שטעקט ערגעץ אַנדערש.

באַזײַטיקן בײַ דער יוגנט דעם איבערגעטריבענעם סעקסואַליזם אָדער די אוטיליטאַריסטישע באַציִונג צום געשלעכטלעכן לעבן, ד"ה דאָס זוכן אין סעקסועלן לעבן די רעאַליזירונג פון פערזענלעכן אָנזען, קאָן מען נאָר דורך צילבאַוווּסטער, אַלזײַטיקער גײַסטיקער און געזעלשאַפטלעכער דערציִונג. דאָס אַפּעלירן צו דער יוגנט וועגן ריינער, דערהויבענער ליבע אד"גל ברענגט צו גאָרנישט, און אויפן וועג פון דער דאָזיקער פרעדיקערײַ האָט מען, דוכט זיך, ביז איצט גאַנץ ווייניק וואָס אויפגעטון פּאָזיטיוו דערציִערישעס. אַן אמתע, העכערע, מענטשלעכע באַציִונג צו ליבע און אירע פּראָבלעמען, ד"ה דאָס זוכן אין איר אַ קוואַל פון אינטימע, דערהייבנדע איבערלעבונגען, און נישט קיין מיטל פאַר אויסערלעכע דערגרייכונגען, — די דאָזיקע געזונטע אויפפאַסונג פון ליבע־לעבן קען מען אַרויסבאַקומען בײַ דער יוגנט נאָר דאַן, ווען מען דערציט זי און מען גיט איר אַ רײַך און פילפאַרביק גײַסטיק לעבן, ווען מען רופט בײַ איר אַרויס אַ טיפן אינטערעס צו די דערהייבנדע קוואַלן פון וויסנשאַפט און קונסט, ווען מען גיט איר אַ ברייטן מאָסשטאַב פון איבערלעבונגען, ווען מען דערציט בײַ איר דעם דראַנג צו שעפערישקייט און צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. דעמאָלט וועלן די יוגנטלעכע אַליין זוכן צו רעאַליזירן זייער דראַנג צו פערזענלעכער דערהייבונג אין אַ רײַך גײַסטיק לעבן און אין געזעלשאַפטלעכער שעפערישקייט, און ס'וועט זיי ווערן פרעמד, איבעריק און נישט אינטערעסאַנט דער סעקסועלער קאַריעריזם. אַלזאָ, דערציִען בײַ דער יוגנט אַ העכערע, מענטשלעכע באַציִונג צו ליבע־פּראָבלעמען קאָן מען נישט דורך דירעקטער סעקסועל־„מאָראַליזירנדער" פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אומדירעקט — דורך וואָס מער אַלזײַטיקער, רײַכער, גײַסטיקער אַנטוויקלונג, דורך הייבן דאָס וויסן, געפיל־לעבן און געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט.

אָבער דערמיט שעפּן זיך נאָך נישט אויס אַלע סעקסועלע פּראָבלעמען. עס עקזיסטירן נאָך געוויסע ביאָלאָגישע פאַקטאָרן, וועלכע קאָמפּליצירן די סעקסועלע פּראָבלעמען בײַ דער יוגנט. דער סעקסועלער דראַנג בײַ ייִנגלעך — אין הסכם מיט דער ביאָלאָגישער געשלעכטראָל פון די מענער — ווײַזט אַרויס אַ נײַיגונג נאָר צו מאָמענטאַלער געשלעכטלעכער באַפרידיקונג, אָן טיפערער געפיל-דויערהאַפטיקייט. בײַ די מיידלעך, פאַרקערט, — אין הסכם מיט זייער ביאָלאָגישער נאַטור, — איז דאָ אַ ווי-דערווילן צו דער ריין פיזיאָלאָגישער באַפרידיקונג און זיי האַלטן עס פאַר אַ „פאַרשוועכונג” פון דער „ריינער” ליבע; זיי זוכן אין דער ליבע טיפערע, דויערהאַפטע געפיל-איבער-לעבונגען; די ליבע איז בײַ זיי אַ זאַך, וואָס אַבסאָרבירט זייער גאַנצע פסיכיק און באַפאַרבט זייער גײַסטיק לעבן. די דאָזיקע אונטערשידן זענען גורם זייער פיל מיספאַרשטייענישן: די מיידלעך קלאָגן זיך, אַז די ייִנגלעך זענען „ברוטאַל” און „אָן געפילן”, און די ייִנגלעך ווידער קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער „צעקראַכענער סענטימענטאַלקייט” און „ראָמאַנטיש-קייט” פון די מיידלעך. דאָ קומט צום אויסדרוק אַ נאַטירלע-כער ווידערשפּרוך, און אויך דאָ קאָן מען ווייניק העלפן מיט רעדן און איבעררעדן.

ווי אַזוי זאָל מען לייזן די דאָזיקע קעגנזאַצן, וועלכע האָבן זייער מקור אין דער ביאָלאָגישער נאַטור פון די ייִנגלעך און מיידלעך? — די לייזונג דאַרף מען זוכן אויפן וועג פון דערנענטערן צווישן זיך די ליבע-באַגריפן און די מיט זיי פאַרבונדענע געפילן בײַ ייִנגלעך און מיידלעך. און ווידער אַ מאָל: דאָס קאָן מען דערגרייכן נאָר אויפן וועג פון אַלגע-מיינער געזעלשאַפטלעכער דערציִונג; דורך באַרײַכערן און פאַרטיפן דאָס גײַסטיקע לעבן פון דער יוגנט, הייבן איר געזעלשאַפטלעכן אינטערעס און אַקטיווקייט, געבן איר אַ דערהייבנדן סאָציאַלן אידעאַל. דאָס ליבע-לעבן באַזירט זיך בײַ יעדן געשלעכט אויף פאַרשידענע ביאָלאָגישע פונקציעס, ס'איז דעריבער פאַרבונדן בײַ יעדן געשלעכט מיט פאַרשידענע אורשפּרינגלעכע געפילן. זוכן אַ פאַרשטענדיקונג, אַ האַרמאָני-שע באַציִונג צו די געשלעכט-פּראָבלעמען קאָן מען דעריבער

נישט אויפֿן באָדן פֿון סעקסועלן לעבן גופֿא. אויב מיר ווילן איבערווינדן די קעגנזעצלעכע „נאַטור-געפֿילן”, אַזוי אַז עס זאָלן פֿאַרשווינדן די סעקסועלע קעגנזאַצן און „פּראָבלעמען” בײַ דער יוגנט, — דאַן קאָנען מיר דאָס דערגרייכן נאָר מיט דער הילף פֿון אײַנוואָרצלען בײַ איר העכערע, קולטורעלערע, געזעלשאַפֿטלעכע באַגריפֿן און אידעען, וועלכע זאָלן איבערשטעלן דאָס סוביעקטיווע לעבן פֿון די יוגנטלעכע — פֿון פֿערזענלעכן אויפֿן געזעלשאַפֿטלעך-אַקטיוויסטישן באָדן. אמתע, געפֿילמעסיק שטאַרקערע ליבע גייט אַרויס ווײַט איבער די גרענעצן פֿון געשלעכטלעכער ליבע, און איר וועזן ליגט נישט אין ענג געשלעכטלעכן, נאָר אין אַלגעמיין-מענטשלעכע ווערטן, אין די געמיינזאַמע לעבנסצילן, אין דער געמיינזאַמער געפֿיל-באַציִונג צום אַרום. דער בעסטער באָדן פֿאַר דערציִען בײַ דער יוגנט אַ נייגונג צו העכערער, האַרמאָנירנדער ליבע איז די אַלגעמיינע ברייט פֿאַרצווייגטע, אַלזײַטיקע גײַסטיקע אַנטוויקלונג פֿון דער יוגנט. אויפֿן באָדן פֿון געמיינזאַמע געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן, פֿון געמיינזאַמער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און אַקטיווקייט קאָן אויך אויסוואַקסן אַ האַרמאָנישע, געזונטע, געמיינזאַמע באַציִונג צו די סעקסועלע פּראָבלעמען און ליבע-אויפֿפֿאַסונג. פּונקט ווי אין פֿיל אַנדערע פֿראַגן, באַשטייט אויך דאָ די ראָל פֿון דער קולטור-אַנטוויקלונג דערין, וואָס זי באַזײַטיקט די אומפֿולקאָמהייטן פֿון דער נאַטור. די נאַטור באַפֿעסטיקט אַ געוויסן געשלעכטלעכן קעגנזאַץ צווישן מאַן און פֿרוי; די קולטור-אַנטוויקלונג, די דערציִונג האָט די אויפֿגאַבע קעגנצווווירקן דעם דאָזיקן קעגנזאַץ דורך אײַנשטעלן אַ געמיינזאַם גײַסטיק לעבן, געמיינזאַמע צילן און אידעאַלן; בײַ די ייִנגלעך דאַרף מען פֿאַרטיפֿן דאָס געפֿיל-לעבן, בײַ די מיידלעך — דורכרײַסן די סוביעקטיוו באַגרענעצטע ראַמען, וועלכע ס'שטעלט זיי זייער געשלעכט-ביאָלאָגיע און צואייגענען זיי געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן און געזעלשאַפֿטלעכן קאַמפֿווילן. אויפֿן באָדן פֿון געמיינזאַמער אַלזײַטיקער גײַסטיקער אַנטוויקלונג און געמיינזאַמע געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן קאָן אויסוואַקסן די רעאַלע לייזונג פֿון די סעקסועלע פּראָבלעמען בײַ דער יוגנט. קיין שום אַנדערע, אין די ראַמען פֿון געשלעכטלעכן

לעבן גופא, „לייזונגען" זענען נישט רעאל און קאָנען קיין ווירקלעך נוצן נישט ברענגען. דער באַדן, אויף וועלכן מ'קאָן רעאַליזירן אַ זאַכלעכע לייזונג פון די סעקסועלע פּראָבלעמען בײַ דער יוגנט, דאָס איז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרבינדט די יוגנט מיט אַ געמיינזאַם גײַסטיק לעבן און געמיינזאַמע גע-זעלשאַפטלעכע אידעאַלן.

די לייזונג פון די סעקסועלע פּראָבלעמען בײַ דער יוגנט קאָן קומען אין רעזולטאַט פון אַ טיף גרייכנדער אויפקלערונג און דערציִונג; אַרויספירן די יוגנט פון די ענגע, עגאָיִסטישע ראַמען פון פּערזענלעכקייט-געפיל און אָנפילן זי מיט אַ גע-זעלשאַפטלעכן אידעאַל און מיט אַ דראַנג צו העראָיִזם; פאַר-וואַנדלען דעם סאָציאַלן אידעאַל אינעם קערן פון זייער פּער-זענלעכקייט-געפיל.

* *
*

די אָרגאַניזאַציע מוז אויך גרויס אַכט לייגן אויף נאָך איין געביט פון פּערזענלעכן לעבן פון די יוגנטלעכע — דאָס איז די פאַך-אויסבילדונג. מיר האָבן געזען, אַז די פאַכאַרבעט איז בײַ די הײַנטיקע קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען נישט מסוגל צו ווערן דער תּוך פון פּערזענלעכן לעבן און שטרעבן פון אַרבעטער, בפרט פון יוגנטלעכן אַרבעטער. אויב ער איז אַ מאָל צוגעבונדן מיט לײַב און לעבן צו דער אַרבעט, איז עס גיכער צוליב נויט אָדער צוליב אַנדערע אויסער-לעכע צוואַנגמאָמענטן, איידער פון פרײַען אינערלעכן אויס-וואַל.

ווען דער יוגנטלעכער פאַלט אַרונטער דער אינטענסיווער ברייט פאַרצווײַגטער סאָציאַליסטישער דערציִונג-אַרבעט; ווען ס'עפענען זיך פאַר אים נײַע, ווונדערלעכע קוואַלן פון מענטש-לעכן וויסן, פון קולטור-גײַסטיקע דערהייבונגען און טיפע גע-פיל-איבערלעבונגען דראַט דאַן די געפאַר, ער זאָל זיך אַזוי טיף אַרײַנטון אין דער נײַער וועלט פון גײַסטיקן לעבן, אַז ער זאָל אָנהייבן פאַרנאַכלעסיקן אָדער אין גאַנצן פאַרגעסן אין דער פאַכאַרבעט. מיר מוזן דער דאָזיקער טענדענץ, וועל-כע ווײַזט זיך אָפט אַרויס אין דער פּראַקטיק, צילבאַ-

װױפֿט קעגנװירקן. אַנדערש דראָט די געפֿאַר, אַז נישט איין יוגנטלעכער זאָל זיך פֿאַרװאַנדלען אין אַ דעקלאַ־סירטן מענטש, אָדער גאָר אין אַ קלוב־קיביצער, װעלכער איז אויסגעקאָכט מיט דער גאַנצער װעלט, נאָר אַליין קאָן ער אויף קיין שטיקל ברויט נישט פֿאַרדינען און פֿירט אַ נעבעכ־דיק לעבן.

מיר מוזן דעריבער אומאויפֿהערלעך זאָרגן דערפֿאַר, אַז איינע פֿון די ערשטע זאַכן ביי די יוגנטלעכע זאָל זיין די סאָלידע באַציִונג צו דער פֿאַכלערע און אַרבעט. די דערציִונג פֿון סאָציאַלן הומאַניזם ביי די יוגנטלעכע דאַרף מען אַבסאָלוט נישט פֿאַרשטיין אין דעם זין, אַז זיי דאַרפֿן זיך אָפּזאָגן פֿון יעדער פּערזענלעכער דערגרייכונג און דעראָבערונג (דאָס װאָלט געװען שעדלעכער אַסקעטיזם). פֿאַרקערט: יעדער דאַרף זיך שטעלן פֿאַר אַ ציל, דורך גוטע פֿאַך־קװאַליפֿיקאַציעס, צו דער־גרייכן פּערזענלעך װי מעגלעך בעסערע מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען; דערמיט שאַפֿט מען אויך אַ געזונטן באָדן פֿאַר אַ רייך גייסטיק אויסלעבן זיך. דער זין פֿון סאָציאַליסטישן הומאַניזם באַשטייט נאָר דערין, יעדער זאָל קאָנען ברענגען — דאָן װען דאָס װעט זיין נייטיק — אַלס קרבן אַפֿילו די גרעס־טע פּערזענלעכע דערגרייכונגען פֿאַרן העכערן אינטערעס פֿון כּלל, פֿון קלאַס.

מען דאַרף ביי דער יוגנט ברענגען צום קלאָרן באַװוסט־זיין דעם פֿאַקט, אַז אַרבעט איז אייגנטלעך די העכסטע שטו־פֿע פֿון מענטשלעכער שעפֿערישקייט; נאָר אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדענונג איז זי געװאָרן פֿאַרן אַרבעטער אַ קװאַל פֿון עװלות און עקספּלואַטאַציע. אָבער טראָץ דעם, טאָר מען נישט פֿאַרגעסן אינעם שעפֿערישן װערט פֿון יעדן מין אַרבעט. כאָטש די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג פֿאַרשטעלט פֿאַרן אַרבעטער דעם אמתן װערט פֿון אַרבעט, דאַרפֿן מיר אָבער מיט אונדזער סאָציאַליסטישער דערציִונג אַרויסרופֿן אינעם באַװוסטזיין פֿון די יוגנטלעכע די פֿאַרשטענדעניש און די געפֿיל־באַציִונג צו אַרבעט אַלס צום העכסטן װערט פֿון דער מענטשלעכער קול־טור. דאָס שטאַרקט דעם קלאַסן־באַװוסטזיין און דעם קלאַסנ־שטאָלץ ביים אַרבעטער.

קאַפּיטל 2

ספּאָרט און פיזישע דערציִונג

ספּאָרט איז איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען פון יוגנט-דערציִונג. ער איז אָבער גלײַכצײַטיק אַ געביט, אויף וועלכן ס'קאָנען לײַכט אַנטשטיין מיסברויכן און אָפּווײַכונגען, וואָס קאָנען ווערן אַ שטערנדער פאַקטאָר פאַר דער אַלגעמיינער דערציִונג.

מיר האָבן זיך איבערצײַגט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ראָל עס שפּילט די אַנטוויקלונג פון די פיזישע און אָרגאַנישע כּוחות און פעיִקייטן בײַם אַנטשטיין פון פּערזענלעכקייט-געפיל און איך-באַוווסטזײַן. די דאָזיקע געשטײַגערטע פיזישע און אָרגאַנישע קרעפטן ווערן אָפּטמאָל אויסגענוצט דורך דער יוגנט אַלס איינציק מיטל צו דערגרייכן פּערזענלעכן אָנזען און אויסטיילן זיך פון אַרום, ד"ה צום רעאַליזירן דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל. די יוגנט, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַ ציל אויף *דעם* וועג צו דערגרייכן די פּערזענלעכע דערהייבונג (און איר צאָל איז אַ גאַנץ היפּשע), מוז פאַרשטייט זיך שטרעבן צו *וואָס העכערע לייסטונגען* אויף דעם געביט, צו אַ וואָס מער פולשטענדיקן אויסלעבן זיך אויפן געביט פון די פיזישע לייסטונג-פעיִקייטן. עס ווערן דעריבער צוגעצויגן צו מיטאַרבעט מיט די פיזישע קרעפטן אויך די גײַסטיקע פעיִקייטן — די חושים, די זינלעכע אָריענטאַציע-פעיִקייט און אין אַ געוויסער מאָס אַפילו די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן. אַזוי אַרום קומט צום אויסדרוק בײַ דער יוגנט די

זעלבשטענדיקע טענדענץ אריבערצוגיין פון פרימיטיוון פיזישן כּוחות-פאַרמעסט צו העכערע פאָרמען פון קערפּערלעכע לייס-טונגען, — צו שפּיל, בײַ וועלכער די פיזישע כּוחות ווערן אויסגענוצט אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער טעטיקייט פון די חושים, אָריענטאַציע-פעיִקייט, אינטעלעקטועלע קאָמבינאַציעס אד״גל. דאָס איז אייגנטלעך ספּאָרט.

מיר קאָנען דעפינירן ספּאָרט אַלס געביט פון פונאַנדער-וויקלען די פיזישע כּוחות בײַ דער מיטהילף פון די גײַסטיקע פעיִקייטן. ספּאָרט איז אַלזאָ דער העכערער אויסדרוק פון דער טענדענץ זיך אויסצוטיילן און דערגרייכן עפּנטלעכן אָנזען מיט דער הילף פון פיזישע לייסטונג-פעיִקייטן. דערפאַר איז ספּאָרט אַזוי סטיכיש און אויפריכטיק באַליבט בײַ די דאָזיקע שיכטן פון דער יוגנט (איך רעכן דאָ אויך אַרײַן דעם טאַנץ) *), צווישן אַנדערע אויך דערפאַר, ווײַל אַלע איבעריקע געביטן פון פער-זענלעכן אַרויפאַרבעטן זיך זענען פאַר דער פּראָלעטאַרישער יוגנט דורך די קאַפּיטאַליסטישע לעבן-באַדינגונגען פאַרשטעלט און פאַרשלאָסן. נישטאָ אַזעלכע קרבנות, וועלכע די דאָזיקע יוגנט זאָל נישט גרייט זײַן צו ברענגען פאַרן אויסלעבן זיך אין ספּאָרט. ווער עס וועט זיך צוקוקן, מיט וואָס פאַר אַ רי-זיקע פיזישע און מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען די מיטגלידער פון פּראָלעטאַרישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס גרייטן צו זייערע טורן- און ספּאָרטפעסטן, דער וועט פאַרשטיין, אַז מיר האָבן גאָרנישט איבערגעטריבן, רעדנדיק וועגן דער קאָלאָסאַלער צוציִונג-קראַפט פון ספּאָרט בײַ דער יוגנט, בפרט — פּראָלע-טאַרישער.

ווי אַזוי דאַרף אויף אַ ראַציאָנעלן אופן אויסגענוצט ווערן דער ספּאָרט אַלס טייל פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליס-

---

*) כּדי זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג, ווי גרויס ס׳איז דער אָנטייל פון דער פּראָלעטאַרישער יוגנט אין ספּאָרטלעבן, דאַרף מען נעמען אין באַ-טראַכט נישט בלויז די אָפיציעלע פּראָלעטאַרישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך די גרויסע צאָל קליינע, „ווילדע״ ספּאָרטקלובן, וועלכע באַשטייען אויסשליסלעך פון פּראָלעטאַרישער יוגנט, ווי אויך דעם גרויסן פּראָצענט פּראָלעטאַרישער יוגנט אין די בירגערלעכע און מלוכהשע ספּאָרט-אָרגאַני-זאַציעס.

טישער דערציִונג? — ס'וואָלט געווען מער ווי אומזין, ווען מיר וואָלטן איגנאָרירט דעם דראַנג צו ספּאָרט, וועלכער איז אַזוי טיף איַינגעוואָרצלט אינעם כאַראַקטער פון דער יוגנט. קיין שום דערציִונג, און ספּעציעל — די סאָציאַליסטישע, קאָן נישט דערגרייכן קיין ערנסטע דערפאָלגן, אויב זי זאָל נישט נעמען אין אַכט און נישט אויסנוצן אַקטיוו די נאַטירלעכע נייגונגען און שטרעבונגען פון דער יוגנט. יעדע ריכטיקע דערציִונג מוז אַרויסגיין פון עלעמענטאַרן פּרינציפּ — אויסצונוצן די נ אַ ט י ר-ל ע כ ע נייגונגען, קרעפטן און פעִיקייטן אַלס יסוד פאַר אַנט-וויקלען און העכער הייבן די פּערזענלעכקייט. דאָס זעלבע איז נוגע דער באַציִונג צו ספּאָרט.

מיר מוזן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער דערציִונג אָפּגעבן דאָס געהעריקע אָרט דעם ספּאָרט, אָבער די סאָציאַ־ליסטישע ספּאָרט־באַוועגונג דאַרף זיך וועזנטלעך אונטערשיידן פון בירגערלעכן ספּאָרט, וועלכער באַזירט זיַין אַרבעט אויפן שעדלעכן יסוד פון ספּאָרט-רעקאָרדיזם, וואָס זיַין רעזולטאַט אין באַצוג צו דער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג פון ספּאָרטלער איז פּשוטער ס פּ אָ ר ט - ק ר ע ט י נ י ז ם. אַקעגן, דער פּראָ-לעטאַרישער ספּאָרט אַלס באַשטאַנדטייל פון אַן אַלגעמיינער האַרמאָנישער, סאָציאַליסטישער דערציִונג, מוז בילדן אינער-האַלב דעם דאָזיקן דערציִונג-סיסטעם אַן איבערגאַנג-שטופּע און שטיצפּונקט פאַר העכערער, אַלגעמיינערער, גיַיסטיקער אַנטוויק־לונג און געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט. דער דאָזיקער אונ־טערשיד צווישן בירגערלעכן און פּראָלעטאַרישן ספּאָרט קאָן זיך נישט אויסדריקן בלויז אינעם גיַיסט, וועלכער הערשט אינער-האַלב דער אָרגאַניזאַציע, נאָר קודם־כּל אינעם אונטערשיד פון דער ספּאָרט־אַרבעט גופא.

אַלע ספּאָרט-געביטן קאָן מען — פון אונדזער שטאַנדפּונקט — איַינטיילן אין צוויי הויפּטגרופּן: 1) ספּאָרטן, וואָס באַגרינדן זיך אויף אַ קינסטלעכן ש פּ י ל-יסוד און 2) ספּאָרטן, וואָס שטייען אין ענגערן קאָנטאַקט מיטן טאָג-טעגלעכן ל ע ב ן. — די ערשטע קאַטעגאָריע ספּאָרטן קומען פאָר אין פאַרמאַכטע קינסטלעך אָפּגעשלאָסענע סטאַדיאָנס אָדער פּלעצער, לויט באַ-שטימטע שטרענגע שפּיל-כּללים. דאָס זענען אַ שטייגער פוט-

באָל, באָקס, טעניס, פינג-פאָנג אאַז״וו. אויב מיר זאָלן נעמען
אין אַכט בלויז די פיזישע דערגרייכונגען פון די דאָזיקע
ספּאָרטן, זענען זיי אויך נישט גאָר אָן פּאָרוווּרפן. די מערסטע
פון די דאָזיקע ספּאָרט-געביטן אַנטוויקלען נאָר איינזײַטיק די
ספּאָרטלער, און זייער גרויסע לייסטונג-פעיִקייט אויף דעם גע-
ביט זאָגט נאָך גאָרנישט וועגן זייער אַלגעמיינער פיזישער גע-
זונטקייט און קרעפטיקייט, פאַרקערט – אָפט ווײַזן זיך בײַ
זיי אַרויס סימנים פון אַלגעמיינער אָרגאַנישער איבערגעמאַ-
טערטקייט. (איך האָב אַליין עטלעכע מאָל אָבסערווירט, ווי גו-
טע ספּאָרטלער זענען אין די בערג שלעכט געגאַנגען און
אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּע דויערהאַפטיקייט בעת בערגאויספלוגן).
אַלזאָ, די דערציִערישע באַדײַטונג פון די דערמאָנטע ספּאָרט-
געביטן שטייט אונטער אַ גרויסן פראַגע-צייכן. אָבער דאָס איז
נאָך נישט דאָס וויכטיקסטע. מער דעצידירנדיק פון שטאַנדפּונקט
פון האַרמאָנישער סאָציאַליסטישער דערציִונג איז דער פאַקט,
וואָס די דאָזיקע מינים ספּאָרט האָבן אַ פאַטאַלע אָפּטעמפּנדע
ווירקונג אויף דער אַלגעמיינער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון
דער יוגנט; זיי רוקן אַרויס אויפן אויבנאָן דעם רעקאָרד-מאָ-
מענט, און דער דאָזיקער רעקאָרד-גײַסט שאַפט די לײַכטסטע,
באַקוועמסטע און אָנגענעמסטע פאַר דער יוגנט מעגלעכקייט
צו דערגרייכן אין אַ קורצער צײַט און אָן ספּעציעלע אָנ-
שטרענגונגען דעם מעגלעך גרעסטן דערפאָלג, דעם גרעסטן
עפנטלעכן אָנזען, — די לײַכטסטע מעגלעכקייט פון רעאַליזירן
דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל. סײַ-ווי ווײַזט די יוגנט אַרויס אַ
נייגונג צו דערגרייכן איר פּערזענלעכע דערהייבונג און אָנזען
אויפן לײַכטסטן, אָבער אַמווייניקסטן פּרוכטבאַרן, וועג — אויפן
וועג פון פיזישע לייסטונגען. די אויפגאַבע פון דער דערציִונג
איז אָפּצוציִען די יוגנט פון דער געזעלשאַפטלעך שעדלעכער
טענדענץ און אַרויסרופן בײַ איר אַ העכערע גײַסטיקע אַנט-
וויקלונג און געזעלשאַפטלעכע פּאַראינטערעסירונג. די אָנגערו-
פענע ספּאָרטגעביטן אָבער, נישט גענוג וואָס זיי ווירקן נישט
קעגן דער דאָזיקער שעדלעכער טענדענץ בײַ דער יוגנט, העלפן
זיי נאָך פאַרשטאַרקן די דאָזיקע טענדענץ און ווירקן דערמיט
האַמעוועדיק אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג – מיט דער היכף

פון זייער גאַנצן סיסטעם רעקאָרדן און אויסצייכענונגען. די מלוכה, די עפנטלעכע מיינונג רינגלען אַרום די דאָזיקע ספּאָרטגעביטן מיט אַן אָרעאָל פון העלדישקייט — און די יוגנט דאַרף נישט מער! מיט אַלע כּוחות וואַרפט זי זיך אויף די דאָזיקע ספּאָרטן, ווו מען קאָן לײַכט שעפּן כּבוד און אָנזען — און זי פאַרנאַכלעסיקט און איגנאָרירט אַלע אַנדערע געביטן פון מענטשלעכע, העכערע פּערזענלעכע דערגרייכונגען. דער נידעריקער גײַסטיקער ניוואָ פון די פּראָפעסיאָנעלע ספּאָרטלער איז אַ גוט באַקאַנטע זאַך. — דאָס אויבן געזאָגטע באַדײַט נישט, אַז מען דאַרף אין גאַנצן באָיקאָטירן אַזעלכע מינים ספּאָרט, ווי פוטבאָל, טעניס אד״גל, זיי מוזן אָבער שפּילן אַ צווייטראַנגיקע ראָל אַפילו אין ספּאָרט גופא, זיי קאָנען דינען אַלס לײַכטער צײַטפאַרטרײַב, אָבער מיר דאַרפן דעם דאָזיקן מין ספּאָרט צילבאַוווסט נישט דערלאָזן צו קיין אָנגעזעען אָרט אינעם לעבן פון דער יוגנט.

אַקעגן, די צווייטע גרופּע ספּאָרטן קאָנען שפּילן אַ באַדײַטנדיקע ראָל אין דער אַלגעמיינער דערציִונג פון דער יוגנט, ווײַל אויפן באָדן פון די דאָזיקע ספּאָרט־געביטן קאָן קומען צו אַ האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט צווישן דער פיזישער און גײַסטיקער אַנטוויקלונג. דאָס זענען אַזעלכע ספּאָרטן, וועלכע שטייען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן. צום דאָזיקן ספּאָרטאָפּשניט געהערן רודערן (שיפספּאָרט), שווימען, סקי (נאַרטנספּאָרט), ציקליסטיק, בערג־טוריסטיק אד״גל. דאָס זענען אַלץ אַזעלכע ספּאָרטן, וועלכע האָבן אַלס זייער איבונג־געביט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אָדער קעגנשטאַנדן פון טאָג־טעגלעכן געברויך. דער אידעאַלסטע געביט פאַר אָנווענדן די דאָזיקע ספּאָרטן זענען לאַגערן און וואַנדערונגען (אויספלוגן).

אמת, אויך אויף די דאָזיקע געביטן קאָן אָנגעווענדעט ווערן דער שעדלעכער רעקאָרדגײַסט (פאַרמעסטונגען בײַ רודערן, שווימען, ס׳קי אד״גל), אָבער דאָ קאָ מען אים כאָטש בײַ אַ געהעריקער אַרבעט אויסמײַדן דורך אַרויסרופן אינטערעס צו העכערע איבערלעבונגען, וועלכע מען קאָן מיט די דאָזיקע ספּאָרטן פאַרבינדן (למשל: וואַסער־לאַגערן, נאַרטן-

אויספלוגן, וואַנדערונגען אין די בערג אד״גל). ווען ד אָ ס איז דער ציל פון זייער אָנווענדונג, דאַן שאַדט שוין נישט, אויב מען איבט זיך טעכניש אין די דאָזיקע ספאָרטן. אויב דער ספאָרט איז נישט קיין צ י ל, נאָר אַ מיטל פאַר העכערע גײַסטיקע איבערלעבונגען, דאַן איז די דערציִערישע ווירקונג פון די דאָזיקע ספאָרטן אַ פּאָזיטיווע. מיר פאַרווירקלעכן דאַן צוויי צילן מיט אַ מאָל: מיר דערגרייכן ווערזנטלעכע פאָר־שריטן אויפן געביט פון פיזישער דערציִונג און קערפּערלעכער קרעפטיקונג פון דער יוגנט, און גלײַכצײַטיק שאַפן מיר דער־מיט פאַר דער יוגנט שענערע, פילפאַרביקערע, טיפערע איבער־לעבונגען און עמאָציעס. דערפאַר זענען טאַקע לאַגערן און וואַנדערונגען דאָס אידעאַלסטע אָרט צום אָנווענדן די דאָזיקע ספאָרטן, ווײַל דאָס איז אַ געביט, וווּ די יוגנט קאָן זיך אויסצייכענען מיט איר פיזישער קראַפט און פלינקייט, און גלײַכצײַטיק קאָן זי אַנטוויקלען אירע גײַסטיקע פעיִקייטן, ווי אָריענטאַציע, באָאָבאַכטונג־פעיִקייט, איבונג פון די חושים, דרייסטקייט, איניציאַטיוו, געשווינדע דעציזיע אד״גל; זי לערנט זיך אַן עצה געבן און געפינען אַ געשווינדן אויסוועג פון פאַרשידענע אומגעריכטע סיטואַציעס; דערקענען פאַרשידענע מענטשן און לײַכט זיך צופאַסן און צונויפלעבן מיט זיי; אַרויסווײַזן דויערהאַפטיקייט און שטאַרקן כאַראַקטער בײַ פאַר־שידענע אומגעריכטע שווערע לעבן־סיטואַציעס (וואָס טרעפט זיך אָפט בעת אויספלוגן און בפרט — בעת בערגאויספלוגן); אַרויסווײַזן חברישקייט און אָפּפערווויליקייט לגבי חברים בײַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע מאָמענטן אאַז״וו — אַלזאָ: דער דאָזיקער צווייטער טיפּ ספאָרטן איז נישט נאָר נישט מסוגל צו ווירקן שעדלעך אויף דער גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט, נאָר פאַרקערט: בײַ אַ ריכטיקער אָנווענדונג קאָנען זיי ווערן אַ ווירקזאַם מיטל פאַר אַ האַרמאָנישער פי־זישער, גײַסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט.

די אַרבעטער־ספאָרט־באַוועגונג דאַרף זיך דעריבער אונ־טערשיידן פון דער בירגערלעכער ספאָרט־באַוועגונג נישט בלויז מיטן גײַסט, וועלכער הערשט אין דער אָרגאַניזאַציע, נאָר נישט ווייניקער דערמיט, וואָס זי דאַרף גאַנץ אַנדערע ספאָרט־

געביטן אַרויסרוקן אין אויבנאָן פון איר טעטיקייט. די אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג דאַרף לייגן די גרעסטע אכט אויף דער צ וו יי ט ע ר קאַטעגאָריע ספּאָרטן, וועלכע שטייען אין אַ נעענטערן קאָנטאַקט מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן און שאַפן אַ באָדן פאַר גלייכצייטיקער האַרמאָנישער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג. מען דאַרף אויסנוצן אין ראַמען פון די ווייט גרעסטע מעגלעכקייטן די לאַגערן און וואַנדערונגען (אויספלוגן) אַלס דאָס אידעאַלע געביט פון אָנווענדן און דערציִעריש אויסנוצן די דאָזיקע ספּאָרטן.

די סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרנעמט זיך געוויינלעך נישט דירעקט מיט ספּאָרטאַרבעט, דאַרף אָבער זאָרגן דערפאַר, אַז די אַרבעטער־יוגנט זאָל אין אַ געהעריקער מאָס אויסנוצן דעם ספּאָרט, און דערמיט באַפרידיקן אַ נאַטירלעכן דראַנג, וועלכער איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין דער ביאָלאָגישער און פסיכישער נאַטור פון דער יוגנט. פון דער צווייטער זייט אָבער איז דער חוב פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג צו באַווירקן די אַרבעטער־ספּאָרט־באַוועגונג, אַז זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ ספּאָרטאַרבעט, וועלכע זאָל נישט זיין קיין שטערנדער פאַקטאָר פאַר דער אַלגעמיינער גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט, נאָר פאַרקערט, די ספּאָרטאַרבעט זאָל שאַפן אַ באָדן פאַר האַרמאָנישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־יוגנט.

קאַפּיטל 3

נאַטור-געפיל. לאַגערן און וואַנדערונגען

פאַראַן נאָך איין וויכטיקער דערציִערישער געביט, וועלכן מען קאָן נישט צורעכענען נישט צו דער ריינער פיזישער דערציִונג, נישט צו דער ריינער גייסטיקער דערציִונג, וועלכער שטעלט פאָר גיכער אַ סינטעז פוןביידע, — דאָס איז די באַציִונג צו דער נ אַ ט ו ר. דערציִען ביי דער יוגנט ליבע צו דער נאַטור, אַן אינערלעכן גייסטיקן עמאָציע-קאָנטאַקט מיט דער נאַטור, אַריינפירן די נאַטור אַלס אָנגעזעענעם באַשטאַנדטייל פון מענטשלעכן געפיל-לעבן, — דאָס איז מסוגל צו שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָל ביים דערציִען אַ האַרמאָנישן, פריַיען, סאָציאַליסטישן מענטש.

די ליבע צו דער נאַטור עקזיסטירט ביי אַלע מענטשן, ביי וועמען מער, ביי וועמען ווייניקער. מען קאָן דרייסט זאָגן: נישטאָ קיין איין מענטש, וועלכער זאָל זיך נישט אָנהייבן פילן בעסער, ווען ער קומט אויפן „שויס" פון דער נאַטור. דער מענטש פילט זיך דעמאָלט פריַיער, ווי עס וואָלטן אַוועקגעפאַלן הויכע ווענט, וועלכע האָבן אים באַגרענעצט; ער פילט זיך אינערלעך רייכער; ער דערפילט עפּעס אַ גאַנצקייט אין זיך, ווי ער וואָלט געוואָרן אינערלעך פולער. דעם דאָזיקן גאַנצן קאָמפּלעקס געפילן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן קומען פון מענטשן אין דירעקטער באַרירונג מיט דער נאַטור, באַצייכן איך מיטן אַלגעמיינעם נאָמען: נ אַ ט ו ר - ג ע פ י ל.

די שטאַרקע און טיפע ווירקונג פון נאַטור-געפיל האָט פיל סיבות.

ערשטנס — ביאָלאָגישע: ס'איז באַקאַנט דער פאַקט וועגן דער נאַטירלעכער, ביאָכעמישער האַרמאָניע צווישן דער פלאַנצן- און חיות-וועלט, אַ האַרמאָניע, וועלכע בילדעט דעם באַקאַנטן „קרייזאומלויף פון לעבן". דער ביאָכעמישער לעבן-פּראָצעס פון די חיות גיט אַרויס אַלס אָפּפאַל-פּראָדוקט די אַזאָט-פאַרבינדונגען, וועלכע דינען אַלס נאַרונגקוואַל פאַר די פלאַנצן; אַקעגן, דער לעבן-פּראָצעס פון די פלאַנצן גיט אַרויס אַלס אָפּפאַל-פּראָדוקט דעם זויערשטאָף, וועלכער איז ווייטער דער הויפּט-באַדינג פון לעבן-פּראָצעס ביי די חיות. אַזוי אַרום עקזיסטירט אַ נאַטירלעכע האַרמאָניע, אַ פאַרמאַכ-טער לעבנקרייז צווישן די פלאַנצן און חיות; איינער פּראָדו-צירט דעם פונדאַמענט פון צווייטנס עקזיסטענץ, און פאַרקערט. נעמענדיק אין אַכט, אַז די פּסיכיק, ביזן מענטשלעכן פאַרשטאַנד איינשליסלעך, איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער נאַטיר-לעכער, ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון דער לעבעדיקער וועלט, קאָן מען אָננעמען אַלס פולשטענדיק וואַרשיינלעך, אַז די דאָ-זיקע נאַטירלעכע האַרמאָניע צווישן דער פלאַנצן- און חיות-וועלט האָט געלאָזט אַ טיפן שפּור אין דער פּסיכיק, און דער דאָזיקער שפּור איז נאָך ווירקזאַם אין דער הייניקער מענטש-לעכער פּסיכיק. דערפון נעמט זיך — אַלס בולטער באַשטאַנד-טייל פון אַלגעמיינעם נאַטור-געפיל — דאָס געפיל פון האַרמאָניע, דאָס איז אַ געפיל פון גאַנצקייט, אַ געפיל, ווי דער מענטש וואָלט אַרומגענומען און איינגעשלאָסן אין זיך דעם גאַנצן אַרום, וועלכער בילדעט מיט אים איין האַרמאָניש גאַנצעס. דאָס דאָזיקע גאַנצקייט- און האַרמאָניע-געפיל האָט, ווי געזאָגט, זיין קוואַל אין דער נאַטירלעכער האַרמאָניע צווישן דער פלאַנצן- און חיות-וועלט, וועלכע מוז האָבן איר שפּור אין דער אינסטינקטן-פּסיכיק פון מענטשן. דאָס דאָזיקע געפיל פון גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט קומט בעת דער באַרירונג מיט דער נאַטור נאָך בולטער צום אויסדרוק אין דער הייני-קער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, צוליב דער איבערגעטרי-בענער באַגרענעצטקייט, וועלכע ס'איז גורם די קאַפּיטאַליסטי-שע אַרבעט-פאַרטיילונג און דאָס פעלן פון גענוגנדער געזעל-שאַפטלעכער פרייהייט

צווייטנס — *געזעלשאַפטלעכע*: די געזעלשאַפטלעכע אימפולסן פון נאַטור־געפיל קומען ספעציעל בולט צום אויסדרוק אין צײַטן, ווען ס׳ווערן רײַף גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען און איבערקערענישן. אַזוי איז די נאַטור־ליבע געקומען שטאַרק צום אויסדרוק בײַם אורשפרינגלעכן קריסטנטום; נאָכהער — אין פעריאָד פון די בורזשואַזע רעוואָלוציעס: די נאַטור־פאַרערונג האָט דאַן געפונען איר העכסטן אויסדרוק בײַם העראָלד פון דער דעמאָלט רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע — בײַ זשאַן זשאַק *רוסאָ*. און אין דער הײַנטיקער צײַט געפינט די נאַטור איר גרעסטן פאַרערער און ליבהאָבער — אינעם פראָלעטאַריאַט. בײַם עסטרײַכישן פראָלעטאַריאַט, איינעם פון די אַמהעכסטן שטייענדע אין פרט פון באַוווסטזײַן און סאָציאַליסטישער קולטור טיילן פון אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט, האָט עקזיסטירט אַ מעכטיקע און אימפאָזאַנטע *נאַטורפרײַנד־באַוועגונג**). די געזעלשאַפטלעכע אימפולסן פון דער נאַטור־ליבע זענען טאַקע אין די הײַנטיקע צײַטן *אַמשטאַרקסטן* ווירקזאַם בײַם פראָלעטאַריאַט, און דעריבער וועלן מיר זיך אויף זיי פון דאָזיקן קוקווינקל אָפשטעלן.

צום קאָמפלעקס נאַטור־געפיל געהערט דאָס *געפיל פון פרײַהייט*. אין דער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג איז דער מענטש פון אַלע זײַטן געבונדן דורך יורידישע געזעצן און אומצייליקע פאָרשריפטן, וועלכע באַגרענעצן זײַן באַוועגונג־פרײַהייט, טייל מאָל — טאַקע אין פשוטן זין פון וואָרט. אָבער קודם־כּל איז דער מענטש באַגרענעצט דורך די מעכטיקע, אָביעקטיווע עקאָנאָמישע געזעצן פון קאַפיטאַליזם — די קאָנקורענץ און די „פרײַע" איניציאַטיוו. אַדאַנק די דאָזיקע אָביעקטיווע, אויסערלעך ווירקנדע עקאָנאָמישע געזעצן, קוקט דער מענטש אויס נאָר פאָרמעל פרײַ, — פאַקטיש אָבער איז ער אַזוי געבונדן דורך די אויסערלעכע — פון אים אומאָפהענגיקע — געזעצן, אַז אַלץ וואָס ער טוט איז באַשטימט דורכן

*) דער אַלטער בונדישער הימן האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „*הייליק איז די נאַטור* און אַלע אירע שאַפונגען".

צוואַנג פון די אָביעקטיווע לעבן־באַדינגונגען און געגעבענע לעבן־סיטואַציעס. אָבער אַלע עקאָנאָמישע און יורידישע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע באַרויבן ביַים מענטשן דעם גרעסטן טייל פון זיַין פריַיהייט, דריקן אומפּאַר־גליַיכלעך שטאַרקער דעם פּראָלעטאַריאַט. אין קעגנזאַץ צו די אַלע באַגרענעצנדע פאַקטאָרן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, קומט גאַר בולט צום אויסדרוק דאָס פריַיהייט־געפיל ביַים פּראָלעטאַריאַט, בעת דער באַרירונג מיט דער נאַטור. דאָס דאָזיקע פריַיהייט־געפיל איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון באַוווּסטזיַין, אַז מען האָט זיך באַפריַיט פון די קייטן פון די קאַפּיטאַליסטישע געזעצן, נאָר זיַין קוואַל ליגט נאָך טיפער: עס איז אויך אַ רעזולטאַט פון געפיל, אַז מען איז באַפריַיט פון כסדרדיקן, אַלזיַיטיקן פּערזענלעכן קאַמף, וועלכער איז דער יסוד פון עקזיסטענץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג; זיַיענדיק פריַי פון דער קאַמף־איַינשטעלונג לגבי דעם אַרום, קאָן מען זיך קאָנצענטרירן אין זיך אַליין, צונויפנעמען זיך אין גאַנצן, ווערן אַ גאַנצער, פולער מענטש. דאַן פילט מען זיך פּערזענלעך פולשטענדיק פריַי, פריַי פון אויסערלעכן צוואַנג און פון אָנגעוואָרפענע טאַטן. דאָס דאָזיקע פריַיהייט־געפיל שטייט דעריבער אין ענגסטער פאַרבינדונג מיטן פריַערדיקן האַרמאָניע־געפיל.

אין ענגסטער פאַרבינדונג מיטן פריַיהייט־געפיל טרעט אויך אַרויס — אין רעזולטאַט פון דער באַרירונג מיט דער נאַטור — דאָס **פרידן־געפיל**. אין קעגנזאַץ צו דער פּערמאַנענטער קאַמף־אַטמאָספער אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, שאַפט זיך — ווען מען פאַלט אַרויס פון אונטער דער פיזישער ווירקונג פון אָט די געזעצן — דאָס פרידן־געפיל. זיַיענדיק אַרומגערינגלט פון דער נאַטור, פילט זיך דער מענטש, ווי אין אַן עלעמענט, מיט וועלכן ער שטייט נישט אין קאַמף־ און שנאה־באַציִונג, נאָר פאַרקערט — מיט וועלכן ס'פאַראייניקט אים אַ געוויסע נאַטירלעכע האַרמאָניע. אין רעזולטאַט דערפון שווימט אויף דאָס פרידן־געפיל — אַ דער־הייבנד און גיַיסטיק אָפּפרישנד געפיל אין דער אַטמאָספער פון קאַפּיטאַליסטישן קאַמף־גיהנום.

די נאַטור שטאַרקט אויך בײַם פּראָלעטאַריאַט דאָס ג ע ר ע כ ט י ק ײ ט - ג ע פ י ל. אין צײַטן, ווען די הערשנדע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג האָט זיך שוין איבערגעלעבט און זי דריקט אונטער גאָר שטאַרק די ברייטע פאָלקסמאַסן, ווערט די דאָזיקע אָרדענונג אינעם באַוווסטזײַן פון די שטאַרק באַוואָלהטע מאַסן דער אויסדרוק פון א ו מ ג ע ר ע כ ט י ק ײ ט. די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איז פאַר זיי אַן אינסטיטוציע, וועלכע שטעלט פאָר די אומגערעכטיקייט; די דאָזיקע אָרדענונג דינט צום נוצן פון אײנצלנע און צום שאָדן פון די גרויסע מאַסן באַפעלקערונג. אין קעגנזאַץ צו דער אומגערעכטיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג שטעלט זיך פאַר זיי פאָר די נאַטור מיט איר נייטראַלער געזעצמעסיקייט, וועלכע פּריווילעגירט נישט אײנעם קעגן צווייטן, וועלכע באַהאַנדלט אַלע מענטשן גלײַך — אַלס געביט, וווּ ס'ווערט פאַרווירקלעכט די העכערע ג ע ר ע כ ט י ק ײ ט. די נאַטור ווערט פאַר זיי ד ע ר ס י מ־ ב אָ ל פ ו ן ג ע ר ע כ ט י ק ײ ט. מען דריקט זיך טאַקע אויס וועגן דער גערעכטיקייט, ווי וועגן אַ נאַטירלעכער זאַך; גערעכטע זאַכן שטעלט מען פאָר אַלס נאַטירלעכע. דערפאַר קומט שטאַרק צום אויסדרוק דער נאַטור־גלויבן און די נאַטור־פאַרערונג אין צײַטן פון געזעלשאַפטלעכע איבערקערענישן, ווען די אַלטע אָרדענונג האָט זיך שוין פולשטענדיק איבערגעלעבט און איר אומגערעכטיקייט רײַסט אַלעמען די אויגן. אַזוי, למשל, איז די נאַטור־פאַרערונג געקומען בולט צום אויסדרוק אין דער רעוואָלוציאָנערער לערע פון אויפגייענדן בירגערטום (רוסאָ — „נאַטירלעכע רעכט"); דערפאַר איז אויך בײַם פּראָלעטאַריאַט די נאַטור אַ געביט פון פאַרערונג, אַ סימבאָל פון גערעכטיקייט.

די הויפּט־עלעמענטן פון נאַטור־געפיל זענען אַלזאָ: האַרמאָניע־געפיל, געפיל פון מענטשלעכער פולקאָמהייט, פרײַהייט־געפיל, פרידן־געפיל און גערעכטיקייט־געפיל. דאָס זענען וויכטיקע און פּאָזיטיווע באַשטאַנדטיילן פון סאָציאַליסטישן מענטשן־כאַראַקטער. דעריבער איז דערציִונג פון דער ליבע צו דער נאַטור, דאָס שטאַרקע און דורכגעלעבטע נאַטור־געפיל — איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג.

די נאַטור-ליבע און נאַטור-נאָענטקייט ווירקט אויך זייער פּאָזיטיוו אויף דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט. אמתע ליבע צו דער נאַטור רופט אַרויס אינטערעס צו נאַטור-וויסנשאַפט, און דערמיט ברייטערט זיך אויס דער געדאַנקען-האָריזאָנט פון דער יוגנט וועגן וועלט און מענטש; ס'אַנטשטייען די עלעמענטן פון אַ מאָדערנער, האַרמאָנישער וועלט-אָנשויונג. די נאַטור-קענטעניש באַפעסטיקט אויך בײַ דער יוגנט די גרונט-אידעע פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און וועלט-אָנשויונג — די אידעע וועגן דער פאַרענדערלעכקייט פון אַלץ, וואָס רינגלט אונדז אַרום — די אַנטוויקלונג-אידעע. די דאָזיקע אידעע גראָבט אויך אונטער בײַ דער יוגנט דעם געזעלשאַפטלעכן פאַטאַליזם, ד"ה דעם גלויבן, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן מוז שוין אַזוי בלײַבן. דאָס באַקענען זיך מיט דעם ווײַט גרייכנדן אַנטוויקלונג-פּראָצעס און כסדרדיקער פאַרענדערלעכקייט אין דער גאַנצער נאַטור באַקרעפטיקט די איבערצײַגונג און דעם גלייבן, אַז די דאָזיקע פאַרענדערלעכקייט איז אויך אַ געזעץ פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַז עס מוזן אויפקומען נײַע פאָרמען און נײַער אינהאַלט פון סאָציאַלן לעבן. די ליבע צו דער נאַטור און די נאַטור-קענטעניש רעוואָלוציאָניזירט די באַגריפן פון דער יוגנט וועגן וועלט, מענטש און געזעלשאַפט און איז אַ שטיצפּונקט פאַר דער פאַרפולקאָמונג פון סאָציאַליסטישן באַוווסטזײַן.

די ליבע צו דער נאַטור, די אַנטוויקלונג פון נאַטור-געפיל און נאַטור-קענטעניש דאַרפן דעריבער געהערן צו די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער האַרמאָנישער סאָציאַליסטישער דערציִונג: זיי שטעלן פאָר אַ וויכטיקן טייל פון די פּערזענלעכע ווערטן, וועלכע ס'דאַרף באַזיצן אַ באַוווסטזיניקער סאָציאַליסט, און גלײַכצײַטיק זענען זיי אַ וויכטיקער שטיצפּונקט פאַר אַ מאָדערנער וועלט-אָנשויונג און פאַר דער באַפעסטיקונג פון סאָציאַלן גערעכטיקייט-געפיל און מענטשן-פרײַנדלעכע באַגריפן און געפילן.*)

* *
*

*) די לעזער געדענקען די געהיימנישפולע געשיכטע מיט דעם יידישן יונגנמאַן העלמוט הירש, וועלכער איז געקעפּט געוואָרן אין דײַטשלאַנד פאַר

אַנטוויקלען דאָס נאַטור־געפיל בײַ דער יוגנט קאָן מען גאַנץ קנאַפּ אויף קורצטערמיניקע אויספלוגן; דער דאָזיקער דערציִערישער ציל קאָן ערשט פאַרווירקלעכט ווערן אויף לאַנגערן און לאַנג־טערמיניקע וואַנדערונגען, אַדאַנק וועלכע די יוגנט קומט אין אַ פולן קאָנטאַקט מיט דער נאַטור, און אין איר דירעקטער אומגעבונג אָרדנט זי אײַן אַן אַלזײַטיק קאָלעקטיוו לעבן.

מפלומרשט צוגרייטן אַן אַטענטאַט אויף היטלערן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן די צייטונגען געבראַכט זיין געזעגענונג־בריוו צו די עלטערן — אַ רירנדער מענטשלעכער דאָקומענט, וועלכן מיר ציטירן לויט די צייטונגען:

„ליבע, ליבע עלטערן, ליבע קעטי!

שרייבן דעם דאָזיקן בריוו געהערט צו די שווערסטע זאַכן, וואָס כ׳מוז טון.

מסתמא ווייסט איר שוין: איך בין דעם אַכטן מערץ דורכן פאָלקס־געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

זייט נישט פאַרצווייפלט. ערשטנס, איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג אויף באַגנעדיקונג, און צווייטנס, מוז דאָך יעדער אייגער שטאַרבן. טראַכט וועגן דעם, ווי שיין מיין לעבן איז געווען, טראַכט וועגן מיינע רייזעס אין האָלאַנד, סלאָוואַקיי און די קאַרפּאַטן. טראַכט וועגן מיינע פעריען מיט אייך ביים ים און אין די בערג, טראַכט וועגן דער פריינדשאַפט, פון וועלכער איך האָב גענאָסן.

מיט וויפיל שענער דאָס אַלץ איז געווען פון לעבן, וועלכן עס פירט די מערהייט מענטשן: פול מיט זאָרגן און גרוי פון אָנהייב ביזן סוף. וואַרכט נישט די מומעס פרידע און מאַרטע מיט זייערע שטענדיקע איכה־געזאַנגען. וויכטיק איז נישט, וויפל מען לעבט, נאָר ווי מען לעבט. איך האָב יעדע רגע מיינע אַדורכגעלעבט אינטענסיוו, און ווי עס איז געווען דאָס לעבן, אַזוי וועט אויך זיין דער טויט, און עס איז נישטאָ אויף וואָס צו קלאָגן.

אמת, פיל זאַכן האָב איך נישט פאַרענדיקט. אייניקע האָב איך ערשט אָנגעהויבן, אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? זייער גרויסע זאַכן וואָלט איך סיי ווי סיי נישט אויפגעטון.

איך בעט מיר מוחל זיין, וואָס איך בין אוועקגעפאָרן און איך קיין וואָרט נישט געזאָגט. גלייבט מיר, אַז אַ גרויסע משא האָט מיר צוליב דעם געדריקט דאָס האַרץ.״

דער פאַרמשפּטער צום טויט ווענדט זיך ווייטער צו די עלטערן, זיי זאָלן לעבן צוליב קעטין און שרייבט:

„דער טויט איז דער לעצטער אמת וואָס עקזיסטירט; ערשט ווען מען שפּירט אַזוי נאָענט דעם טויט, ווייס מען וואָס באַדייט דאָס לעבן״.

דער דאָזיקער בריוו איז אַ גלענצנדע אילוסטראַציע צו דעם, וואָס אי

די לאַגער־אַרבעט, כאָטש אַ יונגער צווײַג פֿון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג, איז שוין גוט באַקאַנט און טיף אײַנגעוואָרצלט אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג. מיר וועלן זיך דעריבער נישט פֿאַרנעמען מיט קיין פּרטים און טעכניק פֿון דער לאַגער־אַרבעט. איך וויל דאָ נאָר אַרומרעדן עטלעכע אַלגעמיינע פֿראַגן, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיטן וועזן און גרונט־אויפֿגאַבן פֿון די סאָציאַליסטישע יוגנט־לאַגערן.

צוויי הויפּט־אויפֿגאַבן, וועלכע בילדן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט, האָט דער לאַגער: ער דאַרף דערנענטערן די פּראָלעטאַרישע יוגנט צו דער נאַטור און אַקטיוויזירן בײַ איר דאָס נאַטור־געפֿיל אַלס דויערהאַפֿטן עלעמענט פֿון כאַראַקטער, און צווייטנס — אײַנפֿלאַנצן בײַ דער יוגנט די פּרינציפּן פֿון קאָלעקטיוויסטישן לעבן, ד״ה אַזעלכע סאָציאַליסטישע כאַראַקטער־שטריכן און אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן, וועלכע זענען אַ נויטווענדיקער פֿאָרבאַדינג פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון אַ האַרמאָנישן סאָציאַליסטישן מענטש (דאָס זענען: סאָלידאַריטעט, חברישקייט, קרבנות־גרייטקייט, זעלבסטדיסציפּלין, ליבע צו אַרבעט, איניציאַטיוו, שעפֿערישער דראַנג, דרייסטקייט, זעלבשטענדיקייט, געשווינדע אָריענטאַציע אד״גל), בקיצור: דער לאַגער איז אַן אידעאַלער געביט פֿאַר אַ האַרמאָנישער אינדיווידועל גײַסטיקער און עטיש געזעלשאַפֿטלעכער דערציִונג. די דאָזיקע צוויי געביטן זענען אָרגאַניש און אומאָפּטײלבאַר מיט זיך פֿאַרבונדן.

מיר האָבן אויבן באַוויזן, אַז ס׳קאָן נישט זײַן קיין אמתער, מיט העראָיזם דורכגעדרונגענער סאָציאַליסט דער, וועמען עס שטייט נישט גלײַכצײַטיק מיט זײַנע פּערזענלעכע ווערטן אויף אַן אַנטשפּרעכנד הויכן ניוואָ. און פֿאַרקערט: ס׳קאָן קיינער נישט דערגרייכן אַ באמת הויכן פּערזענלעכן ווערט און ניוואָ, אויב ער ברעכט נישט דורך די ענג עגאָיִסטישע ראַמען

אויבן אַרויסגעזאָגט געוואָרן. מיר זעען דאָ, ווי אַ הויך אַנטוויקלט פּערזענלעכקייט-געפֿיל גייט פֿאַרבונדן מיט אַ געפֿיל פֿון געזעלשאַפֿטלעכן העראָיזם. מיר זעען דאָ אויך, אַז אַ הויך אַנטוויקלט נ אַ ט ו ר ־ ג ע פֿ י ל (פֿאַרן טויט געדענקט ער אין די נאַטור-איבערלעבונגען, אַלס שענסטע מאָמענטן פֿון לעבן) האָט מיטגעווירקט צו דער אַנטשטייונג פֿון הומאַניטאַריזם און געזעלשאַפֿטלעכן העראָיזם.

פון זײַן פּערזענלעכקײט-געפיל, און זײַן איך ווערט נישט דורכ-געדרונגען און אָנגעפירט מיט אַ סאָציאַלן, אַלגעמײן מענטש-לעכן באַפרײַונג-אידעאַל. די דאָזיקע צוויי דערציִונג-געביטן מוזן זײַן ענג פאַרבונדן, און אײנער פון די גלענצנדסטע אַר-בעט-געביטן דערצו איז דער לאַגער.

פאַראַן אָבער אין דער סאָציאַליסטישער יוגנט-באַוועגונג אַ מײנונג, וועלכע קוקט אַ ביסל אַנדערש אויף די אויפגאַבן פון יוגנט-לאַגער. זי האַלט, אַז די גרונט-אויפגאַבע פון סאָ-ציאַליסטישן לאַגער איז צו אַנטוויקלען בײַ דער אַרבעטער-יוגנט נאָר די געזעלשאַפטלעך עטישע כאַראַקטער-שטריכן. אָבער די פּערזענלעכע אַנטוויקלונג, און ספּעציעל דער נאַטור-מאָמענט, וועלכער איז, לויט אונדזער מײנונג, דער צענטער פון דער פּערזענלעכער דערציִונג אויפן לאַגער, דאַרפן שפּילן אַ צווייטראַנגיקע ראָל, און האָט נאָר אויף אַזוי פיל אַ ווערט און באַדײַט פאַרן לאַגער, אויף וויפל זיי זענען אַ באַדינג צו קאָנען ווי געהעריק דערפילן די געזעלשאַפטלעך דערציִערישע אויפגאַבן. דאָס באַדײַט: כּדי צו קאָנען דערפילן ווי געהעריק די געזעלשאַפטלעך דערציִערישע אויפגאַבן, מוז מען די יוגנט ווי מעגלעך באַפרײַען פון דער ווירקונג פון דער קאַפּיטאַליס-טישער סביבה, און דערפאַר דאַרף מען דעם לאַגער אײַנ-אָרדענען אויפן שויס פון דער נאַטור, אין וואַלד, ווײַל דאָ קאָן מען זיך אָפּשליסן פון די אויסערלעכע שעדלעכע אײַנ-פלוסן און פרײַ פון אַלע שטערונגען בויען דעם מוסטער פון אַ סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו. דער נאַטור-מאָמענט האָט לויט זיי, אַלזאָ, אַ באַדײַטונג פון אַ וויכטיק הילפמיטל פאַר דער אײגנטלעכער דערציִערישער אַרבעט פון לאַגער.

כּדי מיר זאָלן קאָנען פאַרענטפערן די דאָזיקע שטרײַט-פראַגע, דאַרפן מיר פאַר זיך קלאָר מאַכן, אין וואָס באַשטײט די אײגנטלעכע עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג פון לאַגער? — אײן ענטפער איז: די אײגנטלעכע אויפגאַבע פון לאַגער איז די קאָלעקטיוויסטישע דערציִונג פון דער פּראָלע-טאַרישער יוגנט. דער צווייטער ענטפער איז: די אײגנטלעכע אויפגאַבע פון לאַגער איז די אינדיווידועלע דער-ציִונג אין סאָציאַליסטישן גײַסט, ד"ה דאָס באַ-

דערכערן און דערהייבן די פערזענלעכקייט פון יוגנטלעכן צום ניוואָ פון סאָציאַליסטישן אידעאַל. קורץ גערעדט: איינע מיינען, אַז דער דערציִונג־אָביעקט פון לאַגער איז די מאַסע, אַנדערע מיינען — און איך געהער צו זיי — אַז דער דערציִונג־אָביעקט פון לאַגער איז דער יחיד.

אויף וואָס איז די לעצטע מיינונג באַגרינדעט:

ווי הויך מען זאָל נישט שעצן די דערציִערישע באַדייטונג פון לאַגער, וואָלט אָבער געווען איבערגעטריבן צו מיינען, אַז ער איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון סאָציאַליסטישער מאַסן־דערציִונג און אַז זיינע מעגלעכקייטן אין דער הינזיכט קאָנען זיין גרעסערע, ווי פון טאָג־טעגלעכן קאַמף און אויפקלערונג פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. דער לאַגער וועט קיין מאָל די אָרגאַניזאַציע נישט פאַרטרעטן. די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג איז צו פאַרוואַנדלען דעם פערזענלעך באַגרענעצטן קלאַסן־אינסטינקט אינעם פאַראַלגעמיינערטן קלאַסן־באַוווסטזיין; די דאָזיקע גייסטיקע איבערגעבורט קאָן קומען נאָר אין רעזולטאַט פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, זי הייבט אויף דעם יחיד איבער דער פערזענלעכער אָפּגעשלאָסנקייט צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אפילו — העראָיזם. די דאָזיקע איבערגעבורט פונעם פראָלעטאַריער פון אַ פּאַראייִנצלטן, דורך די ראַמען פון פערזענלעכן לעבן באַגרענעצטן מענטשן אין אַ באַוווסטזיניקן געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר, קאָן פּאַרקומען נאָר אויפן באָדן פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אין דאָזיקן קאַמף, באַהויכט און געפירט דורך דער סאָציאַליסטישער אידעע, קאָנען אויסוואַקסן די נייטיקע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ העראָיִשן, שעפערישן סאָציאַליסט: סאָלידאַריטעט, קרבנות־גרייטקייט, אַקטיווקייט, היסטאָרישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל אד״גל. אַלזאָ: דער פּאָליטישער קאַמף איז דער באָדן, אויף וועלכן ס׳אַנטשטייט די סאָציאַליסטישע מאַסן־מאָראַל. ס׳וואָלט געווען זייער שלעכט מיטן סאָציאַליזם, ווען ס׳וואָלט געווען אַנדערש, ווען דער סאָציאַלער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס וואָלט נישט געווען גענוג אויף צו דערציִען די סאָציאַל שעפערישע און סאָלידאַריסטישע

מאָראַל פון בויער פון אַ נײַער אָרדענונג, נאָר מען וואָלט דערצו געמוזט אָנקומען צו קינסטלעכע מיטלען, מעגן זיי זײַן ווי שיין און דערהויבן, ווי אַ שטייגער די לאַגערן. מיר האָבן אָבער פיל מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז כּדי די סאָציאַליסטן זאָלן זײַן בכּוח זייער היסטאָרישע, סאָציאַלע אויפגאַבע צו דערפילן, מוזן די איינצלנע מענטשן שטיין מיט זייער פּערזענלעכן ווערט און אינהאַלט — אויפן ניוואָ פון סאָציאַליסטישן אידעאַל; דאָס פּערזענלעכע לעבן מוז זײַן אין אײַנקלאַנג מיט דער סאָציאַלער אידעע. צו די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וועלכע זענען באַרופן צו דערפילן דעם דאָזיקן צ וו יי ט ן באַדינג, געהערן די סאָציאַ־ליסטישע לאַגערן. דער לאַגער האָט פאַר אַ ציל צו באַרײַכערן און פאַרטיפן דעם אינהאַלט פון דער פּערזענלעכקייט און אויפ־הייבן איר צום ניוואָ און צו אַ האַרמאָנישן איינס מיטן סאָציאַ־ליסטישן אידעאַל; פאַרוואַנדלען דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל אינעם קערן פון פּערזענלעכקייט־געפיל. דעריבער האָט דער לאַ־גער אַלס זײַן דערציִונג־אָביעקט דעם י ח י ד. אויך די טאָג־טעגלעכע דערציִונג־אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָר־גאַניזאַציע קאָן פיל אויפטון אויפן דאָזיקן געביט, אָבער דער לאַגער איז איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען פאַר ד ע ם טייל דערציִונג־אַרבעט און ער גיט די בעסטע מעגלעכקייטן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. דער לאַגער איז אָבער אַ שולע, און אַ שולע וועט קיין מאָל נישט פאַרטרעטן דאָס לעבן.

מיר האָבן אויבן געזען, וואָס פאַר אַ גרויסע באַדײַטונג ס'האָט דער נאַטור־געפיל פאַר דער פּערזענלעכער אַנטוויקלונג און איר גײַסטיקער באַרײַכערונג. אויב דער לאַגער האָט אַלס אויפגאַבע די אינדיווידועלע אַנטוויקלונג פון די יוגנטלעכע, דאַן איז פאַרשטענדלעך, אַז דער נאַטור־עלעמענט — אַלס איי־נער פון די מיטלען פון אינדיווידועלער דערציִונג — האָט פאַרן לאַגער נישט קיין צווייטראַנגיקע באַדײַטונג, נאָר איז אַן ערשטקלאַסיקער באַשטאַנדטייל פון גאַנצן לאַגער־וועזן. די ליבע צו דער נאַטור, די עמאָציעס אַדאַנק די איבערלעבונגען אויף דער נאַטור, ווי אויספלוגן, וואַנדערונגען אד״גל — דאָס זענען נישט בלויז הילפמיטלען, נאָר אַ גלײַכער, אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער דערציִונג אויפן

לאַגער, צו גלײַך מיט דער דערציִונג פון אַנדערע סאָציאַליס־טישע כאַראַקטער־שטריכן בײַ די יוגנטלעכע. נאָך מער: די שטאַרקע און טיף ווירקנדע נאַטור־עמאָציעס זענען אַליין אַ וויכ־טיקער שטיצפּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די אַנדערע, עטיש־סאָציאַליסטישע כאַראַקטער־שטריכן, ווי סאָלידאַריטעט, חברישקייט אד"גל.

די לאַגער־פּראַקטיק באַשטעטיקט פולשטענדיק די ריכטי־קייט פון אונדזער מיינונג. אויף די לאַגערן פאָרן ס'רוב אַזעל־כע יוגנטלעכע, וועלכע שטייען אויף אַ געוויסן העכערן ניוואָ פון פּערזענלעכער אַנטוויקלונג און האָבן שוין העכערע באַ־דערפעניש און אַ רײַכער אינדיווידועל לעבן. דאָס פאָרן אויפן לאַגער איז נישט אָפּהענגיק בלויז פון די מאַטעריעלע מעגלעכ־קייטן. פאַראַן פיל יוגנטלעכע, וועלכע וואָלטן פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט לײַכטער געקאָנט פאָרן אויף אַ לאַגער, נאָר זיי טוען דאָס נישט, ווײַל „עס ציט זיי נישט" דערצו; זיי גיבן פאָרצוג אַנדערע פאַרגעניגנס. אַקעגן, זענען פאַראַן יוגנטלעכע, וועלכע זאָגן זיך טיילמאָל אָפּ פון עלעמענטאַרע באַדערפעניש, אפילו פון מאַכן זיך אַ נײַעם מלבוש (אַזעלכע פאַקטן זענען מיר באַקאַנט), אַבי זיך צונויפצוקלײַבן די נייטיקע סומע צו פאָרן אויפן לאַגער. די דאָזיקע צווייערליי באַציִונגען זענען אָפּהענגיק נאָר פון אינדיווידועלן אַנטוויקלונג־ניוואָ און פון פאַר־נעם פון די גײַסטיקע באַדערפענישן, צו וועלכע די יוגנטלעכע האָבן דערגרייכט. דערפון איז צו זען, אַז טאַקע אין דער פּראַקטיק איז דער לאַגער קודם־כל אַ קוואַל פון פּערזענ־לעכער דערהייבונג און איבערלעבונגען. די יוגנטלעכע פילן דאָס אוממיטלבאַר, און ווער פון זיי עס גאַרט נאָך פּערזענלע־כער באַרײַכערונג — רײַסט זיך צום לאַגער.

נאָך איין מאָמענט פון דער לאַגער־פּראַקטיק באַווײַזט די ריכטיקייט פון אונדזער שטעלונג. ווער עס האָט געהאַט די מעג־לעכקייט צו דערקענען דאָס לאַגער־לעבן אין דער פּראַקטיק, האָט לײַכט געקאָנט באַמערקן איבעראַל אַזאַ דערשײַנונג: יענע לאַגעריסטן, וואָס ווײַזן אַרויס אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג פאַר די עמאָציעס, וועלכע ס'גיט די נאַטור־אומגעבונג, וואָס האָבן אַ שטאַרקן דראַנג צו אויספלוגן און וואַנדערונגען, — די אַלע

לאַגעריסטן ווײַזן גלײַכצײַטיק אַרויס אַ הויכע שטופע דיסציפלין, חברישקייט, האָבן ליב די אַרבעט אויפן לאַגער, קלאָגן זיך נישט אויף די לאַגער-אומבאַקוועמלעכקייטן, דרייען זיך נישט אַרויס פון די פליכטן אד"גל. אַקעגן, יענע לאַגעריסטן, וועלכע ווײַזן אַרויס אַ קלענערן אינטערעס פאַר די נאַטור-איבערלעבונגען און עמאָציעס, — ווײַזן גלײַכצײַטיק אַרויס אַ קלענערע דיסציפלין, דרייען זיך אַרויס פון אַרבעט און פליכטן, קלאָגן זיך אויף אומבאַקוועמלעכקייטן אאַז"וו. דער דאָזיקער פאַקט באַווײַזט, אַז די נאַטור-עמאָציעס און די קאָלעקטיוויסטישע דערציִונג זענען נישט קיין צוויי אָפּגעריסענע זאַכן און אָפּגעזונדערטע אויפגאַבן פון לאַגער, נאָר זיי זענען צווישן זיך ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן. אַ לאַגעריסט, וועלכער ווײַזט אַרויס אַ הויך אַנטוויקלט נאַטור-געפיל, ווערט צוליב דעם אַזוי צוגעבונדן צום לאַגער, ער ווערט אים אַזוי נאָענט און טײַער, אַז דערפאַר ווײַזט ער אַרויס אַ הויכע מאָס פון קאָלעקטיוויסטישן גײַסט, חברישקייט, סאָלידאַריטעט, דיסציפלין. דאָס איז אויך ריכטיק פאַרקערט: באַמיִען מיר זיך צו אַנטוויקלען דאָס נאַטור-געפיל צו אַ העכערן ניוואָ, שאַפן מיר דערמיט אַ שטאַרקן אימפולס פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאָלעקטיוויסטישן גײַסט און סאָציאַליסטישע כאַראַקטער-שטריכן.

דער אויספיר איז: אָרגאַניזירנדיק דעם לאַגער, מוז מען געדענקען, אַז איינער פון די הויפּט-באַדינגונגען פון זײַן דערפאָלג און פון קאָנען ווי געהעריק דערפילן זײַנע אויפגאַבן — איז דאָס צוקלײַבן אַזאַ אָרט פאַרן לאַגער, וועלכער זאָל מיט דער שיינקייט און רײַכקייט פון דער נאַטור-אומגעבונג קאָנען זײַן אַ קוואַל פון שטאַרקע און טיפע נאַטור-עמאָציעס און איבערלעבונגען. דאָס איז איינער פון די גרונט-יסודות פון לאַגערוועזן און לאַגער-דערציִונג בכלל. פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגייענדיק, דאַרפן מיר שטרעבן — ווי ווײַט די מעגלעכקייטן דערלויבן דאָס — אײַנצואָרדענען די לאַגערן אין די *בערג-געגנטן*, וועלכע גיבן די שטאַרקסטע נאַטור-עמאָציעס.

די קעגנער פון די בערגלאַגערן, וועלכע שטייען מייסטנס גלײַכצײַטיק אויפן שטאַנדפונקט פון אויסשליסלעכער *מאַסן*-דערציִונג אויפן לאַגער, — האַלטן, אַז די בערגלאַגערן ברענ-

געגן דעם שאָדן, וואָס די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געריכ־טעט צו די בערגאויספלוגן, און דערפאַר ווערט פאַרנאַכלעסיקט די געזעלשאַפטלעכע, קאָלעקטיוויסטישע דערציִונג אויפן לאַגער. פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט, איז קלאָר, אַז די דאָזיקע טענה איז פאַלש. די אַנטוויקלונג פון נאַטור־געפיל איז נישט בלויז קיין שטערונג, נאָר פאַרקערט — אַ שטאַרקער שטיצפונקט פאַר דער קאָלעקטיוויסטישער דערציִונג און אויסבילדונג פון סאָציאַליסטישע כאַראַקטער־שטריכן. און פאַקטיש: אויף אַ בערגאויספלוג איז דאָס וואַנדערן פאַרבונדן מיט אַ גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אפילו לעבן־געפאַר, גאַנץ אָפט איז די סאָלידאַריטעט און קעגנזײַטיקע, חברישע הילף אַ פשוטער באַדינג צו דערגרייכן דעם ציל אָדער גאָר צו לעבן־זיכערקייט; ס'טרעפן זיך אָפט ר ע אַ ל ע סיטואַציעס, אַז פון קרבנות־גרייטקייט איז אָפּהענגיק די זיכערקייט און טיילמאָל דאָס לעבן פון אַ חבר; מען דאַרף אָפט אַרויסווײַזן זייער פיל אויסדויער, אָריענטאַציע, דרײַסטקייט און כאַראַקטער־שטאַרקייט, כּדי קעגנצווירקן אָדער אויסמײַדן געפאַרן, — צי זענען די דאָזיקע בערגאויספלוגן נישט קיין אידעאַלער געביט צו אַנט־וויקלען קאָלעקטיוויסטישע געפילן, נייגונגען און סאָציאַליסטישע כאַראַקטער־שטריכן? פון מײַן קליינער פּראַקטיק פון די בערג־לאַגערן דערלויב איך זיך מיט דער גאַנצער דעצידירטקייט פעסטצושטעלן, אַז איין טאָג פון אַ גוטן בערגאויספלוג גיט אַזוי פיל מעגלעכקייט פון גוטער סאָציאַליסטישער דערציִונג, ווי אַ גאַנצע וואָך לאַגערישע היים־זיצערײַ.

אָבער דער נאַטור־מאָמענט איז נאָר איינער, כאָטש אַ זייער וויכטיקער פּרט פון די מיינונג־פאַרשידנהייטן וועגן וועזן און אויפגאַבן פון סאָציאַליסטישן לאַגער. די גרונטפּראָבלעם איז: צי דאַרף דער לאַגער ווירקן אויף די יוגנטלעכע מיט די מיטלען, מיט וועלכע מען ווירקט אויף אַ מ אַ ס ע, אָדער מען דאַרף אָנווענדן אַזעלכע מיטלען און וועגן פון דערציִונג, וועל־כע האָבן אויפן אויג די אינדיווידועלע אַנטוויקלונג און פּער־זענלעכע גײַסטיקע באַרײַכערונג (פאַרשטייט זיך, אין אײַנקלאַנג און האַרמאָניע מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל). איך שטיי דעצי־דירט אויפן צווייטן שטאַנדפּונקט. דער ערשטער טיפּ לאַגערן

זינדיקט אַ היפּש ביסל מיט קאָזאַרמע־פֿאָרמען, וועלכע זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר לאַגערן פון יוגנט, ביי וועלכער די אַנט־וויקלונג פון פערזענלעכקייט־געפיל לעבט דאַן איבער איר בלי־צייט. דער גייסטיקער קאָנטאַקט צווישן דער לאַגער־אָנפירונג און דער „מאַסע" קומט פאָר אויף אַזעלכע לאַגערן אין אַ צו גרויסער מאָס אויף „אַכטונג" און דורך „באַפעלן". די אויסער־לעכע עפעקטן פון אַזאַ לאַגער־פירונג קאָנען טיילמאָל זיין גאַנץ שיינע (מאַרשירן, אויף אַכטונג שטיין, ראַפּאָרטן, מושטרעס אד"גל), אָבער זייער אמת דערציִערישע באַדייטונג איז אַ קליינע, ווייל אַזאַ אַרבעט איז ווייניק ענלעך צו דערציִונג. עס איז גי־כער — ד ר ע ס י ר ו נ ג. צום סאָציאַליסטישן אינהאַלט פּאַסט די דאָזיקע פאָרם גאַנץ קנאַפּ.

דער הויפּטפּרינציפּ פון לאַגער־לעבן באַשטייט דערין, וואָס ער דאַרף דערגרייכן זיינע דערציִערישע רעזולטאַטן דורך קאָנ־קרעטע, סוביעקטיווע, אינדיווידועל דערהייבנדע איבערלעבונגען. אין דער הינזיכט קאָן מען איינטיילן די לאַגער־איבערלעבונגען אויף צוויי קאַטעגאָריעס: אויף פּ אַ ס י ו ו ע און אַ ק ט י ו ו ע. למשל: אויב אויפן לאַגער קומט פאָר אַ יום־טוב, וואָס זיין הויפּט־אַטראַקציע איז באַשטאַנען פון עטלעכע געלונגענע רעדעס און אַ פּראָגראַם, וואָס זייטיקע האָבן אויסגעפירט, — אפילו אויב די פייערונג האָט אַרויסגערופן גאַנץ שטאַרקע עמאָציעס,— פאַררעכענען מיר אַזאַ זאַך צו די פּ אַ ס י ו ו ע איבערלעבונגען, ווייל זיי זענען אַנטשטאַנען אָן דעם אַקטיוון אָנטייל פון די לאַגעריסטן. אַזעלכע איבערלעבונגען האָבן אויך אַ ווערט, אָבער נישט דערין באַשטייט די אייגנטלעכע אויפגאַבע פון לאַגער: דאָס זעלבע קאָן מען דערגרייכן, און טיילמאָל אין אַ נאָך גרעסערער מאָס, אין שטאָט, אויף אַקאַדעמיעס אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן. אויפן לאַגער מוז אָבער אַזאַ פייערונג אַדורכגעפירט ווערן מיט דער הילף פון אַ גאַנצן אַרבעטפּלאַן, אַלע אָדער דער גרעססער טייל לאַגעריסטן דאַרפן אַקטיוו אָנטייל נעמען אין זיין דורכפירונג, און דער פינאַל פון דער פייערונג (למשל, אַן אַקאַדעמיע אד"גל) דאַרף אויך באַשטיין פון אַזעלכע פּראָ־גראַמטיילן, וועלכע ווערן אויפגעפירט דורך די לאַגעריסטן אַליין, — אַזעלכע איבערלעבונגען רופן מיר אַן אַ ק ט י ו ו ע

עמאָציעס. די אויפגאַבע פון לאַגער איז, אַז אין די ראַמען פון די ווײַטגייענדסטע מעגלעכקייטן זאָל דאָס לאַגער-לעבן זיך אויסדריקן אין אַקטיווע עמאָציעס און איבערלעבונגען. דאָס איז נאָך מער וויכטיק דערפאַר, ווײַל אויפן לאַגער געפינט זיך דאָך די יוגנט אין אינטענסיווסטן פעריאָד פון איר אינדיווידועלער אַנטוויקלונג; דער לאַגער דאַרף דעריבער פעדערן און נישט האַמעווען די אינדיווידועלע אַנטוויקלונג, ער דאַרף שאַפן אַ וואָס ברייטערע אַנטוויקלונג־מעגלעכקייט פון פערזענלעכקייט־געפיל דורך קאָלעקטיוו נוצלעכער אַרבעט, איניציאַטיוו, דורך ספעציעלע לײַסטונגען אד״גל. מען דאַרף נאָר זאָרגן דערפאַר, אַז דער אינהאַלט פון די אינדיווידועלע איבערלעבונגען זאָל זײַן אַ סאָציאַליסטישער. דאָס אַלץ קאָן דערגרייכט ווערן דורך דעם, וואָס מען שטעלט דעם **יחיד** אין **מיטלפונקט** פון **לאַגער-לעבן**, אָבער דאָס לאַגער-לעבן מוז האָבן אַ **סאָציאַליסטישן אינהאַלט**.

די אַקטיוויטעט דאַרף זיך אויסדריקן אין טאָג-טעגלעכן לאַגער-לעבן, וואָס דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סימבאָל פון אַ נײַ לעבן. די וויכטיקסטע אַרבעט-געביטן פון לאַגער זענען: **עסטעטיק** אויף אַלע געביטן פון לאַגער-לעבן, בעיקר אין באַצוג צו דער אײַנריכטונג; אָרדענונג און ריינקייט זענען דער ערשטער באַדינג פון דער עסטעטיק; **קונסט**, ווי געזאָגט, מוזיק (שפיל אויף מאַנדאָלינע, גיטאַרע, מויל-האַרמאָניקע), פאַרווײַלונג, אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען אד״גל. שטאַרק געפלעגט ווערן דאַרף געזאַנג, וועלכער גיט אַ גרויסע קינסטלערישע עמאָציע, שטאַרקט גלײַכצײַטיק די קאָלעקטיוויסטישע געפילן און אויך דאָס זעלבסטגעפיל. ימים-טובים סײַ אייגענע, סײַ אַלגעמיין פראָלעטאַרישע, דאַרפן זײַן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון לאַגער־לעבן אַלס קוואַל פון דערהייבנדע עמאָציעס. זייער אַ גרויס אָרט אין לאַגער־לעבן דאַרפן פאַרנעמען די שפילן (ספּאָרט-שפילן, די זייער עמאָציאָנירנדע סקויטישע שפילן, ווי אויך אינטעלעקטועלע שפילן). די דערציִערישע ראָל פון די שפילן איז קאָלאָסאַל און איבעראַל אָנערקענט. אָבער גאָר ווינטשנסווערט איז שפיל אַלס דערציִונג-מיטל פון דער אַרבעטער-יוגנט: שפיל באַדײַט דאָך פאַר איר **פרײַע, פולעטעטיקייט**,

וועלכע ווירקט אַלס פּאָזיטיווער פּסיכאָלאָגישער קעגנזאַץ קעגן דעם, וואָס די אַרבעטער-יוגנט מוז צו פרי גיין צו דער אַר- בעט און באַהערשט ווערן דורכן צוואַנג-כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעט. אין דעם שפּילן זיך געווינט די אַרבעטער-יוגנט דאָס, וואָס די אַרבעט האָט איר פריצײַטיק צוגענומען: פרײַע און פולע שעפערישקייט.

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אויף די לאַגערן, קאָנען די דאָזיקע אַלע אויפגאַבן דערפילט ווערן אויף וואַנדערי- לאַגערן. אָבער דער וואַנדער-לאַגער איז פאַרבונדן מיט גרעסערע פּראָבלעמען און קאָמפּליקאַציעס, ווי דער רוענדער לאַגער. דעריבער קאָנען וואַנדער-לאַגערן אין אַ קלענערער מאָס פאַרווירקלעכט ווערן. ווען מען אָרדנט זיי יאָ אײַן, מוז מען זייער פאָרזיכטיק צוקלײַבן דעם עלעמענט אָנטיילנעמער, און די פירונג מוז זײַן אַ הויך אויסגעשולטע.

אַלס קרוין פון דער לאַגער-אַרבעט דאַרף אַנטשטיין אַ סטאַבילע נאַטורפרײַנד-באַוועגונג. פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן דער באַדײַטונג פון נאַטור-געפיל פאַר דער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג פון די יוגנטלעכע אַרבעטער, איז שוין קלאָר, וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָל עס קאָן שפּילן די נאַטורפרײַנד-באַוועגונג אין דער אַלגעמיינער סאָציאַ- ליסטישער דערציִונג פון דער אַרבעטער-יוגנט.

קאַפּיטל 4

פרייע צייט. קלובן. זעלבסטבילדונג־קריזן.

אָפט הערט מען קלאָגן זיך דערויף, אַז די אַרבעטער־יוגנט פּוסט־און־פּאַסעוועט צו פיל, זי איז פויל און האָט ליב די צײַט צו פאַרברענגען אויף „גאָרנישט", אויף קיבעצן. אוודאי איז פּוסט־און־פּאַסעווען שעדלעך. אָבער די זאַך איז נאָך נישט אַזוי פּשוט, ווי עס דוכט זיך אין פלוג.

די נייגונג בײַ דער יוגנט צו פאַרברענגען די פרײַע צײַט „אויף גאָרנישט" איז אַ רעאַקציע אויף דער פיזישער און פּסיכישער איבערגעמאַטערטקייט, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון די שעדלעכע לעבן־באַדינגונגען פון דער אַרבעטער־יוגנט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דאָס ליידיק גיין אין דער פרײַער צײַט איז קודם־כּל אַ מיטל אויסצוגלײַכן דעם כּוחות־דעפיציט, די פיזישע איבערגעמאַטערטקייט, וועלכע קומט אין רעזולטאַט פון די שווערע אַרבעט־ און לעבן־באַדינגונגען פון דער אַרבעטער־יוגנט. אויך פּסיכיש איז דאָס „גאָרנישט טון" אַ רעאַקציע קעגן דער שעדלעכער גײַסטיקער ווירקונג פון דער איבערגעטריבענער קאַפּיטאַליסטישער אַרבעט־פאַרטיילונג. דער אַרבעטער — און נאָך מער די יוגנטלעכע אַרבעטער, וועלכע פירן דאָך אויס נאָך אַ ווייניקער וויכטיקע פונקציע בײַ דער אַרבעט — געפינען נישט בײַ דער אַרבעט די באַפרידיקונג פון פערזענלעכקייט־געפיל. דער אַרבעטער איז אָביעקטיוו פאַר־שקלאַפט, און דאָס דריקט זיך אויס אָביעקטיוו אין אַ געפיל פון באַגרענעצטקייט, פון באַהערשטקייט דורך אַ צווייטן, פון מינדערווערטיקייט. ער מוז דעריבער זוכן פּסיכיש אויסצוגלײַכן

די איבערגעטריבענע באַגרענעצטקייט און מינדערווערטיקייט — דורך פילן זיך פולשטענדיק פריַי נאָך דער אַרבעט. אין דעם פולשטענדיקן פריַי זיַין, אין דעם פילן זיך צו גאָרנישט פאַרפליכטעט און קיינעם נישט אונטערגעוואָרפן, געפינט ער די איבערגעטריבענע באַפרידיקונג אויף דער איבערגעטריבענער אַנטרעכטונג און מינדערווערטיקייט בעתן אַרבעטפּראָצעס. פיל מענטשן, נאָך אַ שווערער אַרבעט, רוען זיך אויס אין דער היים דורך גאָרנישט טון און דריקן זיך דאַן אויס, אַז זיי פילן זיך ערשט „ווי אַ פריַיער מענטש".

אָבער מיטן „גאָרנישט טון" זענען פאַקטיש פאַרבונדן גאַנץ נוצלעכע פון דערציִערישן שטאַנדפּונקט דערשיַינונגען.

די ערשטע העכסט נוצלעכע דערשיַינונג פון דעם מין איז דאָס שפּאַצירן. אינעם שפּאַצירן איז דאָ אַן עלעמענט פון פיזישער קרעפטיקונג און כּוחות־פאַרשטאַרקונג (געניוס פון פרישער לופט, פריַיע באַוועגונג, אויסגליַיכן די גלידער אד"גל); פון דערנענטערן זיך צו דער נאַטור (שפּאַציר אין גאָרטן, הינטער דער שטאָט, אין וואַלד); עס פאַרשטאַרקט דאָס פריַינדשאַפט־געפיל, וויַיל מען שפּאַצירט דאָך מערסטנטייל מיט פריַינד, און אין די געמיינזאַמע שפּאַצירן שטאַרקט זיך דער פריַינדשאַפט־פאַרבאַנד. דעריבער איז דאָס שפּאַצירן אַ זייער וויכטיקער און נוצלעכער אופן פון פאַרברענגען די פריַיע ציַיט ביַי דער אַרבעטער־יוגנט. מיר דאַרפן דער אַרבעטער־יוגנט רעקאָמענדירן וואָס מער צו שפּאַצירן. אַ שפּאַציר ווירקט אַמבעסטן, ווען ער קומט פאָר אין קלענערע גרופּעס; ביַי גרעסערע גרופּעס פאַרלירט זיך דער יחיד, און דאָס שטערט דער געהעריקער ווירקונג פון שפּאַציר אויף דער פּערזענלעכער אַנטוויקלונג פון יוגנטלעכן. אינעם שפּאַציר טאָר מען בשום אופן נישט זען קיין ציַיטפאַרלוסט, נאָר פאַרקערט: אַ זייער נוצלעך הילפמיטל פון פיזישער און פּערזענלעכער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט.

פאַראַן נאָך אַ מין ציַיטפאַרטריַיב, וועלכן מען באַצייכנט מיטן נאָמען „טראַכטן וועגן גאָרנישט". אָבער די מעשה איז אויך דאָ פאַרקערט: דאַן, ווען מען „טראַכט וועגן גאָרנישט" — טראַכט מען אָפט מאָל וועגן זייער אַ סך און וועגן זיי

ער וויכטיקס. לויט די בורזשואַזע באַגריפֿן, וועלכע באַהערשן די מוחות פֿון די מאַסן, הייסט טראַכטן וועגן גאָרנישט — נישט טראַכטן וועגן די געשעפֿטן, וועגן תּכלית, וועגן די מאַטעריעלע אינטערעסן אד"גל. אָבער ס'איז נישטאָ אַזאַ אַרבעטזאַמע און שעפֿערישע זאַך, ווי ס'איז דער מענטשלעכער מוח. ער איז קיין מאָל נישט אומטעטיק. דאַן, ווען אַ מענטש — לויטן אָנגענומענעם אויסדרוק — טראַכט „וועגן גאָרנישט", דאַן פֿילט ער זיך אינערלעך פֿרײַ און איז אין גאַנצן מיט זיך, ער איז נישט באַגרענעצט און נישט באַצוווּנגען דורך די אויסערלעכע מאַטעריעלע באַציִונגען און אינטערעסן. ער טראַכט דאַן דווקא זייער אַ סך וועגן זײַן פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט; וועגן זײַנע טאַטן און באַציִונגען צו מענטשן; וועגן דער סביבה, איר כאַראַקטער און ווערט; ער באַטראַכט און לופֿטערט דורך די אייגענע צילן און שטרעבונגען פֿון אַ געוויסער אָביעקטיווער, פֿרײַער פּערספּעקטיוו אאַז"וו. מיט איין וואָרט: מען רײַסט זיך דאַן אַרויס אויסער די ראַמען פֿון דער אייגענער, עגאָיִסטישער פּערזענלעכקייט און מען שאַצט אָפּ דאָס לעבן און דעם אייגענעם ווערט פֿון אַן אַלגעמיין מענטשלעכער פּערספּעקטיוו. דאַן שמידט זיך אויס דער כאַראַקטער פֿון מענטשן, זײַן באַציִונג צו די אַרומיקע מענטשן, זײַנע געזעלשאַפֿטלעכע געפֿילן און באַגריפֿן, זײַן גײַסטיקער האָריזאָנט.

אַלזאָ: מיטן „גאָרנישט טון" איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. אינעם שפּאַצירן און אין פֿרײַען טראַכטן געפֿינט די פּערזענלעכע אַנטוויקלונג, ספּעציעל בײַם יוגנטלעכן, אַ פּאָזיטיווע דערגאַנצונג.

דאָס שפּאַצירן און פֿרײַע טראַכטן זענען אַזוי אַרום אַ נוצלעכע און זעלבסט-דערציִערישע דערשײַנונג. דעריבער מוז יעדע ראַציאָנעלע דערציִונג איבערלאָזן אַ געוויסע, היפּשע פֿרײַע צײַט אויף דער דאָזיקער זעלבסט-דערציִונג. אין קעגנפֿאַל, ווען מען נעמט צו בײַ דער יוגנט די גאַנצע פֿרײַע צײַט, מעג זײַן אויף דער נוצלעכסטער און דערהויבנסטער דערציִונג-אַרבעט, איז די ווירקונג דערפֿון אַ שעדלעכע, און זי פֿאַרוואַנדלט די דערציִונג אין אַ דרעסירונג. אַ באַשטימטע פֿרײַע צײַט מוז איבערגעלאָזט ווערן צו דער פֿרײַער פּערזענלעכער דיספּאָזיציע

פון די יוגנטלעכע און מען דאַרף דערין קיין שום שלעכטס נישט זען.

אָבער נאָר אַ טייל פון דער פרייַער צייַט דאַרף מען איבערלאָזן פאַר דער פולשטענדיקער פערזענלעכער פרייַהייט פון יוגנטלעכן. דעם איבעריקן טייל פרייַע צייַט דאַרף מען אויסנוצן אויף צילבאַוווסטער דערציִונג. מיר דאַרפן זיך אָבער באַמיִען, אַז די רעשט פרייַע צייַט זאָלן מיר נישט דאַרפן בייַם יוגנטלעכן אַרויסרייַסן, נאָר ער זאָל אַליין, גערנוויליק קומען זי פאַרברענגען אונטער דער ווירקונג פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס וועט ער גערן טון דאַן, ווען די אָרגאַניזאַציע וועט אים די פרייַע צייַט אָנפילן מיט שטאַרקערע און אימפּאָזאַנטערע עמאָציעס, ווי ער וואָלט פאַר זיך אַליין געקאָנט אויסגעפינען. די דאָזיקע אויפגאַבע, דאָס אויספילן די פרייַע צייַט פון די יוגנטלעכע מיט אַ הויכווערטיקן גייַסטיקן און עמאָציאָנעלן אינהאַלט — דאָס איז די אַרבעט פון סאָציאַליסטישן יוגנט-קלוב.

דער יוגנט-קלוב איז אַ שוועסטער פון לאַגער. זיי האָבן ביידע איינע און די זעלבע גרונט-אויפגאַבן: צו דערציִען דעם יחיד צום ניוואָ פון סאָציאַליסטישן אידעאַל דורך באַרייַכערן די פערזענלעכקייט און דורכדרינגען איר מיט דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. דער קלוב און דער לאַגער גייען נאָר מיט פאַרשידענע וועגן. אויב דער לאַגער דאַרף דערפילן זייַן אויפגאַבע אויפן באָדן פון אַנטוויקלען דאָס נאַטור-געפיל, דאַרף דער קלוב דאָס זעלבע טון דורך געבן דער יוגנט שטאַרקע איבערלעבונגען דורך פאַרווייַלונג, שפּיל און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג אויפן באָדן פון קאָלעקטיוויסטישן צוזאַמענלעבן.

דאָ איז נישט דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך אויף פּרטים פון קלובאַרבעט און קלובלעבן. מיר וועלן נאָר באַרירן עטלעכע אַלגעמיינע פראַגן.

די הערשנדע אַטמאָספער אין קלוב דאַ"ף זייַן — יום-טובדיקייט. די טיפע פּסיכישע ווירקונג פון יום־טוב אויפן מענטשן באַשטייט אין פרייַהייט-געפיל. אין דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט איז דער מענטש אויסערלעך באַגרענעצט און אָפּהענגיק מיט זייַן לעבן און האַנדלונגען פון אויסערלעכע קרעפטן.

ער פילט זיך דעריבער נישט ווי קיין פולער מענטש. אינעם יום-טוב געפינט ער זיין פרייהייט און דעריבער — די מענטש-לעכע פולווערטיקייט. א ספעציעל וויכטיקע באדייטונג האט דעריבער דער יום-טוב פאר דער סאציאליסטישער דערציונג פון דער ארבעטער-יוגנט. די יום-טובדיקייט אינעם קלוב דארף זיך קודם-כל אויסדריקן אויסערלעך אין דער באפוצונג, איינ-ריכטונג און עסטעטישן אויסזען פון קלוב; עסטעטיק — אין יעדן ווינקעלע. ווען דער יוגנטלעכער ארבעטער קומט אריין אין קלובלאקאל, מוז תיכף אויף אים די אויסערלעכע סביבה ווירקן עמאציאנעל דערהייבנדיק. די יום-טובדיקייט מוז זיך ווייטער אויסדריקן אין אפטע פייערלעכקייטן, צי דאס זאלן זיין אייגענע, אדער אין פארבינדונג מיטן לעבן און קאמף פון ארבעטער-קלאס פארן סאציאליזם.

די וויכטיקסטע געביטן פון דער קלובארבעט זענען: עסטעטיק, קונסט (אמאטארישע דראמאטישע, געזאנג- און מוזיק-קרייזן), פארוויילונג, שפיל, קאלעקטיווער געזאנג.

אויך די אינטעלעקטועלע אנטוויקלונג מוז פאר-נעמען א גרויס ארט אין דער קלוב-טעטיקייט. דאס איז דאס אנטשפרעכנדסטע ארט פאר פרייער בילדונג, פאר ארגאניזירן וויסנשאפטלעכע סעמינארן, זעלבסטבילדונג-קרייזן, דיסקוסיע-אווענטן, אינפארמאטיווע רעפעראטן אד"גל, אבער דאס אלץ דארף ארומנעמען נישט בלויז געזעלשאפטלעכע פראגן, נאר אויך נאטור-וויסנשאפטלעכע, ליטעראַרישע און אפילו פי-לאזאפישע. מען טאר בשום אופן נישט פארגעסן דעריף, אז מיר מוזן כסדר הייבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון דער יוגנט. ס'איז זייער וויכטיק צו געבן איר מאמענטאלע עמאציעס. אבער מען טאר נישט דערביי בלייבן שטיין מיטן תירוץ, אז די ארבעטער-יוגנט האט דאס גענוג. מען מוז כסדר אויסברייטערן דעם גייסטיקן האריזאנט פון דער ארבעטער-יוגנט, און דאס באדייט — אריבערפירן די יוגנט פון באדן פון ריין עמאציאנעל לעבן — אויך אויפן באדן פון א רייך אינטע-לעקטועל לעבן.

דער קלוב איז דאס געביט, וווּ די פירער דארפן איינ-שטעלן פערזענלעכן קאנטאקט, פריינדשאפטלעכע פארבינדונג

מיט דער יוגנט און אזוי ארום פארקלענערן די שעדלעכע דיסטאנץ צווישן פירער און די יוגנטלעכע אין דער מאסן-באוועגונג.

דאס גאנצע לעבן און טעטיקייט פון קלוב דארף זיין געבויט אויף דער אקטיווקייט פון דער יוגנט גופא. פארוואל-טונג, עסטעטישע איינריכטונג, ארדענונג, פארווייליונג, שפילן, קונסטקרייזן — אלץ מוז ווערן דורכגעפירט אויפן יסוד פון זעלבסט-פארוואלטונג און איניציאטיוו פון דער יוגנט. פארשטייט זיך — דאס אלץ אונטער דער אויפזיכט און נאענטסטער מיט-ארבעט פון די פירנדע פערזאנען.

* *
*

צום געביט פון אינדיווידועלער דערציִונג פון דער יוגנט געהערט אויך די אויפקלערונג-ארבעט אין וויכטיקסטן ארגאני-זאציע-קעמערל — אין קרייז. טיילווייז האבן מיר שוין ארומגערעדט דעם אינהאלט פון דער ארבעט אויפן קרייז אינעם קאפיטל וועגן קלאסן-באוואוסטזיין. די אינטעלעקטועלע אנטוויקלונג פון יוגנטלעכן, דאס אויסשמידן ביי אים דעם קלאסן-באוואוסטזיין — איז די וויכטיקסטע אויפגאבע פון קרייז. אבער דאס דארף נישט זיין די איינציקע אויפגאבע פון קרייז. דער קרייז איז א געשלאסענע, אינטימערע גרופע, אין וועל-כער די מיטגלידער זענען באשטימטע, באקאנטע יחידים. דער קרייז מוז דעריבער נעמען אין אכט און אין א געהערי-קער מאס זיך רעכנען מיט די אינדיווידועלע אייגנשאפטן, נייגונגען און גייסטיקע פאראינטערעסירונגען פון די באזונדערע מיטגלידער. דער קרייז מוז זיין דאס ארט, ווו דער יוגנטלע-כער באקומט אן ענטפער אדער לכל-הפחות — אן אויפקלע-רונג פון אלע פראגן, וועלכע אינטערעסירן אים. כדי אבער די יוגנטלעכע, וועלכע זענען געוויינלעך פארשלאסן אין זיך, זאלן קומען מיט אלע זייערע פראגן צום קרייז, מוז דארט הערשן אן אנטשפרעכנדע, אינטימע, פרייע און אויפריכטיקע אטמאספערע, און אויך דער קרייזפירער מוז געניסן פון אוי-טאריטעט און פולן צוטרוי פון די מיטגלידער. פארשטייט

ויך, אַז פֿאַרדינען אַזאַ אויטאָריטעט קען ער נאָר מיט איבערגעגעבענער און אויפֿריכטיקער אַרבעט.

אָבער וויכטיק איז נישט בלויז, דער יוגנטלעכער זאָל קומען מיט אַלע פֿראַגן, וועלכע אינטערעסירן אים, צום קרײַז; נאָך וויכטיקער איז — אַז דער קרײַז זאָל מיט זײַן אַרבעט הייבן דעם אינטערעס און פֿאַרברייטערן דעם גײַסטיקן האָריזאָנט פֿון די יוגנטלעכע. דאָ טרעפֿן מיר זיך אָן אויף אַ שווערן און זייער קאָמפּליצירטן פּראָבלעם: וואָס אינטערעסירט דעם יוגנטלעכן און מיט וואָס קען מען אים פֿאַראינטערעסירן? — אַ סך מיינען, אַז דאָס איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון מעטאָד. דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. וויכטיקער ווי דער מעטאָד איז דאָס פּראָבלעם פֿון אינהאַלט. ס׳איז שווער אין דער דאָזיקער פֿראַגע צו געבן קאָנקרעטע אָנווײַזונגען, וועלכע זאָלן קאָנען נוצן אין אַלע פֿאַלן, ווײַל אינטערעס איז דאָך אַ סוביעקטיווע זאַך. אָבער איין וויכטיקער כּלל איז דאָ אַלע מאָל גילטיק און מען מוז דעריבער וועגן אים אומעטום געדענקען: דעם יוגנטלעכן אינטערעסירט אָדער קאָן פֿאַראינטערעסירן דאָס אַלץ, וואָס שטייט אָדער לאָזט זיך פֿאַרבינדן אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן געגעבענעם צושטאַנד פֿון זײַן פֿערזענלעכקייט-געפֿיל. פֿון דעם שטאַנדפּונקט קאָן בכלל נישט זײַן קיין רייד וועגן קיין אַלגעמיין גילטיקער מאָס פֿון אינטערעס. וואָס איינעם אינטערעסירט — קאָן דעם צווייטן גאָרנישט אָנגיין. כּדי צו וועקן דעם געהעריקן אינטערעס, מוז מען דעם לער-מאַטעריאַל צופּאַסן צום אַקטועלן צושטאַנד פֿון פֿערזענלעכקייט-געפֿיל. בײַ אַ פּרימיטיוון און ייִנגערן עלעמענט מוז דער לער-מאַטעריאַל באַזיצן אַ באַדײַטנדיקן עמאָציאָנעלן עלעמענט און זײַן באַזירט אויף קאָנקרעטע פֿאַקטן, צוגעפּאַסט צום עמאָציאָנעלן צושטאַנד און באַגרענעצטן פֿאַרנעם פֿון פּרימיטיוו-יוגנטלעכן פֿערזענלעכקייט-געפֿיל. דערבײַ דאַרף מען אויך אין פֿאָדערגרונט אַרויסרוקן אינדיווידועלע האַנדלונגען, כּדי דערמיט צו באַפֿרידיקן די פֿאַנטאַזיע, דעם דראַנג נאָך העלדן-געשיכטעס, אַלס וויכטיקע עלעמענטן אינעם אויס-

לעבן זיך פון יוגנטלעכן פערזענלעכקייט-געפיל. פאַר אַזאַ עלעמענט ווערט דער בעסטער מאַטעריאַל זייַ — די העראָישע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון די פרייַהייטקאַמפן, אַרבעטערבאַוועגונג, וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען, העלדישע רייַזעס, גרויסע מעדיצינישע דעראָבערונגען און בכלל — אַלערליי גרויסע טאַטן, נישט דווקא פון געביט פון סאָציאַלן קאַמף, וועלכע זענען אַן אויסדרוק פון מענטשלעכער שעפערישקייט, דערהויבנקייט, סאָציאַלן פאָרשריט.

בייַ אַ העכערער שטופע פון פערזענלעכקייט-געפיל, דאַן, ווען דער קלאַסן-באַוווסטזייַן און סאָציאַליסטישער אידעאַל הייבן אָן צו ווערן דער לייטנדער פאַקטאָר פון דער ווייַטערדיקער פערזענלעכער אַנטוויקלונג, — דאַן קאָן שוין דער אינטעלעקטועלער, דער אַנאַליטישער מאָמענט שפּילן די הויפּטראָל אין דער אויפקלער-אַרבעט, ווייַל אַזעלכע יוגנטלעכע קאָנען שוין איבערלעבן און זיך דורכדרינגען מיט אינטעלעקטועלע געפילן און אין דער אידעאָלאָגישער דערהייבונג געפינען די עמאָציאָנעלע באַפרידיקונג פון פערזענלעכקייט-געפיל.

מען מוז אַלזאָ אַלע מאָל איינס געדענקען: אין אונדזער אויפקלער-אַרבעט דאַרפן מיר פון איין זייַט אָנקניפּן צום געגעבענעם, פאַראַנענעם בייַם יוגנטלעכן אינטערעס, וועלכן מיר קאָנען אויסגעפינען, אָריענטירנדיק זיך לויטן ניוואָ און פאַרנעם פון פערזענלעכקייט-געפיל, — אָבער גלייַכצייַטיק דאַרפן מיר כסדר פאַרברייטערן דעם אינטערעס, וויסן און דערקענטעניש פון די יוגנטלעכע. דערמיט הייבן מיר גלייַכצייַטיק זייער פערזענלעכקייט-געפיל און שאַפן אַ באָדן פאַר אַ ווייַטערדיקער גייַסטיקער אַנטוויקלונג און פערזענלעכער דערהייבונג.

קאַפּיטל 5

פּאָליטישע דערציִונג

מיר באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון פּאָליטישער דערציִונג צום סוף פון אונדזער אַרבעט נישט דערפאַר, ווײַל עס איז אַ מינדער-וויכטיקער טייל פון אונדזער דערציִונג, נאָר פאַרקערט: ווײַל דאָס איז די קווינטעסענץ, דער גרונט-יסוד פון אונדזער גאַנצער סאָציאַליסטישער דערציִונג-אַרבעט. די סאָציאַליסטישע דערציִונג שיידט זיך אונטער פון דער בירגערלעכער, אפילו ווען די לעצטע שטעלט זיך ראַדיקאַלע און הומאַניסטישע צילן: די בירגערלעכע ראַדיקאַלע דערציִונג שטרעבט צו דערציִען סתם גוטע מענטשן, נישט קימערנדיק זיך וועגן זייער שפּעטערדיקער ראָל און טעטיקייט אין סאָציאַלן לעבן; אַקעגן, די סאָציאַליסטישע דערציִונג שטעלט זיך די אויפגאַבע צו דערציִען דעצידירטע אָנטיילנעמער אין סאָציאַלן באַפרײַונג-קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, און פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט זי אַלע אַנדערע דערציִערישע אויפגאַבן. דער ווערט און באַדײַט פון די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן ווערן געמאָסטן לויט זייער טויגבאַרקייט פאַרן סאָציאַלן באַפרײַונג-קאַמף, און די אינדיווידועלע דערציִונג האָט אַלס צוועק צו האַרמאָניזירן די אינדיווידועלע ווערטן מיטן אינהאַלט פון סאָציאַליסטישן אידעאַל. מיר באַמיִען זיך צו דערציִען דעם יחיד צו דער שטופּע, ער זאָל שאַפן פרײַוויליק די ציל באַוווסטע האַנדלענדע און קעמפנדע מאַסע.

אַ געוויסע שטערונג פאַר דער אייגנהייטלעכער אַקטיווקייט פון דער מאַסע — זענען די מיינונג-פאַרשידנהייטן אינערהאַלב

דער גאַנצער באַוועגונג. די סיבה פון די מיינונג־פאַרשידנהייטן דאַרף מען נישט זוכן אין דעם פאַרשידענעם אַנטוויקלונג־צו־שטאַנד פון דער לאָגיק ביי די באַזונדערע מענטשן, ווייל די פאָרמעלע לאָגיק איז ביי אַלע מענטשן די זעלבע. דער קוואַל פון די מיינונג־פאַרשידנהייטן ליגט דערין, וואָס די אויפמערקזאַמקייט ביי פאַרשידענע מענטשן ווערט געלענקט אויף פאַרשידענע זייטן פון דער זעלבער דערשיינונג אָדער פּראָבלעם. די אויפמערקזאַמקייט ווידער ווערט געקירעוועט דורך אינטערעסן, געפילן, שטימונגען, כאַראַקטער־איינשטעלונג אד״גל, אַלזאָ — דורך סוביעקטיווע פאַקטאָרן. דערפון דרינגט, אַז מיינונג־פאַרשידנהייטן זענען קודם־כל אַ רעזולטאַט פון פאַרשידענער שטופּע פון אינדיווידועלן כאַראַקטער. כדי צו באַזייטיקן מיינונג־פאַרשידנהייטן און אידעיש פאַראיינהייטלעכן די מאַסן, איז ווייניק צו ווירקן מיט דער ריינער, פאָרמעלער לאָגיק, מיט דער שכלדיקער איבערצייגונג־קראַפט; נאָך אין אַ גרעסערער מאָס קאָן דאָס דערגרייכט ווערן דורך אַלגעמיינער גייסטיקער דערציִונג און אַנטוויקלונג פון די מאַסן. מיינונגס־גלייכהייט קאָנען מיר דערגרייכן קודם־כל אין רעזולטאַט פון פאַראיינהייטלעכן די כאַראַקטער־שטריכן, די באַציִונג צו מענטש און צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן — דעם אינהאַלט און ניוואָ פון פערזענלעכקייט־געפיל. דער וועג דערצו פירט דורך אויפהייבן די פערזענלעכקייט ביי אַלעמען צו איין גלייכן ניוואָ פון גייסטיקער אַנטוויקלונג און קלאַסן־באַוווסטזיניקן אינהאַלט. מיינונגס־גלייכהייט קאָן מען דעריבער דערגרייכן נישט אין רעזולטאַט בלויז פון לאָגישער אויפקלערונג, נאָר אין דער ערשטער ריי פון דער אַלגעמיינער, גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער דערציִונג.

די סאָציאַליסטישע דערציִונג שטעלט זיך אויך נישט פאַר קיין ציל פּריִער צו דערציִען דעם יוגנטלעכן סאָציאַליסט פאַר אַ אידעאַלן אינדיווידוום, מיט אַלע נייטיקע מעלות, און נאָכהער ערשט אים אַריינציִען אין פּאָליטישן לעבן — ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, וועלכן מען פּאַרטיקט פּריִער אויס און נאָכהער לאָזט מען אים אין גאַנג. — די פּאָליטישע אַקטיווקייט, דער סאָציאַלער קאַמף -- מוזן זיין די שטענדיקע אַטמאָספער פון ערשטן

מאָמענט אָן, אין וועלכן דער יוגנטלעכער סאָציאַליסט דערציט זיך און הייבט זיך פסדר אַלץ העכער און העכער. קעמפנדיק — דערציט ער זיך, דערציִענדיק זיך — קעמפט ער גלייכציַיטיק. נאָר אויף דעם וועג קאָנען מיר פאַרהיטן דעם יוגנטלעכן סאָציאַליסט פון שעדלעכן אינדיווידואַליזם און דערציִען אים פאַר אַ סאָציאַלן מענטש, בײַ וועלכן די אמתע באַפרידיקונג פון זײַנע אינדיווידועלע פעיִקייטן און טאַלאַנטן געפינט ער נאָר אין זייער געזעלשאַפטלעכער פאַרווענדונג פאַר דער מענטשלעכער באַפרײַונג, פאַרן גליק פון כּלל.

דעריבער איז דער וויכטיקסטער באַדינג פון אמתער סאָציאַליסטישער דערציִונג — די כּסדרדיקע פּאָליטישע אַקטיווקייט פון דער יוגנט, דער לעבעדיקער אָנטייל אין אַקטועלן סאָציאַלן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס, דער טיפער באַוווסטזײַן, אַז יעדע אינדיווידועלע דערגרייכונג און דערהייבונג באַקומט ערשט דאַן אַן אָביעקטיוון ווערט און זין — ווען זי ווערט אויסגענוצט אַלס מיטל פון סאָציאַלן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס פאַר אַ בעסערער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מען קאָן אונדז דאָ פאָרוואַרפן, אַז די געזעלשאַפטלעכע אַפּפּערוויליקייט איז נישט קיין סימן בלויז פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג, ווײַל אויך צווישן נאַציאָנאַליסטן קאָן מען געפינען מענטשן, וועלכע ווידמען זיך אין גאַנצן דער נאַציאָנאַליסטישער אידעע און דערמיט דינען זיי אויך דעם כּלל, ווײַל די נאַציע איז דאָך אויך אַ כּלל, כאָטש אַ שמעלערער, ווי די גאַנצע מענטשהייט. — די זאַך איז אָבער נישט אַזוי: אמתע געזעלשאַפטלעכע אָפּפּערוויליקייט, דאָס דערציִען אַן אויפריכטיקן סאָציאַלן מענטשן, קאָן קומען אין רעזולטאַט נאָר פון אַזעלכע אידעען, וועלכע באַזירן זיך אויף סאָציאַלע געפילן, אויף אמתער הומאַניטאַרער כאַראַקטער-אײַנשטעלונג. די נאַציאָנאַליסטישע געפילן זענען אָבער געבונדן אויך מיט האַסגעפילן, מיט שאַרפער קעגנערשאַפט צו אַנדערע פעלקער, מיטן ציל צו הייבן די מאַכט און רײַכטום פון דער אייגענער נאַציע אויפן חשבון פון אונטערדריקן אַנדערע פעלקער. דער אימפּולס פון נאַציאָנאַליסטישע האַנדלונגען זענען דעריבער נישט סאָציאַלע, נישט מענטשן-פרײַנדלעכע, נאָר עגאָיִסטישע

געפילן, כאָטש דער עגאָיזם קאָן טיילמאָל דאָ זײַן נישט קיין דירעקטער (די נוצן פון דער אייגענער פּערזאָן) נאָר אַן אומ-דירעקטער. נאַציאָנאַליזם איז געבונדן מיטן מענטשנהאָס, מיט עגאָיסטישע אימפּולסן, און דעריבער שטייט ער נישט אויף קיין שום סאָציאַל שעפערישן ניוואָ, אַפילו ווען מען ווידמעט זיך פאַרן נאַציאָנאַלן כּלל. נאָר פאָרמעל קוקט עס טיילמאָל אויס צו זײַן געזעלשאַפטלעכע האַנדלונג, אין דער אמתן אָבער איז יעדע נאַציאָנאַליסטישע האַנדלונג באַזירט אויף האַסגע-פילן און ווערט געשטויסן דורך עגאָיסטישע ציִלן. אמתע סאָציאַל שעפערישע האַנדלונג קאָן נאָר זײַן אַזעלכע, וועלכע ווערט געשטויסן דורך געפילן און אידעען, וועלכע האָבן אויפן אויג די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט. יעדע באַ-גרענעצונג רופט אַרויס עגאָיסטישע און האַס-געפילן, און מאַכט אוממעגלעך די אַנטוויקלונג פון אַן אמתן סאָציאַל דענקענדן און האַנדלענדן מענטשן.

* *
*

אין דער ייִדישער געזעלשאַפטן עקזיסטירט אַ ריכטונג וועלכע קאָקעטירט מיט סאָציאַליזם און רעקלאַמירט זיך שטאַרק, דערמיט, וואָס זי זאָל כּלומרשט האָבן געשאַפן דעם אמתן מאָ-דערנעם טיפּ פון אַ סאָציאַליסטישן מענטשן, וועלכער ברענגט זײַן פּערזענלעכן קיום אַלס קרבן פאַרן ווויל און דערלייזונג פון כּלל — דאָס איז דער ציוניסטישער חלוציזם.

די ציוניסטן — און ספּעציעל די פּועלי־ציון — זענען מיט די חלוצים זייער שטאָלץ; בײַ אַ סך, הויפּטזעכלעך אין אַ זײַט שטייענדער אינטעליגענץ, רופט אַרויס דער חלוציזם גרויס סימפּאַטיע. און אין פלוג קאָן עס טאַקע אויסזען זייער אימפּאָנירנד: יונגע מענטשן, קרעפטיקע, ענערגישע, גאַנץ אָפט מיט אַ הויכער בילדונג, וואַרפן אַוועק די היים, — אָפטמאָל אַ באַקוועמע, זאַטע, וואַרעמע היים, — און לאָזן זיך אַוועק אין אַ ווײַט, וויסט לאַנד, נעמען זיך צו שווערער, פיזישער, פּיאָ־נערישער אַרבעט, כּדי צו בויען אַ נײַ לאַנד, אַ נײַע היים פאַר אַ געפּלאָגט פאָלק. אַן אימפּאָנירנד בילד פון אָפּפערווי-

ליקייט פאַרן כּלל, — ספּעציעל — ווען מען קוקט דערויף פון דער ווײַטנס.

אָבער לאָמיר זיך צוקוקן צו דער זאַך אַ ביסל נענטער. טאַקע יענע צווישן די חלוצים, וועלכע רופן אַרויס דעם גרעסטן ענטוזיאַזם, צוליבן גרויסן קרבן, וואָס זיי ברענגען — דאָקטוירים, אינזשעניצרן, אַפּליקאַנטן, סטודענטן אד״גל — דווקא די דאָזיקע פאַרראַטן דעם אמתן אימפּולס פון גאַנצן חלוציזם. ווער עס וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט אַזעלכע קאָנקרעטע פאַלן און מיט די אימפּולסן, וועלכע האָבן פּערזענלעך באַוויגן די דאָזיקע מענטשן זיך צו אָפּפערן פאַר דער „צוקונפט פון פאָלק", וועט לײַכט פעסטשטעלן, אויפן סמך פון דער ווײַט גרעסטער מערהייט פאַלן, — אַז דער תּוך פון חלוציזם ליגט אין דער שטרעבונג — אפשר נישט אַלע מאָל באַוווסטזיניקער — צו ר אַ ט עווען ז י ך אַ ל יי ן, פ ע ר ז ע נ ל ע ך, פ ו ן א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג. נישט דער קרבן פאַרן כּלל, נאָר פערזענלעכע רעטונג — דאָס איז דער פאַקטישער סוביעקטיווער אימפּולס, וועלכער שטויסט אַ טייל יוגנט צום חלוציזם *). די סיבה, וועלכע ברענגט זיי צום חלוציזם — דאָס איז די אויסזיכטלאָזיקייט דאָ אויפן אָרט צו זיכערן זיך די מאַטעריעלע עקזיסטענץ, צו באַקומען וועלכע עס איז אַרבעט; די ייִדישע דיפּלאָמירטע יוגנט האָט נאָך קלענערע אויסזיכטן צו באַקומען אַרבעט, ווי אַלע אַנדערע. זי דרייט זיך אַרום אָן אויסזיכטן, אָן אַ פּערזענלעכער פּערספּעקטיוו, אונטער דער מאַטערנדער לאַסט פון באָיקאָט און נאַציאָנאַלן האַס. פון פאַרצווייפלונג, פון דראַנג צו ראַטעווען כאָטש די רויע עקזיסטענץ, אָדער פון יאוש און מוטלאָזיקייט, פון טיפן ווילן צו פאַרטרײַבן דעם נאָגנדן באַוווסטזײַן, אַז מען איז גאָרנישט — לויפן זיי צום חלוציזם, וואַרפן זיי זיך אויף שטיינהאַקערײַ, ערד גראָבן, מיסט פירן און ענלעכע אַרבעטן, כּדי אַזוי אַרום

---

*) אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, וועלכער דעקט אויף די אמתע כוונות און פערזענלעכע מאָטיוון ביי די חלוצים, וועט דער לייענער געפינען אין דריטן טייל פון ד״ר מ. ווייגרייכס „דער וועג צו אונדזער יוגנט" (אויסצוגן פון די אויטאָביאָגראַפיעס פון יוגנטלעכע).

צו ווערן כאַטש עפּעס, צו שאַפן זיך די אילוזיע, אַז מען טוט עפּעס צוועקמאַסיקעס און דערבײַ אויך צו ראַטעווען די פּשוטע פיזישע עקזיסטענץ. די דאָזיקע יונגע מענטשן הייבן אָן דע־ריבער זייער לײַכט און גערן צו גלייבן – ווען דערצו מען רעדט זיי דאָס אײַן, – אַז דאָס טוען זיי נישט צוליב ראַטע־ווען די אייגענע עקזיסטענץ, נאָר צוליב העכערע, געזעלשאַפט־לעכע מאָטיוון, אַז זיי ברענגען אַ פּערזענלעכן קרבן פאַרן כּלל. דער דאָזיקער גלויבן – דאָס איז אַ רעזולטאַט פון זעלבסטגעפיל, פון דער שטרעבונג נישט צו פאַלן אין די איי־גענע אויגן; זיי גלייבן דעריבער אויפריכטיק, אַז זיי ברענגען זיך אַ קרבן פאַרן כּלל (כאַטש אַ טייל גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן רעכענונג ווענן די אייגנטלעכע מאָטיוון פון זייערע האַנדלונ־גען – זע די אויסצוגן בײַ ד"ר ווײַנרײַך!) אָבער דאָס זאָגט גאָרנישט ווענן די אמתע מאָטיוון, וועלכע שטויסן די דאָזיקע מענטשן צום חלוציזם. פאַר וואָס־זשע פּרוּוון נישט די דאָזיקע מענטשן צו ווערן שטיינהאַקער און ערדגראַבער דאָ אין לאַנד,– קאָן עמעצער פרעגן? – צוליב צוויי סיבות: זיי קאָנען דאָ אויפן אָרט אַזאַ אַרבעט אויך נישט געפינען, און צווייטנס – זיי לעבן דאָ אויף אַן אַנדער לעבן־ניוואָ, אין דער סביבה פון אַן אַנדער לעבן־שטייגער, און דאָס מאַכט פּסיכאָלאָגיש אומ־מעגלעך דאָ אויפן אָרט זיך אָפּצוגעבן מיט „דערנידעריקנדע" אַרבעטן. דאָס איז, אגב, אַ גוט באַקאַנטע זאַך פון דער עמי־גראַציע בכלל: אין די אימיגראַציע־לענדער נעמט מען זיך צו אַרבעטן, מיט וועלכע מען וואָלט זיך געשעמט אין היימלאַנד.

אַלזאָ: דער אימפּולס צו חלוציזם – דאָס איז די שטרע־בונג צו ראַטעווען די אייגענע רויע עקזיסטענץ. דער ציוניזם האָט עס נאָר אויסגענוצט צו שאַפן די אילוזיע, אַז דאָ האַנדלט זיך ווענן ברענגען זיך אַ קרבן פאַרן כּלל. די חלוצים גלויבן גערן דערין, ווײַל דאָס ווירקט דערהייבנד אויף זייער נידער־געשלאָגן זעלבסטגעפיל. מען קאָן צו די חלוצים דערפאַר פאַר־זענלעך גאָרנישט האָבן, אָבער ס'איז פאַלש די באַהויפּטונג, אַז זיי זענען דער מוסטער פון אידישער, געזעלשאַפטלעכער קרבנות־גרייטקייט, אַז זיי בילדן דעם מוסטערטיפּ פון פאָלקאָ־מענעם סאָציאַליסטישן מענטש. אַ סך מער קרבנות־גרייטקייט,

פערזענלעכן מוט און געזעלשאַפטלעכן פּאַטאָס ווײַזן אַרויס יענע ייִדישע סאָציאַליסטישע יוגנטלעכע, וועלכע לויפן זיך נישט ראַטעווען פערזענלעך, אין פּאַניק, אַבי אַוועק, אַוועק, — נאָר בײַ די ערגסטע באַדינגונגען, אין דער גרעסטער געפאַר, בלײַבן זיי אויפן אָרט, פאַרלירן נישט דעם קאַמפמוט, פאַלן נישט אַרונטער אונטער רעזיגנאַציע־שטימונגען, קעמפן — און זעען אינעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן זיג דעם איינציקן אויסוועג פאַר פערזענלעכער רעטונג צו גלײַך מיט דער געזעלשאַפטלע־כער אויסלייזונג. זיי ווײַזן דעם אמתן מוסטער פון געזעל־שאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און סאָציאַלן העראָיִזם.

אויב דער חלוציזם שטעלט נישט פאָר קיין ריכטיקע סאָציאַ־ליסטישע דערציִונג דערפאַר, ווײַל אונטערן מאַנטל פון געזעלשאַפט־לעכער אָפּפערונג איז זײַן אמתע טרײַבקראַפט דער דראַנג צו רויער פערזענלעכער רעטונג און ער ווערט דיקטירט דורך רעזיגנאַציע און מוטלאָזיקייט, — ווערט ווידער דורך דער קאָ־מוניסטישער דערציִונג באַגאַנגען דער קעגנזעצלע־כער פעלער. אין דער קאָמוניסטישער פּראַקטיק און יוגנט־דערציִונג ווערט אין גאַנצן געפּענטעט און פאַרלייקנט די פערזענלעכקייט. נישט בלויז, וואָס דער קאָמוניזם לייגט נישט קיין אַכט אויף דער פערזענלעכער אַנטוויקלונג, נאָר די גאַנצע באַוועגונג זײַנע איז אַזוי געבויט, אַז זי דער־שטיקט יעדע שפּראָצונג פון אינדיווידועלער אַנטוויקלונג. זײַנע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן: אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט, דאָס באַטראַכטן יעדן סימן פון זעלבשטענדיקן דענקען אַלס פאַר־ברעכן קעגן דער באַוועגונג, די שטראָפבאַרקייט פון אַרויסזאָגן אייגענע זעלבשטענדיקע מיינונגען אאַז״וו — דאָס אַלץ ווירקט ווי סם אויף יעדן מין גײַסטיקער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט. אויב אין די רייען פון קאָמוניזם קומט פאָר אַן אינטעלעקטועל לעבן — איז עס נאָר אין דער פאָרם פון ערגסטער סכאָ־לאַסטיק; עס באַשטייט נישט אין זעלבשטענדיקן דענקען, נאָר אין געטרײַען אויסטײַטשן די פון אויבן באַשטימטע באַ־שלוסן און אינסטרוקציעס. די אומבאַדינגטע פליכט זיך תּיכּף צוצופּאַסן צו אַלע אָנגעוואָרפענע ענדערונגען אין דער פּאָלי־טיק און טאַקטיק, — דאָס מאַכט אוממעגלעך די אַנטוויקלונג

פון אַן אינערלעכער, פרייַער באַציִונג צו דער באַוועגונג און צום אידעאַל; עס מאַכט אוממעגלעך די טיפערע באַהעפטונג פון דער פערזענלעכקייט מיטן אידעאַל. די דאָזיקע פראַקטיק מאַכט אויך אוממעגלעך אַ העכערע, האַרמאָנישע פאַרבינדונג פון געפיל-לעבן מיט דער אידעע, ווײַל דאָס געפיל-לעבן קאָן אויך נישט פאַרטראָגן קיין גײַסטיקע געהאָרכזאַמקייט. זיכער זענען פאַראַן צווישן קאָמוניסטן פיל אַזעלכע, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער געפיל-באַציִונג און קרבנות-גרייטקייט פאַר זייערע צילן. אָבער דאָס קאָן געשען נאָר אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָפגעזאָגט פון אינערלעכן פרייַען לעבן. זיי האָבן געברענגט אַ קרבן די פערזענלעכקייט פאַרן ציל, זיי האָבן די געהאָרכזאַמקייט געמאַכט אַלס העכסטן אינהאַלט פון זייער פערזענלעך לעבן; אָביעקטיוו אָבער ווערט בײַ אַזאַ לאַגע אַראָפגענידעריקט דער ווערט פון דער פערזענלעכקייט. דער דאָזיקער טיפ איז זייער נאָענט צום אַסקעטיזם, און ער האָט נישט קיין שום צוקונפט. אַזעלכע מענטשן קאָנען נישט בילדן דעם אידעאַל פון אַ סאָציאַליסטישער פערזענלעכקייט.

דער העכסטער אויסדרוק פון ריכטיק פאַרשטאַנענער סאָציאַליסטישער דערציִונג, איז דער סאָציאַליזם, וועלכן אָטאָ באַוער באַצייכנט מיטן נאָמען אינטעגראַלער סאָציאַליזם. דער דאָזיקער סאָציאַליזם ברויכט נישט קיין אילוזיעס און ברויכט נישט קיין פעטישן, כדי אַרויסצורופן דעם סאָציאַלן הערָאִיזם און קעמפערישן, שעפערישן געזעלשאַפטלעכן פאַטאָס. ער נייטיקט זיך נישט אין קיין פון דרויסן אײַנגעפירטע פיקציעס, כדי צו הייבן זײַן לעבן-פעִקייט. אינעם רעאַלן לעבן און אין די רעאַלע קאַמפצילן געפינט ער זײַן אייגנציקן קוואַל און גענוגנדן אימפולס פון מענטשלעכער דערהייבונג און רעוואָלוציאָנערער שעפערישקייט. דערמיט הייבט ער דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן און קאַמף צו דער מדרגה פון יום-טובדיקייט און פאַרוואַנדלט דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן און האַנדלען אין סאָציאַל-היסטאָרישער שעפערישקייט. אין דער ייִדישער געזעלשאַפט האָט די דאָזיקע אידעאָלאָגיע פאַרפלאַנצט און

איר דערפירט צו אַ שעפערישן און דערהייבנדן כּוח פון די יידישע מאַסן – דער „בונד".

דער ענדצוועק פון דער סאָציאַליסטישער דערציִונג איז צו אַנטוויקלען די אַלע גייַסטיקע און פּסיכישע כּוחות בייַם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זאָלן זייַן דער קוואַל פון סאָציאַלן העראָיִזם און שעפערישקייט. אָבער דערבייַ מוז מען אַלע מאָל געדענקען, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן רעאַליזירן אַן אַבסטראַקטן, איבערמענטשלעכן סאָציאַליזם, נאָר אַז עס האַנדלט זיך וועגן די לעבעדיקע מענטשן גופא. אינעם גליק פון די מענטשן – ליגט דאָס גליק פון דער מענטשהייט. דער ציל פון סאָציאַליזם איז צו באַפרייַען די מענטשהייט, כּדי צו באַפרייַען דעם מ ע נ ט ש, אָדער – ווי אונדזער גרויסער מייַסטער פרידריך ענגעלס האָט עס אויסגעדריקט – דאָס וועט זייַן דער איבערגאַנג פון דער וועלט פון נויטווענדיקייט אין דער וועלט פון פרייַהייט.

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון ש. מענדעלסאָן — 1
פאָרוואָרט פונעם מחבר — V

I טייל: די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַרישן קינד

קאַפּ׳ 1 די סביבה — 5
״ 2 דאָס מינדערוואַרטיקייט-געפיל — 12
״ 3 די סאָציאַלע געפילן — 27
״ 4 דאָס פּערזענלעכקייט-געפיל — 54
״ 5 די געשלעכטלעכע פּסיכיק — 103
״ 6 דער כאַראַקטער — 125

II טייל: פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישער מאַסן-דערציִונג

קאַפּ׳ 1 באַדייטונג און ראָלע פון דער סאָצ׳ אָרגאַניזאַציע — 135
״ 2 די יוגנטלעכע און די אָרגאַניזאַציע — 152
״ 3 די הויפּט-אויפגאַבן פון דער סאָצ׳ יוגנט-אָרג׳
א) קלאַסן-באַוווסטזיין — 159
ב) אַקטיוויטעט — 171
ג) פּראָפּאַגאַנדע, מאַסן-פּסיכאָלאָגיע — 185
ד) פירער און מאַסע — 214

III טייל: וועגן און מיטלען פון סאָציאַליסטישער דערציִונג

קאַפּ׳ 1 די דערציִונג פון דער פּערזענלעכקייט — 229
״ 2 ספּאָרט און פיזישע דערציִונג — 248
״ 3 נאַטור-געפיל, לאַגערן און וואַנדערונגען — 255
״ 4 פרייע צייט, קלובן, זעלבסטבילדונג-קרייזן — 272
״ 5 פּאָליטישע דערציִונג — 280